This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

DOS 17/19
Крейнер

סאָוועטיש

11

1968

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרייַבער־פאַרבאַנד פון פססר

אכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע

נאָיאַבער

11

1968

אינהאלט

זײַט

אף די שפּורן פון געשעענעם. אווראָם ראבינאָוויטש. א מאטאָנע לעניגנען. הירש פּלאסקאָוו. קאָמיסארן. מאניע בילִיטש. קינדער מײַנע, אויב איר וועט בלײַבן לעבן... שלוימע ראבינאָוויטש. א רײַזע מיט ייִדן פון אויסלאנד 3

ארן ווערגעליס. לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים 15

צו דער פּובליקאציע פון ד. בערגעלסאָנס פּיעסע „כ׳וועל לעבן!“ 23

דאָוויד בערגעלסאָן. כ׳וועל לעבן! (דראמע אין 3 אקטן). צייכענונגען פון ב. וואליט 25

אי. ס. טורגעניעוו. ביריוק (דערציילונג). ייִדיש — ב. סלוצקי 58

מאָטל שטורמאן. פון זינגענדיקן שטראָם (לידער . . 64

גאָלדע מיכעלסאָן. עס בויט זיך א מעטראָ. — מײַן שײַטער און אנד. לידער 67

ארן בייגעלמאן. דער גאָלדענער לײַכטער (דערציילונג). צייכענונגען פון וו. זובאָוו 69

כאָנע ווײַנערמאן. צום הויכן ברעג 99

יאנקל יאקיר. טאטע־מאמעס ניגן (דערציילונג . . 101

שירע גאָרשמאן. וואָלעכישע בילדער (דערציילונגען) 106

בעסאָ זשגענטי. זײַן דיכטונג געהערט דעם פאָלק . . 112

ניקאָלאָז באראטאשווילי. דער טשינאר. — דאָס קינד (לידער 116

אווראָם גאָנטאר. די בערדיטשעווער (פארצייכענונג . . 117

אין קעשענעוו, מיט אונדזערע לייענער 129

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

מאָטל סאקציִער. צום יוביל פון א דערציילער . . . 136

אונדזערע מיטיילונגען. ז. קאהאן. א דיסערטאציע וועגן אלכאריזיס מאנוסקריפּטן 139

הילעל אלעקסאנדראָוו. יאָרן פון שווײַגן — יאָרן פון זעלבסטבאשטימונג 140

מוישע מײַדאנסקי. צו ווײַטערדיקער פארפאָלקומונג 147

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 152

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאטשיק. „אגרת בעלי חיים“ 154

פארשיידנס 156

אונדזער פּאָטאָ־אינפאָרמאציע 158

כראָניק 14, 146, 155

נאָטיצן אפן קאלענדאר 159

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פּאראנטוו. סעקרעטאר),

ב. מילער, י. פאליקמאן,

ס. פרײַ, י. ראבין, ר. רובין.

א מאַטאָנע לענינען

ניט לאַנג צוריק האָב איך באַזוכט דעם מאָסקווער לענין־מוזיי. אין „זאַל פון מאַטאָנעס" האָב איך צווישן אַנדערע עקספּאָנאַטן דערזען א פּאָרצעלײַענעם טיי־סערוויז — א טיי־טע־פּעלע, א שעלכל און א צוקער־פּושקע. יאָ, דער סערוויז איז מיר באַקאַנט! ווו האָב איך אים געזען? און אָט איז דער דאָקומענט, וואָס איז בײַגעלייגט צום סערוויז. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז א מאַטאָנע, וואָס די אַרבעטער פונעם פּאָרצעלײַ־זאַוואָד אינעם שטעטל באַראַנאָווקע (זשיטאָמירער געגנט) האָבן אַמאָל אונטערגעטראָגן וולאַדימיר איליטשן.

פאַר מײַנע אויגן טראָגן זיך דורך די געשעענישן, וועלכע זײַנען פּאָרגעקומען מיט 46 יאָר צוריק, ווען איך האָב אין פּאָרצעלײַ־זאַוואָד געאַרבעט אַלס פּאָרמאָווטשיק. דער זאַוואָד איז נאָרוואָס אופגעשטעלט געוואָרן נאָך דעם בירגערקריג. אין פינפטן יאָרטאָג פון דער סאָוועטנמאַכט, באַגײַסטערט מיט דער פריידיקער ידיעה, אַז לענין איז געוואָרן געזונט, האָט דער קאָלעקטיוו פון דער אונטערנעמונג באַשלאָסן אויסאַרבעטן א ספּעציעלן טיי־סערוויז און אונטערטראָגן אים וולאַדימיר איליטשן.

אין דעקאַבער 1922 האָט אַן אַרבעטער־דעלעגאַציע בעראָש מיטן מעכאַניקער אַלעקסיי בראָדסקי אָפּגעפירט די מאַטאָנע קיין מאָסקווע און אָפּגעגעבן זי פּערזענלעך לענינען.

איך ווענד זיך צום מיטאַרבעטער פון מוזיי א. מאַקסימאָוו און בעט אים העלפן מיר אופשטעלן די פּראָטים פון אָט דער געשעעניש. ער אײַלט מיר זיך באַגעגענען מיטן אַלטן באַלשעוויק וואַסילי דאָבראָוואָלסקי, וואָס האָט פיל מאָל געזען און געהערט לענינען און איז פּערזענלעך בײַגעווען בײַם איבערגעבן דעם טיי־סערוויז.

וו. דאָבראָוואָלסקי איז שוין אַלט 79 יאָר. ער איז אָבער מונטער און לעבנסלוסטיק. אין 1922 איז ער געווען פאָרזיצער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם פּראָפּפאַריין פון די כימיקער. די דעלעגאַציע פונעם פּאָרצעלײַ־זאַוואָד איז, קומענדיק קיין מאָסקווע, טאַקע אַוועק גלײַך אין צק פון זייער פּראָפּפאַריין. וו. דאָבראָוואָלסקי האָט טעלעפאָנירט צו לענינס סעקרעטאַר לידיאַ פאָטיעוואַ און געבעטן מיטיילן לענינען וועגן דער דעלעגאַציע. אַף מאָרגן האָט לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ צו וויסן געגעבן דאָבראָוואָלסקין דורכן טעלעפאָן, אַז לענין לאַדט אים אײַן צו זיך צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע.

— אַז מיר זײַנען אַרײַן צו לענינען אין קאַבינעט, — דערציילט וו. דאָבראָוואָלסקי, — האָט וולאַדימיר איליטש זיך אופגעהויבן פון זײַן שטול. ער האָט יעדן איינעם פון אונדז פעסט געדריקט די האַנט און אײַנגעלאַדן צום טיש. א. בראָדסקי האָט דערלאַנגט לענינען דעם סערוויז און געזאָגט:

— דער קאָלעקטיוו פון באַראַנאָווקער פּאָרצעלײַ־זאַוואָד האָט מיך באַופטראָגט אונטערטראָגן אײַך די מאַטאָנע און בעטן, איר זאָלט געבן די האַסקאָמע אָנצורופן אונדזער אונטערנעמונג „באַראַנאָווקער פּאָרצעלײַ־זאַוואָד אפן נאָמען פון וו. אי. לענין".

וולאַדימיר איליטש האָט אַרײַנגערופן די סעקרעטאַרשע ל. פאָטיעוואַ און פאַראָרדנט, מע זאָל דעם סערוויז איבערגעבן איינעם פון די מאָסקווער קינדער־הײַזער. דערנאָך האָט ער פאַרפירט א שמועס מיט דער דעלעגאַציע, געבעטן דערציילן, וויאַזוי עס אַרבעט דער זאַוואָד, אין וואָס עס נייטיקן זיך די אַרבעטער. דער שמועס האָט געדויערט בערעך א שאָ צײַט.

שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער די פרייד פון קינד־און־קייט אין באַראַנאָווקע, ווען עס איז געוואָרן באַוווּסט דער באַשלוס פונעם אַלפאַרבאַנדישן פּראָפּפאַריינען־ראַט און פונעם העכסטן ראַט פון דער פאָלקסווירטשאַפט פון פּסר וועגן אָנרופן אונדזער זאַוואָד אַף לענינס נאָמען.

...נאָך דעם שמועס מיטן כאַווער וו. דאָבראָ־וואָלסקי האָב איך באַשלאָסן צופאָרן קיין באַראַנאָווקע, ווו עס זײַנען פאַרלאָפן מײַנע יונגע יאָרן. ווען איך בין אַהין געקומען, האָט מיר גלײַך פון אָנהייב אָן אָפּגעגליקט: אָפּן זאַוואָד־פּלאַץ האָב איך דערזען פיר עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן געפירט א לעבהאַפטיקן שמועס. אַ, באַקאַנטע פּנימער: מוישע האַניק — אַן אַרבעטער א מאָלער, האָפּין — א פּאַרמאָווושטשיק (געווען א שטיק צײַט פאַרזיצער פון זאַוואָדישן פּראָפאַריין־קאָמיטעט), באָץ — אויך א פּאַרמאָווושטשיק, צימאַשינסקי — א סאָרטיראָווושטשיק, שפּעטער שעף פון א צעך. זיי אַלע זײַנען איצט פּענסיאָנערן. זיי באַקאַנען מיך מיטן דירעקטאָר כאַמענקאָ, און מיר אַלע צוזאַמען גייען זיך דורך איבער די צעכן.

ווי אויסגעוואַקסן עס איז דער זאַוואָד, ווי געענדערט ער האָט זיך! וויפל לופט און שײַן דאָ איז פאַראַן — אין מײַן צײַט האָט מען וועגן דעם אַפילע ניט געקאָנט טרוימען. פאַראַן צווישן די אַרבעטער א סאַך באַרימטע מענטשן, באַלוינטע מיט לענין־אָרדענס.

די כאַווירים לאַדן מיך אײַן אין זאַוואָד־מוזיי. צווישן די עקספּאָנאַטן זע איך א פּינקטלעכע קאָפּיע פונעם טיי־סערוויז, וואָס געפינט זיך אין מאָסקווער לענין־מוזיי.

אווראָם ראבינאָוויטש

קאָמיסאַרן

צווישן די קאָמאַנדירן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָבן א גרויסן כיילעק אין די וועלט־היסטאָרישע ניצחונות פון אונדזער פאָלק אין בירגערקריג און אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, פאַרנעמען א בעקאָוועדיק אָרט די קאָמיסאַרן. ווען מע טראַכט וועגן דעם, וועלכע באַזונדערע רעכט עס האָבן געהאַט די קאָמיסאַרן, קומט מען שטענדיק צום געדאַנק, אַז מער פון אַלעמען האָבן זיי געהאַט רעכט צו אָפּגעבן דאָס לעבן פאַרן הײמלאַנד. זיי זײַנען געווען די הערשער פון די סאָלדאַטישע מויכעס. די קאָמיסאַרן האָבן באַוויזן א בײַשפּיל פון פּערזענלעכער שרעקלאָזיקײַט, און אין דעם איז באַהאַלטן דער סאָד פון זייער ווירקונג אויף די שלאַכטלײַט.

וועגן אייניקע קאָמיסאַרן, וועלכע איך האָב באַגעגנט בײַס מײַן פיר־און־פערציקיאָריקער דינסט אין דער אַרמיי, וויל איך דאָ אײַנקורצן דערציילן.

דער קאָמיסאַר פונעם 36־טן אַרטילערישן פּאָלק פון דער 53־טער דיוויזיע פיאָדאָר באַיקאָ איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך דרייסטער מענטש. אין סאַמע אָנהייב פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז אונדז אויסגעקומען אָפט אָפּצוטרעטן. דײַטשישע אַעראָפּלאַנען זײַנען געפלויגן נידעריק איבערן שלאַכטפעלד. אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז שוין געווען אָקופּירט דורכן סוינע, זײַנען, געדענק איך, פאַרבליבן שווער־פאַרווונדעטע סאָוועטישע שלאַכטלײַט. זיי זײַנען געווען אומבאַהאָלפן, און מע האָט זיי געמוזט טייקעף ראַטעווען. פ. באַיקאָ, צוזאַמען מיט א גרופּע מעדיצינישע טוער, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען דער קאָמיסאַר פונעם 45־טן מעדסאַנבאַט דאַוויד באַריסאָוויטש ראָזענבערג און דער כירורג אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש קאָזלאָווסקי, איז אַוועקגעפאָרן אויף א סאַניטאַר־מאַשין אין סוינעס הינטערלאַנד. דורך אומבאַקאַנטע וואַלד־סטעזשקעס איז די גרופּע אָנגעקומען אויף דעם פריערדיקן שלאַכטפעלד. דאָרט האָט מען די פאַרווונדעטע געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף, און דער סוינע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי מע האָט זיי שוין אַריבערגעפירט אויף אונדזער זײַט.

ווי געזאָגט, איז אין דער גרופּע געווען דער קאָמיסאַר ד. ראָזענבערג. פון דער מילכאָמע האָט ער זיך אומגעקערט אַן אינוואַליד. ער וווינט איצט אין נאַלטשיק. דער מאַיאָר ראָזענבערג האָט אויסערלעך זיך מיט קיין שום זאַך ניט אויסגעטיילט: א נידעריטשקער, א דאַרער, א שווײַגער. שטענדיק א רויִקער און באַדאַכטער. איידער ער נעמט זיך עפּעס טאָן, האָט ער ליב איבערצוטראַכטן, און דאָס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער איז פון דער נאַטור א פלעגמאַטישער מענטש. עס האָט אָבער געלוינט א קוק צו טאָן אויף אָט דעם „פלעגמאַטישן מענטשן" אין מאָמענט פון א שלאַכט. עס האָגלט מיט קוילן, און ער, ראָזענבערג, באַווײַזט זיך, ווען ס'איז נייטיק, אָפּן שלאַכטפעלד גאָר נאָענט פון די דײַטשן. באַנאַנד מיט אים גייען פעלדשערס און סאַניטאַרן, באַלאָדענע מיט טראָגבעטלעך און מעדיקאַמענטן. ראָזענבערג פירט זיך דאָ, ווי אין א שפּיטאָל־פּאַלאַטע. ער גיט אַכטונג, אַז קיין איין פאַרווונדעטער זאָל ניט בלײַבן אָן הילף. שנעל און צו דער צײַט גיט ער אָפּ זײַנע פאַראָרדענונגען. די מענטשן אָפּן שלאַכטפעלד פאַרשטייען אים אָפּן ווונק, גלייבן אים, זוכן אים, וואַרטן אויף זײַן וואָרט, אויף זײַן באַפעל. ער טוט עס אָן נערוועזקײַט. די מענטשן פאָלגן אים גערן. עס איז גענוג זײַנס א וואָרט, מע זאָל גיין אין פײַער

אריַין, ניט אָפּשטעלן זיך פאר קיין געפאר. הונדערטער סאָלדאטן און אָפיצערן האָבן אים צו פארדאנקען פאר זייער לעבן.

ניט איין מאָל האָב איך געזען, ווי שווער־פארוואונדעטע, וואָס האָבן ניט געקאָנט ריידן, האָבן אויסגעדריקט דעם „מעדיצין־קאָמיסאר" זייער דאנק מיט די אויגן, מיט א שמייכל, מיט א שאָקל מיטן קאָפּ. וויפל מענטשלעכע ווארעמקיַיט האָט געשטראָמט פון די סאָלדאטישע אויגן! די פארוואונדעטע פלעגן שטענדיק בעטן: „שיקט מיך צום קאָמיסאר ראָזענבערג".

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום קאָמיסאר פּיאָדאָר באַיקאָ. דעם 24 יולי 1941 איז אונדזער דיוויזיע, וועלכע איז געשטאנען צאָפן־מיַירעוו־צו פון דער שטאָט טשאוסי, אריַינגעפאלן אין ארומרינגלונג. סאכאקל צוויי קילאָמעטער האָבן אונדז אָפּגעטיילט פון די הויפּט־קרעפטן פון אונדזער ארמיי. דער קאָמיסאר באַיקאָ האָט זיך אופגעשטעלט און מיטן אויסגעשריי „פארן היימלאנד!" אוועקגעפירט דעם פּאָלק אין אטאקע. דאָס איז געווען אן אויסערסט דרייסטע אָפּעראציע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט ניט ווייניק קאָרבאָנעס, אָבער דעם סוינעס רונג איז דורכגעריסן געוואָרן.

אף מאָרגן האָט דער קאָמיסאר באַיקאָ אין א קעלער פון א כאָרעוון הויז ארויסגעגעבן פּארטיי־בילעטן די שלאכטליַיט, וועלכע זיַינען אין די קורצע איבערריַיסן בעשאס דער אטאקע אריַינגעטראָטן אין פּארטיי. נאָך דער פארזאמלונג האָט ער מיט א שמייכל געפרעגט בא מיר: „ווי געפעלט איַיך דער נײַער קאבינעט פון דער פּארטיי־ביוראָ פונעם פּאָלק?".

דער דיוויזיאָן־קאָמיסאר איסיַי מארקאָוויטש פּאָלינסקי. א וווקסיקער מענטש, מיט גרויסע קלוגע אויגן און שטענדיק מיט א ווארעמען שמייכל אף די ליפּן. ערעוו דער מילכאָמע, ווען איך בין געווען קאָמאנדיר פונעם 30־טן ארטילעריע־פּאָלק, האָט פּאָלינסקי געדינט אלס פּאָליטרוק אין איינער פון די פּאָלק־באטארייען. באלד אין די ערשטע מילכאָמע־טעג פלעגט ער נאָך די אויסמאטערנדיקע שלאכטן גאנצע נעכט קיין אויג ניט צומאכן, האווענדיק ארום די צעשעדיקטע הארמאטן און היטנדיק דעם שלאָף פון די ארטילעריסטן. דער שמייכל אף זיַין פּאָנעם איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן. אף אים איז געלעגן אויך די זאָרג וועגן פארבײַטן די אומגעקומענע אָדער פארוואונדעטע קאָמאנדירן. טאָג און נאכט האָט ער זיך געפונען אף די פּאָדערשטע פּאָזיציעס.

אין דער נאכט ערעוו דעם 1 אווגוסט 1941 האָט פּאָלינסקיס דיוויזיאָן באשיצט דעם מיַירעוו־ברעג פונעם טיַיך דניעפּער. די אטאקעס פון די דיַיטשן זיַינען געווען פארביטערטע. עס איז געפאלן דער באטאריי־קאָמאנדיר, דער עלטערער ליַיטענאנט קראווטשענקאָ, וועמען איך האָב אָקאָרשט, מיט עטלעכע שאָ צוריק, איבערגעגעבן אין נאָמען פון פּרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון פּססר אן אָרדען פון דער רויטער פאָן. א קויל האָט אומגעוואלגערט דעם באטאליאָן־קאָמאנדיר גוסאק. פּאָלינסקי האָט פּאָרזיכטיק א קער געטאָן גוסאקס קערפּער מיטן פּאָנעם צו מיַירעוו און פול מיט ווייטעק געזאָגט צו די שלאכטליַיט:

— דעם קאָמבאט וועט באקוועמער זיַין צו ליגן אזוי. פאלן פון א קויל מיטן פּאָנעם צו מיַירעוו איז לײַכטער, איידער פאלן מיטן פּאָנעם צו מיזרעך, ווען די קויל טרעפט אין רוקן.

די סאָלדאטן פלעגן באם גיין אין אטאקע אָפּט איבערכאזערן אָט די ווערטער פונעם קאָמיסאר, זאָגנדיק: „פון א קויל אין הארצן איז ניט אזוי שווער צו שטארבן, ווי פון א קויל אין דער פּלייצע".

אין איינער א שלאכט איז דער פּאָליטרוק פּאָלינסקי שווער פארוואונדעט געוואָרן. ער האָט אָבער דאָס שלאכטפעלד ניט פארלאָזט. פּאָלינסקי איז געפאלן מיט א העלדנטויט באם דורכריַיסן די ארומרינגלונג.

דמיטרי סטארליטשאנאָוו איז געווען באטאליאָן־קאָמיסאר אין אונדזער דיוויזיע. ער פלעגט דערציילן, אז ביז קומען אין דער ארמיי האָט ער קיינמאָל אין לעבן ניט געשאָסן ניט פון א ביקס, ניט פון א רעוואָלווער. אז ער איז אן אויסגעשפּראָכן ציווילער מענטש, האָט מען געזען לויט דעם, ווי די קאָבורע פון זיַין רעוואָלווער האָט זיך פארוקט אהין, ווו זי דארף ניט זיַין, און דאָס כאקי־העמדל זיַינס איז געווען פול מיט קנייטשן און פארשפּיליעט ניט אפן מיליטערישן אויפן.

עס איז לײַכט פּאָרצושטעלן זיך, ווי גרויס עס איז געווען מיַין נײַגעריקײַט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען סטארליטשאנאָוון אין שלאכט. געשטאנען איז ער אין זיַין גאנצן וווקס, אָנגעשטרענגט, נאָר רויק. פארזשמורעט איין אויג, האָט ער פינקטלעך, ווי אן עמעסער סנייַפּער, געשאָסן אין די אָנגרײַפנדיקע היטלעריסטן. הײַנט גיי דערקען א קאָמיסאר פון ערשטן קוק!

עס איז פאראן, ווי באוווסט, אזא סאָרט מענטשן, וועמען עס איז פרעמד דאָס געפיל פון שרעק פארן טויט. צו אזעלכע מענטשן האָט געהערט סטארליטשאנאָוו. שטענדיק האָט מען אים געזען צוזאמען מיט די סאָלדאטן אין די געפערלעכסטע ערטער. ווען די לאגע איז געווען א באזונדערס שווערע, פלעגט דמיטרי אלעקסאנדראָוויטש רויק, ווי קיין זאך וואָלט

ניט געשען, כאָכמענען זיך, שפאסן. אף די פליִענדיקע קוילן פלעגט ער זיך ניט אומקוקן.

דמיטרי אלעקסאנדראָוויטש איז פיל יאָרן געווען א לערער. ערעוו דער מילכאָמע האָט מען אים אויסגעוויילט אלס סעקרעטאר פון א ראיקאָם פון דער פארטיי אין דער שטאָט סאראטאָוו.

אין איינעם א טאָג, אין יול 1941, ווען סטארליטשאנאָוו האָט צום וויפלטן מאָל זיך ארויסגעריסן פון ארומרינגלונג, האָט ער פלוצעם דערזען, ווי „אף זײַן קאָפ", אויסדריקנדיק זיך מיט דער פראָנט־טערמינאָלאָגיע, לאָזן זיך אראָפ דײַטשישע פאראשוטיסטן. אוועקלאָזנדיק זיך אהין, ווו עס האָט זיך געפונען די דיוויזיע, איז ער ארײַנגעפאלן אינעם ראיאָן פון דעם דײַטשישן דעסאנט און איז אומגעקומען.

דער קאָמיסאר יורי ראָסינסקי איז געווען מײַן פערזענלעכער פרײַנט און דער ליבלינג פון די שלאכטלײַט. דעם 6 אָקטיאבער 1941 איז אונדזער דיוויזיע ארומגערינגלט געוואָרן דורך די פאשיסטן באם טײַך דעסנא. סאכאקל א 300 מעטער פון אונדזערע פאָזיציעס האָבן מיר דערזען פון אלע זײַטן דײַטשישע טיילן. די היטלעריסטן האָבן געהאָלדערט: „רוס, קאפוט!" איך, דער קאָמאנדיר פון דער דיוויזיע־ארטילעריע, האָב זיך ווי געפונען אין אוילעם־האטויהו, עס האָט מיך באדעקט א קאלטער שווייס. אין געדאנק האָט זיך דורכגעטראָגן מײַן גאנץ לעבן, דאָס געזינד, די פרוי.

ווי שטארק עס איז דער דאָרשט צום לעבן! אין קאָפ האָט געקלאפט ווי מיט האמערס: הייסט עס, אז איך לעב נאָך, יאָ! איך עפן די אויגן און דערזע, ווי הונדערטער סאָלדאטן ווארטן אף עפעס. די דאָזיקע סיטואציע האָט געדויערט ניט מער ווי געציילטע רעגעס. אײַנעטעמענדיק א פולע ברוסט מיט לופט, האָב איך הויך אויסגעשריִען: „פײַער!" עס האָט זיך צעדונערט ארום א האלבע מייע הארמאטן. די שיסערײַ איז געווען אזא אינטענסיווע, אז עס האָט זיך געשאפן א בילד פון א וועלט־איבערקערעניש. אפילע מיר, די פראָנט־לײַט, האָבן אזא שטארקע שיסערײַ געהערט זעלטן. די ארטילעריסטן האָבן ניט באוויזן אראָפנעמען די קאָלפעקעס פון די סנאריאדן פארן ארײַנשטעלן זיי אין דער הארמאטן־רער. די דײַטשן זײַנען געפאלן ווי די פליגן, פיל פון זיי זײַנען צעפליקט געוואָרן אף שטיקער. א סאך היטלעריסטן האָבן זיך געלאָזט לויפן, נאָר א טייל פון זיי האָט זיך צוגעטוליעט צו דער ערד און געענטפערט מיט פײַער. פלוצעם קומט צו לויפן יורי ראָסינסקי און שרײַט אויס: „כאווער פאָלקאָווניק! פאראן א דורכגאנג! עס איז דורכגעבראָכן א דורכגאנג!" ער ווארפט זיך מיר אפן האלדז, און... עפעס האָט א זשימזשע געטאָן, עס האָט זיך דערהערט א וויכער קלאפ, ווי א קײלע וואָלט געפלאצט. דאָס האָט געפלאצט יוריס שארבן... א שטראָם הייס קלעפיק בלוט האָט פארגאָסן מײַן פאָנעם, מײַן האלדז, די גימנאסטיאָרקע. א שטילער קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסן פון די שוין טויטע ליפן באם שטענדיק לעבעדיקן, פריילעכן, שיינעם יורי ראָסינסקי. מיר האָט זיך געדוכט, אז זײַנע הייסע הענט ווילן זיך ניט שיידן מיט מיר, נאָר אין א רעגע ארום זײַנען זיי שוין געהאנגען אומבאוועגלעך און דער טויטער קערפער האָט זיך, ווי שארנדיק, אראָפגעלאָזט אף דער ערד. ביז הײַנט קלינגען אין מײַנע אויערן זײַנע לעצטע ווערטער: „פאראן א דורכגאנג! עס איז דורכגעבראָכן א דורכגאנג!"

דורך אָט דעם דורכגאנג האָט זיך אונדזער דיוויזיע ארויסגעריסן פון דער ארומרינגלונג, דורך אָט דעם דורכגאנג האָבן מיר אף א סאָלדאטישער פאלאטקע ארויסגעטראָגן דעם קערפער פונעם קאָמיסאר ראָסינסקי.

אין די יאָרן פון בירגערקריג האָט אין דער ארמיי עקזיסטירט אזא „ראנג", וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „פאָליטבאָיעץ" (פאָליטישער שלאכטמאן). פאר א פאָליטבאָיעץ פלעגט מען באשטימען א געוויינלעכן רויטארמייער, נאָר אן אנטוויקלטן, א מער קולטורעלן, א גראמאָטנעם. זײַן אופגאבע — לייענען פאר די שלאכטלײַט צײַטונגען, פירן מיט זיי שמועסן, דערקלערן זיי די לויפנדיקע פאָליטיק אאוו. אין דער 11־טער בריגאדע פון דער 41־טער דיוויזיע, אין דער בריגאדע פונעם פאָלקס־העלד סאבלין, איז אזא פאָליטבאָיעץ געווען הערמאן קיקינזאָן. ער האָט שפעטער זיך געשלאָגן אויך אף די פראָנטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, שוין אלס קאָמבריג. ער איז געווען א וויסנשאפט־מאן. נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך מיט אים געטראָפן און מיט ווייטעק זיך דערוווּסט, אז פון א קאָנטוזיע זײַנען בא אים פאראליזירטביידע פיס. 40 יאָר האָט קיקינזאָן אָפגעגעבן דער סאָוועטישער ארטילעריע. איצט דינען אין דער ארטילעריע אלס אָפיצערן זײַנע ביידע זין.

קאָמיסאר פון סאבלינס בריגאדע איז געווען וולאדימיר שקודינאָוו. א דיקלעכער, א שווערלײַביקער, פלעגט ער זיך קוים רירן פון אָרט. אף פארזאמלונגען איז ער קימאט קיינמאָל ניט ארויסגעטראָטן. און ווען ער האָט שוין יאָ גענומען א וואָרט, האָט ער גערעדט לאנגזאם, צעצויגן. ער האָט אָבער געקענט גוט הערן, וואָס יענער רעדט, און פאר אָט דער אייגנשאפט האָבן מענטשן אים געטרויט און ליב געהאט. מיט אים פלעגט מען גערן טיילן זיך וועגן

אייגענעם לעבן, וועגן דעם לעבן פון פרײַנט און נאָענטע.

שווער געווען דערקענען אָט דעם פלעגמאטישן שקודינאָוו אין שלאכט. ווו פלעגט אהינקומען זײַן לאנגזאמקײַט, די אומבאוועגלעכקײַט, ניט־רירעוודיקײַט! אָט זיצט ער אף א הויכן שווארצן אָגער, שנײַדט זיך ארײַן מיט אן אנטבלויזטער שווערד אין דער געדיכטעניש פון דער קאוואלעריע פון די ווײַסגווארדייער און בראָקט מיט דער שווערד אף רעכטס און אף לינקס. מיט יעדן קלאפ ווערט ווייניקער מיט א סוינע. קוקנדיק פון דער זײַט, דוכט זיך, אז ניט ער האקט קעפ, נאָר ער איז פארטאָן אין עפעס זייער א וויכטיקער ארבעט. שקודינאָוו האָט זייער לײַכט אָפערירט מיט דער שווערד, צום רעוואָלווער פלעגט ער זיך קימאט ניט צורירן. פונעם סוינעס קלעפ פלעגט ער זיך ארויסדרייען פלינק און קונציק.

די שלאכט האָט זיך פארענדיקט. שקודינאָוו קײַקלט זיך געלאסן אראָפ פונעם פערד, גלעט זײַן גלאנציקע פעל, לייגט ארײַן דעם פערד אין מויל א שטיקל צוקער און לאָזט זיך ווידער גיין מיט זײַן לאנגזאמען טראָט. צומאָל פלעגט ער זאָגן מיט א שמייכל: „איך בין א שמיד. פאָכען מיטן האמער איז שווערער, איידער מיט דער שווערד“.

ווען מע פרעגט בא מיר, וועמען פון די קאָמיסארן האלט איך אלס כאראקטעריסטישן טיפ פון א פאָליטישן טוער פון דער רויטער ארמיי אין די יאָרן פון בירגערקריג, וואָלט איך אָן שום וואקלעניש אָנגערופן דעם דיוויזיאָןקאָמיסאר הערש סטעלמאך. ער שטאמט פון ניקאָלײַעוו. אין פעווראל 1918, ווען ער איז אלט געווען אכצן יאָר, האָט ער זיך דערוווּסט פון דעם דעקרעט, אז עס ווערט געשאפן די רויטע ארמיי, און זיך געמאָלדן אלס פרײַוויליקער. אליין אן ארבעטער, א זון, אן אייניקל און אורייניקל פון ארבעטער, האָט ער, שוין זײַענדיק א קאָמיסאר, מיט קיין זאך זיך ניט אויסגעטיילט פון אלע רויטארמייער. געגעסן (ריכטיקער, געהונגערט) צוגלײַך מיט אלעמען, דערפאר אָבער געזאָרגט זיך, אז די רויטארמייער זאָלן יאָ האָבן וואָס צו עסן, זיי זאָלן גיין ריין אָנגעטאָן און פירן זיך ווי עס פאסט פאר סאָוועטישע שלאכטלײַט.

אין יענע יאָרן האָט די רויטע ארמיי קיין אייגענע קוואליפיצירטע קאדרען קימאט ניט געהאט. דעריבער האָבן די קאָמיסארן, אויסער זייערע אומיטלבארע אויפגאבן, געמוזט אויך באזיצן די קונסט פון אריבערציִען אף אונדזער זײַט דעם נייטראלן טייל פון די אָפיצערן פון דער צארישער ארמיי. סטעלמאך האָט די דאָזיקע קונסט באהערשט מײַסטערהאפט.

געווען אין דער צארישער ארמיי א פאָדפאָלקאָווניק אי. פ. מארקאָוו. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ער באגעגנט לאָיאל. קיין גרויסער פרײַנט פון דער רויטער ארמיי איז ער, פארשטייט זיך, ניט געווען, נאָר קיין אָפענע סינע צו איר האָט מען פון אים אויך ניט געזען. געוואָרן קאָמאנדיר פון א רויטארמייִשן דיוויזיאָן, האָט ער זײַן ארבעט געטאָן בישליימעס, לויט די פאָרשריפטן פונעם סטאטוט, נאָר זײַן גײַווע אלס אדלמאן האָט ניט געוווּסט פון קיין גרענעץ. מיט די רויטארמייער האָט ער קיין שום מאגע־מאסע ניט געהאט. אין סטעלמאכן אָבער האָט ער דערפילט א פייִקן אָרגאניזאטאָר און האָט זיך מיט אים באפרײַנדעט, כאָטש ער האָט געוווּסט, אז סטעלמאך איז א פאָשעטער ארבעטער, א פראָלעטאריער.

אין דער צווייטער באטאריי איז געווען קאָמאנדיר דער אלטער אָפיצער טימאָפיי פאוולאָוויטש אמאָסאָוו, אויך פון אים האָט געשפארט מיט אריסטאָקראטישער גײַווע. מיט קיינעם פלעגט ער קיין וואָרט ניט ארויסריידן. אפילע אף די מיליטערישע בעראטונגען פלעגט ער זיצן אָפגעזונדערט אין א ווינקל און אָן אופהער צייכענען עפעס אין זײַן בלאָקנאָט, ווי זאָגנדיק: „איך בין א בלאגאָראָדני, און איר זײַט דער האמוין“. בלויז איין מאָל איז ער אופגעשטאנען פון זײַן אָרט און געזאָגט:

— כאווער קאָמבריג! ווו איז די אינסטרוקציע וועגן די אופגאבן און פונקציעס פונעם פאָליטישן קאָמיסאר פון דער באטאריי? ווער וועמען איז אונטערגעאָרדנט — איך אים, צי ער מיר?

פאר די קורסאנטן און רויטארמייער איז אמאָסאָוו געווען א מענטש פון גאָר אן אנדער וועלט. און דאָס איז געווען ווירקלעך אזוי. אמאָסאָוו האָט געשטאמט פון אן אדעליק־פרייִשער מישפאָכע, אין דער צארישער ארמיי איז ער געווען א פאָדפאָרוטשיק. א שלאנקער, שטענדיק אן אויסגעפוצטער, מיט א מאָנאָקל אין אויג, אין ווײַסע הענטשקעס, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט אראָפגענומען פון זײַנע אויסגעיידלטע הענט, האָט ער אין קיין פאל ניט געקאָנט צוגעוווינען זיך צו דער נײַער אָרדענונג, צו דער מאכט פון פראָסטע האָרעפּאשניקעס מיט פארגרעבטע הענט. און מיר האָבן ניט געקאָנט פארלײַדן ניט זײַן גײַווע, ניט זײַן איבערגעטריבענע שטרענגקײַט אלס קאָמאנדיר.

ווי געזאָגט, איז הערש סטעלמאך געווען א קישעפמאכער אין דעם איניען פון צוציִען צו זיך מענטשן. אויך אמאָסאָוו איז געוואָרן מיט אים נאָענט און אפילע אָנגעטרויט אים זײַנע אינטימע איבערלעבונגען.

און טאקע פונעם קאָמיסאר סטעלמאך האָבן

מיר זיך דערוווּסט וועגן אַמאַסאָווס טראַגעדיע. זײַן געזינד און זײַנע קרוֹויִים האָבן זיך אַלע ביז איינעם געפונען אינעם לאַגער פון די ווײַסע, בײַ די דראָזדאָוּוצעס. שוין צוויי יאָר, ווי ער קאַרגט ניט קיין קויכעס אַף אַריבערנעמען צו זיך זײַן פרוי און זון, נאָר אומזיסט: אַלס ענטפער אַף זײַנע פאָרשלאָגן הערט ער פון זיי בלויז באַליידיקונגען און פאָרוווּרפן. זײַן זון, אַ פראַפאָרשטשיק, רופט אים „סוינע פון רוסלאַנד, פאַררעטער״.

אין איינעם אַ טאָג איז אַמאַסאָוו פאַרפאַלן געוואָרן. סטעלמאַך האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך.

— וועסט מוזן צײַטווײַליק ווערן קאָמאַנדיר פון דער באַטאַריי, — האָט ער מיר געזאָגט.

— אויב מע מוז, בין איך גרייט, — כאָווער קאָמיסאַר.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט אַמאַסאָוו ווידער זיך באַוויזן אַף דער באַטאַריי. זײַן פּאָנעם איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. סטעלמאַך האָט אויך דאָס מאָל געוווּסט אַלע איינצלהײַטן פון דעם, וואָס מיט אַמאַסאָוון האָט פּאַסירט, און ער האָט אונדז דערציילט:

די קאָמאַנדשאַפט האָט דערלויבט אַמאַסאָוון אַוועקגיין צו זײַן פרוי און זון. ער, דער אַדלמאַן, האָט זיך ווידער דערזען אינעם קרײַז פון זײַן קלאַס, פון זײַנע פרײַנט און אייגענע. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט דאָ געפינען פרייד, נאָר ער האָט זיך ביטער אַנטוישט. פאַר זײַנע אויגן האָט זיך צעעפנט אַ בילד פון שיקרעס, אויסגעלאַסנקײַט, העפקיירעס... אָט צו וואָס עס איז דערגאַנגען די מאָראַלישע דעגראַדאַציע פונעם אַפּיצערנטום!

דאָ, אינעם וראַנגעל־לאַגער, האָט דער טאַטע זיך געטראָפן מיטן זון. דער שיקערער פּראַפּאָרשטשיק האָט זיך גענומען באַרימען מיט זײַן דינסט אין דער קאָנטער־אויסשפּירונג, אָנגעמאָלט פאַרן טאַטן סאַדיסטישע בילדער פון די פּײַניקונגען. מיט רעציכע האָט ער אויסגעשריִען: „דו האָסט זיך אויך פאַרקויפט צו די רויטע!״ ער האָט געוואָלט אַוועקפירן זײַן טאַטן אין דער קאָנטער־אויסשפּירונג. דערפילט, אַז זײַן זון איז אים אַ פאַרביסענער סוינע, האָט אים אַמאַסאָוו מיט די אייגענע הענט דערשאָסן.

דער קאָמיסאַר סטעלמאַך האָט געשאַפן פאַר אַמאַסאָוון אַ פרײַנטלעכע אַטמאָספער. אַמאַסאָוו גייט אין שלאַכט מיט מעסירעסנעפעש. הויך קלינגט אַפן שלאַכטפעלד זײַן קאָמאַנדע:

— איבער די פײַנט פון רוסלאַנד — פײַער!

צו אונדז האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ ווײַסגוואַרדייִשע צײַטונג, פון וועלכער מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער געוועזענער רוסישער אָפיצער, איצט באָלשעוויסטישער אַגענט אַמאַסאָוו איז דורכן מיליטערישן פעלד־געריכט צוגעמישפּעט צום הענגען. דער קאָמיסאַר האָט מיט שטאָלץ זיך געווענדט צו די רויטאַרמייער:

— אָט וואָס פאַר אַ קאָמאַנדיר מיר האָבן!

און מיר, די רויטאַרמייער, האָבן אין געדאַנק אים געענטפערט:

— אָט וואָס פאַר אַ קאָמיסאַר מיר האָבן!

אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום האָב איך געטראָפן אַמאַסאָוון אין אָדעס, ווו ער האָט געלייענט לעקציעס אַף קורסן פון אינפאַנטעריסטן. פאַר דער צײַט איז זײַן קאָפּ געוואָרן ווײַס ווי שניי. ער האָט מיך דערקענט און אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים. מיר זײַנען געזעסן אין זײַן גרויסער פּוסטער דירע, און איך האָב אים דערציילט וועגן מײַן לעבן און דינסט. אַמאַסאָוו האָט מיך ניט איבערגעריסן, נאָר איך האָב געפילט, אַז זײַנע געדאַנקען זײַנען ערגעץ ווײַט־ווײַט. פּלוצעם האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול, צוגעגאַנגען צו אַ פּאָרטרעט פון אַ גימנאַזיסט, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט, און געזאָגט:

— מײַן זון וואָלט איצט געווען אַקוראַט אין אײַער עלטער. איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט...

— אַנדערש האָב איך ניט געקאָנט. גאָט איז מײַן איידעס.

דער גענעראַל ה. סטעלמאַך איז אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע געווען שטאַב־שעף פונעם דאָרעם־מײַרעוודיקן פראָנט. ער איז געפאַלן ווי אַ העלד דעם 21 דעקאַבער 1942.

די העלדנטאַטן פון די לעגענדאַרע קאָמיסאַרן, זייערע הויכמוטיקע אופטועז, וועלן פאַרנעמען אַ גאָלדן בלעטל אין דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן פאָלק.

גוואַרדיע־גענעראַל־לייטענאַנט
הירש פּלאַסקאָוו

קינדער מײַנע, אויב איר וועט בלײַבן לעבן...

דעם בריוו, וואָס מיר ברענגען דאָ, האָט געשריבן צו אירע קינדער — דעם זון מוסיע און דער טאָכטער גאָלדע — עטלעכע שאָ פאַר איר מאַרטירער־טויט מאַניע בילִיטש, אַן אײַנוווינערן פון שטעטל ליובאַר, אַף דער אוק־

ראַינע. „קינדער מײַנע, אויב איר וועט לעבן בלײַבן...״ און עס גייט אַן אָנזאָג פון א מוטיקער מוטער צו אירע קינדער.

מאניע ביליטשס זון, מוסיע, האָט זיך נאָכן טויט פון זײַן מאמען דרייסט און אָפּפּערדיק געשלאָגן קעגן די פאשיסטישע כײַעס און איז אין מײַ 1944 העלדיש אומגעקומען אין א פארביטערטער שלאכט פארן יִשעוו ביליאווינצי הינטער טערנאָפּאָל.

גאָלדע איז א לערערן אין א קִיעווער מיטלשול. זי איז א מוטער פון צוויי קינדער. איר מאן איז א שאָפער, אויך א ליובארער טוישעוו.

ווען די אכצניאָריקע גאָלדע האָט זיך אין 1944 אומגעקערט אף די רוִינען פון איר היים, האָבן זי פרײַנטלעך באגעגנט די געוועזענע שכיינים זייערע — אוקראַינער קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן אין 1941, וויפל ס'איז נאָר מעגלעך געווען, פארגרינגערט דעם גוירל פון מאניע ביליטש און אירע אייגענע. די פרוי פון איינעם א שאָכן — קירילע טשערניש — איז אוועק מיט גאָלדען אפן גאָרטן און געפונען דאָס אָרט, וווּ עס איז געלעגן פארגראָבן אין א פלעשל מאניע ביליטשעס בריוו צו אירע קינדער.

מיר ברענגען ווײַטער דעם טעקסט פון דעם בריוו.

דאָרע כײַקינע.

16 סענטיאבער 1941 יאָר, אפן בוידעם בא טשערניש קירילע.

קינדער מײַנע, טײַערע און ליבע!

דאָס לעצטע מאָל שרײַב איך אײַך, מײַנע הארציקע! אונדזער פּײַן און אונדזערע צאָרעס האָבן גאָר קיין שיר ניט. וויפל אומגליקן האָט דער דײַטש א שאָט געטאָן אף די קעפּ פון אונדזערע מענטשן! צוויי מאָל האָט מען שוין אָפּגעקליבן די מענער: יונגע, אלטע, בלינדע — אלעמען האָט מען אוועקגעפירט און צעשאָסן. נאָר מיר אינפירן האָבן ביזן 13־טן אויסגעמיטן דעם טויט. דעם טאטן האָט מען זייער געשלאָגן, און ער איז פִיר וואָכן געלעגן, זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. נאָר דער סאָף איז נאָך שרעקלעכער. דעם 13־טן דעם כוידעש האָט מען אָפּגערייניקט דאָס שטעטל. קינדער, פרויען, מענער, יונג און אלט — מע האָט זיי אלעמען ארופגעזעצט אף מאשינעס און ערגעץ אוועקגעפירט. איניקע זאָגן, אז מע האָט זיי דערשאָסן הינטערן קינדער־שטעטל. און עפשער האָט מען זיי ערגעץ אנדערש אוועקגעפירט. פונעם גאנצן שטעטל האָבן זיך ארויסגעריסן א פופצן — צוואנציק מענטשן און זיך צעלאָפן אין אלע ריכטונגען איבער די פעלדער. די באָבע האָט מען פארנומען אף דער מאשין — אונדזער אומגליקלעכע, אָרעמע אלטיטשקע! א מין שרעקלעכן סאָף זי האָט געהאט!

מע זאָגט, אז אויסגעגעבן אונדז האָט וועליטשקאָ וואסיל, ווײַל זײַנע קינדער האָבן שוין פארנומען די דירע. אָבער באנאנד מיט אזעלכע, ווי וועליטשקאָ, זײַנען דאָ מענטשן, וועמען עס טוט זייער וויי אונדזער אומגליק. טשערניש קירילע מיט זײַן ווײַב האָבן מיך גענומען צו זיך אין שטוב, און זיי באציִען זיך צו מיר, ווי צו אן אייגענער. רעכענען זיך גאָר ניט מיט דעם, וואָס עס דראָעט זיי, אויב מע וועט מיך בא זיי געפינען. זיי סטארען זיך צו ראטעווען מיך, און טאָמער איז ווייניק, וואָס איך בין בא זיי, האָבן זיי נאָך אויסגעזוכט אף די פעלדער דעם טאטן מיטן זיידן, — מיר האָבן איינס וועגן אנדערן ניט געוווּסט, — און זיי אויך גענומען צו זיך, און איצט זײַנען מיר דאָ בא זיי אפן בוידעם אינדרײַען. צי וועלן מיר זיך ראטעווען, איז נאָך א גרויסע פראגע. נאָר, קינדער מײַנע, אויב איר וועט בלײַבן, זאָלט איר די דאָזיקע מענטשן קיינמאָל ניט פארגעסן. די גאנצע צײַט, זינט דער גרויסער אומגליק האָט אונדז געטראָפן, באציִען זיך צו אונדז אויסערגעוויינלעך גוט כימע און מאטוויי, ראָגאלסקע האָרפינע. כימע איז ווי אן אייגענע שוועסטער. איך ווייל אזעלכע מענטשן ניט קענען פארגעסן, און אויב איר וועט בלײַבן לעבן, זאָלט איר אויך געדענקען וועגן זיי.

טײַערע מײַנע, כ'האָב געהאט אגמעסנעפעש, וואָס מיר זײַנען צעשיידט, און איצט בין איך זייער צופרידן, וואָס איר זײַט דאָ ניטאָ. מוסינקע, זון מײַנער, אויב דו ביסט אין ארמיי, איז בעסער שטארבן אפן שלאכטפעלד, איידער אומקומען אזוי, ווי מע קומט דאָ אום. איך וויל זייער, זאָלסט בלײַבן לעבן, נאָר ניט דאָרט, ווו עס געוועלטיקן איצט די פאשיסטן, און זאָלסט זײַן א טאטע אונדזער טײַערער טאָכטערקע.

טאָכטערקע מײַנע, גאָלדעטשקע, זון מײַנער מוסינקע, טרייסט אונדזערע, שטאָלץ אונדזערע, ווי ווייניק מיר האָבן זיך מיט אײַך אָנגעטישעט, נאָר ווײַזט אויס, אז אזוי איז באשערט געווען.

מיר האָבן געוואָלט זיך ארויסרײַסן פונדאנען, נאָר מע האָט אלץ דעם טאטן פון דער ארבעט ניט אָפּגעלאָזט. מע האָט אים באפרײַט פון דער ארבעט דעם 5 יולי, ווען ס'איז שוין געווען אומעגלעך ארויספאָרן, און דעם 9־טן האָט אונדז שוין געטראָפן דער אומגליק.

טײַערע מײַנע קינדער, עפּעס־וואָס פון די זאכן אונדזערע איז געבליבן בא די שכיינים. פון מײַן אָנטאָן איז גאָרנישט ניט געבליבן. מע האָט עס קאָנפיסקירט צוזאמען מיט נאָך זאכן. דײַן אָנטאָן, טאָכטערקע, האָט באהאלטן בא

זיך וועליטשקאָ האפקע, דעם טאטנס אָנצוג איז בא פעטראָ כאַראָווקא. בא א סאך שכיינים האָבן מיר איבערגעלאָזט צוביסלעך פון אונדזערע זאכן פאר אײַך.

טײַערע מײַנע, איך בעט אײַך זייער ניט וויינען נאָך אונדז... מיר קומען אום פון די מערדערישע הענט. כאָטש די מישפּאָכע טשערניש לאָזט אונדז ניט אף העפקער — דאָך זעען מיר ניט קיין אויסוועג. מיר האָבן באשטימט, אז לעבעדיקערהייט וועלן אונדז די ראָצכים ניט נעמען — מיר וועלן בעסער ענדיקן מיט זעלבסטמאָרד.

איך בעט אײַך אכטן די מישפּאָכע פון קיריל טשערניש. זײַט געזונט און גליקלעך, קינדער. פירט זיך גוט, ווי סע פאסט פאר אײַך. דאָס לעצטע מאָל נעמט צו פון אײַער איבערגעגעבענעם זיידן די בעסטע ווונטשן און קושן. און די אָרעמע באָבע האָט די גאנצע צײַט נאָר גערעדט וועגן אײַך. א גוטן אײַך. לעבט, טרויערט ניט. איך נעם אײַך ארום און קוש אײַך.

אײַער אומגליקלעכע מאמע

אלע, אלע, טײַערע מײַנע! צום לעצטן מאָל — א גוטן אײַך. אויב אונדזערע קינדער וועלן לעבן — פארבײַט זיי טאטע־מאמע. אלעס בעסטע אײַך. כ'קוש אײַך.

מאניע

א רײַזע מיט ייִדן פון אויסלאנד

(פון זשורנאליסטישן נאָטיץ־ביכל)

מאָסקווע איז שטענדיק פול מיט געסט. אין וואָס פאר א האָטעל איר זאָלט ניט ארײַנגייך, וועט איר הערן א געמיש פון לעשוינעס פון גאָר דער וועלט. עס רוישט ווי אין א בינשטאָק... מיטאמאָל האָט זיך אין אלגעמיינעם הו־הא ארײַנגעריסן א ייִדיש קאָל: „דזשאָזעף, ווו האָסטו אוועקגעשטעלט די וואליזע?" דאָס איז ארײַן אין האָטעל „אוקראַינא" א גרופּע ייִדן פון ניו־יאָרק און מײַאמי ביטש, טשיקאגאָ און מאָנטרעאל, לאָס־אנדזשעלעס און ריאָ־דע־זשאַ־ניירא.

איך האָב ניט באוויזן אויסריידן מיט זיי א וואָרט, ווי מע האָט מיך שוין פארשאָטן מיט פראגן:

— וועט מען אונדז דערלויבן זיך זען מיט קרוויים?

— וועלן מיר קאָנען באזוכן „סאָוועטיש היימלאנד"?

— ווי האלט עס בא אײַך מיט ייִדיש? — האָט זיך דערהערט א קאָל אין ענגליש.

— נו, ווי געפעלט עס אײַך? אליין קען ער קיין וואָרט ייִדיש ניט...

— נאָו, ניט אין דעם גייט עס. מיך אינטע־רעסירט די פּראָבלעם...

— שוין! ערשט אריבערגעשפּאנט די שוועל, און ער האָט שוין א פּראָבלעם.

— און ווי קאָן א ייִד אויסקומען אָן פּראָ־בלעמען?

— שאט, וואָס זײַט איר אָנגעפאלן אף א מענטשן? אויב ער אליין קען, נעבעך, קיין ייִדיש ניט, טאָר ער דען ניט אינטערווינירן, מע זאָל לערנען ייִדיש אין... סאָוועטנפארבאנד?

אלע האָבן זיך צעלאכט.

דאָס איז מײַן ערשטע באגעגעניש מיט די געסט. ווײַטער, אין מעשעך פון צען טעג, זײַ־נען מיר געווען איניינעם אין מאָסקווע, ווילנע און קיִעוו. איך האָב ניט ארויסגעלאָזט פון האנט דאָס נאָטיץ־ביכל. עפשער וועלן אייניקע בלעט־לעך זײַן פאר אײַך, טײַערע לייענער, אינטערע־סאנט.

עפשער וועט זיך עמעצער אָפּרופן?

ער איז באשיידן געקליידט. האלט זיך אין א זײַט. רעדט זעלטן מיט עמעצן. באם זעצן זיך צום טיש גייט ער צו דער לעצטער. ער קלײַבט ניט איבער, ווי דער שטייגער איז, די מײַכאָ־לים, — וואָס מע דערלאנגט אים, דאָס עסט ער. ווען מע איז פרײַ פון עקסקורסיעס, קאָן מען אים זען באם ארײַנגאנג אין האָטעל — ער שטייט דאָ אָפּ שאָענלאנג.

ווער איז ער?

איך האָב פארפירט מיט אים א שמועס. לע־כאטכילע האָט ער אף אלע מײַנע פראגן געענט־פערט „יאָ", „ניין". מערסטנס געשוויגן.

— אפאָנעם, אז אײַך קימערט עפּעס?

— פונוואנען האָט איר דאָס גענומען? פאר־קערט! אײַער לאנד איז מיר צום הארצן.

— וואָס זשע זײַט איר אזוי אומעטיק? עפּעס באומרויִקט אײַך?

ער האָט זיך צערעדט. און איך האָב אים שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

ער הייסט הערציקע מאַרטין. ער איז אַלט עטלעכע און פערציק יאָר. וווינט אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע). א קירזשנער, ארבעט אין א שאַפּ. שטאמט פון פּוילן. אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ער אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַרלוירן די פאַמיליע און אַלע נאָענטע. ער אַליין האָט אויך דורכגעמאַכט בא היטלערן אַלע שיווע־מעדורע־געהענעם. נאָך דער באַפרײַונג האָט ער זיך באַזעצט אין קאַנאַדע. לעבט עלנט.

פון זײַן גרויסער מישפּאָכע האָט זיך געראַטעוועט בלויז די עלטערע שוועסטער — עסטער־ראָכל מאַרטין. צוזאמען מיט פיל אנדערע פּוילישע יידן האָט זי געפונען א היים אין סאָוועטנפארבאנד. ערשט פריִער מיט עטלעכע יאָר האָט ער זיך דערוווּסט, אז זי האָט געווינט אין מאַגניטאָגאָרסק. אין 1943 האָט מען זי געזען אין טשעליאַבינסק. ווײַטער ווערן אירע שפּורן פאַרפאַלן. אָף דער אָנפראַגע אין סאָוועטישן רויטן קרייץ האָט ער באַקומען אַן ענטפער, אז אַלע זוכענישן האָבן דערווײַל צו קיין רעזולטאַט ניט געבראַכט.

— זי איז געווען שוין אַן עלטערע פרוי, די שוועסטער, א שוואַכע... דאָך האָף איך, עס ווילט זיך מיר גלייבן, אז עפשער וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס האָבן זי געקענט און ווייסן וועגן איר גוירל...

— אין סאָוועטנפארבאַנד זײַט איר דאָס ערשטע מאָל?

— ניין, דאָס דריטע. איך שפּאָר אָפּ געלט פון אַלץ, וואָס לאָזט זיך נאָר. אזא רײַזע קאָסט אָפּ א מאַיאָנטעק. אָבער איך טו עס גערן. דאָ אין לאַנד האָט געלעבט מײַן עסטער־ראָכל, דער לעצטער גליד פון מײַן טראַגיש אומגעקומענער מישפּאָכע. און... עפשער וועט זיך מיר צופעליק, גאַנץ צופעליק, פּאָרט טרעפן א מענטש, וואָס האָט געקענט מײַן שוועסטער...

איך שרײַב אָט די שורעס און טראַכט, אז איך וואָלט אויך געווען גליקלעך, ווען עמעצער פון אונדזערע לייענער זאָל זיך אָפּרופן אָף הערציקע מאַרטינס רוף...

דער אינטערוויו פון א מוליער

ווילנע. אַלטע שטאָט. איינס פון די סאמע שמאָלע געסלעך. די אמעריקאַנער יידן טיילן זיך מיט זייערע אײַנדרוקן בעקאָל־ראָם.

— ענלעכס האָב איך געזען בלויז אין רוים, — פּאַסמאַקעוועט איינער.

— כאַפּט ניט, רעב ייִד, רוים איז ניט ווילנע.

— ווער זײַט איר? א היגער?

— איר זעט ניט?

עס האָט זיך גלײַך אויסגעבילדעט א רעדל.

— טאַקע א ווילנער?

— שוין א יאָר צוואַנציק. שטאַמען שטאַם איך פון קאָוונע. מײַן נאָמען איז נאָכעם ברעגנער.

— ווי לעבט זיך אײַך?

— ניט צו פאַרזינדיקן. איך בין א מוליער, בוי הײַזער. איך פאַרדין 160—170 רובל א כוידעש. אפן לעבן קלעקט. מע לייגט נאָך אוועק אַן איבעריק קערבל אָף דעם שפּאָר־ביכל.

— האָט איר א גוטע שטוב?

— א דירע פון צוויי צימערן.

— וויפל קאָסט זי אײַך?

— באַקומען אומזיסט.

— וויפל צאָלט איר דירע־געלט?

— אכט רובל מיט פופציק קאָפּעקעס א כוידעש. לויט אײַער געלט וועט עס, מיין איך, אויסמאַכן וויניקער פון אכט דאָלאַרן.

— אכט דאָלאַרן?

— וואָס כידעשט איר זיך אזוי?

— בא אונדז אין אמעריקע וואָלט מען פאַר אזא דירע געצאָלט ניט וויניקער ווי פופציק דאָלאַרן.

— יאָ, אמעריטשקע רײַסט גאַנץ פײַן די הויט... איך ווין דאָ אנטקעגן. עפשער וועט איר ארײַנגיין אָף א ווײַלע?

א בריוו, וואָס רעדט

שפּעט אין אָוונט האָט מיר אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן דער אינזשעניער אווירני ריימער פון ניו־יאָרק:

— קומט ארײַן, זיי זײַנען שוין דאָ...

בא ריימערן אין האָטעל־צימער האָב איך געטראָפן א ליטוויש פּאָרפאָלק. מיר באַקאַנען זיך.

— יאָנאַס רוזגיס.

— סטאַסע רוזגענע.

זיי זײַנען געקומען אָפּנעמען א גרוס פון ליזע אײַזנבערג, וועמען דער גוירל האָט נאָך דער מילכאָמע פארטראָגן אין דער ווײַטער אמעריקע.

— נו, דערציילט, וואָס מאַכט זי דאָרט בא אײַך?

— אָט הערט איר בריוו.

„טײַערינקע, ליבינקע, איך גריס אײַך פון טיפן הארצן. איך האַלדז אײַך, איך קוש אײַך פיל מאָל. ריטעטשקע לאָזט אײַך גריסן. זי וועט אינגיכן ווערן א מאַמע. אײַער ליזע“.

דער מאַגניטאָפאָן איז אויסגעשלאָסן. א רגע איז שטיל. סטאַסע ווישט אויס אַן אָנגעלאָפענע טרער. דער מאַן לייגט ארוף זײַן האַנט אָף איר פלייצע:

— באַרויִק זיך.

אָבער זײַן קאָל גיט אים אויס: ער איז אויך אופגערעגט.

— איר פאַרשטייט, — זאָגט יאָנאַס רוזגיס, — בריוו באַקומען מיר אָפט, אָבער איר שטים הערן מיר צום ערשטן מאָל פאַר איבער צוואַנציק יאָר...

וואָס זשע קערן זיי זיך אָן מיט ליזען?

הערט א ווונדערבאַרע געשיכטע.

דאָס איז געווען אין 1942. די פאַשיסטישע ראַצכים ווילדעווען אין געטאָ. מע נעמט צונויף די קינדער פאַר פאַנאַר. ליזע אײַזענבערג טרעפט זיך צופעליק מיט סטאַסע רוזגענע. לאַנג בעטן האָט זי ניט באַדאַרפט. די ליטווישע פרוי גאַנוועט מאַמעש אַרויס פון געטאָ ליזעס מיידעלע. ריטע איז דאַן אַלט געווען צוויי מיט א האַלבן יאָר. שפּעטער איז צו זיי געקומען ליזע. ניט וויניק ניסיוינעס זײַנען זיי אַלע אויסגעשטאַנען. אַרום־און־אַרום האָבן געשנאָרעט פאַרקויפטע בריִעס. טרעפט א דורכפאַל — טויט פאַר אַלעמען. יאָנאַס האָט אין הינטערצימער אויסגעבויט א באַהעלטעניש פאַר ליזען מיט איר קינד. מע האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. איינעם געציטערט פאַר יעדן שאָרך, פאַר יעדן קלאַפּ אין טיר. געוואַרט און דערוואַרט זיך אױף דער באַפרײַונג...

איך דערוויס זיך, אַז יאָנאַס און סטאַסע האָבן געראַטעוועט פון די פאַשיסטישע נעגל נאָך ייִדישע קינדער. מאַריק פּעטוכאָוסקאַס איז דאַן אַלט געווען עלף יאָר. לאַנג האָט מען געבראַכן דעם קאָפּ: ווי נעמט מען אים אַרויס פון געטאָ? סטאַסע האָט איבערגעשיקט א צעטעלע: „לייגט אים אַרײַן אין אַן אָרן, ווי א געשטאָרבענעם, און טראָגט אים אַרויס, ווען עס וועט טונקל ווערן, אפן ייִדישן בעסוילעם. איך וועל אָפּוואַרטן בא א קיוווער". דאָס שפּיצל האָט זיך אײַנגעגעבן. דער יאַט איז בעשאָלעם געבראַכט געוואָרן אין שטוב, דערנאָך האָט מען אים אַריבערגעפּעקלט אין א ליטוויש דאָרף, צו יאָנאַסעס גוטע באַקאַנטע.

— וווּ איז ער איצט, פּעטוכאָוסקאַס?

— אָ, ער איז שוין אַליין א טאַטע, וווינט אין ווילנע, ער איז א טעאַטער־קענער, קאַנדידאַט פון קונסט־וויסנשאַפטן.

— א דאַנק אײַך פאַר אײַער גוט האַרץ! — דער ניו־יאָרקער אינזשעניר האָט א קוש געטאָן סטאַסען.

— נו, וואָס רעדט איר, מיר זײַנען דען די איינציקע? פאַראַן ליטווינער, וואָס האָבן געראַטעוועט מער מענטשן, איידער מיר...

...דער מאַגניטאָפאָן איז ווידער אײַנגעשלאָסן. יאָנאַס און סטאַסע ריידן אַרײַן אין ענטפער, וועלכן דער אינזשעניר ריימער וועט איבערגעבן ליזען און ריטען.

עדוּאַרדאַס מעזשעלײַטיס

ווען מיר זײַנען נאָך געפלויגן פון מאָסקווע, האָט מען מיך אַטאַקירט פון אַלע זײַטן:

— וועט איר אונדז אָראַנזשירן א וויזיט בא מעזשעלײַטיסן?

— כ'וועל זיך באַמיִען. אָבער וואָס גייט עס אײַך אַזוי אָן?

— קוידעמקאָל, האָבן מיר אַלע געלייענט זײַן רירנדיקע פאָרעדע צום טאָגבוך פון מאַשע ראָלניקײַטע „איך מוז דערציילן". וועהאַשיינים, האָבן מיר ביכלאַל פיל זיך אָנגעהערט וועגן אים, ווי וועגן א גרויסן כאָסיד פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין האָטעל „נעריינגאַס". צוגאַסט צו די אויסלענדישע ייִדן איז דער באַרימטער ליטווישער דיכטער געקומען צוזאַמען מיט זײַן ייִדישן פרײַנט הירש אָשעראָוויטש. קיין אָפיציעלע דראָשעס זײַנען ניט געווען. פּאַשעט, מע האָט זיך אָפּהאַרציק דורכגערעדט וועגן ליטעראַטור און וועגן קאַמף פאַר שאָלעם, וועגן קיִעם פון דער ייִדישער קולטור, וועגן דער פאַרברידערונג פון איין ליטעראַטור מיט א צווייטער, וועגן דעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער, וואָס ציילט שוין איבער צוויי הונדערט יונגע שוישפּילער...

עדוּאַרדאַס מעזשעלײַטיס האָט געזאָגט:

— עס לעבט ווײַטער דער ווילנער נוסעך אין דער ייִדישער קולטור. מיר פּערזענלעך איז די ייִדישע ליטעראַטור שטענדיק געווען נאָענט. זי איז מיר צום האַרצן מיט אירע הומאַניסטישע מאָטיוון, מיט אירע פּראָגרעסיווע טענדענצן. סײַ אַמאָל, אין דער אַלטער ליטע, סײַ איצט, אין אונדזער צײַט, קאָן איך אָנציילן ניט וויניק פרײַנט צווישן די ייִדישע שריפטשטעלער. געמיינזאַם, אַקסל צו אַקסל, בויען מיר אונדזער סאָוועטישע אינטערנאַציאָנאַליסטישע קולטור...

בא די קיִעווער שרײַבער

אין קיִעוו, אין הויז פון די שרײַבער, האָבן אַרום געדעקטע טישן זיך פאַרזאַמלט די אַמעריקאַנער געסט צוזאַמען מיט אוקראַיִנישע, ייִדישע און רוסישע שרײַבער. אווראָם לעבאָוויצקי, דער אָנפירער פון דער טוריסטן־גרופּע, האָט דערציילט, אַז איידער קומען אַהער, זײַנען די טוריסטן געווען אױף קראַסנאָאַרמייסקי־גאַס, באַם הויז פון שאָלעם־אַלייכעמען, אייניקע האָבן זיך אַפילע אַרײַנגעכאַפּט אױף א ווײַלע אין שטוב אַרײַן...

— דאָס האָט איר זייער גוט געטאָן, — האָט זיך אָפּגערופן דער אוקראַיִנישער שריפטשטעלער יוירי סמאָליטש.

ער האָט דערציילט, אַז אין קיִעווער פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור“ דערשײַנען פיר בענדער אויסגעוויילטע ווערק פון שאָלעם־אַליי־כעמען אין אַן אוקראַיִנישער איבערזעצונג מיט אַ פאָרעדע פונעם באַרימטן אוקראַיִנישן דיכ־טער מיקאָלאַ באַזשאַן. דרײַ בענדער זײַנען שוין אַרויס פון דרוק.

— שאָלעם־אַליכעמס ירושה, — האָט פאַר־ענדיקט יורי סמאָליטש, — היטן מיר און שעצן, ווי אַ גרויסן אוצר פון דער וועלט־קולטור.

אויף דער אויפנאַמע אין שרײַבער־הויז איז בײַ־געווען אויך דער ייִדישער קינסטלער זיאַמע טאָלקאַטשאָוו, דער אַוטאָר פון אַ גרויסער סע־ריע אַרבעטן, געווידמעט שאָלעם־אַליכעמען און זײַנע ווערק. ער האָט דערציילט, אַז לעצטנס האָט ער צוגעגרייט נײַע איליוסטראַציעס צום שרײַבערס ווערק.

אין יענעם טאָג זײַנען אין דעם מאַגאַזין „איס־קוסטוואָ“ („קונסט“), אויף קרעשטשאַטיק, פאַר־שוווּנדן געוואָרן פון די פּאָליצעס אַלע עקזעמ־פּליאַרן פון טאָלקאַטשאָווס לעצטן אַלבאָם, ווי אויך ג. מוראַווינס בוך וועגן דעם שפּעריש־ן וועג פון אָט דעם מערקווירדיקן קינסטלער. אויסגעקויפט דעם אַלבאָם און דעם בוך האָבן די געסט פון אַמעריקע.

אַן איידעס

גאַנצפּרי זײַנען מיר געווען באַם באַבי יאַר, געלייגט בלומען, געשטאַנען מיט פאַרנייגטע קעפּ. יעדערער האָט זיך דערמאָנט אין זײַנע נאָענטע און טײַערע, אין די צאָלאָזע קדושים.

אומקערנדיק זיך אין שטאָט, האָב איך זיך דערמאָנט אין דינע פּראָניטשעוואַ. פאַראַיאָרן, האַרבסט־צײַט, ווען אין דאַרמשטאַדט, מײַרעוו־דײַטשלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געריכט־פּראָ־צעס איבער עלף געוועזענע עסעס־אָפיצערן, מערדער פון באַבי יאַר, האָט די דאָרטיקע צײַ־טונג געשריבן: „צווישן די איבער הונדערט איידעס, וואָס זײַנען אײַנגעלאַדן אויפן פּראָצעס, וועלן אַוודאי אויספעלן אַזעלכע, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען די דראַמאַטי־שע געשעענישן פון 1941 אין קיִעוו. גיכער פאַר אַלץ זײַנען זיי שוין ביכלל אויף דער וועלט ניטאָ“.

אָבער דער איידעס לעבט. אויף צעפּיקעניש די סאָנים. דינע פּראָניטשעוואַ, אַ ייִדישע פרוי, איז אײַנײנעם מיט אַלע קיִעווער ייִדן געגאַנגען דעם לעצטן וועג צו באַבי יאַר, צו דער שווי־דערלעכער שכיטע. פּראָניטשעוואַ איז געפאַלן אין גרוב אַ פאַרכאַלעשטע. שפּעטער, ווען זי איז געקומען צו־זיך, איז זי אַרויסגעקראָכן. ס׳איז אומעגלעך אויסדערציילן די צאָרעס, וואָס זי איז שפּעטער אויסגעשטאַנען. ניט איין מאָל איז איר לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר.

זי איז דאָ. זי לעבט. מיר פאָרן צו איר. וואָראָווסקי־גאַס, 41, דירע 17. עס באַגעגנט אונדז אַ מיטלוווּקסיקע פרוי, מיט שוואַרצע האָר, מיט אַ באַקיינט פּאָנעם. מיר טרעפן בײַ איר געסט. פון דער שטאָט קאַלינין איז געקומען די טאָכטער לידע. אין 1941, ווען די מוטער האָט זיך געראַנגלט פאַר לידעס לעבן, איז זי אַלט געווען קוים פיר יאָר. איצט איז זי אַליין אַ מאַמע פון צוויי קינדער: נאַטאַשע — פיר יאָר אַלט, וויקטאָר — זיבן מיט אַ האַלבן. עס קומט אַרײַן לידעס מאַן, וויקטאָר, אַ וויסנשאַפטלעכער טוער.

דינע פּראָניטשעוואַ האָט דאָ ניט לאַנג זיך אומגעקערט פון דאַרמשטאַדט, וווּהין זי איז געפאָרן אַלס איינציקער סאָוועטישער איידעס. מיר בעטן זי דערציילן וועגן דעם פּראָצעס. איר פּאָנעם ווערט פאַרטונקלט. אויפן שטערן לויפן אָן געדיכטע קנייטשן.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ניט קיין לײַכטע מיסיע איז עס געווען. נאָכאַמאָל איבערלעבן, ווידער אויפמישן די מיט בלוט פאַרגאָסענע בלעטלעך. אָבער נאָך שווערער האָט אויף מיר געווירקט די אַטמאָספער אין געריכט־זאַל, אין שטאָט, אין האָטעל, וווּ איך האָב זיך אָפּגע־שטעלט. קיין סימען פון אינטערעס צום פּראָצעס. פּונקט ווי מע זאָל מישפּעטן ניט קיין פעלקער־מערדער, נאָר עפּעס אַ הײַפעלע קעשענע־גאַ־נאָווים. מײַן האַרץ איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, ווען איך פלעג כאַפּן אַ קוק אויף די מערדער. זעקס פון עלף זײַנען איצט אויף דער פרײַ. אין געריכט קומען זיי אין אייגענע מאָדערנע אַוטאָ־מאָבילן, אויסגעפּוצטע, אָנגעקראָכמאַלעטע, ווי זיי וואָלטן געקומען אין טעאַטער. בײַסן איבע־רײַס פאָרן זיי עסן מיטיק אין דעם רײַכסטן רעסטאָראַן. נאָך די זיצונגען קערן זיי זיך אום אין זייערע פּראַכטפולע ווילעס.

פינף שאָ האָט געדויערט פּראָניטשעוואַס דערשיטערנדיקע רעדע אויפן געריכט. יעדעס וואָרט האָט געקאָנט רירן אַ שטיין. אָבער ניט דאָס האַרץ פון די ריכטער.

— בעשאַס איך האָב דערציילט, ווי די הענ־קער האָבן זיך געיאָגט נאָך מײַנע קינדער, האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויפן אַדוואָקאַט בעקער. ער האָט געפּוצט די נעגל און געשמייכלט...

וועלכע זײַנען פאָרט די אויסזיכטן אויפן פּראָ־צעס אין דאַרמשטאַדט?

— ער ווערט נאָך פאָרגעזעצט. צום אורטייל איז נאָך ווײַט. מע אײַלט זיך ניט. עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז מע וועט ציִען אַזוי לאַנג, ביז אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד וועט אַרײַן אין קראַפט דער געזעץ וועגן מוחל זײַן די קריגס־פאַר־ברעכער.

א פּאָר שורעס — אײַנדרוקן

אין האָטעל „מאָסקווא“, אף קרעשטשאַטיק, איז דעם לעצטן טאָג פֿאָרגעקומען אַן אײגנאַר־טיקע פּרעסע־קאָנפֿערענץ. די טעמע: „אײַערע אײַנדרוקן“. איך ציטיר פֿון נאָטיץ־ביכל:

שײנדל גאָלדסטײן (ניו־יאָרק): פֿון מײַן רײַזע קײן סאָװעטנפֿאַרבאַנד בין איך ייִנגער געװאָרן אף א פּאָר צענדליק יאָר. און עפּשער מער.

איטע יאַסקער (פֿלאָרידאַ): טיף גערירט פֿון דעם לאַנד, באַזונדערס פֿון די מענטשן.

פֿיליפּ סעגאַל (ניו־יאָרק): בין זיך אין דער הײם, אין מײַן סאָװיוועט, האָב איך קײנמאָל קײן גוט װאָרט ניט געהערט װעגן רוסלאַנד. איצט זע איך, װי מענטשן נאַרן זיך אָפּ...

סילװיע רײמער (ברוקלין): געעפֿנט פֿאַר זיך א נײַע װעלט.

מאַקס סײדל (פּיטסבורג): איך האָב געזען א לאַנד, װאָס קעמפֿט פֿאַר יושער און גערעכטי־קײט. האָלעװײַ אף אונדז געזאָגט געװאָרן.

אַװראָם לעכאָװיצקי: עס באַװונדערט די שע־פֿערישע אַטמאָספֿער אַרום „סאָװעטיש הײמ־לאַנד“, עס באַװונדערט די פֿרײַנטשאַפֿט צװישן די ליטעראַטורן פֿון פֿאַרשײדענע פֿעלקער.

יאַנקל אַלטמאַן (טשיקאַגאָ): לאָמיר הערן גוטע גרױסן אײנער פֿון אַנדערן.

שלוימע ראַבינאָװיטש

כראָניק

סימפּאָזיום פֿון שרײַבער פֿון צװײ קאָנטינענטן

פֿינף טעג האָט אין דער אוז־בעקישער הױפּטשטאָט גע־דױערט דער ליטעראַרישער סימפּאָזיום, געװידמעט דעם 10־טן יאָרטאָג פֿון דער ערשטער טאַשקענטער קאָנפֿערענץ פֿון שרײַבער פֿון די אַפֿראָ־אַזיאַ־טישע לענדער.

„די ליטעראַטור און די הײַנטצײַטיקע װעלט“, „די ראָל פֿונעם שרײַבער אינעם קאַמף פֿאַרן סאָציאַלן פּראָגרעס און פֿאַר דער פֿרײַהײט פֿון פֿעל־קער“, „די קלאַסישע ירושע און די הײַנטצײַטיקע ליטעראַ־טור“, „דאָס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אין דער לי־טעראַטור“ — װעגן אָט די פּראָבלעמען זײַנען אױפֿן סימפּאָ־זיום אַרױסגעטראָטן אָנגעזעענע פֿאָרשטײער פֿון דער פֿילנאַציאָ־נאַלער סאָװעטישער ליטעראַ־טור — ק. סימאָנאָװ, יע. דאָל־מאַטאָװסקי, ר. גאַמזאַטאָװ, טש. אײַטמאַטאָװ, ק. יאַשען, ק. קערבאַבײַעװ און אַנדערע שרײַבער, געלערנטע, ליטעראַ־טור־פֿאָרשער און פֿיל כּשװע געסט — ליטעראַטן פֿון די לענדער פֿון אַזיע, אַפֿריקע און אײראָפּע.

די פּראָגרעסיװע שרײַבער פֿון ייִשׂראל האָבן אף דעם סימפּאָזיום פֿאָרגעשטעלט מאָרד־כע אַװי־שאול און מאַכמוד דאַרװיש.

אף די אױסשטעלונגען בע־שאַס דעם סימפּאָזיום זײַנען עקספּאָנירט געװאָרן מאַטע־ריאַלן װעגן דער פֿאַרלעגערישער אַרבעט אין סאָװעטנפֿאַרבאַנד אין געביט פֿון פּאָפּוליאַריזירן די װערק פֿון די אַפֿראָ־אַזיאַ־טישע ליטעראַטורן, װי אױך פֿאָטאָ־מאַטעריאַלן, װעלכע שיל־דערן די אַנטװיקלונג און פֿאַר־שטאַרקונג פֿון די פֿרײַנטלעכע קאָנטאַקטן צװישן די שרײַבער פֿון די צװײ קאָנטינענטן.

דער סימפּאָזיום איז צונויפֿ־געפֿאַלן מיט א װיכטיקער קול־טור־געשעעניש בא אונדז אין לאַנד — מיט די פֿײַערונגען פֿונעם 525־טן יאָרטאָג, זינט עס איז געבוירן געװאָרן דער גרונטלײגער פֿון דער אוזבעקי־שער קלאַסישער ליטעראַטור — דער גרױסער דיכטער און דענ־קער אַלישער נאַװאָי. באַזונ־דערס פֿײַערלעך איז די דאַטע אָפּגעמערקט געװאָרן אין טאַש־קענט, בוכאַראַ און סאַמאַר־קאַנד, װוּהין די דעלעגאַטן פֿון דעם סימפּאָזיום זײַנען ספּע־ציעל אײַנגעלאַדן געװאָרן.

לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים

פון אוטאָר

די דאָזיקע לידער זײַנען אָנגעשריבן אין אמעריקע, אין צײַט־אָפּשניט צווישן 13 נאָיאבער און 3 דעקאבער 1963.

האַלטנדיק זיך באַם קלאָל, אַז טאָג־לידער קאָנען פאַרעכנט ווערן פאַר ליטעראַטור בלויז ווען זיי לעבן איבער דעם טאָג, האָב איך זיך ניט געײַלט פּובליקירן די „אַמעריקאַנער לידער", וועלכע כ'האָב איצט אַרויסבאַקומען פון מײַנע נאָטיץ־ביכלעך.

באַם אַראָפּשטײַגן אין ניו־יאָרק

אין פינפטן אָקעאַן דאָס אײַז זיך רירט.
דאָך שטעלט זיך אײַן דאָס שליטוועגס דאָס געהעריקע.
כאָטש ס'האָט קאָלומב געעפנט שוין אַמעריקע,
איך עפן אויף זי נאָכאַמאָל —
פאַר זיך.

אין הימל — איבער הימלקראַצערס — קרײַזט
מײַן שיף אַרום דעם טראַן פון בוירע־אוילעם.
און אָט איז שוין די ערד.

עס וועט דאָס אײַז
זיך רירן אויך אַף אונדזער ערד דער ווילער.

מיט וואָס פאַרגלײַכן דעם בראָדוויי

ס'איז גאָרניט נייטיק דאַפקע מישן שײַן מיט ליכט.
אָט איז, לעמאַשל, דער בראָדוויי מיט שײַן באַצירט.
די שײַן דאָ אָנעמען פאַר ליכט איז ניט קיין כי'וו,
בראָדוויי איז דען אַ גאַס? בראָדוויי איז, אויב איר ווילט, אַ בריוו,
וואָס איז מיט בלענדיק־בלינדער שײַן
געשריבן
און געכאַסמעט
און געשטעמפּלט.

איך שטיי
אַף דעם בראָדוויי,
ווי אַף אַ הערעלע פון אַן עלעקטריש לעמפּל.
די שײַן
שלאָגט אין דער נאָז,
קלאַפּט אין די אויערן.
זי גיסט זיך אויס, ווי וואַסער פון אַ גלאָז,

זי רייכערט זיך אונטער די סטרעכעס פון די מויערן.
אָט איז זי געל,
אָט איז זי רויט,
אָט איז זי גרין...

אויב ס׳איז ניו־יאָרק א טונקלע קוויט,
איז דער בראָדוויי א געלע בין,
אויב ס׳איז ניו־יאָרק א גרויע וואנט,
איז דער בראָדוויי אף איר א גאָלדן העזל.

בראָדוויי דערמאָנט מיר אין א לעבעדיקן וועזן
מיט נערוון
און מיט נעגל
און מיט ציין.
וואָס ליכטיקער זײַן וואָרט,
אַלץ פינצטערער דער מיין.
וואָס פריילעכער דער טאַנץ,
אַלץ מידער איז דער טענצער.

זאָל אײַך ניט קימערן בראָדוויי...
ניט מער, פארהענגט אים, ווי א פענצטער.
די שײַן א ביסל דרייט ארײַן, און זעצט זיך צו. ס׳איז נאכט.
שוין צײַט צו רוען.
און האָט ניט מוירע, אז ניו־יאָרק וועט אָן דעם צירונג פון בראָדוויי
פארבלײַבן קרוע־בלוע.

אין א העליקאָפּטער איבערן אינדזל עליס איילאנד

דאָס טרערן־אינדזל עליס איילאנד האָט באגאָסן זיך מיט טרערן.
די פרײַהײַט־סטאטוע האָט שיר איר פאקל ניט ארויסגעלאָזט פון האנט.
געקוקט אף מיר און שטיל געשטאמלט: „זע, כ׳מעג שווערן —
א ייִד פון רוסלאנד... און מאשמאָעס — ניט קיין עמיגראנט...“

אראָפּגעבויגן זיך פון העליקאָפּטער, כ׳האָב א קלאָפּ געטאָן אין אקסל עליס איילאנד,
געזוכט און ניט געפונען קעסלגארדן, דעם בארימטן קאראנטין.
פונקט ווי א וואָלקן, הענגט נאָך איצט איבער אמעריקע די בענקשאפט און דער עלנט
פון מײַנע זיידעס, וועלכע זײַנען פרום־פארגלייבט אוועק אהין.

דער העליקאָפּטער האָט געטאפּט א דאך אין עליס איילאנד אף זיך צוזעצן א ווײַלע,
און איך בין גרייט געווען זיך מעלדן — שוין אָן אוירעך אף דער ערד,
נאָר דער פּילאָט האָט זיך געכאפּט, אז ס׳איז שוין שפעט, מע דארף זיך אײַלן, —
ווײַזט אויס, אז דורכגיין עליס איילאנד איז מיר ניט געווען באשערט...

מענטשן פון געטאָ

אף א גאס א ייִדישער —
ייִדן, ייִדן.
ייִדן בא דער זײַט, און ייִדן אינדערמיטן.
פרעג איך זיי: „עך בייט אך, זײַנט איר עס די מעכטיקע
נאָרד־אמעריקע?“
ענטפערן זיי: כאַלילע! מענטשן פון געטאָ...

זע איך אין א געסל נאָר דאָמיניקאַנער,
פרעג איך זיי: „איר זײַנט עס די נאָרד־אַמעריקאַנער?"
ענטפערן זיי: כאַלילע! מענטשן פון געטאָ...

קום איך צו דעם נעגער, און איך טו פאַרלאַנגען —
„סיי, מײַ דיאַר, טעל מי:
אַר יו מיסטער יאַנקי?"[1]
זאָגט ער, אַז א נעגער איז א מענטש פון געטאָ.

בלאָנדזשע איך און בלאָנדזשע אין די געטאָס אַלע,
כ'ווער אין זיי פאַרלאָרן, ווער אין זיי פאַרפאַלן.
דאָרטן איך געפין, ווען כ'זוך אַמעריקאַנער, —
געטאָ־איטאַליענער, געטאָ־מעקסיקאַנער.

נעם איך בא זיי בעטן,
פרווו איך בא זיי פוי'לן:
גייט אוועק פון געטאָ,
פון די געטאָ־גרוילן!

איך — לעם סלוטש דער שלוימע,
איך — לעם דניעפּ דער מוישע —
האָב צעבראָכן צוימען
פון דעם טכום־האַמוישעוו.

אָט אַזוי איך בלאָנדזשע אין די געטאָס אַלע,
כ'ווער אין זיי פאַרלאָרן, ווער אין זיי פאַרפאַלן.
טרעפט אַמאָל: א געטאָ מיט האַמוינים פול ווערט,
און עס דוכט זיך אויס מיר, אַז עס שמעקט מיט פולווער...

---

[1] הער אויס, מײַן טײַערער, זאָג מיר: דאָס ביסטו דער פעטער סעם? (ענגליש).

עמפּײַר סטעיט בילדינג

איך בייג זיך אראָפּ פון הימלקראַצער
איבער דער הויכער פאָרענטש...

ניו־יאָרק, ביסט די פרוכט פון קאָאָפּעראַציע
צווישן נאַטור און מענטש.
קעדיי איך זאָל זען דײַנע אַלע שויבן
און הערן דײַן גאַנצן ראַש, —

דו האָסט מיך מיט גוורע אופגעהויבן
אַף הונדערט צוויי עטאַזש.

פאַר דעם נאָר אַליין, פאַר אַזא מין קויעך,
פאַר אַזא מין דראַנג —
איך בייג זיך אָן, ניו־יאָרק, צו דײַן אויער
און זאָג א דאַנק.

גאַנגסטערס

עס איז, כלעבן, שטאַרק ציקאַווע,
וויאַזוי עס איז געשען:
אויסגעגאַן כ'בין גאַנץ טשיקאַגאָ
און קיין גאַנגסטערס ניט געזען.

ווען צוריק איך בין געקומען
אין דעם האַמילטאָן־האָטעל
און דעם שליסל אָפּגענומען
פון מײַן „נומער" — פון מײַן צעל,

און געוואָלט ארײַן אין צימער,
דאָרט, ווו איך אַליין שטיי אײַן,
האָט מיך, וויניקסטנס, געקימערט,
וואָס אין צימער ברענט די שײַן

און צוויי מאַנספּאַרשוינען פרעמדע
טרייסלען מײַנע זאַכן אויס —
ניט די הויזן, ניט די העמדלעך,
די פּאַפּירן מײַנע בלויז.

האָב איך ניט געפרעגט קיין פראַגן,
ווײַל ס'איז גאָרנישט ניט געשען:
אויסגעגאַן כ'בין גאַנץ טשיקאַגאָ
און קיין גאַנגסטערס ניט געזען...

װיליאַמסבורג

אַף יענער זײַט ברוקלינער בריק — אַ װוּנדער! —
הייבט אָן זיך דער אכצנטער יאָרהונדערט.

לעם בריק האָט מאַנהעטען זיך אָפּגעשטעלט, פּונקט װי
אַן אױטאָמאָביל מיט באַלױכטענע פאַרעס.
אַף יענער זײַט בריק שטייען געסעלעך טונקעלע
פון װיליאַמסבורג — אין אַ געהייליקטער אכדעס.

אדױני מעלעך, סאַטמאַרער רעבע,
דער נײַער װעלט זײַ מױכל, זײַ מױכל,
פאַרגיב איר די זינד און שענק איר דאָס לעבן,
און זאָל זי דאָרט שטיין,
מיט בליצן באַלױכטן.

עס לױפן צונױף זיך די װײַסע זאָקן,
עס קלײַבן זיך אױף די קאַפּאָטעס אינײנעם.
זיי קוקן זיך צו צו מײַן הױלעך דערשראָקן,
און איך אַף זיי קוק מיט כידעש מיט רײנעם.

בא מיר אין דער היים װעט מען טײַנען: ס׳אַ ליגן,
אַזױנס קאָן מען זען אין מוזיי בלױז ליגן...

אַ דערמאָנונג

אױ, אײבי, אַ רוצעך אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן —
װי קומט עס, דו זאָלסט פאַרגעסן, װיאַזױ מע פלעגט מאַכן אין בערשאַד װײַן?

צװײ בערעקעס אין אַ סלױ און מעלעץ אַ האַלבע גלאָז,
און טרינק געזונטערהייט. פאַרגעס ניט פאַרקװעטשן די נאָז.

אױ, אײבי, פאַרשטאָפּטער מױעך, האָלטסט אַ פאַבריקע מיט אַ קאָנטאָר
און בראָקסט דערצו נאָך ענגליש, אַף מײַנע סאָנים אַזאַ יאָר —
איז װי קומט עס, דו זאָלסט ניט קענען אױסברײַען, װיאַזױ מע פלעגט מאַכן אין בערשאַד כריין?

מיט טרערן פלעגט מען באַנעצן דעם אײגענעם קריץ פון די ציין
און אַרױסלאָזן פון דעם מױל אַזױפיל קלאָלעס מיט איין דעך,
אַז דעם נאָגיד מיטן אָוריאַדניק אינײנעם איז פון דעם געװאָרן שלעכט.

אױ, אײבי, מײַן קאַרעװ, איך האָב פון דיר װאַרעמס און קאַלטס.
צי געדענקסטו, װיאַזױ מע פלעגט עסן אין בערשאַד פירעשקעס מיט גענדזענער שמאַלץ?

אַרײַנגעשמעקט האָט מען, אָנשטאָט טאַבעק, אַ פּושקעלע מעל אַ גאַנצס,
און דערנאָכדעם, בימכילע, אַ פּאַטש געטאָן אין הינטן אַ פעטער גאַנדז.

פרעגסט, פאַרװאָס איך געדענק עס?
זאָג איך דיר קורץ־געפּאַסט:
איך טו זיך אין דעם דערמאָנען, זינט כ׳בין בא דיר צוגאַסט.

יונגע ווײַבלעך

אין ניו־יאָרק
קענען יונגע ווײַבלעך שיסן.
יונגע ווײַבלעך
האָבן וואָס צו שיצן.
נעכטן האָט מען אף דער פינפטער
אוועניו
די מיסיס בעל
פאַרגוואַלדיקט
(אַזוינס האָט זי פאַר אירע זעקס און
אכציק יאָר
נאָך קיינמאָל ניט געהאַט).

די געפאַר איז אין ניו־יאָרק
פאַר יונגע ווײַבלעך
גוואַלדיק.
אַנטאַן צאָרעס קאָן א קלערק,
און א שאָפער,
און א סאָלדאַט.
אין אמעריקע קענען יונגע ווײַבלעך
שיסן.
יונגע ווײַבלעך
האָבן וואָס צו שיצן.

זאָג מיר א ביסעלע מוסער

זאָג מיר א ביסעלע מוסער.
שטעל מיר ארויס פאַר א מוסטער
דײַנע ראַבאָנים, דאַיאָנים, דאַרשאָנים, כאַזאָנים, באַדכאָנים,
שאַדכאָנים, דאַלפאָנים, באַטלאָנים...

לערן מיך שעצן די אָוועס,
זע, כ'זאָל ניט לעבן אין טאָעס,
זע, כ'זאָל א ייִד זײַן,
פונקט ווי אין איסט־סײַד, פונקט ווי אין איסט־סײַד:

מאָזעס איז שיין, און מוישע — אַלטפרענקיש.
דראָשעס אין קלויז זאָגט איר אַף ענגליש.
דײַנע ראַבאָים מאַכן ביזנעס,
דײַנע צאַדיקים — אין פאַלשקײַט פאַריזנעט.

לערן מיך, לערן מיך סייכל.
פיר מיך אַרײַן אין דײַן הייכל,
ווײַז מיר, ווי ניט אין א שפּאַס
שפּילט אין דײַן טעמפּל דער דזשאַז.

זאָג מיר א ביסעלע מוסער.
שטעל מיר ארויס פאַר א מוסטער
דײַנע ראַבאָנים, דאַיאָנים, דאַרשאָנים, כאַזאָנים, באַדכאָנים,
שאַדכאָנים, דאַלפאָנים, באַטלאָנים...

וועסט אַלץ פאַרשטיין

(פאַרשריבן אין לאָס־אַנדזשעלעסער פיש־פּאַרק. פרײַ איבערגעזעצט פון ענגליש)

דער יאַם איז גרויס, דאָס שיפל קליין.
איך בין אַליין, איך בין אַליין.
איך בין אַליין, דער ברעג איז שיין.
די זון, זי האַלט דאָרט באַם פאַרגיין.
איך ווייס ניט, מיט וואָסער מיין
געבראַכט אין שיפל מ'האָט א שטיין.

וואָס שטיין, ווער שטיין? צו וואָס א
שטיין?
דו וואַרט נאָר צו, וועסט אַלץ פאַרשטיין.
דער דעק פון יאַם איז נאָ'נט און
ריין,
נאָר שווער עס איז צו אים דערגיין.

אין א וועלדל לעם וואַשינגטאָן

פון וואַשינגטאָן — ארויס.
אויסער דער שטאָט שוין,
אינמיטן פון אמעריקעס פייזאזש,
געפין איך לעם א צעדערבוים א שאָטן
און שטעל מיר פאָר, אז כ׳בין אין טייַגע אזש.

א זשוקל כ׳טו א כאַפּ, אין האנט פארקלעם עס.
דאָס זשוקל — ווי אין רוסלאנד ערדיש־פראָסט.
אמעריקע דערפילט כ׳האָב אף אן עמעס,
ווען צוגעזעצט איך האָב זיך אין איר גראָז.

צוגאסט בא שאָלעם־אלייכעמען

פאני שאָלעם־אלייכעם, א ברייטן שאָלעם־אלייכעם אייַך אין ניו־יאָרק
(אייגנטלעך, ניט אין ניו־יאָרק, נאָר הינטער ניו־יאָרק,
אפן בעסוילעם „קארמל״).
איך וויל בא אייַך בעטן, פאני שאָלעם־אלייכעם, אף באָרג
א ביסל ביטאָכן —
אמעריקאניזירטן, קארגן.

דערום זייַנט איר דאָך בא ייִדן א הומאָריסט,
אז באָרגן א שמייכל מע זאָל בא אייַך קענען
אפילע אף א בעסוילעם.
דאָס ביסל ביטאָכן צעגעבן איך וועל אומזיסט
דעם היגן אוילעם.

כ׳וועל זאָגן:
אמעריקע, מיט שאָלעם־אלייכעמען ביסט שוין פון לאנג פארקנאסט,
איז נעם
נאָך זייַן טויט
דאָס דראָשעגעשאנק — דעם ביטאָכן,
און האָדי!

פאני שאָלעם־אלייכעם, דאָס איז געווען אייַער מילדער שפאס —
קומען שטארבן אין קאנטן אָט די.
איך ווייס, וויִאזוי ס׳האָט פארטראָגן אייַך אזש אהער:
אין דעם אלטן פארשליימיקטן וואלד
מ׳האָט געהאקט דאן דעם בוים.
און אויך איר אונטער האק —
ווי א שפענדל.

איר ליגט אף דעם „קארמל״ —
פון אייַערע ייִדן וואָלינער ניט אָפגעצוימט,
א סוואָרע, זייַן אייביקע רו
האָט אפילע געפונען דאָ
מענאכעם־מענדל...

די שיפסקארטע אייַערע,
זי איז געווען א מוידאָע, אז ס׳דויערט דער בלוטיקער שפאס.
אזוי צי אזוי, נאָר געווען איז זי אויך
אן ארייַנגאנגס־שייַן
סייַ אף בראָנקס, סייַ אף „קארמל״, כ׳מעג שווערן.
פאני שאָלעם־אלייכעם, איר אליין האָט דאָס וואָרט דאָך פארפאסט:
לאכן דורך טרערן.

געווען בין איך הײַנט אין „אײַערע" היימען — אין בראָנקס, אױף קעלי־סטריט,
אין הארלעם, אױף לענאָקס[1] — אויך דאָרט כ׳בין געווען א רגע.
איבער בראָנקס האָט געפּירט מיך אױף אײַערע טריט א ייִד,
איבער הארלעם — א נעגער.

פון דאָרט כ׳בין געפאָרן קיין וויליאַמסבורג, אזוי ווי איר — אױף א „פֿאָרד"־קאדילאַק,
דאָס „פֿאָרדל" — ווי א פערדל, לעהאווּדל...
(אויב ס׳איז עמעס, וויליאַמסבורג, אז דו ביסט די קאסרילעווקע באם פּאָטאָמאַק,
האָב איך דיך ליב — אײַ לאַוו יו...
נאָר זײַ זיך מאטריִעך,

און גיי שוין וואָס גיכער פארבײַ,
און ס׳וועט אויך ניט שאטן, אויב וועסט אונדז אן אייגענעם שאָלעם־אלייכעם געבן).
פּאני שאָלעם־אלייכעם, ווי מיינט איר — די טעמע קאסרילעווקע, זי איז נאָך נײַ?
פּאני שאָלעם־אלייכעם,
ניו־יאָרק דארף א שאָלעם־אלייכעם אזוי ווי דאָס לעבן.

און איך —
מיטאמאָל כ׳האָב צעטרוימט זיך אױף דעם „קארמל"־בעסוילעם, איינער:
צוריקוועגס אהיים וואָלט איך מיטגענומען
אױף דער שטילער פּאָלטאַווּשטשינע
אײַערע ביינער.

און דאַן כ׳וואָלט ניט מוזן
שפּאלטן דעם יאַם,
קעדיי זען זיך מיט אײַך,
טאטע,

און איר
וואָלט צוריק
געוואָרן די ערד,
וואָס געקומען פון דאָרט זײַנט איר טאקע.

---

[1] שאָלעם־אלייכעם האָט אין ניו־יאָרק געווינט צוערשט אױף 110 לענאָקס אווניו, הארלעם, שפּעטער אױף 968 קעלי־סטריט, בראָנקס.

זשאקלין קענעדי

גרוילן, גרוילן!
צײַטן שווערינקע.
אך, זשאקלין, דזשעקי, אױף דיר האָב איך מער
ראכמאָנעס,
איידער אױף גאנץ אמעריקע.
דײַן דזשאָנען באוויינט מען,
נאָר וואָס איז דער מער?

אמעריקע וועט האָבן א פּרעזידענט אן אנדערן,
און דו וועסט קיין צווייטן דזשאָן ניט האָבן.
דײַן שטוב וועט פוסט
פון אמעריקעס שאנד ווערן,
אין ארלינגטאָן וועט מען דײַן מאַן באגראָבן.

אך, זשאקלין, דזשעקי, ערשט איצטער ווייס איך:
די הויט בא א פרוי איז הארט און געדיכט.
דו האָסט ניט געשריגן, ווען ס׳בלוט דאָס הייסע
פון דזשאָנען האָט פּלוצעם אָפּגעבריט דיך.

ערשט איצטער ווייס איך:
איין שויס בא פרויען
עס קאָן זיך צאַפּלען, פאַר אַ נויט,
און זיך דעם מוטערשן אָטעם פאַרטרויען —
ניט בלויז דאָס לעבן, נאָר אויך דער טויט.

גרוילן, גרוילן!
צײַטן שווערינקע.
אַך, זשאַקלין, דזשעקי, אַף דיר האָב איך מער
ראַכמאָנעס,
איידער אַף גאַנץ אַמעריקע.

אַפן וועג פון אַמעריקע קיין אייראָפּע

דער אעראָפּלאַן אין הימלען גרויסע
טראָגט זיך פרײַ. קיין ראַכוועס אים ניט פעלט.
ווו איז דאָ דער איבערגאַנג, ראַבויסײַ,
צווישן אײַער וועלט און אונדזער וועלט?

אַך, ווען אַף דער ערד איך וואָלט עס וויסן, —
ווי ס׳איז גרינג אין אַזאַ טרוים צו זײַן:
ערשט געווען נאָך אין קאַפּיטאַליזם,
איצטער שיר אין קרעמל ניט אַרײַן!

דאָ אָבער, אַף אָט דער טעריטאָריע,
צווישן די צעשפּרייטע פליגל צוויי,
איך — אַ קאָמוניסט, און דו — אַ טאָרי,
ער — פון אַ קאַטוילישער פאַרטיי.

מירן דרעמלען ביזן סאַמע לאַנדן,
אַף אַ היפּשער הייך איבער דער ערד, —
פּראָלעטאַריער און פאַבריקאַנטן,
פּאַציפיסטן,
סאָכרים פון געווער.

צווישן אונדז אַ אַמפּערניש אַ הייסע
וועגן דער פריזור בא יענער פרוי,
אונטער אונדז שווימט לאַנגזאַם דורך אַ קרייסער,
אָנגעשטעלט די רערן אַף כאַנאַי.

איינער קוקט אַהין און טוט אַ גענעץ,
און אַ צווייטן נעמט אַזש דורך אַ קעלט...
אין אעראָפּלאַן גייט דורך אַ גרענעץ
צווישן אײַער וועלט און אונדזער וועלט.

צו דער פּובליקאַציע פֿון ד. בערגעלסאָנס פּיעסע „ב׳וועל לעבן!“

עס איז עפּשער ניט אַלגעמיין באַוווּסט, אַז אונדזער גרויסן פּראָזע־מײַסטער דאָוויד בערגעלסאָן האָט געצויגן אויך צו טעאַטער, און ניט בלויז געצויגן, נאָר ער האָט געשאַפֿן סצעניש ווערק, וואָס האָבן געהאַט אַ קאַטעגאָרישן דערפֿאָלג אויף דער בינע. פֿאַר בערגעלסאָנס פֿילצאָליקע פֿאַרערער, פֿאַר אַלע די, וועמען עס זײַנען טײַער זײַנע פּראָזע־שאַפֿונגען, וועט זײַן, מיינען מיר, ביז גאָר טשיקאַווע געוווּיר צו ווערן, אַז בערגעלסאָן, וואָס לעבט אין אונדזער באַוווּסטזײַן אַלס איינער פֿון די גרעסטע ראָמאַנען־שרײַבער און נאָוועליסטן, האָט אָנגעהויבן זײַן שריפֿטשטעלערישע טעטיקײַט פֿון... אַ פּיעסע.

„איך דערמאָן מיך אין אַ פּיעסע, — שרײַבט דער באַקאַנטער ליטעראַטור־פֿאָרשער נאַכמען מײַזיל, בערגעלסאָנס אַ יוגנט־פֿרײַנט, — וואָס מיר ביידע, דאָוויד און איך, האָבן אַמאָל פֿאַרפֿאַסט, — אַמאָל, נאָך איידער ער, בערגעלסאָן, איז באַוווּסט געוואָרן אין דער ליטעראַרישער וועלט מיט זײַן ערשטלינג־ווערק, מיטן „אַרום וואָקזאַל“ (1903). וויאַזוי מיר זײַנען געקומען צו אָט דער דראַמאַטישער אַרבעט, איז מיר איצט שווער צו דערקלערן. מיסטאָמע זײַנען געווען אין יענער צײַט (אַרום 1906 — 1907) סיבעס, וואָס צוויי יונגעלײַט, אָנפֿאַנגער, האָבן פּלוצעם זיך פֿאַרנומען צו פֿאַרפֿאַסן אָדער דראַמאַטיזירן אַ שטיק אין דרײַ־פֿיר אַקטן“.

מיר לייענען הײַנט מיט גרויס אינטערעס די דאָזיקע שורעס און זאָגן זיך: אָט די, ליידער אומבאַקאַנט־געבליבענע, פּיעסע איז, ווײַזט אויס, ניט בלויז בערגעלסאָנס אַ יוגנט־זינד. מיר טרעפֿן אין „לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער“ פֿאָלגנדיקע וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע: „ווען עס גרינדעט זיך אין מײַ 1918 די דראַמאַטישע סטודיע בײַ דער קיִעווער „קולטור־ליגע“, איז בערגעלסאָן ביז סעפּטעמבער 1920 איר דירעקטאָר און ליטעראַרישער לייטער. ער באַטייליקט זיך אין דער רעזשי און אין די לימודים. בערגעלסאָן האָט אויך באַאַרבעט זײַן דערציילונג „דער טויבער“ אַלס אַ דראַמע אין דרײַ אַקטן. פֿראַגמענטן פֿון איר אָפּגעדרוקט אין דער ניו־יאָרקער „פֿרײַהײַט“ (1927). די זעלבע פּיעסע אונטערן נאָמען „אויבן און אונטן“ איז אין ווײַסרוסישן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן אונטער דער רעזשי פֿון מ. ראַפֿאַלסקי, מוזיק פֿון א. קריין, דעקאָראַציעס — א. טישלער (1929)“.

אַז דאָס געבן דעם „טויבן“ אַ דראַמאַטורגישן טיקן איז ניט געווען קיין מעכאַניש איבערפֿירן דאָס דאָזיקע ווערק פֿונעם פּראָזע־זשאַנער אין סצעניש, זאָגט איידעס דער אינטענסיוו־דראַמאַטישער שטאָף פֿון דער דערציילונג, וועגן וועלכער י. דאָברושין האָט אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע „דאָוויד בערגעלסאָן“ מיט רעכט און אַזוי טרעפֿלעך געשריבן: „דער טראַגישער אינהאַלט וועגן די צוויי טויטן, דער פֿאַרטיפֿט־קאָמפּליצירטער סוזשעט פֿון דער דערציילונג וואָלט געקאָנט דינען ניט בלויז פֿאַר אַ נאָוועלע, נאָר אויך פֿאַר אַ גרעסער קינסטלערישער לײַוונט, אויב מע זאָל נעמען אין אַכט די גרײַלעכע מעגלעכקײַט צו פֿאַרברייטערן די לאַקאָניש־אויפֿגעשטעלטע מאַסן־סצענעס, די קאַרגע אויסגעצייכנטע דיאַלאָגן און מײַסטערישע נאַטור־שילדערונגען, ווי אויך די גרויסע צאָל פּערזאָנען, וואָס ווערן אויף דעם אָדער יענעם אויפֿן אַרויסגעפֿירט אין דער דאָזיקער נאָוועלע“.

און דאָברושין, אַליין אַ טעאַטראַל, שטרײַכט אונטער מיט גרויס באַוווּנדערונג אין זײַן אויסגעברייטערטן אַנאַליז: „העכער צוואַנציק פּערזאָנען פֿיגורירן בײַ בערגעלסאָנען אין זײַן דערציילונג „דער טויבער“ — פֿון זיי: אַ נײַן, וואָס שטייען אויפֿן פֿאָדערגרונט, אויסער דער צענטראַלער געשטאַלט פֿונעם „טויבן“ גופֿא. דאָס אַליין באַווײַזט די מײַסטערשאַפֿט פֿונעם דעמלט נאָך יונגן שרײַבער־אָנפֿאַנגער, וואָס האָט אויסגעזעצט זיי אַלעמען אויף אַ באַגרענעצטן שעטעך פֿון אַ קלענערער דערציילונג“.

נאָר ווער נאָך מער פֿון בערגעלסאָנען אַליין האָט דאָס געוווּסט און פֿאַרשטאַנען? און דאָס איז די סיבע טאַקע, וואָס ער קערט זיך אום מערערע מאָל צו זײַן אינסצענירונג פֿונעם „טויבן“. ער האָט אירע ראַמען פֿאַרברייטערט, פֿאַרטיפֿט די דראַמאַטישע קאָליזיעס, אַרײַנגעמאָנטירט נײַע סצענעס, אַרײַנגעפֿירט נײַע געשטאַלטן, קעדיי צו באַטאָנען, בוילעטער אַרויסברענגען דאָס לעבן „אויבן“ — די גווירישע שטוב, און דאָס לעבן „אונטן“ — די ברויט־מיל מיט אירע אָנגעשטעלטע, די טווּע־הענדלער, די מעקלער, די קיך, וווּ דעם טויבנס טאָכטער עסטער לעבט איבער איר פֿאַרשעמטע דינסטמויד־טראַגעדיע און איר ריין מיידלשן אומגליק. צוליב די אַלע סצענישע מײַלעס האָט אויך דער באַרימטער דײַטשישער רעוואָליוציאָנערער רעזשיסער־נאָוואַטאָר ערווין פּיסקאַטאָר געהאַט אײַנגעשלאָסן בערגעלסאָנס „ברויט־מיל“ אין זײַן רעפּערטואַר אויפֿן 1930 יאָר (די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פֿון דר. פֿרינץ). פּיסקאַטאָרן איז אָבער ניט געלונגען צו רעאַליזירן די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג, ווײַל צוליב סיבעס, וואָס זײַנען אונדז ניט באַקאַנט, איז זײַן טעאַטער פֿאַרמאַכט געוואָרן. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1932, איז אָבער בערגעלסאָנס „דער טויבער“ געוואָרן אַ וויכטיקע טעאַטער־געשעעניש אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, וווּ מיכאָעלס האָט געשפּילט דעם טויבן און זוסקין — יאָסעלע באָבצעס. בײַ אונדזערע עלטערע לייענער זײַנען מיסטאָמע געבליבן אין זיקאָרן אי די שפּיל פֿון די אַקטיאָרן, אי די באַגײַסטערטע רעצענזיעס פֿון מאַרקישן, דאָברושינען, נוסינאָוון און אַנדערע. עס איז אינטערעסאַנט דאָס גוויִעס־איידעס פֿון י. דאָברושינען, אַז „מיכאָעלס האָט איינמאָל דערציילט, אַז דער געדאַנק צו שפּילן דעם „קיניג ליר“ איז אים אויפֿגעקומען אויף דער פּרעמיערע פֿונעם „טויבן“. די טראַגיש־אויסגעפֿורעמטע ראָל פֿון דעם טויבן האָט אים געפֿירט צו דער שעקספּירישער טראַגישער פֿיגור“.

די פּיעסע „דער טויבער“ איז אונטער פֿאַרשיידענע נעמען („דער טויבער“, „אויבן און אונטן“, „די ברויט־

מיל״) געשפילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אין פארשיידענע לענדער. אין א וווּנדערלעכער ראָלן־באזעצונג איז די פיעסע אופגעפירט געוואָרן אין ווארשע אונטער דער רעזשי פון דאָוויד הערמאן. די הויפט־ראָל האָט געשפילט אזא אקטיאָר, ווי א. סאָמבערג. אויך די „ווילנער טרופע״ האָט שפעטער איינגעשלאָסן די דאָזיקע פיעסע אין איר רעפערטואר.

מיטן „טויבן״ שעפט זיך ניט אויס בערגעלסאָנס אינטערעס פאר טעאטער. עס איז דאָך באוווּסט ניט נאָר זיין אינסצענירונג פון „מידאס־האדין״, וואָס איז געשפילט געוואָרן אין מאָסקווער גאָסעט, נאָר אויך זיין אינסצענירונג פון שאָלעם־אלייכעמס „פארקישעפטן שניידער״, וועלכע איז אופגעפירט געוואָרן פון דער בערלינער יידישער „קולטור־ליגע״ (סאָף צוואנציקער יאָרן). צי הייסט עס אָבער, אז בערגעלסאָנס דראמאטורגיע האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין אינסצענירונגען? בעשום־אויפן ניט. בערגעלסאָן האָט אויך א קאָמעדיע, געבויט אף בירָאבידזשאנער לעבנס־שטאָף. און — אכרוין, אכרוין! — די היסטאָרישע דראמאטישע פאָעמע אין ווייסע פערזן „דאָוויד רעוווייני״. אף דעם דאָזיקן ווערק האָט בערגעלסאָן געארבעט אין משך פון עטלעכע יאָר, אריינגעלייגט אין דעם ניט בלויז ניט געקארגטע קינסטלערישע ענערגיע, נאָר אויך שארפע געדאנקען וועגן דראמאטיש־קאָמפליצירטן גורל פון אונדזער פאָלק. ווי י. שטערנבערג שרייבט אין זיין ארטיקל „דער גרויסער פראָזע־מייסטער״, וואָס איז געווען פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד״ נום. 4 פארן 1964 יאָר לעקאָוועד בערגעלסאָנס 80־יאָריקן יובילעי, — האָט אים בערגעלסאָן נאָך אין 1941 פאָרגעלייענט די ערשטע בילדער פון „פרינץ רעוווייני״. בערגעלסאָן איז געווען מיטן גאנצן הארצן פארטאָן אין דעם דאָזיקן ווערק, וואָס האָט אים ארויסגעפירט אף די ברייטע היסטאָרישע ראכוועסן, אף וועלכע זיין גאָטסגעבענטשטער פאָעטישער טאלאנט האָט זיך דערפילט ביז גאָר מעכטיק אין זיין פאנטאזיע־פלי. עס האָט אָבער צו יענער צייט אויסגעבראָכן די גרויזאמע מילכאָמע מיט היטלערן, בערגעלסאָן האָט זיך עוואקויִרט קיין מיטל־אזיע, און דאָרט, אין טאשקענט, אין דער אוזבעקישער הויפטשטאָט, באלד באם אָנקומען אהין אין די ערשטע כאדאָשים פונעם קריג, האָט ער אָנגעשריבן זיין פיעסע „כ׳וועל לעבן!״ (לא אמות כי אחיה), וואָס ווערט דאָ, אין הייַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאנד״, פאָרגעלייגט דעם לייענער.

מערקווירדיק: בערגעלסאָן דער קינסטלער — פעדאנט, וואָס האָט נאקראַנעסדיק זיך געמאטערט, ניט געשווינט זיינע קויכעס, בייס ער פלעגט זיך איבערגעבן זיין שרייבטיש, האָט דאָס מאָל, נאָך זיצנדיק, מעג מען זאָגן, אף די טשעמאָדאנעס, אָנגעשריבן די דאָזיקע פיעסע קימאט אין איין אָטעם, בליצארטיקשנעל. דאָס הייסט, אז בערגעלסאָן האָט אויך געקענט זיך מאָביליזירן אף א ווערק, וואָס איז געווען א באשטעלונג פון דער צייט.

און פאקטיש איז עס טאקע געווען א באשטעלונג. צו בערגעלסאָנען האָט זיך געווענדט אין נאָמען פון דער קיִעווער קינאָ־סטודיע דער פילם־רעזשיסער גריגאָרי גריטשער מיט א פארשלאָג אָנצושרייבן א סצענארי פאר א יידישן פילם אף דער טעמע: אומפשאָרעדיקער קאמף מיטן בלוטיקן פאשיסטישן אגרעסאָר — הייליקער קאמף, אין וועלכן אלע אונדזערע פעלקער, צעמענטירטע צווישן זיך מיט סאָוועטישן פאטריאָטיזם, נעמען א גלייכן אָנטייל. בערגעלסאָן האָט באלד מאסקים געווען. אין משך פון ניט גאנצע צוויי כאדאָשים איז געווען פארענדיקט דער סצענארי, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן. ווער ס׳איז אָבער מער־ווייניקער באקאנט מיט קינאָ־פראָדוקציע, ווייסט, אז פון אן אָנגענומענעם סצענארי ביז צום „דרייען״ אים, דה. רעאליזירן בעפויעל־מאמעש, איז א גרויסער מעהאלעך. אזוי האָט פאסירט, אז אויך בערגעלסאָנס באשטעטיקטער סצענארי האָט ניט דערלעבט צו זען דאָס ליכט פון עקראן. דעמלט האָט בערגעלסאָן אליין גענומען „דרייען״ זיין פילם־טעקסט, דאָס הייסט איבערפירן אים אף דער שפראך פון טעאטער, וואָס דאָס באטייט אויך: דערנעענטערן אים צו ליטעראטור. זיין קינסטלער־כוש האָט אים אָבער אונטערגעזאָגט ניט אָפזאָגן זיך אינגאנצן פון דער פריִער אָנגעווענדטער פילם־טעכניק. ער האָט דעריבער געלאָזט די לעצטע געדיכט־דראמאטישע סצענעס אין דער ערשטער קינעטישער פאָרם, וואָס איז געוואָרן א געווינס פאר דער פיעסע פונעם ריין־סצענישן שטאנדפונקט. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אויך אזא וועלט־בארימטער טעאטער, ווי די „האבימאָ״, האָט אין די מילכאָמע־יאָרן, אין אָנהייב סעזאָן 1944, אופגעפירט די דאָזיקע דראמע, וועלכע איז געווען אָפגעדרוקט אין ניו־יאָרקער איקוף־זשורנאל „יידישע קולטור״. די פיעסע איז איבערזעצט געוואָרן פון א. שליאָנסקי. ניט געקוקט, וואָס אין די פיל ארטיקלען, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן וועגן „כ׳וועל לעבן!״, האָט ניט געפעלט אויך פאָלעמיק, איז די פיעסע לאנג ניט אראָפגעגאנגען פון די בינע־ברעטער. סאָף 1944 איז אין ניו־יאָרקער ניי־געגרינדעטן פאָלקס־טעאטער, אונטער דער אָנפירונג פונעם באוווּסטן טעאטער־ און פילם־אקטיאָר יאנקעוו בען־אמי, אין דער רעזשי פון יאנקעוו ראָטבאום, פאָרגעקומען די פרעמיערע פון „כ׳וועל לעבן!״.

„ס׳איז א הארצרייסנדיקע דראמע, — האָט געשריבן דער באוווּסטער יידיש־אמעריקאנער פראָגרעסיווער טעאטער־פאָרשער נ. בוכוואלד אין זיין רעצענזיע באלד נאָך דער ניו־יאָרקער פרעמיערע, — אָבער אויך א הארצרייסנדיקע טראגעדיע. איבער אלע שוידערס, איבער אלע צעשיסונגען, איבער אלע גרויליקייטן פונעם נאציבאנדיט קלינגט דער אייביקער, דורך פיין דערוואָרבענער יידישער ביטאָכן: לא אמות כי אחיה!״

מיר פון אונדזער זייט ווילן דאָ צוגעבן, אז גוט האָט געטאָן דאָוויד בערגעלסאָן, וואָס פאראלעל מיטן הויפט־העלד אווראָם־בערן, דעם אמכאָ־מענטש, דעם פאָשעטן פאָלקס־ייד, גייט העלדיש אף קידעש־האשעם אויך דער דייטשישער ייד פראָפעסאָר קראָנבליט. מיט דעם האָט אונדזער גרויסער קינסטלער רעאביליטירט אויך די דייטשישע יידישע אינטעליגענטן, וועגן וועלכע עס איז געווען פארשפרייט די מיינונג, אז זיי זיינען בלויז געווען פייִק צו באגיין זעלבסטמאָרד אין זייער טראגישער פאָנעם־על־פאָנעם־באגעגעניש מיטן בארבארישן היטלעריזם. מיר ווילן נאָך ציִען די אופמערקזאמקייט פונעם לייענער אויך אף די פאָעטיש־צארטע פאָלקסטימלעכע סצענעס פונעם בלינדן יידן, וואָס ווערט געפירט פון א ייִנגעלע. אין די דאָזיקע בילדער דערקענען מיר סיי בערגעלסאָנס ליריזם, סיי זיין רעאליזם, וואָס האָט אין זיך געטראָגן גרויסע פאראלגעמיינערונג.

דאָוויד בערגעלסאָן

כ'וועל לעבן!

(לא אמות כי אחיה)

דראמע אין 3 אקטן

פארשוינען:

אווראַם־בער לעוויט.
פרידע, זײַן טאָכטער, א לערערן.
גאלינא אנטאָנאָוונא, זײַן שנור.
יאשקע, איר זון.
רעב יוינעסן, א זאָקן, אווראַם־בערס טאטע.
פאנאסענקאָ, מיקיטא וואסיליעוויטש,
דירעקטאָר פון דער פּרווו־סטאנציע.
פּאווליאָ, זײַן זון, א פּליִער.
כײַע גראנאט, א קעכן.
מישא, איר זון, א פּליִער.
נאסטיא, א וועשערן.
באָרעך, אן אינסטרוקטאָר פון שיסן.
כוועדער, א בריוטרעגער.
פּישל בראָדסקי, א שנײַדער.
סענקאָ, א לײַכט־פארוווּנדעטער רויטארמייער.
נאטשאלניק פון וואָיענקאָם.
א שילערן.
א בלינדער ייִד, א פּאַליט.
זײַן ייִנגעלע.
פּראָפ. קראָנבליט, א דײַטשישער ייִד.
פרוי גינטער, א מיטליאָריקע דײַטשקע.
מאיאָר ברענדעקע, קאָמענדאנט,
פּראָפ. קראָנבליטס געוועזענער געהילף.
ניזאבודקא, אוקראַיִנישער עמיגראנט.
יעפרייטאָר.
ייִדן, קאָלווירטניקעס, פּארטיזאנער,
רויטארמייער, דײַטשישע ייִדן.

ערשטער אקט

ב י ל ד א י י נ ס

דער פאסאד פון א נייַ צווייגאָרנדיק הויז אין ייִשעוו ארום דער אגראָטעכנישער פרווו־סטאנציע איז, אויסער אנטיפאשיסטישע פלאקאטן, באפוצט מיט טראנספאראנטן, וואָס זייער אינהאלט איז א באַגריסונג דער פרווו־סטאנציע צום פארענדיקן איר גרויסע דערפינדונג. אין מיטלסטן אריַינגאנג, וואָס מיט דער שילד „וואָיענקאָמאט אָקטיאברסקאָוואָ ראיאָנא", גייען אָפּ און אויף יונגע מאָביליזירטע אוקראַינער און ייִדן. זייערע עלטערן און קרויווים ווארטן באם אריַינגאנג און אף די בענק, ווו לעבן זיי שפּילן זיך זייערע קליינע קינדער, פייַפן אין טרומפּייטלעך, האלטן אף פעדעמער פארשיידנפארביקע לופטבאלאָנדלעך. א גרופּע מענטשן הערן לעבן דעם ראדיאָ־רעפּראָדוקטאָר די „סוואָדקע". צווישן אנדערע אין דער גרופּע: א ו ר אָ ם־ב ע ר ל ע ו י ט — א מיטלוואָקסיקער, א פעסטער, נאָך ניט אינגאנצן גרוי (ער האלט פאר א הענטל זייַן זיבניאָריק איינקל י א ש ק ע), פ י ש ל ב ר אָ ד ס ק י — א העלער און אומרויִקער, ס ע נ ק אָ — א לייַכט־פארוווּנדעטער רויטארמייער, ר ע ב י ו י נ ע ס ן — אן אלטער זאָקן מיט ברעמען, ווי וואָנצעס. אין דער טיף פירט א וועג, — עס זעט זיך פון דאָרט ארויס דער גלעזערנער דאך פונעם סעלעקציע־פאווילאָן און מע הערט פון צייַט צו צייַט די פעסטע, הייזעריקע שטימע פון א קאָמאנדיר, וואָס לערנט מארשירן א גרופּע מאָביליזירטע. אין דער זייַט אף א פלויט, וואָס ארום א קליינער כאטע, צעהענגט די וועשערן נ א ס ט י א אויסגעוואשן גרעט, צוזינגענדיק דערבייַ:

זאוויאזאלי האלאָוואָנקו,
א יא זש דומאלא נא טשאסאָק...

פ י ש ל (טיילט זיך אָפּ פון דער גרופּע און ווייַזט אָן נאסטיען אף די טראנספאראנטן). א גרויסער יאָמטעוו, נאסטיא! אונדזער פרווו־סטאנציע האָט אויסגעכאפּט אלע בעסטע אָרדענס! אזוי שטייט הייַנט אין בלאט.

נ א ס ט י א. דו, פישקע, אויך?

פ י ש ל. איך, פישל דער שנייַדער? (קראצט זיך אין נאקן.) דאָס מאָל, זעסטו, האָב איך זיך פון אן אָרדען דאפקע ארויסגעדרייט.

נ א ס ט י א (דערזעט אוראָם־בערן). באטש, אוראָם־בער לעוויט! ט'עלעך כאלעשן! וויך טאָזשע, זאָגט מען, אויסגעכאפּט אן אָרדען...

פ י ש ל. און נאָך א וועלכן! איינעם פון די בעסטע אָרדענס, און דאפקע ניט קיין אגראָנאָם. אפילע זייַן מיידל, פרידע די לערערן, האָט אויך געקריגן א „זנאק פּאָטשאָטא". געוועזן איז ער אמאָל א פּאָשעטער שנייַדער, ווי איך, און געוואָרן דאָ אף דער פרווו־סטאנציע א לייַט — א גרויסער סלוזשישטשע!

נ א ס ט י א. קאזשוט, וויך קען גוט נאָך פון אמאָל אין די קליינע אויסיִעלעך...

פ י ש ל. אוראָם־בער?.. ווען איך האָב אזא קאָפּ, ווי ער, ווער איך א ליטווינאָוו.

ב אָ ר ע ך (א יונגער שטאלטנער באָכער, קומט ארויס פון וואָיענקאָמאט). סענקאָ!

ס ע נ ק אָ. איך. מע האָט דיר ווידער אָפּגעזאָגט?

ב אָ ר ע ך. איך ווארט אפן גלאָווני (בלייַבט פארשטאָרבן, קוקנדיק אף אוראָם־בערן.)

א ו ר אָ ם־ב ע ר (צום איינִיקל). נו, יאשקע, האָסט מיך שוין באגלייט. גיי אהיים און ענדיק דייַנע בריוו צום פּאפּקא.

י א ש ק ע. איך גיי, זיידע, איך גיי — פּאקט!

א ו ר אָ ם־ב ע ר. ווי גייסטו, אז דו שטייסט אף איין אָרט? (באגלייט יאשקען. פון הינטערן הויז דערהערט זיך שטארקער די שטימע פונעם קאָמאנדיר: „פּראוואָיע פּליעטשאָ ווּפּעריאָד, שאגאָם מארש!"...)

נ א ס ט י א (פון איבערן פלויט). באָרעך! כוועדער ווארט אף דיר! געקומען מיט זייַנע טויבן!

ב אָ ר ע ך. גוט, טיטקא נאסטיא, זאָל ער ווארטן (פארשווינדט צוריק אין וואָיענקאָמאט.)

פ י ש ל. געגלוסט האָט זיך דיר, נאסטיא, האָבן דאפקע א ייִדיש קינד פאר א זון, האָ? איצט האָסטו פון אים צאָרעס...

נ א ס ט י א. אוי, שטשע יאקי צאָרעס! א צעדרייטער — אָ! ני פּיטייַ ווזשע, פישקא! זיך אָנגעפּרעגט אוילעמהאבע! (פארשווינדט אף יענער זייַט פלויט.)

פ י ש ל. ט'האָסטו־אָ! פון די הייליקע מוטערס סאָרע, ריווקע, ראָכל, לייע און... רעבעצן נאסטיא!

ס ע נ ק אָ (מיינט, פארבייַגייענדיק, אז צו אים רעדט עס פישל). טשאָהאָ?

פ י ש ל. איך זאָג: גייסט שוין צוריק אפן פראָנט, פּאָטשאָטני פּאָטאָמסטווענני קאָניוך אונדזערער? א ריס בא דיר — אָ! (נעמט ארויס נאָדל־פאָדעם און פארנייט סענקען דעם ריס אף

דער גימנאַסטיאָרקע.) אַלע ווילן אַפן פראָנט — מײַן בענטשיק אויך... בעט זיך פאַר א סאמאָ־וואָליעץ, צי פאַר א דאָבראָוואָליעץ, כ׳ווייס, ווי מע רופט עס דאָרט בא אײַך? נאָך קיין אכצן יאָר ניט אַלט.

ס ע נ ק אָ. געקומען צו אונדז אין פּאָלק, ווייסטו, איינער א דאָבראָוואָליעץ אויך נאָך זייער א יונגער. איצט איז ער שוין אָהאָ: געראָי סאָוועטסקאָוואָ סאָיוזאַ.

פ י ש ל (געענדיקט נייען, בײַסט איבער דעם פּאָדעם). א פּאַרטאַטש איז ער! (נעמט ניט אַפּ די אויגן פון סענקעס גימנאַסטיאָרקע.) א גרויסער פּאַרטאַטש!

ס ע נ ק אָ. ווער?

פ י ש ל. יענער, וואָס האָט גענייט דײַן גימנאַסטיאָרקע (ווײַזט אַפּן אַלטן יוינעסן.) אָט פרעג בא אים — ער איז אויך א שנײַדער. (צום אַלטן.) איר באַגלייט שוין ווידער ארויס אַן אייניקל?.. האַ?.. רעב יוינעסן!

י ו י נ ע ס ן. ווי?.. (פאַרטראַכט זיך.) עס שטייט געשריבן: ווען מע האָט אים צום ערשטן מאָל אָנגעזאָגט, אַז ער מוז גיין...

פ י ש ל. וועמען?

י ו י נ ע ס ן. נו, אים אַליין... מוישע־ראַביינו אָלעווהאַשאָלעם... ער האָט דאָך שוין געהאַט צוגעפירט די ייִדן צום סאַמע נאַכעס, און דאָ זאָגט מען אים פּלוצלינג: לייג זיך אַוועק און שטאַרב!

פ י ש ל. איר מיט מוישע־ראַביינו זײַט דאָך אַלטע גוטעברידער! (צום צוריקומענדיקן אוראָם־בער.) כאַוועך אוראָם־בער לעוויט! עפּעס זײַט איר דאָך אויך אַמאָל געווען פון אונדזער שנײַדערישן צעך. מוישע־ראַביינון האָט איר דאָרט טימטשאַסאָם ניט באַגעגנט?

א ו ר אָ ם ־ ב ע ר. מוישע־ראַביינו?

פ י ש ל. נו יאָ. יוינעסן האַלט, דאַכט מיר, אַז מוישע־ראַביינו איז אויך געווען א שנײַדער. ער ווייסט נאָר ניט, צי א מוזשסקי, צי א דאַמסקי.

א ו ר אָ ם ־ ב ע ר. ניין, רעב יוינעסן, ניט קיין שנײַדער איז געווען מוישע־ראַביינו, נאָר א צושנײַדער. דאָס האָט ער אונדז, ייִדן, אַזוי פֿײַן צוגעשניטן. (גייט פאַרבײַ. הינטערן הויז שטאַרקט זיך די שטימע פונעם קאָמאַנדיר, וואָס לערנט מאַרשירן.)

י ו י נ ע ס ן (קוקט נאָך אוראָם־בערן). וועגן זײַן זון אַפּן פראָנט האָט ער שוין א ידיִע, צי נאָך אַלץ ניט?

פ י ש ל. ט׳על ן מיר הערן. כאַוועך אוראָם־בער! שיר פאַרגעסן: מאַזלטאָוו אײַך מיטן אָרדען... איר גייט אויך אין וואָיענקאָמאַט?

א ו ר אָ ם ־ ב ע ר. יאָ, עפּעס רופט מיך צו זיך דער וואָיענקאָם.

פ י ש ל. איר האָט דאָך גאָר א טאָכטער!

א ו ר אָ ם ־ ב ע ר. כ׳האָב א זון אויך! (כאַפּט אָן פישלען פאַר דער האַנט.) האָסט עפּעס געהערט וועגן מײַן זון? (קוקט אויספאָרשנדיק אַף פישלען און יוינעסן, גייט אַוועק.)

פ י ש ל. א הייסער טאַטע! (גייט אַוועק איינינעם מיט יוינעסן אין וואָיענקאָמאַט.)

כ ו ו ע ד ע ר (א האַרבאַטינקער בריווטרעגער קומט אָן, טראָגנדיק עטלעכע געבונדענע פּאָרלעך טויבן אַף די הענט און א פול־געפּאַקטן בריוונטאַש איבער די אַקסלען, און דערזעט באָרעכן אין טיר פון וואָיענקאָמאַט). נו, באָרעך, האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט... (וויל אים אָנטאָן דעם בריוונטאַש און איבערגעבן די טויבן.)

ב אָ ר ע ך. וואַרט, באַלד ווער איך פרײַ. (דערזעט עטלעכע טעלעגראַמעס אין בריוונטאַש.) צו וועמען אַזויפיל טעלעגראַמעס? (קוקט אַף די אָרדענס.) אַלץ צו פרידען?

כ ו ו ע ד ע ר. נו, יאָ, איר פאָטער האָט דאָך געקראָגן אַן אָרדען און זי — אויך. אָט איז זי...

י אַ ש ק ע (קומט צוריק, פירנדיק נאָך זיך א יונג מיידל, וועלכן כוועדער גיט אַפּ די טע־לעגראַמעס). אָט דאָ איז ער נאָרוואָס געווען, דער זיידע, אוראָם־בער, פּאַקט, טיאָטיא פרידאַ!

פ ר י ד ע. ווו?

י אַ ש ק ע. נו, אָט דאָ. ער האָט געזאָגט: איך גיי זיך דערוויסן וועגן דעם פּאַפּקאַ, פּאַקט!

נ אַ ס ט י א (צעהענגענדיק נײַ־געבראַכט גרעט אַפּן פּלויט). א געזונט נאַ טעבי, פרידאָטשקאַ, כאָדי סיודי, דיטיאָטשקאַ. ווי געפּעלט דיר עפּעס מאָי באָרוך, האַ? ווזשע ווין בודע מאַזל פּאָטשטאַ־ליאָן. יאַק יעמו ני ביזאָיען? אָן אינסטרוקטאָר וו וואָראָשילאָווסקאָם קלוביע, א סטרעלאָק אָדין נאַ סוויטי און ראָביטסיא לײַטן צו געלעכטער.

פ ר י ד ע. באָרעך ווערט א פּאָטשטאַליאָן?

נ אַ ס ט י א. זאַכוואָריוו, זנאַיעש, כוועדער, דער האָרבאַטינקער פּאָטשטאַליאָן. געטריבן מיט אים אַמאָל טויבן שע וו דיטסטווי, טאָ ווין ווזשע האָטאָוו פּערעסניאַטי כוועדאָראָווי האָלובי

דאַ נאס נא קרישו, טיַי שע פארבייַטן דעם האַרבאטן נא פאַטשטי, ביז מע וועט צוזוכן אַן אנדערן.

פ ר י ד ע. ער איז פונעם זינען?

ב אַ ר ע ך (צוקומענדיק). מיטן אַרדען דיך, פרידע!

נ א ס ט י א. אַט אי ווין — דער טאכשיט! סערצע מאַיע באַליט. יא, נאסטיא — נאר, נא ניאַהאַ ראכמאַנעס געהאט, קאַלי ווין לישיווסיא טוואַיך טאטי אי מאמי לעשעאַלעם שע נא גראזשדאנסקוי.

ב אַ ר ע ך. נו, שיט שוין אויס, שיט אויס, טיטקא נאסטיא: האָסטו מיך, א קליין יאַסעמל, אריַינגענומען צו זיך אין שטוב און מיך אָפּגעגעבן אין שול. בין איך, דער וויַיסער־כעוורעניק, ארויסגעפלויגן פון פינפטן קלאַס, אזוי וויַיטער און וו... ווי איז דיר ניט מיִעס, טיטקא נאסטיא, אייביק-איין מיַיסע איבערצוקיַיען?

נ א ס ט י א. סססו.. סי א קאַוועד טוואַים יידישע טאטע און מאמע נא טאַם סוויטי (צו פרידען.) דוזשע גוטפריַינט בין איך מיט זיי געווען!

ב אַ ר ע ך. מע וויסט: דעם שאבעסדיקן קוגל פלעגן זיי אַן דיר קיינמאָל זיך ניט זעצן עסן. א גוטער קוגל, פלעגן זיי זאָגן, אין נאסטיען גערעאָטן! (צו פרידען.) שיר ניט פארגעסן, ליב דיר דיַינע געסט, פרידע. פאוולאַ און מישא, האָב איך געהערט, זיַינען אראָפּגעקומען.

נ א ס ט י א. דורני טי. פאוולאַ דעם דירעקטאָרס און מישא דעם „זאווס" זיַינען אראָפּגע־קומען זיך געזעגענען, איידער זיי גייען אוועק אפן פראָנט. פאוולאַ און מישא — ליאַטשיקעס, פרידא — א לערערן פון פיזקולטור אין שול, געקראָגן אַן אָרדען. און פון דיר וואָס איז ארויס?

ב אַ ר ע ך. נו, אַן עק, טיטקא נאסטיא. פארן קוגל, וואָס דו האָסט געגעסן בא מיַינע טאטע־מאמע, האָסטו זיי שוין אָפּגעדינט. (קוקט נאָך דער אוועקגייענדיקער נאסטיען, שטיל צוזינגענדיק):

> קוגל הייסט עס,
> אין אויוון שטייט עס,
> און אין מויל צעגייט עס,
> און מע עסט עס,
> און מע פרעסט עס,
> און אין מאָגן דרייט עס.

עס הערט זיך שטארקער, ווי הינטערן הויז לערנט מען מארשירן.

פ ר י ד ע. ווען וועט נעמען אַן עק, באָרעך?

ב אַ ר ע ך. אַט אזוי, מוסער מיך אויס, דעם צעבאַלעוועטן, לייג מיר אריַין א כיילעק... צו וואָס זאָל נעמען אַן עק, פרידע?

פ ר י ד ע. אמאָל, ווען מיר זיַינען נאָך געווען אין פינפטן קלאַס, האָסטו געזאָגט, אז מיר אפצולאָכעס וואָרפסטו אוועק די שול... ווער ביסטו פון דענסטמאָל אָן שוין ניט געווען?

ב אַ ר ע ך. נאָך דער שול? (שמייכלט, ציילנדיק אף די פינגער.) געוואָרן א טויבן־טריַיבער איינעם מיט כוועדערן, דערנאָך — א גרוזטשיק, א שאָפער, א פיראָטעכניק, געזונגען אין א כאָר, געשריבן לידלעך פאר דער עסטראדע און בין ארויס א שיסער־אינסטרוקטאָר — ס'א סאך?..

פ ר י ד ע. וועמען אפצולאָכעס טוסטו עס, באָרעך?

ב אַ ר ע ך. איך לערן זיך, וויסטו, פון איינעם א מיידל. זי קאָן זיך ניט צוקליַיבן קיין ייִנגל, און איך — קיין ארבעט. עס פאָרן זיך אַן צוליב איר געסט — א...

פ ר י ד ע. פארוואָס צווינגסטו זיך זיַין גראָב, באָרעך? מיט פאוולען און מיט מישען, ווייסטו גוט, האָב איך געלערנט פונעם ערשטן ביזן לעצטן קלאַס אין שול. (גייט אוועק.)

ב אַ ר ע ך. הער אויס, פרידע. (פארהאַלט זי.) ערגעץ־ווו בא פושקינען, ווייסטו, שטייט. (טראכט.) ווארט, ווארט, ווארט... א שאָד!.. פארגעסן שוין, וואָס בא פושקינען שטייט... גראָד היַינט, פרידע, גיי איך איבער אף אַן ארבעט, וואָס איז מיר איינגאנצן צום הארצן... און עפשער שוין אף שטענדיק... נאָך היַינט גיי איך אוועק אף דער מילכאָמע, פרידע.

פ ר י ד ע. נאָך היַינט?!

ס ע נ ק אָ (פונעם אריַינגאנג אין וואָיענקאָמאט). באָרעך! קום! דער גלאַוונער איז שוין דאָ.

(ב אַ ר ע ך אָפּ. אלע לאָזן זיך אין וואָיענקאָמאט).

כ יַי ע (קומט אָן איינעם מיט צוויי שילערנס פון עלטערן קלאַס, וועלכע טראָגן בלומען־בוקעטן). טאקע דיך זוכן מיר, פרידאַטשקא. (שעלט מיט א דונערדיק קאָל, דערנעענטערנדיק

זיך צו פרידען.) א מאַפּאַלע זאָל קומען אף אים און אף אלע זײַנע מעכאַבלים, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן, אַט דער מעשוגענער הונט!

פרידע. וועמען שעלט עס אונדזער „זאַוו“, כײַע גראַנאַט? ווידער היטלערן?

כײַע. די קאַפּאָרע זאָל ער ווערן פאַר דײַן מינדסטן נאָגל. אלע ציין זאָלן אים אַרויספאַלן און בלײַבן זאָל אים איין־איינציקער צאָן ניט אף צו בײַסן, נאָר אף ציינווייטעק! און דיך טאַקע זוכן מיר, פרידאַטשקאַ. (טוט א כאַפּ באַ די קינדער די בלומען און דערלאַנגט זיי פרידען.) דאָס האָבן דיר צו דעם אָרדען, וואָס מע האָט דיר געגעבן, געשיקט אַלע מאַמעס פון די קינדער אין שול. (גיט דעם „אַדרעס“, וואָס זי טראָגט מיט זיך, איינער פון די שילערנס.) נאַ, לייען!

שילערן (לייענט). טײַערע לערערן פרידע. דער גרויסער יאָמטעוו פון דער פּרווו־סטאַנציע פאַלט צונויף...

כײַע (רײַסט אַרויס דעם „אַדרעס“ און גיט אים אָפּ פרידען). זי וועט שוין אַליין לייענען, לאָזט מיך אויסרעדן א וואָרט! די פּרווו־סטאַנציע, פרידאַטשקאַ, האָט דיך אויסגעכאָוועט. אַלע האָבן מיר זיך מיט דיר געניאַנטשעט. ווען דו פלעגסט קראַנק ווערן, פלעגט זיך אונדז אויסדאַכטן: די גאַנצע פּרווו־סטאַנציע איז קראַנק. (ווישט די טרערן.)

שילערן (צו איר כאַווערטע). אוי, כאַלעשט זי, פרידע זאָל כאַסענע האָבן מיט איר מישען... זי איז פריִער געווען דאָ א קעכנע אין דער סטאָלאָווקע.

כײַע (בייז). וועמען עס געפעלט ניט, וואָס איך בין געווען א קעכנע, יענער וועט זיך מיט מיר ניט מעשאַדעך זײַן!

שילערן. פאַרקערט!.. (פאַרשעמט זיך.)

פרידע. ווי לענין זאָגט: יעדער קעכנע דאַרף קאָנען פראַווען מיטן לאַנד.

כײַע (מיט גיפט צו דער שילערן). שטייט דיר עפּשער ניט אָן, וואָס לענין האָט וועגן מיר אַזוי געזאָגט? (פון הינטערן הויז דערהערט זיך: „סטאָי!.. ראַז דוואַ...“ עס ווערט פינצטער. עס רוקט זיך אוף א ווענטל אין פאַסאַד פונעם הויז און עס אַנטפלעקט זיך א צימער — א קאַבינעט. באַם טיש זיצט דער וואָיענקאָם — א יונגער, א וווּקסיקער, מיט א פאַרבונדן אויג. אַנטקעגן אים שטייען באָרעך, סענקאָ און אווראָם־בער).

באָרעך. איז וואָס, אַז איך בין א שיסער־אינסטרוקטאָר? גוטע שיסער דאַרף מען דען ניט אפן פראָנט? (אין פּאָנעם און אין די באַוועגונגען פון אווראָם־בערן, וועלכער שאָקלט צו מיטן קאָפּ נאָך באָרעכס ווערטער, איז צו זען, אַז ער איז אינגאַנצן מאַסקים מיט באָרעכן.)

נאַטשאַלניק. איר לערנט די יונגע שיסן — אויך א נוצלעכע זאַך פאַרן פראָנט. וואַרט, ביז מע וועט אײַך רופן. (אין אווראָם־בערס פּאָנעם און אין זײַנע באַוועגונגען איז צו זען, אַז ער לייגט זיך איבער און איז איצט שוין אינגאַנצן מאַסקים מיטן וואָיענקאָם.)

באָרעך. מיר הייסט איר וואַרטן? מײַן טאַטע, האָב איך יעדיִעס, איז אומגעקומען ווי א פּאַרטיזאַן, און איך זאָל זיצן אין דער היים? (דערזעט, ווי אווראָם־בער וווּנדערט זיך, און טוט א שעפּטשע.) ווי א פּאַרטיזאַן... נו... נאָך אין בירגערקריג!

אווראָם־בער. אַהאָ!.. שוין רעכט.. (קוקט פאַרוווּנדערט אפן וואָיענקאָם, וואָס קערט אום די פּאַפּירן דעם אוועקגייענדיקן באָרעכן און זאָגט דערבײַ שמייכלענדיק צו זיך אַליין: „ס׳וועט זײַן גוט!“)

נאַטשאַלניק (קוקנדיק אין סענקאָס פּאַפּירן). אײַער אורלויב איז נאָך ניט אויסגעגאַנגען. (מיט זײַנע זשעסטן איז אווראָם־בער ווידער מאַסקים מיטן וואָיענקאָם.)

סענקאָ (ווײַזט אפן אוועקגייענדיקן באָרעך). מיר זײַנען כאַווײרים, ער גייט אפן פראָנט, און אַליין ווילט זיך ניט בלײַבן.

נאַטשאַלניק (מאַכט אַן אונטערשריפט אין סענקאָס פּאַפּירן, אומקערנדיק זיי אים, שטעלט ער זיך אוף און זאָגט אים אין אויער גאַנץ הויך). ס׳וועט זײַן גוט!

סענקאָ. טשאָהאָ?

אווראָם־בער (צו סענקאָן). ער זאָגט: „בודע כאָראָשאָ“, אף יידיש הייסט עס (הייבט אוף א פינגער.) — ס׳וועט זײַן גוט! אַנו זאָג נאָך: ס׳וועט זײַן גוט.

סענקאָ (זאָגט נאָך שווערלעך). סע. עס... וועט... זײַן גוט! (גייט אוועק.)

נאַטשאַלניק (צו אווראָם־בערן). און איר... שוין זשע אויך זיך מאָביליזירן?

אווראָם־בער. וויפל, מיינט איר, בין איך דען אַלט?

נאַטשאַלניק. אַזוי... באַ די זעכציק. ווי?

אווראָם־בער. האָט איר דעם טאָעס, וואָס אַלע. אויב לויטן כעזשבן פון אַלע יידישע „גליקן“, בין איך שוין אַלט אוואַדע...

נאַטשאַלניק. די בידנע פּאָר טויזנט יאָר?

אווראָם־בער. אָ!

נאטשאלניק. נאָר אויב לויט אײַער אייגענעם כעזשבען?

אוראָם־בער. נו, נעמט א יידן, וואָס איז ביז דער רעוואָליוציע געווען א וויסטער פּאַלגי... נו... אַרײַנגעקוקט דערבײַ אין א ביכל און געהאַט א געפּלאַצטע גאַל פון מעווינעס, וויאַזוי מע פּירט דאָס רעדל, — איז וויפל, מישטיינסגעזאָגט, קאָן אזא ייִד אַלט זײַן ריכטיקע יאָרן?

נאטשאלניק. א יאָר פיר און צוואַנציק?..

אוראָם־בער. א יאָר אַרוף, א יאָר אַראָפּ, קימאַט געטראָפן. האַקיצער, פון וועלכן כעזשבען מע זאָל מיך ניט נעמען, בין איך אַן אינטערעסנע וואַזראַסט!

נאטשאלניק. ריכטיק. וואָס זשע וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?

אוראָם־בער. גוטס?.. דאָס, זעט איר, וויל איך גראָד הערן פון אײַך. כ׳האָב, הייסט עס, א זון אין דער רויטער אַרמיי, א קאָמאַנדיר. כ׳האָב געמיינט: דאָס רופט איר מיך...

נאטשאלניק. ווי רופט מען אײַער זון?

אוראָם־בער. בענציען... עס הייסט: בען — דער זון, ציִען — פון ציִען... נו, בעני...

נאטשאלניק. בעני?..

אוראָם־בער. בעני לעוויט.

נאטשאלניק. לעוויט?! יאָ, כ׳האָב אײַך גערופן. זײַט איר זײַן פאָטער? (שטעלט זיך אוף.) איז זעצט זיך... זיצט... זיצט... (דערלאַנגט אים א שטול. זייער לאַנגזאַם זעצט זיך אַראָפּ אוראָם־בער און קוקט אין דערשראָקענער וואַרטעניש אפן וואָיענקאָם.)

בילד צוויי

א טיש מיט א ניט־דערעסענעם קיבעד און מיט א הילכנדיקן ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר אין עס־צימער פון דער קוואַרטיר, ווו פרידע מיט איר פאַמיליע וווינט. לינקס — א טיר אין אַרײַנגאַנג־קאָרידאָרל. רעכטס — אן אָפענע טיר צו דער קליינער ווערענדע, ווו עס געפינען זיך פרידע און די יונגע פּליִער פּאַוולאָ און מישא. דער לעצטער האַלט אף די קני יאַשקען און שפּעטשעט אים עפּעס אין אויער. דער ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר שטערט צו הערן, וועגן וואָס פּאַוולאָ און פרידע רעדן. פון גאַס קומט אָן כײַע גראַנאַט. שליסט אויס דעם ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר און דערהערט דעם שמועס אף דער ווערענדע. פון דרויסן — די שטים פון א צווייטן קאָמאַנדיר, וואָס לערנט אויך ערגעץ דאָ נאָענט מאַרשירן: „ריאַדי סדוואַי!“

פּאַוולאָ. דאָ־אָ, איבערן סאַמע דאַך!

פרידע. ווען איז דאָס געווען?

פּאַוולאָ. אַנו, דערמאָן, מישאַ! ווען האָבן מיר פון דער הייך א קוש געטאָן פרידען?

מישא (צו פרידען). מע קושט דיך, און דו פילסט גאָר ניט. ס׳איז געווען אף מאָרגן נאָך אונדזער אַרויספלאַז.

פּאַוולאָ. איך כאַפּ א קוק אַראָפּ פון דער מאַשין און דערזע די גאַנצע פּרווו־סטאַנציע — ווי אף א טעלער ליגט זי מיטן סעלעקציע־פּאַווילִיאָן, מיט דער שול, מיט אַלע נײַע און אַלטע הײַזער, מיט אַלע נאָענטע און ווײַטע פּרווו־פעלדער — קראַסאָטאַ! „מישאַ, — טו איך צו אים א געשריי, — מיר זײַנען אין דער היים!“. און ער מיר...

מישא (דעם לאַכנדיקן יאַשקען אין אויער). **אין דער היים, פּאַוולאָ!**

כײַע (קוקט דורך דער אָפענער טיר אף מישען). **קינדער טײַערע!** (גייט אַרויס אף דער ווערענדע.)

פּאַוולאָ. **אין נאָז האָב איך גלײַך דערפילט אַלע רייכעס פון די קינדער־יאָרן.** (אין קאָרידאָרל הייבט אָן קלינגען דאָס פּאַראַד־גלעקל.)

יאַשקע. **אָ! דער זיידע אוראָם־בער!** (גליטשט זיך אַראָפּ פון מישעס קני און לויפט עפענען.)

פּאַוולאָ. **און דיר, מישאַ, מיט וואָס האָט דעמלט פאַרשמעקט?**

מישא. **מיר?** (שטייט אוף, דערזעט כײַען אין טיר.) **מיר — מיט וואָס?** (טראַכט.) **מיט הייסן וואַסער פון די אָפּגעזויגענע לאָקשן, מיט וועלכער די מאַמע פלעגט מיך צוואָגן אף שאַבעס.** (צוהערנדיק זיך די גאַנצע צײַט צום קאָרידאָרל, וווּהין יאַשקע איז אַוועקגעלאָפן, הייבט פרידע זיך אוף פון איר אָרט.)

כײַע (כאַפּט אַרום מישען, קושט אים). **מיר זאָל זײַן פאַר דיר, מישענקאַ, זון איינציקער, מוישעלע!**

פרידע (אַרײַנקומענדיק אין עס־צימער — מיט אומגעדולד צום צוריקגעקומענעם יאַשקען). **נו, ווער?**

יאשקע. **גאָרניט דער זיידע... פאַקט!**

פרידע. **ניט דער זיידע?** (דערשטוינט מאַכט זי אַ טראָט צו דער אָפן־געבליבענער טיר פון קאָרידאָרל.)

באָרעד (קומט אַרײַן באַלד נאָך יאַשקען. אַף זײַנע אַקסלען הענגט כוועדערס שווערער בריוונטאַש). **נו, אָט, פרידע... כ׳האָב גראָד זיך דערמאָנט, וואָס שטייט דאָרט בײַ פּושקינען...** (דערזעט פּאַוולאָן און מישען אַרײַנקומענדיק פון וועראַנדע און בלײַבט אָן לאָשן.) **נו, אָט... שוין ווידער פאַרגעסן, ווי שטייט דאָרט בײַ פּושקינען...** (קריגט אַרויס פון בריוונטאַש צײַטונגען און דערלאַנגט פרידען. גייט האַסטיק אַרויס, בײַס אַלע קוקן אים נאָך.)

כײַע (מישען אין אויער). **ער פייגערט אַוועק נאָך פרידען...** (אַ נײַער קלונג, יאַשקע לויפט עפענען.)

פאַנאַסענקאָ (קומט אַרײַן). **נו, קינדער, אײַער מאָטאָציקל איז פאַרפּראַוועט מיט ברענשטאָף, צײַט אײַך אין וועג אַרײַן.**

כײַע. **שוין... אַזוי פליט איבער דאָס גאַנצע לעבן!** (כאַפּט זיך אַרום מיט מישען.) **נו, מוישעלע, ווייס אַליין, וואָס דו האָסט צו טאָן.** (ווישט די טרערן.) **געדענק גוט, וואָס די היצליעס טוען מיט מאַמעס, מיט קינדער און מיט... ייִדן.** (פּאַוולאָ און מישאַ געזעגענען זיך מיט פרידען.)

פאַנאַסענקאָ. **נו, פּאַוולאָ!** (נעמט אים אָן פאַר די אַקסלען.) **איין־איינציקער זון ביסטו בײַ מיר. האָבן האָסטו געקאָנט ווייניקסטנס נאָך פינף ברידער, איז געדענק, דאַרפסט זיך שלאָגן אײנער פאַר פינף.** (נעמט אים אַרום.) **איצט לויטן אַלטן שטייגער.** (אַלע זעצן זיך צו, פון דרויסן דערהערט זיך שטאַרקער, ווי מע לערנט מאַרשירן מאָביליזירטע. אַלע שטייען אויף און גייען אַרויס אין דרויסן, פונוואַנען מע דערהערט אינגיכן דאָס קלאַפּן פון אַן אָפּפאָרנדיקן מאָטאָציקל און נאָכדעם ווידער די טריט פון מאָביליזירטע, וואָס מאַרשירן לויט אַ קאָמאַנדע. יאַשקע קערט זיך אום דער ערשטער, שלעפּט אַרײַן פון ערגעץ זײַנעם אַ גרויסן ניט־דערמאָלענעם פּלאַקאַט, ציט זיך אויס לעבן אים אין עס־צימער אַף דער פּאָדלאָגע און נעמט זיך אים דערמאָלן. נאָך אים קומט אַרײַן כײַע, הייבט אָן צוצוקלײַבן פונעם טיש, פאַרטראַכט זיך, קומט צו צו פרידעס שרײַבטישל און באַטראַכט דאָרט פּאַוולאָס און מישעס פאָטאָגראַפיעס, וואָס שטייען אין רעמלעך: פּאַוולאָס — אין סאַמע אויבנאָן און מישעס — זייער פאַרוקט צו דער וואַנט.)

כײַע. **איז דײַן זיידע, יאַשקע, זאָגסטו, הייסט אַוראָם־בער בענציאָנאָוויטש, דײַן טאַטע דער קאָמאַנדיר — בענציאָן אַבראַמאָוויטש, דײַן אוקראַיִנישע מאַמע — גאַלינאַ אַנטאָנאָוונאַ, און דו הייסט...**

יאַשקע (ניט אויפהערנדיק מאָלן). **יאַקים בענציאָנאָוויטש!**

כײַע. **נו, און אַשטייגער, ווי מיינסטו, יאַשקע, ווער הייסן דײַן טאַטיס פרידעס מאַן?** (רוקט אַוועק פּאַוולאָס פאָטאָגראַפיע צו דער סאַמע וואַנט און שטעלט אַוועק אויבנאָן איר מישעס פאָטאָגראַפיע.)

יאַשקע (ניט אומקוקנדיק זיך). **פּאַוולאָ מיקיטיטש — פאַקט!**

כײַע (אויפגערעגט). **פאַקט!.. ווי זשע וועט הייסן דײַן טאַטיס פרידעס זון — מיקיטאַ אַוראַמאָווינאָוויטש?** (נעמט אַראָפּ געשיר פון טיש און גייט אַוועק אין קיך.)

גאַלינאַ (אַרײַנקומענדיק). **נאָך אַלץ ניט געקומען דער זיידע?**

יאַשקע (ניט אויפהערנדיק מאָלן). **מאַמאַ, איצט קומט שוין בײַ מיר אויס — פאַקט!**

גאַלינאַ. **וויפל מאָל דיר געזאָגט, הער אויף איבערכאַזערן נאָך יעדן וואָרט — פאַקט. ווי נאָר דער זיידע קומט, לויפסטו באַלד אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן מיך רופן, געהערט?**

יאַשקע. **געהערט — פאַקט!**

גאַלינאַ. **ווידער פאַקט!** (וויל אַוועקגיין, באַגעגנט אין טיר פאַנאַסענקאָן.)

פאַנאַסענקאָ. **אָנגעקומען אַ וויכטיקער באַפעל, גאַליאַ.** (דערלאַנגט איר אַ קאָנווערט מיט אויפגעריסענע טריוואָקס־כּסימנים.)

גאַלינאַ (לייענט דאָס פּאַפּיר, וואָס זי נעמט אַרויס פון קאָנווערט). **פאַרניכטן אַלע ניט וויכטיקע דאָקומענטן פון דער פּרווו־סטאַנציע. דאָס אײַנשרײַב־בוך, וואָס איז געפירט געוואָרן אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן אין פאַרבינדונג מיט דער דערפינדונג, איבערגעבן אין נאַרקאָמזעם...** (פאַרלוירן.) **דאָס אײַנשרײַב־בוך פירט דאָך פּראָפעסאָר קראָנבליט.**

פאַנאַסענקאָ. **דאָס איז עס דאָך. ווי קריגט מען עס בײַ אים שטילינקערהייט אַרויס?**

גאַלינאַ. **ער גלייבט שוין אַזוי אויך, אַז זײַט דער מילכאָמע האָט מען אים דאָ, ווי אַ געוועזענעם דײַטשישן בירגער, אָנגעהויבן פיל ווייניקער צו פאַרגלויבן.**

פאנאסענקא. גיי דו צו אים, גאַלינאַ.

פרידע (אַרײַנקומענדיק). **דער טאַטע — נאָך אַלץ ניטאָ?**

גאַלינאַ. נאָך אַלץ ניטאָ... ווער ווייסט, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט. (פרידע גייט צוריק אַוועק אינאיינעם מיט גאַלינען.)

פאנאסענקא (ווײַזט אָן דער צוריקגעקומענער כײַען אויף דער אַוועקגייענדיקער פרידען). **אַ פײַנע שנור פאַר דיר, כײַע.**

כײַע. שווײַג שוין בעסער, מיקיטאַ וואַסיליטש! צו פרידען, ווייסן אַלע, שאַדכנט זיך ניט אָפּ קאַטאָוועס דײַן פּאַוולאָ...

פאנאסענקא. כ׳וועל דיר זאָגן, כײַע, דעם גאַנצן עמעס, כ׳בין אַן אוקראַיִנער פון אַלטן שניט. נאָך געדינט דאָ אַמאָל באַם פּאַרעץ. כ׳וואָלט גאָרניט געהאַט צו מײַן פּאַוולאָן, ווען ער ברענגט מיר אַרײַן אין שטוב אַן אוקראַיִנישע שנור.

כײַע. עס איז גאָר ניט קיין אַווירע.

פאנאסענקא. אַ קלוגיטשקע ביסטו! דאָס ווילסטו פרידען פאַר דײַן מישען און רעדסט מיך אָפּ, האַ?.. (לאַכט אַוועקגייענדיק.)

כײַע. מיקיטאַ וואַסיליטש, וואָס הייסט עס, איך רעד דיך אָפּ? וואָס איז עס גאָר פאַר ווערטער? (ראַמט אויפגערעגט פונעם טיש. דורך די אָפענע פענצטער הערט זיך די קאָמאַנדע און דאָס מאַרשירן פון די מאָביליזירטע.)

געפירט פון אַ קליין ייִנגל, קומט אַרײַן אַ מיטלוועקסיקער ברייטבייניקער ייִד מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער איז באָרוועס, אין אַ צעפליקטער סוויטקע, פאַרגאַרטלט מיט שטריק. די קליינע באָרד איז אים פאַרבויגן צום מויל און שאָקלט זיך נאָך יעדן וואָרט, ווען ער הייבט אָן צו זינגען:

און אז מע האָט מײַן עלטסטן זון געקוילעט,
מײַן עלטסטן זון געקוילעט,
האָט אַף מײַן היים אין די קאַרפּאַטן
נאָך דער זומער־טאָג געברענט פונוויַטן,
נאָך דער זומער־טאָג געברענט פונוויַטן,
און איך האָב נאָך געוויינט,
און איך האָב נאָך געוויינט.
נ׳אז מע האָט מײַן צווייטן זון געקוילעט,
מײַן צווייטן זון געקוילעט,
האָט אַף מײַן היים אין די קאַרפּאַטן
שוין נאָר אַ שטערנדל געשײַנט פונוויַטן,
שוין נאָר אַ שטערנדל געשײַנט פונוויַטן
און, ווי איך, געקוקט פאַרשטיינט,
און, ווי איך, געקוקט פאַרשטיינט.
נ׳אז מע האָט מיר די אויגן אויסגעשטאָכן,
די אויגן אויסגעשטאָכן,
איז אַף מײַן היים אין די קאַרפּאַטן
די נאַכט די פינצטערע געבליבן רײַטן,
די נאַכט די פינצטערע געבליבן רײַטן.

בלינדער ייִד (זיפצט). **אַ לאַנגע איז די נאַכט, און לאַנג איז היטלערס נאַכט, ווי דער גאַנצער גאָלעס דער ייִדישער. וווהין איך קום, דערלאַנגט זיך מיר...**

כײַע. קומט אַהער (זעצט אַוועק דעם ייִדן מיטן ייִנגעלע באַם טיש און גיט זיי עסן.) **פונוואַנען זײַט איר?**

בלינדער ייִד. אַזש פון אונטער די קאַרפּאַטן. כ׳האָב דאָרט געטריבן פּליטן אַף די טײַכן... כ׳גיי פון היטלערן גיי איך.. איך גיי און גיי, און ער — נאָך מיר. באַ איין קינד געבליבן (טאַפּט אָן מיט דער האַנט זײַן ייִנגעלע.) **אַ שטאַרק ייִנגל געווען — אַ!.. מיט מיר אינאיינעם שוין געטריבן פּליטן... גוט געקענט די טײַכן!**

כײַע. אַ טאַכלעס געוואָרן, אַ! (גייט אַוועק אין קיך.)

יאַשקע (וועלכער באַטראַכט די גאַנצע צײַט דעם בלינדן). **פאַרוואָס זײַנען באַ אים פאַרמאַכט די אויגן?**

בלינדער ייִד. זיי האָבן מיר זיי אויסגעשטאָכן, קינד.

י א ש ק ע. ווער? (בלינדער ייִד ענטפערט ניט, גייט אוועק איניינעם מיט זײַן ייִנגעלע. יאשקע קוקט זיי נאָך און נעמט ווידער זיך צו זײַן פלאקאט אף דער פּאָדלאָגע.)

כ ײַ ע (קערט זיך אום מיטן סערוועט, וואָס זי פארשפרייט אפן טיש). **היטלער... אויס־גערונען זאָל ער ווערן!**

י א ש ק ע. וועלכע אויגן האָט היטלער, האָ?.. כײַע!

כ ײַ ע. וועלכע אויגן?.. פון א כײַע, אויסגעלאָשן זאָלן זיי אים ווערן, ווי ער האָט אויס־געלאָשן יעדע פרייד בא מאמעס אין די הערצער! אוי, יאשקע, ווען מע לאָזט מיך צו צום רעצייעך היטלערן, אָט מיך, כײַע גראנאט זאָל מען צו אים צולאָזן!

י א ש ק ע. איר קאָנט דען שיסן?

כ ײַ ע. הם... הם... ווען איך, כײַע גראנאט, מיט מײַן כאראקטערל זאָל נאָך דערצו קאָנען שיסן!.. (נעמט איר קאָשעקל און גייט אוועק; יאשקע שלעפּט אוועק זײַן פלאקאט אין ווײַטער־דיקן צימער.)

ג א ל י נ א (ארײַנקומענדיק איניינעם מיטן פּראָפעסאָר קראָנבליט און מיטן דירעקטאָר פאנאסענקאָ און בעטנדיק זיי זיצן). **פארוואָס, פּראָפעסאָר קראָנבליט, זאָל אײַך גאָר אײַנפאלן, אז מע האָט אײַך דאָ אָנגעהויבן ווייניקער צו פארגלייבן?**

פ א נ א ס ע נ ק אָ. גלייבט, פּראָפעסאָר, וועגן דעם אײַנשרײַב־בוך איז געקומען צו רייד נאָר דערפאר, ווײַל עס איז אונדז אלעמען, ווייסט איר, טײַער.

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. מעגלעך, מיך, א דײַטשישן ייִדן, דענערווירט מיט יעדן טאָג אלץ מער דער צושטאנד אפן פראָנט — כ׳בין אנטלאָפן פון די פאשיסטן, ווייסט איר אליין, ווי נאָר זיי זײַנען געקומען צו דער מאכט... איבערגעלאָזט בא זיי אלץ, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן דערוואָרבן. כ׳בין געוויס דאנקבאר פאר גאסטפרײַנטלעכקײַט אײַער לאנד — א לאנד, וואָס האָט בא מיר ניט געפרעגט, צי בין איך אן אריִער, צי איך בין א ייִד... (קיינער באמערקט ניט, אז דער נאטשאלניק פונעם וואָיענקאָמאט האָט ארײַנגעפירט אווראָם־בערן, וועלכער איז געבליבן שטיין זייער דערשלאָגן בא דער טיר.)

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. ווער איז א ייִד? (אלע קוקן זיך אף אים אום.)

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. איך... נו יאָ... א ייִד...

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. איר זײַט א ייִד?.. זעט איר... צו לאנג איז אויסגעקומען צו וואַרטן, ביז איר אליין זאָלט עס זאָגן. (באזײַטיקט פון זיך גאלינען און די אָנגעקומענע פרידע, וועלכע זײַנען דערשראָקענע צו אים צוגעלאָפן.) **אָט איך בין א ייִד. א ייִד האָט געגאנוועט, איז ווער איז אין דעם שולדיק? אווראָם־בער דער שנײַדער. א ייִד האָט געגנויעפט, צי געוווּכערט, א ייִד האָט פאראטן, איז ווער איז אין דעם געווען שולדיק? זשידקאָ, אווראָם־בער פּאָרטנאָי. געוואָלט צי ניט געוואָלט, נאָר געמוזט האָב איך אף זיך דאָס נעמען. אין בירגערקריג אָפּגעגעבן דעם עלטסטן זון — נאָך א ייִנגל געווען. און אין דער איצטיקער מילכאָמע** (דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פּאָרטרעט פונעם זון דעם קאָמאנדיר, וואָס הענגט אף דער וואנט, און קוקט אף אים א רעגע.) **געגנוג!** (לייגט ארוף זײַן האנט אף דער וויינענדיקער פרידען.) **אד קאן, טאָכטער!** (ווארט איבער, ביז דער פּראָפעסאָר פירט ארויס אין צווייטן צימער גאלינען, וועלכע האָט אויסגעשאָסן מיט א דערוואָרגן געוויין, און נעמט אָן די האנט, וואָס דער נאטשאלניק פון וואָיענקאָמאט דערלאנגט אים אף צו געזעגענען זיך.) **ווי זאָגט איר?.. „עס וועט זײַן גוט“, האָ? עס וועט זײַן גוט...** (באגלייט אים צו דער טיר און קערט זיך אום צו דער וויינענדיקער פרידען.) **נו, טאָכטער, לייג אוועק א קישן צי א רעדנע דאָ אין ווינקל... שיווע, טאָכטער, שיווע...** (קוקט ווידער צום זונס פּאָרטרעט אף דער וואנט.) **אומגעקומען, ווי א העלד, זאָגט דער נאטשאלניק, א סוויאזיסט געווען** (צו פאנאסענקאָ, וועלכער דריקט אים די האנט.) **סוויאז, האָ?**

פ א נ א ס ע נ ק אָ. סוויאז, אווראָם־בער!

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר (לייגט אוועק אין ווינקל דאָס טעפּיכל, וואָס פרידע האָט געבראכט, טוט אויס די שיך.) **וואָס נאָך, האָ?.. קריִע...** (נעמט פונעם טיש א מעסער, כאפּט זיך פאר א לאץ, גרייט אָנצושנײַדן זי, גראָד דערהערט פלוצלינג גלײַך מיט פאנאסענקאָן און מיט פרידען זייער אומרויִקע קוילעס פון גאס. פון דרויסן יאָגט ארײַן כ ײַ ע און ס ע נ ק אָ. דורך דער זײַטיקער טיר קומען אײַלנדיק צוריק ג א ל י נ א און דער פּ ר אָ פ ע ס אָ ר. דורך די אָפענע פענצטער דערהערט מען די קאָמאנדע: „ראָטא... סטאָי!“)

כ ײַ ע. א דעסאנט!

פ א נ א ס ע נ ק אָ. וואָס?!

ס ע נ ק אָ. ניט ווײַט, אויף יענער זײַט אווראַסיוּוער וואַלד. (אַלע, כּוץ אוראָם־בערן און פרידען, כאַפּן זיך אַרויסלויפן אין דרויסן.)

פ ר י ד ע. סענקאָ! (אָנשרײַבנדיק אַפּגיך אַ צעטעלע, גיט עס אים.) אָפּשיקן מיט אַ זיכערן מענטשן צו פּאַוולאָן און מישען. זייער אַעראָדראָם געפינט זיך (רעדט מיט אים שטיל.) גע׳פין באַלד אַזאַ מענטשן, סענקאָ. (באַגלייט אים צו דער טיר.) זאָל ער זיך דורכגאַנווענען צו זיי מיט די וועלדער איבערן פראָנט, אויב מ׳וועט דאַרפן.

א ו ר אָ ם־ב ע ר (פון זײַן האַנט פאַלט אַרויס דאָס מעסער). מע זיצט שוין ניט קיין שיווע, מע רײַסט שוין ניט קיין קריִע, איז וואָס טוט מען, האַ, טאָכטער? דו גייסט מיט מיר. (פירט אים אַרויס פון צימער.)

פ א נ א ס ע נ ק אָ (אַרײַנקומענדיק צוריק אינאיינעם מיטן פּראָפעסאָר, וועלכער האַלט אין די הענט דאָס אײַנשרײַב־בוך, און מיט גאַלינען). אַלץ מוז באַשלאָסן ווערן באַלד, אין דער רעגע, די דערפינדונג פון דער פרווו־סטאַנציע טאָר אין קיין פאַל ניט אַרײַנפאַלן צו די פאַשיסטן אין די הענט.

ג א ל י נ א. די בייטן אין סעלעקציע־פּאַווילִיאָן פאַרניכטן. דאָס אײַנשרײַב־בוך, פּראָ־פעסאָר, גיט איר באַלד איבער אונדז.

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. פאַרניכטן, אַלץ אינאיינעם מיטן אײַנשרײַב־בוך. פאַרניכטן, פאַר־ברענען! סײַוויסײַ וועלן זיי דאָ פאַרניכטן סײַ די פּרווו־סטאַנציע, סײַ די דערפינדונגען, סײַ די מענטשן. איך קען זיי. אויף זיך האָב איך דערפילט זייער אַלפאַרניכטנדיקע מערדערישקײַט. פאַרניכטונג שפּרייטן זיי אויף דער גאַנצער וועלט, און קיינער וועט זיי שוין ניט אָפּשטעלן — צו שפּעט האָבן די לענדער זיך געכאַפּט.

ג א ל י נ א. נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען.

פ א נ א ס ע נ ק אָ. דיסקוסיר איצט ניט מיט אים!

כ ײַ ע (אַרײַנרוקנדיק איר קאָפּ פון דרויסן דורכן פענצטער). זיי זײַנען דאָ!.. ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. מ׳וואַרט דאָך אויף אײַך! (אָפּ.)

פ ר י ד ע. מ׳קעמפט, טאַטע! מ׳ווערט פּאַרטיזאַנער! (פאַלט צו צו זײַן ברוסט.)

פ א נ א ס ע נ ק אָ (שרײַט איר נאָך). איך קום באַלד (צום פּראָפעסאָר.) און איר... איר מיט זיך אַליין, וואָס קלערט איר טאָן?

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. כ׳וועל טאָן ווי פיל אַנדערע דײַטשישע ייִדן — זעלבסטמאָרד! (ליגט אַרויף די האַנט אויפן אײַנשרײַב־בוך.) אינאיינעם מיטן טרוים פון מײַן גאַנצן לעבן! (בײַ די לעצטע ווערטער קומט אַרײַן אוראָם־בער.)

פ א נ א ס ע נ ק אָ. קום, גאַליאַ. (גייען אַוועק.)

אוראָם־בער דערנענטערט זיך צום פּראָפעסאָר מיט אַ פאַרויס־אויסגעצויגענער פרעגנדיקער האַנט.

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט (צו אוראָם־בערן). איר, אַ קלוגער מענטש, האָט אין אַזאַ מאָ־מענט גאָרניט באַדאַרפט קומען צו מיר מיט קיין פראַגן.

א ו ר אָ ם־ב ע ר. מעגלעך... האָט קיין פאַריבל ניט... גראָד הײַנט־צו־טאָג, ווייסט איר, האָב איך נאָך אַנדערע זאָרגן.

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. יאָ, איר האָט פאַרלוירן אַ זון.

א ו ר אָ ם־ב ע ר. פאַרלוירן אַ זון... דאָך געקומען צו אײַך בין איך ניט פרעגן, נאָר בעפייריש מאָנען.

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. כ׳פאַרשטיי אײַך ניט.

א ו ר אָ ם־ב ע ר. איר מיינט, כ׳האָב מוירע פאַר האָבן אַ מעס בײַ זיך אין שטוב? מיר, פּאָשעטע ייִדן, האָבן זיך געוווינט אָנגעזען מיט מייסים... וואָס מער מ׳איז בײַ אונדז געשטאָרבן, אַלץ מער האָבן מיר געוואָלט לעבן. ניט אין דעם גייט עס. איר האָט אָפּגעוווינט ניט איין יאָר בײַ מיר אין וווינונג, מיר האָבן אײַך געהאַלטן בעקאָוועד גאָדל...

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. ריכטיק.

א ו ר אָ ם־ב ע ר. נו, און צעצאָלן זיך?

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. וואָס הייסט עס?

א ו ר אָ ם־ב ע ר. ס׳הייסט, אַז זיך, דעם פּראָפעסאָר קראָנבליט, האָט איר שוין באַ־שטאַט — מיט איין קנאַק וועט איר ווערן אויס ייִד און אויס מענטש. נו, און אויף וועמען לאָזט איר די באַלעבאַטים דאָ אין וווינונג? אויף וועמען לאָזט איר מיך, מײַן טאָכטער, מײַן אייניקל? מיר זײַנען דאָך אויך ייִדן...

פראָפ. קראַנבליט. איר, סאָוועטישע ייִדן, זײַט דאָ אײַנגעפּונדעוועט מיט אײַער מי, מיט אײַערע זין און טעכטער, וואָס קומען אום ווי העלדן אין דער רויטער ארמיי און זײַנען גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר אָט דער פּרווו־סטאַנציע.

אווראַם־בער. גוט, איז אַף וועמען לאָזט איבער דער ייִדישער פּראָפעסאָר קראַנבליט אַלע אַנדערע ייִדן, נו... קלאַל־יִיסראָעל, וואָס איז בײַגעשטאַנען אַלע רעדיפעס, אינקוויזיציעס, אלילאָס־דאַמען, גזיירעס, שכיטעס, גיירושים פון לאַנד צו לאַנד, און האָט דאָך אַף זיך די האַנט ניט אופגעהויבן? אַף וועמען לאָזט דער ייִדישער פּראָפעסאָר קראַנבליט זײַן גאַנץ פאָלק, וואָס בא אַלע צאָרעס און אומגליקן האָט עס דאָך ניט אופגעהערט צו וויסן געבן דער גאַנצער וועלט: „לאַ אמות — כ׳וועל ניט שטאַרבן, כי אחיה — כ׳וועל לעבן!“ (עס דערהערט זיך פון ווײַט א שטאַרקער אופרײַס.)

פּראָפ. קראַנבליט (אופשפּרינגענדיק). **וואָס האָט פּאַסירט?** (לאָזט זיך צו דער טיר און באַגעגנט אין אַרײַנגאַנג פרידען.)

פרידע. מיר האָבן אופגעריסן דעם בריק. (פאַרהאַלט דעם פּראָפעסאָר.) **זיי האָבן אונדז אַרומגערינגלט. אַנטלויפן איז ניטאָ וווהין.**

פּראָפ. קראַנבליט (שטייט א רגע דערשטוינט אקעגן פרידען, כאַפּט פונעם טיש דאָס אײַנשרײַב־בוך. אווראַם־בער און פרידע שטרעקן אויס צום בוך די הענט).

פרידע. פאַרגלייבט עס אונדז!.. (אווראַם־בער נעמט צו דאָס בוך.)

צווייטער אקט

ביל ד איינס

אין לערער־קאַבינעט פון דער שול אַף דער פּרווו־סטאַנציע. די הינטערשטע וואַנט באַשטייט פון צוויי גרויסע אָפּרוק־טירן. זיי זײַנען פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען מיט א שווערער פאַרביקער פּאָרטיער. דאָס שרײַב־געצײַג אַפן טיש שטויבט אָפּ פרוי גינטער — א מיטליאָריקע דײַטשקע מיט א הויכן פּאַרקעם. עס קומען אַרײַן ניזאַבודקאַ — א רויט־אָנגעצונדענער, א פאַרשוויצטער, מיט בײַטעלעך אונטער די אויגן, מיט גראָ־ווערנדיקע האָר אַפן קאָפּ.

ניזאַבודקאַ. ווער האָט עס געהייסן צונויפטרײַבן אהער אין שול אַלע שול־קינדער?

פרוי גינטער (פאָרענדיק באַם טיש). **איר וועט וויסן שפּעטער.**

ניזאַבודקאַ (שרײַט אַרויס דורך דער טיר אין קאָרידאָר, פונוואַנען עס הערט זיך א קינדערשער טומל). **אַלע אין די קלאַסן! לערנען!.. לערנען!** (צו פרוי גינטער.) **זאָלן זיי ניט טומלען.** (זעצט זיך צו אַף אַפּצוטעמען.) **ענדלעך בין איך צוריק דאָ, ווו איך בין געבוירן געוואָרן. כ׳גלייב ניט די אייגענע אויגן. כ׳האָב צוריק מײַנע זעכציק דעסיאַטין שווארצערד. איך בין דאָ סטאַראָסטע.**

פרוי גינטער. און וואָס האָב איך דערפון? (שמעקט אַרום דאָס פּעקעלע קאַווע, וואָס ניזאַבודקאַ נעמט אַרויס פון זײַן בוזעם און דערלאַנגט איר.) **ריכטיקע קאַווע!** (דערלאַנגט אים די באַק אַף א קוש צו טאָן. פון יענער זײַט פּאָרטיער און צונויפגערוקטע טירן דערהערט זיך די פּאָרטעפּיאַנע־מוזיק, וואָס באַגלייט אין פיזקולטור־זאַל דעם לימוד. אין באַגלייטונג פון א יעפרייטאָר און פון צוויי סאָלדאַטן קומט אַרײַן מאַיאָר ברענדעקע, באַטראַכט דעם צימער און קוקט זיך אום אַף די סאָלדאַטן.)

ברענדעקע (צו די סאָלדאַטן). **אַף אײַערע פּאָסטנס!** (וואַרט, ביז זיי וועלן אַרויסגיין, דערהערט די פּאָרטעפּיאַנע־מוזיק פון שכיינישן פיזקולטור־זאַל.) **פאַרוואָס האָט מען ניט אָפּגערייניקט די שול?**

פרוי גינטער. דאָס האָב איך, הער מאַיאָר, געוואָלט זאָגן, צי וועלן צווישן די היגע לערערנס זיך ניט געפינען א פאָר מיידלעך, וואָס טויגן פאַר אונדזערע בורשן אַפן פראָנט. די לערערנס, פאַרשטייט מען, האָבן צו אונדזער אָנקומען אהער באַוויזן זיך צו באַהאַלטן.

ברענדעקע. און נון?

פרוי גינטער. איך האָב געהייסן צונויפטרײַבן אהער אין שול די קינדער, זײַנען די לערערנס אַליין אַלע ביז איינער אהער געקומען. איך וואַרט, דער מאַיאָר זאָל באַגיטיקן מײַן אָפּקלײַב.

ברענדעקע. שפּעטער.

פרוי גינטער. שיין. (פאַרנייגט זיך, גייט אַרויס.)

ב ר ע נ ד ע ק ע. נננא, הער ניזאבודקא. דאָס איַינשרײַב־בוך פון סעלעקציע־פּאווילִיאָן געפונען?

נ י ז א ב ו ד ק א. ניין, הער מאיאָר, די דאָקומענטן פון דער פּרווו־סטאַנציע זײַנען ווי אין דער ערד אַרײַן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. באם פּראָפעסאָר קראַנבליט אין דער היים געזוכט?

נ י ז א ב ו ד ק א. אופגעריסן דאָרט אַלע דילן. ער האָט געוווינט אין איין קוואַרטיר מיט גאַלינא אַנטאָנאָוונא, מיט איר יידישן שוואָגער, מיט זײַן טאָכטער, דער גימנאַסטיק־לערערן פרידע.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַלץ, וואָס איר האָט זיך דערוווּסט?

נ י ז א ב ו ד ק א. בא זיי אַף דער קוואַרטיר איז הײַנט געווען דער דירעקטאָר פון דער פּרווו־סטאַנציע פּאַנאַסענקאָ. בא איינעם פון זיי פיר מוז דאָס איַינשרײַב־בוך זיך געפינען.

ב ר ע נ ד ע ק ע. זיי אַלע האָט מען פאַרהאַלטן?

נ י ז א ב ו ד ק א. אַלע געפינען זיך אונטער א וואַך דאָ אין שול, אויסער גאַלינא אַנטאָנאָוונא, וועלכע מע זוכט נאָך.

ב ר ע נ ד ע ק ע. גיט איבער, מ׳זאָל אהער אַרײַנפירן דעם פּראָפעסאָר. (זעצט זיך צו. ניזאבודקא — אָפּ. מ׳פירט אַרײַן דעם פּראָפעסאָר קראַנבליט).

ב ר ע נ ד ע ק ע. ענדלעך!.. זעען מיר זיך מיט אײַך נאָכאַמאָל, הער בירגער אָבער־פּראָפע־סאָר פון דער ווײַמאַרער רעפּובליק! דערקענט איר איַער געוועזענעם אוניווערסיטעט־געהילף, ברענדעקע?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. איך דערקען אײַך און אַלע איַערע... איַיך נאָכאַמאָל ניט צו זען, בין איך געווען גרייט צו באגיין זעלבסטמאָרד.

ב ר ע נ ד ע ק ע. נאָר ניט באוויזן? (שפּאַנט אַרום.) אַף קיין איין אויגנבליק האָב איך אײַך ניט אופגעהערט נאָכצושפּירן דאָ דורך אונדזערע מענטשן, געוווּסט די גאַנצע צײַט, ווו איר געפינט זיך, און צולעצט געפּאַקט. איצט וועלן מיר מיט אײַך פאַרענדיקן אונדזער רעכענונג.

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. איך האָב מיט איַיך ניט קיין שום רעכענונג.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַזוי קאָן זאָגן נאָר א געמיינער שווינדלער. די דערפינדונג קעגן טרי־קעניש, ווייס איך, האָט איר געהאַט שוין בא אונדז אין בערלין און האָט זי אַרויסגעגאַנוועט פון אונדז, קעדיי צו ברענגען זי אהער צו די באָלשעוויקעס?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. ניט עמעס. אין דײַטשלאַנד בין איך געווען ערשט נאָר אַפן וועג צו אָט דער דערפינדונג. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, אפילע ווען אין דײַטשלאַנד זאָל איך זי שוין געווען האָבן, נו?.. האָט דאָך די דערפינדונג געמאַכט איך, דער ייִד קראַנבליט, און ניט איר, דײַטשן, קער זי דאָך צו מיר...

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַלץ, וואָס קנעכט האָבן, קער צו זייערע האַרן, אַרײַנגערעכנט דערפינ־דונגען. דאָס וועט זײַן מיט אַלע דערפינדונגען אין אַלע לענדער, — זיי וועלן אָנגערופן ווערן אַפן נאָמען פונעם באַלעבאָס דעם דײַטשישן אַריער, פּונקט ווי די פּראָדוקציע פון א פאַבריק טראָגט אַפן עטיקעט ניט דעם נאָמען פונעם אַרבעטער, נאָר דעם נאָמען פונעם פאַבריקאַנט. איבער איירעפּע, אַמעריקע און איבער אַלע קאָנטינענטן וועט קלינגען בלויז דער נאָמען פונעם דײַטשישן אַריער. דער נאָמען פון מיר, דעם דײַטשישן אַריער ברענדעקע, וועט מיט פײַערדיקע בוכשטאַבן באטאָג און באנאַכט זיך לויכטן איבערן גאַנצן ערד־קוגל: ברענדעקע איבער אַלעס! פאַרשטאַנען?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. ניין, ניט פאַרשטאַנען.

ב ר ע נ ד ע ק ע. די דערפינדונג קעגן טריקעניש דאַרפן האָבן מיר, די דײַטשן, און איר האָט זי אָפּגעגעבן די באָלשעוויקעס. גייט איר אײַן מיר איבערצוגעבן דאָס איַינשרײַב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאווילִיאָן?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. איך האָב עס ניט.

ב ר ע נ ד ע ק ע. נעמט איר אַף זיך מיר צושטעלן א גענויעם באריכט, אין וואָס די דער־פינדונג באשטייט?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. דאָס קאָן איך ניט טאָן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. פאַרוואָס קאָנט איר ניט?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. איך האָב שוין געזאָגט. אין דײַטשלאַנד בין איך געווען ערשט אַפן וועג צו דער דערפינדונג. אין אַלע אַגראָנאָמישע וועלט־פירמעס האָב איך פאַנאַנדער־געשיקט מײַן פאָרשלאָג צו אַסיגנירן מיטלען, וואָס זײַנען נייטיק אַף צוזוטרעטן צו דער פאָרשונג. קיין איין פירמע איז דערויף ניט אײַנגעגאַנגען. און דאָ, אַף דער פּרווו־סטאַנציע, האָט מען שוין פאַר מיר גאַנצע יאָרן געאַרבעט אַף דער זעלבער טעמע, אוועקגעלייגט אַף

דער דערפינדונג פיל מי און מיטלען און מער קענטעניש, איידער איך איינער פאַרמאַג. איך האָב דאָ בלויז מיטגעאַרבעט מיט די אַרטיקע אָרגאַנאַמען.

ב ר ע נ ד ע ק ע. מיט וועמען? מיט דער קנאַבל־שמעקנדיקער יידישער שנור גאַלינא אַנטאַנאָווונא.

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. זי איז א הויכגעבילדעטע פרוי.

ב ר ע נ ד ע ק ע. דאָס ווייס איך. אַלע ייִדן און ייִדענעס זײַנען הויכגעבילדעטע... נגאַ! גיט איר אונדז אַרויס די דערפינדונג? אָדער איר ווילט פּרווון, וויפל קאָן א געמיינער ייִדי־שער שווינדלער איבערטראָגן מאַטערנישן?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. איך וועל פרווון... קעגן מײַן געוויסן וועל איך גאָרנישט ניט טאָן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. כאַ־כאַ!.. אײַך בענקט זיך נאָכן לאַרבערקראַנץ פון א מאַרטירער. די באָלשעוויקעס זאָלן אײַך שטעלן א דענקמאָל? אין דעם וועלן מיר אײַך אין איין אויגנבליק אַנטוישן. (אין דער צײַט, ווען ער רעדט, באַווײַזט ער צו געבן א צייכן דעם יעפרייטאָר, וועלכער גייט אַרויס און ברענגט צו פירן פאַנאַסענקאָן איינעם מיט ניזאַבודקען.)

ב ר ע נ ד ע ק ע (צו פאַנאַסענקאָן). דער פּראָפעסאָר זאָגט, אז בא אײַך געפינט זיך דאָס אײַנשרײַב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַווילאָן.

פ אַ נ אַ ס ע נ ק אָ. דער פּראָפעסאָר האָט דאָס געזאָגט?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט. וואָס?!

ב ר ע נ ד ע ק ע (מאַכט מיט דער האַנט א צייכן, דעם פּראָפעסאָר שלעפּט מען אַרויס פון צימער). אײַך, הער פאַנאַסענקאָ, איז א וווּנדער, וואָס ער האָט אויסגעזאָגט?... נו... ער איז דאָך אונדזערער א שפּיאָן. נו, אינקורצן. דער פּראָפעסאָר קראַנבליט, אונטערגעשיקט פון אונדז, האָט דאָ נאָכגעשפּירט אויף דער פּרווו־סטאַנציע נאָך דער דערפינדונג און וועט אונדז איצט אַרויסגעבן, אין וואָס זי באַשטייט.

פ אַ נ אַ ס ע נ ק אָ. דער פּראָפעסאָר קראַנבליט?

ב ר ע נ ד ע ק ע. נו, זעט איר שוין, הער פאַנאַסענקאָ! דאָס האָט קראַנבליט אומיסטן זיך אויסגעגעבן בא אײַך פאַר א ייִדן, מע זאָל אים ניט דעמאַסקירן. כאַ־כאַ!.. גוט געשפּילט זײַן ראָל!.. געוואָלט אפילו פאַר אונדזער קומען קלוימערשט באַגיין זעלבסטמאָרד... בראַוואָ, קראַנ־בליט! גוט געשפּילט זײַן ראָל!.. הייסט עס, אין וואָס די דערפינדונג באַשטייט, ווייסן מיר שוין אָן אײַער הילף. פאַר אײַך, א סאָלידן אוקראַיִנער, איז אָבער בעסער, אז אויך איר זאָלט אונדז צושטעלן א גענויעם באַריכט, אין וואָס די דערפינדונג באַשטייט, מיט דעם וואָלט איר בא אונדז מיטאַמאָל זיך גוט פאַררעקאָמענדירט... אָדער מעגלעך, פאַר אײַך, ניט קיין אָגראָנאָם פון פאַך, וועט עס זײַן שווערלעך דאָס צו טאָן... איז שטעלט אונדז דערווײַל צו דאָס אײַנשרײַב־בוך פון דער פּרווו־סטאַנציע... גייט איר דערויף אײַן, הער דירעקטאָר?

פ אַ נ אַ ס ע נ ק אָ. דאָס אײַנשרײַב־בוך פון דער פּרווו־סטאַנציע האָב איך ניט.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אָך, אַזוי?.. איבעריקנס, הער פאַנאַסענקאָ, איר זײַט דאָך, ווי מיר האָט מען וועגן אײַך באַריכטעט, ניט קיין קאָמוניסט; געווען זײַט איר דאָ דער עקאָנאָם נאָך אַמאָל באַם גוטבאַזיצער. פאַרוואָס דען זאָלט איר ניט טאָן דאָ ווײַטער אײַער אַרבעט?.. ניין?.. פאַר־וואָס ווילט איר ניט?

נ י ז אַ ב ו ד ק אָ. עך, אַלטער הונט!.. דיר האָט געלוינט ביז הײַנט צו קאָמאַנדעווען דאָ מיט אַלץ, אַרײַנגערעכנט מײַנע זעכציק דעסיאַטין, מײַן בלוט, און איך אויף דער פרעמד האָב זיך געמוזט דורכשלאָגן מיט שפּילן גאַנצע נעכט אויף באַלאַלײַקעס אין בערלינער נאַכט־שענק־לעך! איצט, סוקין סין, האָט מען זיך צו דיר דערקלײַבן. (באַמערקט, ווי קרום אויף אים קוקט דער מאַיאָר, און בלײַבט שטיל.)

ב ר ע נ ד ע ק ע. מיר ווילן לעבן מיט אײַך גוט, הער פאַנאַסענקאָ, מיר דאַרפן, אז מאָרגן גאַנצפרי זאָלן דאָ אַלע אַרויס אויף די פעלדער צום שניט פון די צײַטיקע קולטורן, און איר מוזט באַלד דערצו זיך נעמען. איר זאָגט צו?

פ אַ נ אַ ס ע נ ק אָ. ס'איז ניט אין מײַנע מעגלעכקײַטן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. פאַרוואָס איז דאָס געווען אין אײַערע מעגלעכקײַטן ביז הײַנט?

פ אַ נ אַ ס ע נ ק אָ. די מאַשין איז דאָ געווען אוועקגעלאָזט. אוועקלאָזן זי פונסנײַ פיל איך זיך ניט אין קראַפט. איך בין שוין צו אַלט. מיר מיט מײַן גרויען קאָפּ איז שוין צײַט אויף דער סידעלע.

ב ר ע נ ד ע ק ע. דאָך... טוט א טראַכט! (דערזעט, ווי פאַנאַסענקאָ גרייט זיך אוועקצוגיין.) ניין... דאָ אין צימער גיט א טראַכט! (צום סאָלדאַט בא דער טיר.) אַרײַנרופן פרוי גינטער. (צו פאַנאַסענקאָן.) נו, האָט איר שוין א טראַכט געטאָן?

פ א נ א ס ע נ ק אָ. כ׳האָב געזאָגט: ס׳איז מער ניט אין מײַנע מעגלעכקײַטן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. ווי, פרוי גינטער, האַלט עס מיט די לערערנס? א האַלב טוץ מוידן האָט איר אָפּצוקלײַבן דאָ פאר אונדזערע בראַווע בורשן אפן פראָנט.

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. א פּאָר האָב איך אין אויג דאָ צווישן די לערערנס.

ב ר ע נ ד ע ק ע. נו, הער פאנאסענקאָ, זיך נאָך אַלץ ניט דערטראַכט?

נ י ז אָ ב ו ד ק א. א קאָמוניסט איז ער! (ווײַזט דעם מאיאָר פּאַוולאָס פאָטאָגראַפיע אינעם רעמל.) זײַן זון — א פּילאָט. ער האָט אים געוואָלט כאַסענע מאכן פארן זשיד אווראָם־בערס מויד. אַלע ווייסן עס דאָ!

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. די מויד, איינע פון יענע, וואָס איך וויל אָפּקלײַבן, געפינט זיך איצט דאָ אין שול. קאָן דער הער מאיאָר ניט אָפּרײַסן אַן אויגנבליק דאָס צו באַווילִיקן? (זי פּאַרציט די שווערע פּאָרטיער.)

עס הערט זיך אַלץ שטאַרקער די קלאַוויר־מוזיק, וואָס באַגלייט דעם פיזקולטור־לימוד. עס רוקן זיך פאנאנדער די טירן און עס אַנטפּלעקט זיך דער גרויסער גימנאַסטיק־זאַל, ווו פ ר י ד ע פירט דעם לימוד. מיט די רוקנס צום צושויער מאכן די קינדער איבונגען אײנײנעם מיט פרידען; פאַרטאָנענערהייט ווייסן זיי ניט, אז די טירן האָבן זיך אָפּגערוקט און אז אין אַרײַנגאַנג שטייען און קוקן אף זיי ברענדעקע, פרוי גינטער און ניזאָבודקא. דערשראָקן, שווער און גיך איז אונטער דער קלאַוויר־באַגלייטונג דאָס ציילן פון די קינדער: „איינס, צוויי, דרײַ... איינס, צוויי, דרײַ...“ אײנײנעם מיט אַלע קינדער טוט פרידע זיך א דריי אויס מיטן פּאָנעם צום אַרײַנגאַנג. אײנײנעם מיט אַלע קינדער ווערט זי צוגעשמידט מיט איר בליק צו ברענדעקען און זײַנע באַגלייטער.

פ ר י ד ע (ניט איבעררײַסנדיק די איבונגען). רוִיק, רוִיק, קינדער... איינס, צוויי, דרײַ... זיך ניט שרעקן, קינדער... איינס, צוויי, דרײַ... (אַלע דרייען זיך ווידער אויס מיט די רוקנס צום אַרײַנגאַנג און זעצן פאָר די איבונגען, אָפּציילנדיק אין גרויס שרעק דעם טאַקט.)

י א ש ק ע (דער סאמע קלענסטער אין דער הינטערשטער ריי קינדער קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן, דרייט אויס זײַן קעפּל צו די שרעקלעכע „געסט“ און ציילט מיט גרויס שרעק, ווען אַלע ווערן שוין אנשוויגן). איינס, צוויי, דרײַ...

די איבונגען ענדיקן זיך מיט א „פּיראַמידע“.

נ י ז אָ ב ו ד ק א (טוט פרידען א שלעפּ פון אָרט). קום!..

בא דער שווײַגנדיקער שרעק פון אַלע קינדער דערנעענטערט זיך פרוי גינטער צו פרידען און, דורכווינקענדיק זיך מיטן מאיאָר, נעמט זי אָן פרידען פאר די הענט־מוסקולן. דער מאיאָר טוט א שאָקל מיטן קאָפּ און קערט זיך אום אין לערער־צימער מיט ניזאָבודקען, די טירן ווערן הינטער זיי צוריק צונויפגערוקט, די שווערע פּאָרטיערן — צוריק פאַרצויגן.

ב ר ע נ ד ע ק ע (צו פאנאסענקאָן). נאָך אַלץ ניט קיין טראַכט געטאָן?.. (טוט א קלאַפּ אין טיש.) דאָס אײַנשרײַב־בוך זאָל אין פינף מינוט ארום ליגן דאָ בא מיר אפן טיש, טויזנט סאַקראַמענטאָס!.. א דירעקטאָר מוז צו יעדער צײַט וויסן, ווו געפינט זיך אַזא וויכטיקער קאָנטראָל־דאָקומענט פון זײַן אנשטאַלט, ווי אַן אײַנשרײַב־בוך!

פ א נ א ס ע נ ק אָ. כ׳האָב עס ניט און ווייס ניט, ווו עס געפינט זיך.

ב ר ע נ ד ע ק ע (כאַפּט פּאַוולאָס פאָטאָגראַפיע פונעם טיש). דײַן זון?

פ א נ א ס ע נ ק אָ. מײַן זון.

ב ר ע נ ד ע ק ע. א קאָמוניסט?

פ א נ א ס ע נ ק אָ. מיט מיר האָט ער זיך וועגן דעם ניט באַראַטן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. געוואָלט אים כאַסענע מאכן פאר א ייִדישקע?

נ י ז א ב ו ד ק א. געוואָלט אַרײַנעמען צו זיך אין שטוב א זשידאָווקע פאר א שנור? נו! ענטפער!

פ א נ א ס ע נ ק אָ. געוואָלט...

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַלץ קלאָר. (דיקטירט דעם יעפרייטאָר, וועלכער קלאַפּט אף א שרײַבמאַשינקע.) אורטייל: פאנאסענקאָ פאר וועלן פאַרומרייניקן און פאַרמיסטיקן עכט אוקראַיִניש בלוט און כאַסענע מאכן זײַן איין־איינציקן זון פאר א מינדערווערטיקער אומרייניקער יודין צום צ ע ש אָ ס ן ו ע ר ן (גיט דעם אורטייל ניזאָבודקען.) צונויפרופן אַלע אָרטיקע אוקראַיִנישע אײַנוווינער, פאר זיי איבערלייענען און פאר זיי אין די אויגן אויספילן דעם אורטייל! (פאנאסענקאָן פירט מען ארויס.)

ב ר ע נ ד ע ק ע (צו ניזאָבודקען). מיט אויספילן דעם אורטייל אויסוואַרטן. בא די אָרטיקע אײַנוווינער איז ער, זעט אויס, זייער באַליבט און געאַכטעט. (ווײַזט אין פענצטער.) מ׳איז זיך

אָנגעלאָפֿן אהער, ווען מ'האָט אים אהער געפֿירט. קיין באָלשעוויק איז ער ניט געווען, א גוטער פּאַכמאַן. מיר וועלן אים, מעגלעך, נאָך איבערבייגן, און ער וועט אונדז דאָ דינען אַלס אונדזער סטאַראָסטא און פֿאַרוואַלטער.

נ י ז א ב ו ד ק א. הער מאַיאָר!.. בין איך דאָך אויך אַן אָרטיקער... געשיקט אהער פֿאַר א סטאַראָסטא... איז צו וואָס פּאַנאַסענקאָ?

ב ר ע נ ד ע ק ע. צוואַנציק יאָר, הער ניזאַבודקא, האָט איר בלויז פֿרײלעך געמאַכט מיט אײַער באַלאַלײַקע אויסלענדער אין בערלינער נאַכט־קנייפּעס — דאָס הייסט נאָך ניט, אַז דאָ וועט דאָס פֿאָלק וועלן טאַנצן אונטער אײַער באַלאַלײַקע, פֿאַרשטאַנען? באַווײַזט, אַז אונטער אײַער ווירקונג זאָלן דאָ מאָרגן אַלע ביז איינעם אַרויס צום שניט אויף די פֿעלדער.

נ י ז א ב ו ד ק א. איך וועל דערווײַזן, הער מאַיאָר, איך וועל דערווײַזן!

ב ר ע נ ד ע ק ע. נננא, וועלן מיר זען... (כאַפּט זיך פֿון א נײַ־פֿאַרטראַכטער אידיי.) רופֿט צוריק אַרײַן פּאַנאַסענקאָ, נו שנעל! (צום צוריק־אַרײַנגעפֿירטן פּאַנאַסענקאָן.) איר קאָנט גיין צו זיך אהיים, הער דירעקטאָר, איר זײַט פֿרײַ.

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. איך?..

ב ר ע נ ד ע ק ע. אויף דער פֿרײַ וועט אײַך זײַן גרינגער איבערצולייגן בײַ זיך די פֿאָר־שלאָגן, וואָס איך האָב אײַך געמאַכט. לערנט זיך פֿונעם פּראָפֿעסאָר קראַנבליט. אויב אַזאַ וועלט־באַרימטן געלערנטן לוינט צו דינען אונדז געטרײַ, לוינט עס, מיין איך, אויך אײַך. זעט, ווי מיר היטן אָפּ אונדזערע פֿרײַנט. קראַנבליטן, צום בײַשפּיל, וועלן מיר דאָ צושטעלן א ספּעציעלן מענטשן, וועלכער וועט אים היטן אויף טריט און שריט, איינפֿאַך — עמעצער פֿון די אויסבאַהאַל־טענע באָלשעוויקעס זאָל אים דאָ ניט אונטערשטעכן... נו, אויף ווידערזען, הער דירעקטאָר, געדענקט, אַז מיר דאַרפֿן וואָס גיכער וויסן, אין וואָס באַשטייט די נײַע דערפֿינדונג. יעדנפֿאַלס דאַרף וואָס גיכער ליגן בײַ מיר אויפֿן טיש דאָס אײַנשרײַב־בוך פֿונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן. אויף ווידערזען! (צום סאָלדאַט בײַ דער טיר, נאָכדעם ווי פּאַנאַסענקאָ איז אַוועקגעגאַנגען). אַרײַנ־פֿירן!

א צעשלאָגענעם, דורכויס אין בלוט פֿירט מען אַרײַן א ו ר אָ ם־ב ע ר ן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַך!.. אַליין דער אַלטער מאַקאַבייער... זע נאָר! אַליין דער הער קנאָבעלעך! כאַ־כאַ־כאַ! (קוקט אים אַרום.) אויסגעצייכנט האָבן עס אונדזערע בורשן געמאַכט!.. ווי פֿײַן דו זעסט אויס, הויכשטאַמיקער ביבל־פֿאָן... פּאַטריאַרך אַבראַ־אַ־אַ־ם! כאַ־כאַ!.. צופֿרידן מיט די פֿאַשיסטן? זיך דערפֿרייט מיט אונדזער קומען? ענטפֿער, ווען מען רעדט צו דיר!

א ו ר אָ ם־ב ע ר. דערווײַל זע איך, האָט איר זייער זיך דערפֿרייט מיט מיר. (ווײַזט אויפֿן בלוט, וואָס אויף זײַן פּנים און אויף זײַנע הענט.) אָט איז זי — אײַער פֿרייד. איך טראָג זי אויף זיך...

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַהאַ! מיט שטאָלץ רעדסטו!.. נו, איז זײַ ניט ווייניקער שטאָלץ פֿון דײַנע ייִדישע גלויבנס־גענאָסן אין דײַטשלאַנד און אין עסטרײַך — יענע באַגייען מאַסנווײַז זעלבסט־מאָרד. (כאַפּט דעם יעפֿרייטאָרס קורץ שווערדל און דערלאַנגט עס אוראָם־בערן.) נאַ, יודע!.. באַגיי דאָ אויפֿן אָרט זעלבסטמאָרד — נו... פֿאַרשאַף צוויי ריינע אַרויער א ביסל פֿאַרגעניגן. נו, נעם דאָס שווערדל און שטעך עס אַרײַן זיך אין האַרצן, באַפֿעלט מען דיר!

א ו ר אָ ם־ב ע ר (פֿאַרקוועטשט דאָס דערלאַנגטע שווערדל אין האַנט, קוקנדיק אויף די צוויי דײַטשן, וואָס מאַכן ביידע א באַוועגונג, ווי אין שרעק).

ב ר ע נ ד ע ק ע (שטויסט אַרויס פֿון אוראָם־בערס האַנט דאָס שווערדל, וואָס פֿאַלט אויף דער פּאַדלאָגע). באַגייסטו זעלבסטמאָרד?.. ניין?.. פֿאַרוואָס? וואָס שטייט דיר דען נאָך פֿאָר אין לעבן גוטס בײַ אונדז, פֿאַשיסטן, דו אַלטער הונט?.. ענטפֿער!

א ו ר אָ ם־ב ע ר. ייִדן פֿון מײַן גראַד הייבן ניט אויף אויף זיך די האַנט.

ב ר ע נ ד ע ק ע. פֿאַרוואָס?

א ו ר אָ ם־ב ע ר. דאָס זאָלן טאָן אַנדערע.

ב ר ע נ ד ע ק ע. ווער?

א ו ר אָ ם־ב ע ר. יענע, וואָס, אַוועקגייענדיק פֿון דער וועלט, וועלן סײַווי־סײַ לאָזן נאָך זיך א געשטאַנק.

ב ר ע נ ד ע ק ע (צום יעפֿרייטאָר, וואָס פֿאַרנעמט זיך שלאָגן אוראָם־בערן). צוּוואַרטן! (צו אוראָם־בערן.) דײַן באַרוף?

א ו ר אָ ם־ב ע ר. ביז דער רעוואָליוציע בין איך געווען א שנײַדער.

ב ר ע נ ד ע ק ע. און געוואָרן ביסטו בײַ די באָלשעוויקעס א וויכטיקער אָנגעשטעלטער אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן?.. וויאַרום?

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר. עס פּאַסירט פּאַרשיידנס. דײַטשן, צום בײַשפּיל, זײַנען אַמאָל געווען מענטשן, און באַם פאַשיזם זײַנען זיי געוואָרן... שנײַדער.

ב ר ע נ ד ע ק ע (צום יעפרייטאָר, וואָס טוט זיך ווידער א ריס צו אוורא֔ם־בערן). צוואָרטן! (צו אוורא֔ם־בערן.) האָסט דאָ געדרייט מיט אַלע געשעפטן פון דער פּרווו־סטאַנציע — אין וואָס באַשטייט דאָ די נײַע דערפינדונג?

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר. די נײַע דערפינדונג?.. וואָס האָט עס צו טאָן מיט א... שנײַדער?

ב ר ע נ ד ע ק ע. און ווו איז דאָס אײַנשרײַב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַווילי֑אָן? באַלד זאָל עס ליגן בא מיר דאָ אַפן טיש!

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר. איך האָב עס ניט.

ב ר ע נ ד ע ק ע. דאָנערוועטער! ווילסטו, מעגלעך, פּאַרפלוכטער מאַקאַבייער, זיך זען דאָ מיט דײַן ליבלינג? (טוט א ווונק דעם יעפרייטאָר, וועלכער פירט אַרײַן פרידען.) דערקענסט דײַן הימלשאַץ?.. נון, הייב אויף אויף איר דײַנע ביבל־אויגן און גיב איר דײַן בענטשונג אין איר היוכן באַרוף אין לעבן — זי וועט פון הײַנט אָן באַפרידיקן דעם באַגער פון אונדזערע בראַווע בורשן אַפן פראָנט.

י ע פ ר י י ט אָ ר. די אײנע, הער מאיאָר, איז אימשטאַנד צופרידנשטעלן א גאַנצע ראָטע. (נעמט אויסדרייען פרידען מיטן פּאָנעם צום מאיאָר און ווערט פון איר אָפּגעשטויסן.)

פ ר י ד ע. ניט אזוי גרינג וועט דאָס אײַך געלינגען!

ב ר ע נ ד ע ק ע. פּאַרפלוכטע, איר! (צום יעפרייטאָר.) באַווײַז א נומער, ווי אונדז געלינגט עס! באַווײַז עס דעם אַלטן קנאָבעלאך אין די אויגן און פאַרשאַף אים פרייד. פאַרשטאַנען?

י ע פ ר י י ט אָ ר. יאַוואָל, הער מאיאָר! (לאָזט זיך צו פרידען, כאַפּט פון איר א שטאַרקן שטויס, בלײַבט צערייצט און וויל באַנײַס אָף איר זיך וואַרפן.)

ב ר ע נ ד ע ק ע (פאַרהאַלט אים). ערנסט און צום לעצטן מאָל, דו, יודע! זאָג אויס, אין וואָס באַשטייט די נײַע דערפינדונג אָף דער פּרווו־סטאַנציע. ברענג אַהער כאָטש דאָס אײַנ־שרײַב־בוך, און דו קויפסט מיט דעם אויס דײַן טאָכטער פון פּראָסטיטוציע אָף אייביק!

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר. האַ?.. אָף אייביק?.. (צו פרידען.) האַ?.. אָף אייביק, קינד... אָף אייביק פון שאַנד?.. האַ?.. לאָז א טראַכט טאָן, קינד, לאָז א טראַכט טאָן...

פ ר י ד ע (פאַרווּונדערט). טאַטע?!..

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר. ניין, קינד, ניט וועגן יאָ אָדער ניין טראַכט איך... (אָנגעשטרענגט פאַר־טראַכט.) דאָס איז ער... דער ערשטער ניסאַיען מײַנער?

פ ר י ד ע. טאַטע?!..

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר. וועגן דעם ניסאַיען לאָז א טראַכט טאָן... איך בין דאָך א ייִד — א ייִד טראַכט. ער פאַרדינט דערפאַר מער שטראָף, אויב ער פעלשט!

ב ר ע נ ד ע ק ע. זאָגסטו אויס, ווו איז דאָס אײַנשרײַב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַווילי֑אָן, נו, ענטפער!

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר. איך האָב עס ניט.

ב ר ע נ ד ע ק ע. דרעקיגער יודע! (שלעפּט צו אוורא֔ם־בערן פרידען און הייבט אויף אוורא֔ם־בערס בלוטיקע הענט אָף איר קאָפּ.) גיב איר, דו אַלטער מאַקאַביי, דײַן בענטשונג אָף איר היילקן פּראָסטיטוציע־וועג! נו?.. איך באַפעל דיר! בענטש ביבליש דײַן קינד צו פּראָסטיטוציע, נו, שנעלער!

א ו ו ר אָ ם ־ ב ע ר (זײַנע הענט איבער פרידעס קאָפּ). זאָלסט היטן דײַן ריינקײַט, קינד מײַנס. באַצאָל דערפאַר מיט דײַן לעבן. אויב מ'וועט דאַרפן, באַצאָל, נאָר בלײַב ריין. איך בענטש דיך דערוף מיטן בלוט, וואָס טריפט פון מײַנע הענט אָף דײַן קאָפּ.

ב ר ע נ ד ע ק ע (צום סאָלדאַט). זיי פאַנאַנדערנעמען! (צום יעפרייטאָר.) אורטייל: (בײַם דער יעפרייטאָר הייבט אָן קלאַפּן אָף דער שרײַב־מאַשין.) ניין, ניט צום צעשיסן... נאָר וואָס? (לאַכט.) ער וועט בא מיר אופגעהאַנגען ווערן אין איין ריי מיט אוקראַינער, און צו זיי וועט זײַן צוגעקלעפּט א פּלאַקאַט: „דאָ הענגט די סאָוועטישע פּרײַנטשאַפט פון פעלקער!“ ווי גלענצנ־דיק דאָס וועט אויסזען!.. האַ? (דערזעט פּלוצלינג, ווי די פענצטער ווערן באַלויכטן מיטן אָפּ־שײַן פון ווײַטע פײַערן, און דערהערט, אז אין דרויסן קלינגט מען צו א סרייפע).

נ י ז א ב ו ד ק א (אַרײַנלויפנדיק). זיי האָבן אונטערגעצונדן די בוימוואָל־פעלדער, הער מאיאָר!

ב ר ע נ ד ע ק ע. ווער?!

נ י ז א ב ו ד ק א (ווײַזט אָף אוורא֔ם־בערן). זײַן שנור, די אוקראַינקע גאַלינא אַנטאָנאָוונא. מ'האָט זי דאָרט געכאַפּט און פאַרהאַלטן.

בּרענדעקע (קרימט זײַן פּאַנעס, קוקנדיק אַף פרידען און אוראַם־בערן). **זי אײַנ־שפּאַרן דאָ אין שול לעבן שטאַב, און אים — ברענגען מיר אהין צו די ברענענדיקע פעלדער.** (צו אוראַם־בערן.) **דיר אין די אויגן, יודע, וועט די שנור דײַנע געקעפּט ווערן.** (לויפט אוועק, שרײַענדיק צו ניזאַבודקען.) **אַנטרײַבן אהין מענטשן אף איבערגראָבן די פעלדער און ניט לאָזן, דאָס פײַער זאָל זיך אויסשפּרייטן.** (דער פײַער־אָפּשײַן און דער טומל אין דרויסן וואַקסן.)

בילד צוויי

דער לופט־דרוק ארום אן אראָפּגעפאַלענער באַמבע הייבט אוף דעם שטיב אף א ווײַטער שטרעקע. דער שטיב לייגט זיך אָפּ, און מע דערזעט א פעלד מיט געשלענגלטע וועגלעך, וואָס זײַנען באַלויכטן מיט פריִער לעוואַנע־שײַן און פירן צווישן גרינע קוסטעס צו א באַרגיק אָרט. פון רעכטס פאַלט אן אָפּשײַן פון א סרייפע. לינקס פונעם טײַך, וואָס איז פאַרשטעלט מיטן הויכן ברעג, הערט זיך באַרעכס קאָל:

טויבן פליִען הויך, זיי דערהויבן,
פליט זשע, פליט זשע הויך, מײַנע טויבן!

באַרעך (א נאַסער דראַפּעט זיך פונעם טײַך אפן ברעג[1]. צוגעבונדן מיט דינע שפּאַגאַט־לעך צו זײַן גאַרטל, שוועבן איבער זײַן קאָפּ עטלעכע טויבן. אין האַנט האַלט ער א ביקס און שרײַט אראָפּ צום טײַך). **אָט אזוי, פּראַווילנאַ, שלעפּ זי, סענקאָ!.. לאָז זי ניט אָפּ! אזוי קומט איר!** (אויסגעצויגן זיך אפן ברעג, לאָזט ער אראָפּ די הענט צו העלפן סענקאָן ארויסקריכן.) **איז ווי זאָגט מען אף יידיש: „בודיעט כאַראָשאָ”? הא?.. סענקאָ?..**

סענקאָ. סע וועט זײַן גוט! (זײַן קאָפּ באַווײַזט זיך אײַנינעם מיטן קאָפּ פונעם „זאַוו” כײַע, וועלכע ער שלעפּט אף זײַנע פּלייצעס. ער רײַסט זיך אָפּ פון באַרעכס הענט און גליטשט זיך אראָפּ מיט כײַען צוריק אין טײַך.)

כײַע. לאָז מיך אָפּ, קליפּעניק דו!

סענקאָ. ניין, ווארט... קריך צו מיר אף די פּלייצעס, זאָגט מען דיר! (זײַן קאָפּ באַווײַזט זיך ווידער מיט כײַעס קאָפּ.) **בודיעט כאַראָשאָ!**

באַרעך (באַמיִענדיק זיך ארויסשלעפּן זיי אפן ברעג). **און אף יידיש ווי?**

סענקאָ. סע וועט זײַן גוט! (גליטשט זיך ווידער אראָפּ אין טײַך, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אי כײַען, אי באַרעכן. עס הערט זיך פון דאָרט, ווי מע הייבט פון טײַך א שיפל. דאָס שיפל שטופּט מען ארוף אפן ברעג. באַרעך און סענקאָ שלעפּן צולעצט ארוף כײַען.)

באַרעך (צו כײַען, וואָס שטייט קוים לעבעדיק אף די פיס). **אָט אזוי.** (שטרעקט איר אויס די האַנט.) **ס בלאַגאָפּאָלוטשנאַי עוואַקואַציִי וואַם! זאַוו אונדזערער!**

כײַע. ווייסטו, וואָס איך וועל דיך בעטן, באַרעך?.. גיי אין דער ערד!

באַרעך (כײַען אין אויער). **ווו זשע איז געבליבן פרידע?**

כײַע. דאָס קוק איך ארויס... געזאָלט קומען אהער מיטן פּאַטער און מיט פּאַנאַסענקאָן. אַפּאַנעם, שוין ניט באַוויזן נעבעך... געבליבן דאָרט.

באַרעך. געבליבן?!.. (טראַכט א רעגע.) **סענקאָ!** (שלעפּט איס אָפּ אין א זײַט.) **וואָס האָט פרידע געשריבן צו פּאַוולאָן און מישען אפן אעראָדראָם? נו, גיכער זאָג!**

סענקאָ. אז מיר וועלן זיך געפינען לעבן דער קאָמענדאַנטיע, האָט זי געשריבן, — מ'זאָל, הייסט עס, אונדז אראָפּוואַרפן דאָרט פון אן אעראָפּלאַן געווער, — האָט זי געשריבן.

באַרעך (טראַכט א רעגע). **בודיעט כאַראָשאָ!** (שרײַבט אָפּגיך א צעטעלע, בינדט עס צו צו אײנער פון די טויבן, גייט צו צום ברעג פון טײַך און לאָזט דאָרט אָפּ די טויב. אלע קוקן זיך אײַן, ווו זי פליט אוועק.)

כײַע. זעט! (ווײַזט אף דעם אָפּשײַן פון דער סרייפע, וואָס דערנענטערט זיך און שטאַרקט זיך.)

סענקאָ. עס ברענען די בוימוואָל־פעלדער. (אײַנינעם מיטן אָפּשײַן פון דער סרייפע הייבט אָן אהער דערגרייכן א רויך. מ'הערט, ווי עס דערנענטערן זיך אײַניציקע שאָסן.) **מע גייט אהער!**

באַרעך (אָנצילעווענדיק זײַן ביקס). **אוועקגעגאַנגען! אלע!**

אלע גייען אוועק און פאַרשווינדן אינעם רויך, וואָס ווערט אלץ געדיכטער און פּילט אָן די גאַנצע לופט. די אײַניציקע שאָסן הערן אוף. עס הערן זיך הארטע דײַטשיש־מאַרשירנדיקע טריט פון סאָלדא־

---

[1] דעם טײַך זעט מען ניט ארויס.

טישע שטיוול און די שטרענגע קאָמאַנדע: האַלט! מאָמענטנווײַז, ווען דער ווינט צעזייט דעם רויך, זעט מען באַם אָפּשײַן פון דער סרייפע א לאַנגע ריי סילועטן פון אַנגעטריבענע קאָלווירטניצעס, וואָס גראָבן איבער דאָס פעלד. די ערשטע אין דער ריי שטייט נ א ס ט י א. ווי נאָר דער דײַטשישער סאָלדאַט, דער היטער, גייט פאַרבײַ, הערן אנדערע אין דער ריי אויף צו גראָבן.

נ א ס ט י א (צו איר שכיינע אין דער ריי). **איר קינד... יאַשקע... ער שלאָגט זיך, נעבעך, דאָ ארום...**

ש כ י י נ ע. נו יאָ, א קינד... עס פילט...

נ א ס ט י א. צו דער מוטער, נעבעך, אַלץ ער רײַסט זיך... איך לעב ניט, זיי וועלן אים דערזען, וועלן זיי דאָ דער מוטער אין די אויגן אים דערשיסן.

ד ײַ ט ש י ש ע ר ס אָ ל ד א ט (צו די קאָלווירטניצעס). **איבערגייין גיך, אָט אהין און דאָרט ווײַטער גראָבן!** (ביידע סאָלדאַטן שטופן אָפּ די קאָלווירטניצעס רעכטס און ווערן מיט זיי דאָרט פארשוווּנדן.)

דער רויך פאַרפולט ווידער די גאַנצע לופט. די סאָלדאַטישע שטיוול מאַרשירן ווידער מיט האַרטע טריט און האַקן זיך באַנײַס איבער מיט דער קאָמאַנדע: האַלט! ווידער מאַכט דער ווינט צעגיין דעם רויך. באַם רויטן אָפּשײַן פון דער סרייפע דערזעט מען ב ר ע נ ד ע ק ע ן און אַנטקעגן אים שטייען צוויי סאָלדאַטן אין ביידע זײַטן פון ג א ל י נ ע ן, בא וועלכער די הענט זײַנען געבונדן אהינטער.

ב ר ע נ ד ע ק ע. נעענטער צופירן! (קוקט, ווי די סאָלדאַטן מאַכן צו אים א פּאָר טריט איניינעם מיט גאַלינען.) **האַלט!** (צו גאַלינען.) **איר זײַט א קאָמוניסטקע? אין פּאַרטיי?**

ג א ל י נ א. יאָ, שוין זייער לאַנג אין פּאַרטיי.

ב ר ע נ ד ע ק ע. זאָגט אויס, אין וואָס באַשטייט די נײַע דערפינדונג אַף דער פּרווו־סטאַנציע... ברענגט מיר מינדסטנס דאָס אײַנשרײַב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן, און איר בלײַבט לעבן.

ג א ל י נ א. איך בין א קאָמוניסטן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אײַלט זיך ניט זאָגן ניין. איר זײַט א יונגע אוקראַיִנישע פרוי. אין אײַך, מעגלעך, קען זיך נאָך, פאַרליבן אַן אריִער. (דערזעט, ווי גאַלינא קוקט אַף אים א רעגע און שפּײַט אויס.) **פאַרפלוכטע!** (כאַפּט ארויס דעם רעוואָלווער. דער רויך, געטראָגן פון ווינט, פאַר־שטעלט זיי און גייט זיך פאַנאַנדער אַף אן אנדער אָרט, ווו, באַלויכטן מיטן אָפּשײַן פון דער סרייפע, לויפט אָן י א ש ק ע.)

י א ש ק ע. מאַמע!.. מאַ־מע!.. (הין און צוריק יאָגט ער ארום דעם רויך, וואָס האָט פאַר־שלונגען זײַן מוטער.)

נ א ס ט י א (יאָגט נאָך אים). **יאַשקע!.. קינד! קום אהער, צו מיר, צו מיר.**

דער רויך פאַרשלינגט נאַסטיען און צעגייט א ביסל ווײַטער, ווו מיטן רויכערדיקן רעוואָלווער אין האַנט שטייט ברענדעקע לעבן דער דערשאָסענער גאַלינען.

י א ש ק ע (דערזעענדיק דער מוטערס קערפּער). **מאַ־אַ־מ־אַ־אַ!..** (מיטן לאַנגן האַרצרײַסנ־דיקן געשריי אַנטלויפט ער אין רויך ארײַן, וואָס פילט ווידער אָן דורכוים די לופט).

דער שטאַרקער ווינט צעזייט ווידער ערטערווײַז דעם רויך. דאָ און דאָרט דערברענען איינציקע קוסטעס. באַהיט פון א דײַטשישן סאָלדאַט, אַף וועלכן עס איז צו זען, אז אים הייבט אָן ווערן קאַלט, שטייט א ו ו ר אָ ם־ב ע ר, אײַנגעבויגן איבער זײַן שנורס קערפּער, וואָס איז איבערגעדעקט מיט זײַן צעריסן פאַר־בלוטיקט רעקל.

ס אָ ל ד א ט. ננאַ! שלוס מאַכן, יודע! אוועקטראָגן די לייכע אָט אהין אין גרוב.

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר (טוט זיך א שאָקל). **איי...** (מיט א ניגון פון קינעס.) **יושב בדד וידום כי נטל עליו.** (קוקט זיך ארום.) **עלנט ווי א שטיין... אַליין...** (בייגט זיך אָן אַף אופהייבן דעם טויטן קערפּער.)

פ א נ א ס ע נ ק אָ (קומט פאַמעלעך אָן פון רעכטס). **ניין, אווראָם־בער, ניט אַליין.** (בייגט זיך אָן צום קערפּער.)

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר (טראַכט א רעגע). **מיקיטאַ וואַסיליטש, סוויאַז, האַ?**

פ א נ א ס ע נ ק אָ (גיט אים די האַנט). **יאָ, אווראָם־בער, סוויאַז!**

ביידע טראָגן אוועק דעם קערפּער, באַגלייט פונעם דײַטשישן סאָלדאַט. דער ווינט שטאַרקט זיך אַלץ, רייניקט אָפּ די לופט פון רויך און גייט איבער אין א שטורעם. אפּן געשלעגנלטן וועג באַווײַזט זיך י א ש ק ע, וועלכער שרײַט אַלץ „מאַמאַ!“. באַלויכטן מיט לעוואַנע־שײַן, יאָגט ער מיטן וועג באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף. דער שטאַרקער ווינט דרייט מיט זײַנע צעשויבערטע האָר און הייבט אויף ארום אים א שטויב און זשמוטן שטרוי. יאַשקע לויפט מיט גרויס שרעק פאַר יעדן שאָרך, וואָס

דערטראָגט זיך צו אים פון די ארומיקע שטארק צעוויגטע געוויקסן. ער באהאלט זיך אין שאָטן פון אן איינזאמען קוסט און שפארט זיך צו צום שטאמל, אויך דאָס ביימעלע וויגט זיך און רוישט און ווארפט אָן א שרעק אף יאשקען, וועלכער שרײַט אלץ „מא־מא!“. צו זײַן גרויסער מוירע דערזעט ער, ווי צו אים דערנעענטערט זיך א לאנגער טונקעלער שאָטן פון עפּעס א מענטשן, וועלכן מ׳זעט נאָך ניט ארויס. מיטן געשריי „מאמא!“ אנטלויפט יאשקע, אומקוקנדיק זיך אלעמאָל צום שאָטן, וועלכער רוקט זיך נאָך אים. יאשקע פאלט ענדלעך אפן פעלד און וויינט זייער שטארק, באהאלטנדיק זײַן קעפל אין גראָז, דערהערט ער פלוצלינג, ווי מ׳פרעגט בא אים:

— וואָס וויינסטו, יאָסעמל דו קליינס?

י א ש ק ע (אופהייבנדיק אין שרעק זײַן קאָפּ און דערזעענדיק, אז לעבן אים שטייט דער בלינדער ייִד פון די קארפּאטן). **פונוואנען ווייסט איר?.. פונוואנען ווייסט איר, אז זיי האָבן דערהארגעט מײַן מאמען?**

ב ל י נ ד ע ר י י ִ ד. איך הער, קינד... דאָס געוויין פון א יאָסעם לאָזט זיך דערקענען צווישן אלע געוויינען.

י א ש ק ע. ווו איז אײַער ייִנגל, וואָס האָט אײַך געפירט?

ב ל י נ ד ע ר י י ִ ד. זיי האָבן אים דאָ דערשאָסן אין וועג.

י א ש ק ע. ווער?

ב י ל ד ד ר ײַ

(דאָס קאָל פונעם בלינדן ייִדן אין דער פינצטער):

נ׳אז מ׳האָט מיר די אויגן אויסגעשטאָכן,
מיר די אויגן אויסגעשטאָכן,
איז אף מײַן היים אין די קארפּאטן
שוין נאָר די נאכט געבליבן רײַטן,
שוין נאָר די נאכט געבליבן רײַטן.

ליכטיק. צווישן קוסטעס לעבן דער קאמענאָלאָמניע, אף וועלכער עס פאלן זונען־שטראלן, לאָדט ב אָ־ ר ע ך אויס א קוילנוואָרפער פון א פארמאסקירטן באָמבארדירער. אונטערן עק פליגל פונעם באָמבאר־ דירער שלאָפט י א ש ק ע. לעבן אים אפן גראָז זיצן פ א ו ו ל אָ, מ י ש א און דער ב ל י נ ד ע ר י י ִ ד. אף יענער זײַט באָמבארדירער אף א בערגל שטייט ס ע נ ק אָ אף דער וואך.

ב אָ ר ע ך (צו דער צוגעקומענער כײַע). **אָפּגעמאכט! א „זאוו“ בלײַבט איר אויך בא אונדז.** (גיט איר איבער דעם קוילנוואָרפער אף די רעדלעך.) **נאט, שלעפּט זי אוועק צו זיך אפן סקלאד. ווי געפעלט זי אײַך?**

כ ײַ ע (אין קאס). **וואָס פאר א „זי“?**

ב אָ ר ע ך. ס׳איז א פארטיזאנישע ציג, כײַע. איר וועט זיך דאָ בא אונדז אויסלערנען זי מעלקן אויך.

ב ל י נ ד ע ר י י ִ ד. און דאָס איז אלץ... (שטייט אוף.) **עפּשער בין איך דאָ פאר אײַך גאָר א שאטנעז?** (טאפּט מיטן שטעקן דעם וועג אף אוועקצוגיין.)

פ א ו ו ל אָ. מישא, וווּהין וויל ער גיין?

מ י ש א. וווּהין לאָזט איר זיך, פעטער?

ב ל י נ ד ע ר י י ִ ד. וווּהין?.. דאָס וויל איך טאקע בא אײַך פרעגן: ווו איז ווײַטער פון היטלערן?

ב אָ ר ע ך (צו כײַען). **זאוו!** (ווײַזט איר אָן אפן בלינדן.) **ט׳האָט איר נאָך א שטיקל באַ־ לעבאטישקײַט פאר אונדז. לאָזט אים ניט אוועקגיין און נעמט אים צו זיך אפן סקלאד, נו?..**

כ ײַ ע. ביסט פון די געדאנקען!

ב אָ ר ע ך. הערט, וואָס מ׳רעדט צו אײַך. ער קאָן אונדז דאָ אמאָל צוניץ קומען. (זאָגט איר עפּעס אפן אויער.) **ער איז איינעם מיט יאשקען. נו? פארשטאנען? פאָלגן דעם נאטשאלניק.**

כ ײַ ע. דעם „נאטשאלניק“... (קוקט קרום אף באָרעכן, וועלכער פארשווינדט אין באָמ־ בארדירער.) **מוישעלע, זאָג נאָר, כ׳בעט דיך: ווער איז דאָ דער נאטשאלניק, ניט דו מיט פאוולאָן?**

מ י ש א. ניין, מאמע. איך און פאוולאָ האָבן נאָר געבראכט פאר אײַך געווער. וואָס איז דען? (הערט, וואָס כײַע זאָגט אים אפן אויער, זאָגט עס שטיל איבער פאוולאָן און גייט צום בלינדן.) **אָט דאָ, פעטער, איז ווײַטער פון היטלערן.**

בלינדער ייִד. דאָ?

מישא. אָט דאָ, ווו איר געפינט זיך... (איניינעם מיט כּײַען פירט ער אוועק דעם בלינדן אָן א זײַט.)

פּאוולאָ (בייגט זיך אָן איבער יאשקען, וועלכער האָט זיך אופגעכאפּט פון שלאָף). איז ווו האָט דיך געפונען דער בלינדער, הא, יאשקע?..

יאשקע. אין פעלד. „ייִנגעלע, פיר מיך“, — האָט ער געזאָגט. און מיר זײַנען געגאנגען לאנג, לאנג, דערנאָך האָט אונדז דערזען באָרעך. (פארטראכט זיך.) און די מאמע איז געבליבן אין רויך... אין רויך. (פאלט ארײַן צו פּאוולאָן אין די אָרעמס, וויינט.)

סענקאָ (אומרויִק, אײַנקוקנדיק זיך אפּן בערגל אין דער ווײַט). באָרעך! דאָרט ווידער דײַטשן, פיר שטיק! (ווײַזט באָרעכן, פּאוולאָן און מישען, וועלכע זײַנען ארוף צו אים אפּן בערגל.) אָט דאָרט רעכטס... (סענקאָ, פּאוולאָ און מישא נעמען אָנצילעווען זייערע ביקסן.)

באָרעך. אָטסטאַווית! (הייבט אָן צילעווען פון זײַן ביקס.) בא אײַך קאָן זיך אמאָל מאכן, איר זאָלט ניט טרעפן, און פון זיי פיר, אויב זיי האָבן אונדז דאָ געזען, טאָר ניט בלײַבן לעבן קיין איינציקער, פארשטאנען? (שיסט אויס.) איינער ליגט שוין.

סענקאָ (אײַנקוקנדיק זיך). עס וועט זײַן גוט!

באָרעך (צילט). בודיעט כאָראָשאָ! (שיסט אויס דרײַ מאָל.) אלע? (שפרינגט אראָפּ.)

סענקאָ. אלע. (זעט, ווי באָרעך לאָזט זיך אוועק.) וווהין?

באָרעך. נאָך די טראָפייען. (לויפט אוועק.) בודיעט כאָראָשאָ!

נאסטיא (קומט אָן מיט א טאָרבע אף די פּלייצעס פון צווישן די קוסטעס). טײַבעלעך מײַנע!

כּײַע. זע נאָר, א גאסט!

נאסטיא. א יאק זשע? נאָר גאָסטיען זיך פעלט מיר. (דערזעט יאשקען.) יאָסעמל דו טײַערס. א גאנצע נאכט דיך ארומגעזוכט. (צו די ארומיקע.) אוי! וואָס דאָרט טוט זיך. (צום צוגעקומענעם פּאוולאָן.) דעם באטקאָ דײַנעם האָבן זיי געכומען אפן ערשטן פײַער.

פּאוולאָ. מײַן אלטן?

נאסטיא. מיקיטא וואסיליטשן... זיי האָבן אים געהאלטן א ביסל און אים אָפּגעלאָזט פרײַ.

פּאוולאָ. אינגאנצן פרײַ?.. נאָר אים אליין?

נאסטיא. אים און דעם פּראָפעסאָר קראַנבליט. (אלע קוקן אף פּאוולאָן, וועלכער גייט אָפּ פארזאָרגט אף א זײַט. נאָך אים גייט נאָך מישא און שעפּטשעט אים עפּעס.)

כּײַע. ווי איך האָב אים געשלעפּט! „קומט גיכער אוועק, מיקיטא וואסיליטש“. און ער: „גיי, גיי“. געוואָלט ראטעווען נאָך און נאָך. נו, האָט ער זיך געראטעוועט. און וואָס איז מיט וווראָם־בערן?

נאסטיא. פרעגט שוין ניט. מ׳ווייסט ניט, צי ער לעבט נאָך. און פרידען האלטן זיי לעבן זיך אין שול — דאָרט איז זייער שטאב... א פארלווירענע פרידע... און אלץ איבער באָרעכן, אָט דעם ווילדן. ווו איז ער ערגעץ? פארקאָכט אין פרידען און קליין געוועזן זי צו ראטע־ווען. די אויגן וועל איך אים אויסרײַסן. כוועדערס טויבן האָט ער געראטעוועט און דאָס מיידל געלאָזט!.. נאָך רעכט טאָג ניט געווען, קלאָפּט צו מיר כוועדער — געקומען צו פליִען צו אים אפן דאך א טויב פון יענע, וואָס באָרעך האָט מיטגענומען, — אָ! (נעמט ארויס א טויב פון איר טאָרבע.) און צו דער טויב צוגעבונדן א צעטעלע, איך זאָל העלפן פרידען אנטלויפן צו אים אהער אף דער קאמענאלאָמניע.

כּײַע (ווינקט צום צוריקגעקומענעם מישען אף נאסטיען). זאָרגט שוין וועגן פרידען דאפקע ווי אן עמעסע שוויגער.

נאסטיא. איך, נאסטיא־נאָר, אײַנגעשטעלט דאָס לעבן... אבי זען זיך מיט פרידען... גאנצפרי גלײַך אוועק צו זיי אין שטאב, אין שול — צי האָבן זיי ניט, הייסט עס, קויטיק גרעט צום וואשן. „קויטיק גרעט? — זאָגן זיי. — שפּעטער“. — און דערווײַל מיך אוועקגעשטעלט וואשן די פּאָלן אין שול — אלע פּאָלן.

מישא. געזען דאָרט פרידען?

נאסטיא. א יאק זשע? (קריגט ארויס פון בוזעם א צעטעלע.) פון פרידען — אָ! (מישא קוקט ארײַן אין צעטעלע, בלײַבט דערשראָקן, גיט עס לייענען דעם צוקומענדיקן פּאוולאָן, וועלכער בלײַבט אויך דערשראָקן.)

כּײַע (ארײַנקוקנדיק אין צעטעלע). וויי און ווינד איז מיר!..

סענקאָ (דערזעענדיק, ווי אלע זײַנען באומרויִקט). טשאָהאָ?

פּאוולאָ. פרידע האָט צוגעשיקט א צעטעלע. (גיט אים דאָס צעטעלע.)

סענקאַ (לייענט זילבנווייז). **„באָמבאַרדירט די שול מאָרגן צוועלף אזייגער באַנאַכט... פרידע"** (קוקט פאַרוווּנדערט אָף די ארומיקע.)

מ י ש א. פרידען האָלטן זיי פאַרשפאַרט אין שול, דאָרט איז זייער שטאַב.

ס ע נ ק אַ (לייענט נאָכאַמאָל דאָס צעטעלע). **אהא! באָמבאַרדירן, הייסט עס, דעם שטאַב זייערן... אוי, גוט!**

כ ײַ ע. ס'איז גוט... אין שול געפינט זיך דאָך פרידע!..

סענקאַ. א־א!.. יאָ... א שאָד פרידע. דוזשע ספּראַוונאַ דיוואָקאַ...

פ א וו ל אָ. איז וואָס טאָן?.. (אַלע שווײַגן. פון אונטערן בערגל דערהערט זיך באָרעכס פרײַלעך קאָל: בודיעט כאָראָשאָ!)

ב אָ ר ע ך (טראָגט מיט זיך אַכוץ זײַן ביקס א דײַטשישן אווטאָמאַט און אַנדערע טראָ־פייען). **איז ווי זאָגט מען עס אָף יידיש, האַ? סענקאָ?..** (קוקט זיך ארום אָף אַלע, וואָס שווײַגן, דערזעט נאַסטיען.) **טיטקאַ נאַסטיאַ!** (לאָזט זיך צו איר.) **געזען פרידען?.. נו, זאָג... רעד א וואָרט...** (בלײַבט פאַרגליווערט, לייענענדיק פרידעס צעטעלע, וואָס סענקאָ דערלאַנגט אים. רעדנדיק צווישן זיך, גייען אָפּ כײַע און מישאַ צום באָמבאַרדירער.)

פ א וו ל אָ (אָפּגייענדיק מיט נאַסטיען אָן א זײַט, נעמט ארויס פון זײַן קאָבורע דעם רע־וואָלווער און דערלאַנגט איר אים). **נאַ!** (רעדט מיט איר שטיל.)

ב אָ ר ע ך. (דערזעט לעבן זיך די צוריקגעקומענע מישען און כײַען). **ברענשטאָף, מישאַ, וועט קלעקן?**

מ י ש א. ברענשטאָף וועט קלעקן.

פ א וו ל אָ (צוקומענדיק צו באָרעכן און מישען). **איז ווי ווערט באַשלאָסן?**

ב אָ ר ע ך. גייסט באַלד צוריק, טיטקאַ נאַסטיאַ? (פאַרטראַכט זיך באַנײַס.)

נ א ס ט י א. א יאַק זשע? זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט: קומען הײַנט צו זיי וואַשן גרעט.

כ ײַ ע. ווי און ווינד, וואָס זשע פאַרט טוט מען?

ב אָ ר ע ך (הייבט אוף דעם קאָפּ). **אויב, טיטקאַ נאַסטיאַ, דיר וועט געלינגען זען דאָרט פרידען, איז גיב איר איבער: דעם שטאַב וועט מען באָמבאַרדירן מאָרגן צוועלף אזייגער באַנאַכט.**

ב י ל ד פ י ר

א קנייטל צאַנקט פאַר א הייליק בילדל אין א פינצטער שטיבל. מיט בענקשאַפט מיאַוקעט א קאַץ. אין דרויסן פּאַרקעט מען בא דער טיר.

נ א ס ט י א (גיך זיך ארײַנגעכאַפּט, הערט זיך צו צום דרויסן). **קוים לעבעדיק זיך דער־קליבן אהיים.** (זעצט זיך מיד אָף דער באַנק, נאָר דערהערט קלעפּ אין פענצטערל, שפּרינגט אוף און צינדט אָן א לעמפּל). **נאַסטיא־נאַר שטופּט זיך אין פײַער!** (באהאַלט אין בעט דעם רעוואָלווער, וואָס זי כאַפּט ארויס פון בוזעם.) **שטשע ציי שאָלעכמאָנעס מיר געפעלט, יאַק לאָך אין קאָפּ.** (גייט מיטן לעמפּל עפענען די טיר און קערט זיך אום איינעם מיט פּאַנאַ־סענקאָן.)

פ א נ א ס ע נ ק אָ (אומקוקנדיק זיך צו דער טיר). **עמעצער האָט זיך געשאַרט נאָך מיר אין דער פינצטער.**

נ א ס ט י א. ווער?

פ א נ א ס ע נ ק אָ. נו, ווער? געוויס ניזאַבודקאַ. ער באַרימט זיך, אַז פון אים הענג איך אָפּ מיט מײַן קאָפּ. האָסט ניט געהערט וועגן דעם?

נ א ס ט י א. געהערט, א יאַק זשע?

פ א נ א ס ע נ ק אָ. כ'האָב דיך געבעטן איבערעדן מיט מענטשן, זיי זאָלן ניט ארויסגיין ארבעטן אין פעלד. האָסט עס געטאָן?

נ א ס ט י א. א יאַק זשע?.. מענטשן ציטערן זייער — פינף האָט מען געהאַנגען.

פ א נ א ס ע נ ק אָ. יאָ, די ערשטע פינף... נו? אָף דער מילכאָמע, נאַסטיאַ, קען מען דער־שאָסן ווערן, און דאָ — געהאַנגען ווערן. ניט אָלציינס? ניט ארבעטן פאַר זיי — הייסט מיט זיי מילכאָמע האַלטן. און אונדזערע קינדער אָף דער מילכאָמע האָבן מיר דאָך געשיקט: דו — דײַן באָרעכן, איך — מײַן פּאַוולאָן.

נ א ס ט י א. פּאַוולאָן אײַערן האָב איך הײַנט געזען.

פ א נ א ס ע נ ק אָ. בא דער קאָמענדאַנטשאַ?.. דאָס קומסטו פון דאָרטן?

נ א ס ט י א. א יאַק זשע?.. פּאָלעמיאָטן, ביקסן און אַנדערע זאַכן האָבן פּאַוולאָ און מישאַ אַהין געבראַכט.

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. הייסט עס, פּרידעס בריוול איז צו זיי דערגאַנגען. (שפּאַנט אַרום.) דאָס איז גוט, נאַסטיאַ, זייער גוט. אַרום סענקאָן און באָרעכן וועט דאָרט אויסוואַקסן אַ גוטער פּאַרטיזאַנער־טייל. אָט וועסטו זען... האָסטו דאָרט מײַן פּאַוולאָן געזען?.. גערעדט מיט אים?

נ א ס ט י א. א יאַק זשע? וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי, דורין דו, זאָג איך צו אים, דײַן באַטקאַ איז דאָך אַף דער פרײַ. און ער — אַלץ פאַרזאָרגט זייער: „פאַרוואָס זשע האָבן זיי עפּעס נאָר מײַן באַטקאַ איינעם אַליין מיטאַמאָל אָפּגעלאָזן פרײַ?“ — „ניט נאָר דײַן באַטקאַ, — זאָג איך צו אים. — דעם פּראָפעסאָר אויך...“

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. שווײַג!.. (שפּאַנט אַרום אויפגערעגט.) פאַרן פּראָפעסאָר קראָנבליט דאַרף מען זיך היטן. ער איז דאָ געווען אונטערגעשיקט פון די דײַטשן. ער האָט זיי אויסגעגעבן אונדזערע סעקרעטן — דער פּראָפעסאָר איז אַ שפּיאָן.

נ א ס ט י א. אַ שפּיאָן?!.. אײַ, אײַ, אײַ... און איך, נאַסטיאַ־נאַר, אים דאָ שטענדיק אַזוי רייך זײַן גרעט געוואַשן.

פּ א נ א ס ע נ ק א. אַלע זײַנען מיר דאָ געווען גרייט אים וואַשן די פיס און טרינקען דאָס וואַסער... האָסטו, הייסט עס, מײַן פּאַוולאָן געזאָגט, אַז אַלע אַף דער פּרווו־סטאַנציע זײַנען אַרעסטירט, און אַז נאָר צוויי האָבן זיי אַרויסגעלאָזט פרײַ: דעם פּראָפעסאָר קראָנבליט און מיך... אַזוי?

נ א ס ט י א. א יאַק זשע?

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. וואָס דאָ טוט זיך! פּאַוולאָן, מײַן איינציקן זון, איז אײַנגעפאַלן, אַז איך... (טוט זיך אַ כאַפּ.) ווי מיינסטו, נאַסטיאַ! ווען איך לאָז זיך גלײַך פונדאַנען צו דער קאַמענאָ־לאָמניע... פּאַוולאָן מײַנעם וואָלט איך נאָך דאָרט געטראָפן?.. זײַ געזונט, נאַסטיאַ. (וויל אוועקגיין.)

נ א ס ט י א. נאַסטיאַ־נאַר... שיר פאַרגעסן! (נעמט דעם רעוואָלווער פון בעט.) דאָס האָט פּאַוולאָ געבעטן אָפּגעבן.

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. וועמען? מיר?

נ א ס ט י א. א יאַק זשע? געבעטן זאָגן: באַטקאַ! דאָס האָט אײַך געשיקט אײַער איינציקער זון... דער קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי, דער באָלשעוויק — אָן אָנגעלאָדענעם... אָ!

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. ווי־ווי? (אויסדרייענדיק דעם רעוואָלווער מיטן שיס־לאָך צו זײַן ברוסט.) באַטקאַ, דאָס האָט אײַך געשיקט אײַער איינציקער זון, אַ קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי, אַ באָלשעוויק... אָן אָנגעלאָדענעם... (עס דערהערן זיך שטילע קלעפּ אין טיר.)

נ א ס ט י א. אומגליקן מײַנע, ווער קאָן עס זײַן?

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. יענער, וואָס האָט זיך געשאַרט נאָך מיר אין דער פינצטער. (שטעלט אָן דעם רעוואָלווער אַנטקעגן דער טיר.)

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט (קומט אַרײַן און בלײַבט שטיין אָן אַ היטל אינעם מאַנטל אַפן צעכראַסטעטן העמד). נו, שיסט!..

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. זאָגט דעם עמעס, ווי קומט איר אַהער אינמיטן נאַכט?

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. כ'האָב געמוזט אײַך זען.

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. דאָס האָבן „זיי“ אײַך געהייסן מיר נאָכשפּירן?

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. וואָס?.. נאָכשפּירן?..

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. פאַרוואָס האָט איר זיך געשאַרט נאָך מיר אין דער פינצטער?

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. ווען איך בין צוגעקומען צו אײַער הויז, זײַט איר גראָד פון דאָרט אַרויסגעקומען. אָנרופן אײַך איז געווען געפערלעך. (קוקט אַף פּאַנאַסענקאָן.) איר זײַט גרוי געוואָרן פאַר די צוויי טעג, מיקיטאַ וואַסיליטש?

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. ניט אַזוי גרוי, ווי צײַטיק. אַלץ, וואָס מיר, דעם אוקראַינער פון אַלטן שניט, איז פאַר פיר און צוואַנציק יאָר ראַטנמאַכט נאָך געבליבן אומקלאָר, איז מיר איצט שוין קלאָר — אַלץ.

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. אַלץ, נאָר ניט איך — דער ייִד קראָנבליט.

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. אַ ייִד צי ניט קיין ייִד, נאָר...

פּ ר אָ פ. ק ר אָ נ ב ל י ט. אַ שפּיאָן?.. (טראַכט) געווען געערעכט אוראָם־בער... פאַרוואָס איז עס אַזוי — האָב איך איינמאָל בא אים געפרעגט: אַז אַ ייִד גאַנוועט, זאָגט מען גלײַך „ייִדן האָבן געגאַנוועט“. ס'איז דערפאַר, האָט ער מיר געענטפערט, וואָס אַז אַ ייִד דערפינדעט, זאָגט מען ניט „ייִדן האָבן דערפונדן“. דאָס איז מײַן ייִדישער שיקזאַל.

פּ א נ א ס ע נ ק אָ. וועלכער שיקזאַל?

פ ר אָ ף. ק ר אָ נ ב ל י ט. ניט אַלץ נאָך, אַפּאָנעם, איז פאַר אײַך קלאָר געוואָרן. זיי, די פּאַשיסטן, איז ווייניק אויסצוראָטן ייִדן — זיי דאַרפן נאָך, אַז פון דער וועלט זאָל דאָס ייִדישע פאָלק אוועקגיין מיט אַ קאַיִן־צייכן אויפן שטערן. און אין באַצוג צו מיר, דעם ייִדן קראָנבליט, האָבן זיי דאָס שוין, באַ אײַך, מיקיטאַ וואַסיליטש, געפּויעלט. טוט אַ טראַכט...

פ אַ נ אַ ס ע נ ק אָ (גייט צו האַרט צו קראָנבליטן). אויב עס זאָל מעגלעך זײַן, אַז אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט מיט אונדז אויף דער פּראָוו־סטאַנציע אַזאַ וויכטיקע אַרבעט, זאָל זיך אַרויסווײַזן אַ שפּיאָן און איך זאָל עס אין פאַרלויף פון דרײַ יאָר ניט דערזען, איז נאָט (גיט אים אין די הענט אַרײַן דעם רעוואָלווער) שיסט!

פ ר אָ ף. ק ר אָ נ ב ל י ט. וועמען?

פ אַ נ אַ ס ע נ ק אָ. מיך... נאָט שיסט אין רוקן. (גייט אַוועק. קראָנבליט בלײַבט שטיין פאַרטראַכט מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט.)

דריטער אַקט

ב י ל ד א י י נ ס

אין לערער־צימער. די פאָרטיערן, וואָס טיילן אָפּ דעם פיזקולטור־זאַל, — אַראָפּגעלאָזט, נאָר עס פילט זיך, אַז די רוק־טירן הינטער זיי זײַנען ברייט צעעפנט. באַם פענצטער שטייט נ י ז אַ ב ו ד ק אַ מיט פ ר ו י ג י נ ט ע ר, וועלכע רוקט דאָרט אַרויס איר קאָפּ אין דרויסן. פון דאָרט הערט מען, ווי אוקראַיִנישע פרויען און קינדער באַוויינען עמעצן.

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. פון נעכטן אָן האַלטן זיי אין איין קאַוועטשען דאָ אויפן פּלאַץ לעבן די געהאַנגענע. ווילדע! עס רוישט מיר שוין אין די אויערן. ווער זײַנען זיי?

נ י ז אַ ב ו ד ק אַ (ווײַזט דורכן פענצטער). אָט די אינעם שוואַרצן טיכל מיט די קינדער איז דאָס ווײַב פון יענעם־אָ — דעם באָרוועסן, וואָס דער ווינט שאָקלט אים.

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. דער ווינט שאָקלט אַלע פינף געהאַנגענע.

נ י ז אַ ב ו ד ק אַ. אָט ציילט פון רעכטס אויף לינקס — ער הענגט דער דריטער.

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. דער, וואָס דאָס היטל איז אויף אים שטאַרק אָנגערוקט?

נ י ז אַ ב ו ד ק אַ. אָט־אָט... אַ בריגאַדיר געווען — אַ סטאַכאַנאָווער... פּאַנאַסענקאָס רעכטע האַנט באַ אַלע אַרבעטן אין פעלד. און מיר האָט ער געענטפערט: „זאָלן אַנדערע אויף אײַך אַרבעטן, אויב עס לוינט זיי“. נו, האָב איך אים אַ טויווע געטאָן...

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. אָרעמער ניזאַבודקאַ... קיינעם, קיינעם געלינגט אײַך ניט אַרויסצופירן אַרבעטן אין פעלד. (זיפצט.) אײַך גליקט דאָ ניט. און דערצו האָט הײַנט באַנאַכט זיך נאָך אַרויסגעגליטשט פון אײַערע הענט פּאַנאַסענקאָ, פאַר וועלכן דער מאַיאָר האָט אײַך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך מיט אײַער קאָפּ. ווי איז דאָס געשען?

נ י ז אַ ב ו ד ק אַ. זיך אַרויסגעגליטשט... אַ זיכערן מענטשן מײַנעם אַוועקגעשטעלט אויף היטן פּאַנאַסענקאָן באַטאָג און באַנאַכט. ביז איינער אַ כאַטע דאָ איז ער אים נאָכגעגאַנגען. דערנאָך אין דער פינצטער אים פאַרלוירן.

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. אָרעמער מײַנער, אָרעמער. (ווינקט צו די אַראָפּגעלאָזטע פאָרטיערן.) ניט קיין גוטס גרייט זיך דאָ פאַר אײַך.

נ י ז אַ ב ו ד ק אַ. איר האָט עפּעס געהערט? (כאַפּט זי אָן פאַר אַ האַנט.) זאָגט, וואָס ווייסט איר?

פ ר ו י ג י נ ט ע ר. שפּעטער, מײַן יונג. ניט איצטער און ניט דאָ... איבעריקנס, קאָנט איר מיטברענגען נאָך אַ פּעקעלע עכטע קאַווע, ווען איר וועט אַרײַנקומען צו מיר? (גיט אים אירע אַ באַק אַ קוש צו טאָן און דראָעט אים מיט אַ פינגער.) און מיר האָט איר צוגעזאָגט אַ קאַראַקולענעם מאַנטל... (אָפּ.)

ב ר ע נ ד ע ק ע (קומט אַרויס פון הינטערן פאָרטיער אײַנעם מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן פעלדפעבל). שאַנדע! פון פינף זיך אומגעקערט צוויי, און געהאַט צו טאָן באַ דער קאַמענאָלאָמניע, ווי איר אַליין זאָגט, ניט מער, ווי מיט צוויי פּאַרטיזאַנער.

פ ע ל ד פ ע ב ל. יאַוואָל, הער מאַיאָר. מיט די זעלבע צוויי, וואָס נעכטן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. מיט די זעלבע, וואָס נעכטן? פונוואַנען ווייסט איר עס?

פ ע ל ד פ ע ב ל: איינער פון זיי, הער מאַיאָר, איז זייער אַ גוטער שיסער. יעדעס מאָל, ווען ער טרעפט אין ציל, שרײַט דער צווייטער זייער הויך, ווי אַ ווילדער, — נעכטן אַזוי, הײַנט אַזוי.

ברענדעקע. וואָס שרײַט ער?

פעלדפעבעל. אזוי עפּעס, ווי... „עס ווירדע שאָן גוט זײַן!“

ברענדעקע. אָפּשיקן באַלד א גרופּע צו דער קאָמענדאַנטור און ברענגען דעם פאַר־טיזאַן א לעבעדיקן! (באַגלייט ארויס מיטן בליק דעם פעלדפעבל און דערזעט ניזאבודקען.) מיט אײַך, הער ניזאבודקא, איז דער שמועס געענדיקט. די דאָקומענטן פון סעלעקציע־פּאַוויליאָן האָט איר ניט געקריגן, פּאַנאַסענקאָ האָט זיך ארויסגעדרייט פון אײַערע הענט. און קיינער איז בא אײַך נאָך אלץ ניט ארויס אין פעלד צו דער ארבעט. איר זײַט דאָ מער ניט קיין סטאַראָסטאַ. אָף א באַלאַלײַקע קאָנט איר שפּילן, הער ניזאבודקא.

ניזאבודקא. מע וועט ארבעטן בא מיר אין פעלד, הער מאַיאָר. דערלויבט מיר צו טאָן, ווי עס פלעגן דאָ אַמאָל טאָן די גוטבאַזיצער. מיט מוזיק, הער מאַיאָר, מיט מוזיק און מיט טענץ פלעגן זיי פאַרנאַרן די יונגען און מוידן צו דער ארבעט אין פעלד...

ברענדעקע. מיט מוזיק, צי מיט ריטער, מיט טענץ, צי מיט קאַנאָנען... דערטרינקט זיי אין שנאַפּס, צעשיסט זיי, נאָר מאָרגן זאָל ווערן געארבעט אין פעלד. האָט איר עס ענדלעך אין קאָפּ?..

ניזאבודקא. הײַנט אין אָוונט ווערט געטאַנצט, און מאָרגן ווערט געארבעט אין פעלד, הער מאַיאָר. (דערלאַנגט אים א פּאַפּיר.) די ליסטע פון אלע, וואָס זײַנען פאַרשוווּנדן פונדאַנען אינעם טאָג פונעם דעסאַנט.

ברענדעקע (לייענט אין דער ליסטע). „סענקאָ קראַווטשוק...“ א היגער? דאָ געבוירן?

ניזאבודקא. ניין, הער מאַיאָר.

ברענדעקע (לייענט ווײַטער). „באַ־רוך שמי־ליאַוויטש...“

ניזאבודקא. א היגער, א זשיד.

ברענדעקע. קאָן ער זײַן יענער אויסגעצייכנטער שיסער, וואָס אָפּעריִרט בא דער קאָמענדאַנטור?

ניזאבודקא. א־א! ער איז געווען דער שיסער־אינסטרוקטאָר דאָ אין קלוב.

ברענדעקע. אהאַ!.. איז צום לעצטן מאָל, הער ניזאבודקא... מאָרגן זאָל ווערן געארבעט אין פעלד! (פאַרשווינדט הינטער די פּאָרטיערן.)

ניזאבודקא (קוקט אים נאָך מיט א צעקרימט פּאָנעם). אוף! (דערהערט פּלוצלינג זינגען.)

זאַוויאַזאַלאַ האַלאָוואַנקו,
א יאַזש דומאַלאַ נאַ טשאַסאָק...

נאַסטיא (ארײַנקומענדיק מיט א פּאַק אויסגעפּרעסט גרעט און אוועקלייגנדיק עס, קוקט זיך אום אָף ניזאבודקען, וועלכער פאַרשטעלט איר דעם וועג צוריק). טשאַהאָ?

ניזאבודקא. מיך געדענקסטו פון אַמאָל?.. געווען דאָ דער אַלטער לוקיאַן, דער רײַכער... דײַן באַטקאַ איז געווען בא אים א סטרוזש אין אלע דרײַ ווינטמילן... בין איך זײַן איינ‌יקל.

נאַסטיא. זײַנס אַן אייניקל?.. טצ, טצ... אײַ... אײַ... אײַ... (וויל אוועקגיין.)

ניזאבודקא. דאָ בלײַבן!.. מײַנער א מענטש האָט מיר איבערגעגעבן, אַז צו דיר האָט מען באַנאַכט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער... מיר זאָגט מען דעם עמעס, אויב מע וויל ניט הענגען דאָרט־אָ. (ווײַזט צום אָפענעם פענצטער.) פאַרשטאַנען?

נאַסטיא. א יאַק זשע?

ניזאבודקא. נו, ווער האָט צו דיר באַנאַכט געקלאַפּט?

נאַסטיא. ווער?.. פּאַנאַסענקאָ.

ניזאבודקא. פּאַנאַסענקאָ?..

נאַסטיא. א יאַק זשע?.. ער אַליין, פּאַנאַסענקאָ. „נאַסטיא, — זאָגט ער צו מיר, — האַלט מיך אונטער, ווי אַן אייגענע שוועסטער... און קום, זאָגט ער, ארויס מאָרגן צו דער ארבעט אין פעלד. קום ארבעטן, טײַערע“.

ניזאבודקא. דו?

נאַסטיא. ניט נאָר איך... „רעד צו, זאָגט ער, אלע שכיינים, זיי זאָלן מיך פאָלגן און אלע ביז איינעם ארויסקומען ארבעטן אין פעלד. אַז ניט, זאָגט ער, בין איך א פאַרלוירענער. פאַרלאָזט מיך ניט, זאָגט ער, אָף דער עלטער און קומט אלע ארבעטן אין פעלד“.

ניזאבודקא. אזוי האָט ער געזאָגט?

נאַסטיא. א יאַק זשע?.. „דאָס האָב איך איצט באַנאַכט, זאָגט ער, זיך געלאָזט אין דאָרף „כוטאָר־סעמיאַנאָווקע“. דאָרט, זאָגט ער, בין איך געווען אַמאָל דער פּראַווליאַישטשע

באם פאָרעץ און מיך קענען גוט אלע עלטערע לײַט. זיי וועלן מיך, זאָגט ער, ניט לאָזן פאלן, און וועלן אלע קומען אהער ארבעטן אין פעלד״.

נ י ז א ב ו ד ק א. אזוי גאָר?..

נ א ס ט י א. א יאַק זשע? „גיי, גיי, הארציקער, האָב איך אים געזאָגט, און איך וועל זיך דאָ סטארען פאר דיר... אָט, ווי איך פארענדיק נאָר מיטן גרעט אין שטאב, לאָז איך זיך גלײַך אוועק צו די שכיינים...״

נ י ז א ב ו ד ק א. אהא!.. איז הער מיך אויס, טיטקא. צו וואָס זאָלסטו עס טאָן פאר פאנאסענקאָן און אומזיסט, אז דו קאָנסט עס טאָן פאר מיר און פאר באלוינונג, פאר גרויסער באלוינונג, אוי, ס'א פלאן, טיטקא... זע! שוין ניט קיין יונגע באבע און — נאָך א יאָדער־דיקע אזא און מיט א געמבעטשקע אזא... (זינגט איר נאָך.) „זאוויאזאלא האלאָוואָנקו״... קאָנסט מיר צוניץ קומען... גוט צוניץ קומען... נאָר פריִער לאָמיר מיט דיר... (כאפט ארויס א פלעשל, טרינקט און צווינגט נאַסטיען זופן פונעם פלעשל.) נאָך, נאָך... זע א באבע!.. טויגסט נאָך גאָר צו האָבן א פאָר קינדערלעך... הא? קאָנסט נאָך פארשטעקן א פאָר מאָלאָדיצעס אין גארטל, הא?

נ א ס ט י א (קײַנדלט זיך). א יאַק זשע?

נ י ז א ב ו ד ק א (טרינקט ווידער פונעם פלעשל און צווינגט נאַסטיען טאָן דאָס זעלבע). אָ!.. איז נאָך איידער עס ווערט נאכט, דו הערסט, טיטקאָ?..

נ א ס ט י א. טאַק.

נ י ז א ב ו ד ק א. גייסטו ארום אלע כאטעס אין דאָרף און רופסט די דיווטשאטעס צום טאנץ... אלע דיווטשאטעס. דיך וועלן זיי דאָך פאָלגן.

נ א ס ט י א. פעוונע.

נ י ז א ב ו ד ק א. איז רוף אלע צום טאנצן. פארשטאנען?.. וועסטו זיי ברענגען?

נ א ס ט י א. א יאַק זשע?

נ י ז א ב ו ד ק א. אוי, א באבע! און א געמבעטשקע אזא! (קוקט זיך ארום.) קום, קום, קום מיט מיר... (שלעפט זי מיט זיך ארויס.) אנו זינג זשע נאָך: „זאוויאזאלא האלאָוואָנקו״... (שלעפט זי מיט זיך ארויס.)

עס פארציִען זיך די פאָרטיערן. בא א שרײַבטיש זיצט ב ר ע נ ד ע ק ע און פאר אים שטייט א ו ו ר אָ ם־ ב ע ר. בא א זײַטיק טישל הערט אוף צו קלאפן אף דער שרײַב־מאשין דער יעפרייטאָר.

ב ר ע נ ד ע ק ע. ננא, ראבין! דו הייבסט ווירקלעך אָן אָנצוקלײַבן צופיל שמאלץ אף אונדזערע קעסט. (צום יעפרייטאָר.) וויפל האָט ער פון נעכטן אָן פארלוירן וואָג?

י ע פ ר י י ט אָ ר. צוויי קילאָ קאָמא פינף און פערציק, הער מאיאָר.

ב ר ע נ ד ע ק ע. פאר איין טאָג?.. דאָס איז שוין צופיל. צי ווייסטו, ראבין, ווי טײַער בא אונדז איז יעדער גראם דײַנער, יעדער ייִדישער טראָפּן בלוט, וואָס מיר זויגן פון דיר ארויס?

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. איך ווייס. באלזאם איז פאר אײַך די גיפט, וואָס איר לאָזט ארײַן טאָגטעגלעך אין מײַן לײַב.

ב ר ע נ ד ע ק ע. וואָס פארשטייסטו? אליין דער הער גאָט האָט אײַך צוגעשיקט, ווי פרוכטבאר מיסט פאר אונדז, דײַטשן — הערשער פון דער וועלט.

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. ריכטיק. „יודע״ ווינקט איר צו יעדן אויסבאהאלטענעם פארברעכער, „זשיד״, ענטפערט ער אײַך, און איר פארשטייט באלד איינער דעם אנדערן — ס'איז א מיטל אף צופרידן זיך וואָס גיכער.

ב ר ע נ ד ע ק ע. באנעמסטו דאָס?.. ווי לאנג אָבער קאָן אונדז נאָך קלעקן דײַן לײַב און דײַן בלוט?.. געפינסט ניט, אז מיר, ביז גאָר אויסגערעכנטע דײַטשן, זײַנען דאָ עפּעס צופיל פארשווענדעריש? צו גיך ברענגען מיר דאָס פרוכטבארע מיסט אונדזערס, וואָס רופט זיך „יודן״ (לאכט.) ווי קאָמיש, ראבין!.. מיר קאָנען נאָך באקומען א באפעל, אז ייִדן זאָלן מיר מאטערן מער שפאָרעוודיק...

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. אָ! דאָס איז זי — די דײַטשישע שפאָרעוודיקײַט. שפאָרעוודיקײַט בא א מענטשן איז דאָך א מײַלע, און פון דער דײַטשישער שפאָרעוודיקײַט האָט שטענדיק געשטונקען.

ב ר ע נ ד ע ק ע. ס'מויל האלטן!

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. א רעצייעך, ווען ער הארגעט א מענטשן, איז ער הייס און ניט בא זיך אין די הענט, און איר הארגעט קאלט, מיט באוווסטזײַן און מיט אויסגערעכנטקײַט, לויט א פלאן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. שוויַג! (כאַפּט אַרויס זײַן רעוואָלווער.)

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. פאַרפלאָנירט איז בײַ אײַך שוין אַפילע אײַער ענטפער אין פאַל, אויב אײַער פאַרברעכערישע שפּיל וועט דורכפאַלן, און מע וועט אײַך שטעלן פאַרן געריכט. „וואָס ווייסן מיר, דײַטשן?" — האָט איר באַצײַטנס זיך צוגעגרייט דעם ענטפער: „מיר, דײַטשן, זײַנען פון דער נאַטור אָוטאָמאַטן — ס'איז אונדזער אומגליק. וואָס זײַנען מיר שולדיק? דער פירער האָט אונדז געהייסן, האָבן מיר געהאַרגעט". נו, וואָס קאָנט איר מאָנען בײַ אָוטאָמאַטן?

ב ר ע נ ד ע ק ע (אָנשטעלנדיק דעם רעוואָלווער). ווי שרעקסטו זיך ניט מיט מיר אַזוי צו רעדן, דו דרעקיקער יודע!

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. ווײַל איך ווייס, ווי אויסגערעכנט איר זײַט. איר וועט מיך ניט מאַטערן אָף קיין האָר ווייניקער און מיך ניט טייטן אָף קיין רעגע פריִער אָדער שפּעטער, ווי אײַך, דײַטשן, וועט עס נייטיק זײַן. אָט איז זי — אײַער דײַטשישע פּינקטלעכקײַט!

ב ר ע נ ד ע ק ע. שטום בלײַבן! נאַ!.. וועלן מיר צוטרעטן גלײַך. (דיקטירט דעם יעפרייטאָר.) „דער ייִדישער באַפעלקערונג ווערט באַפוילן אַרויסגעבן דער דײַטשישער קאָמענדאַטור די עלטערן פונעם פּאַרטיזאַנער, דעם געוועזענעם שיסער־אינסטרוקטאָר באָרעך שמיליאָוויטש". (צו אוורהם־בערן.) די עלטערן פון באָרעך שמיליאָוויטש קאָנסטו רעטן, אויב דו וועסט אויסזאָגן, וואָס ווייסטו וועגן די דערפינדונגען אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן. מיר האָט מען געזאָגט: מיט זיי איז דיר פאַרגעשטאַנען צו ווערן אייגענע. ריכטיק?

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. ניין, דאָס האָט ניט געקאָנט זײַן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. פאַרוואָס?

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. באָרעך האָט ניט קיין עלטערן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַהאַ!.. (דיקטירט.) „אויב אין פאַרלויף פון זעקס שטונדן וועט דער באַפעל ניט אויסגעפילט ווערן, וועט יעדער אָרטיקער פינפטער ייִד דערשאָסן ווערן". (צו אוורהם־בערן.) דאָס, זע איך, האָט דיך ענדלעך דורכגענומען, דו אַלטער הונט. (צום יעפרייטאָר.) וויפל באַטרעפט די צאָל פון אַ פינפטל ייִדן דאָ?

י ע פ ר ײ ט אָ ר (רעכנט אָפּגיך). אַכצן, אַרײַנגערעכנט פרויען און קינדער.

ב ר ע נ ד ע ק ע. גלייב אַ ריינבלוטיקן אַריִער: מיט דײַנע אַ פּאָר ווערטער רעטעסטו אַלע אַכצן ייִדן... נו?

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר (צו זיך אַליין). אַכצן ייִדן... אַכצן לעבעדיקע נעפאַשעס...

ב ר ע נ ד ע ק ע. עס איז אַ האַנדל, יודע!.. איך זע, דו פאַרטראַכסט זיך פונדעסטוועגן.

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. נו יאָ, אַ ייִד טראַכט!..

ב ר ע נ ד ע ק ע. נו, שנעלער! זאָגסטו אויס, ווו איז דאָס אײַנשרײַב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן?

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. איך האָב עס ניט.

ב ר ע נ ד ע ק ע. ניין? ווילסטו ניט רעטן דײַנע ייִדן? (צום יעפרייטאָר.) איז זאָל ער מיט זײַנע אייגענע הענט דאָ באַלד זיי באַנייען מיט דער געלער לאַטע פאַר זייער טויט... כאַ־כאַ... ער איז דאָך געווען אַ שנײַדער!

ב י ל ד צ ו ו י

אין פעלד צווישן קוסטעס איז געבליבן שטיין דער ב ל י נ ד ע ר י ִ ד, אָנהאַלטנדיק זיך אין זײַן פירער — י א ש ק ע ן, און הערט זיך אײַן.

ב ל י נ ד ע ר י ִ ד. שטיי דו, דו, אויגן מײַנע... צו גיכע אויגן ביסטו פאַר מיר, צו פליִענדיקע אויגן...

י א ש ק ע. אָט דאָ איז אַ בערגעלע, איז טוט אַ טראָט נידעריקער. נו?.. האָט קיין מוירע ניט. ס'איז שוין ניט ווײַט צום פראָנט. מ'הערט שוין שיסן. — אָ!.. פאַקט!.. (פאַרכאַפּט זיך.) אוי... אויב איר דערהערט פון מיר נאָכאַמאָל „פאַקט", איז שרײַט אָף מיר אָן, איך בעט אײַך.

ב ל י נ ד ע ר י ִ ד. וואָס איז דען?

י א ש ק ע. זי פלעגט זיך אָף מיר אַזוי בייזערן: „זאָגסט שוין ווידער פאַקט?" (פאַרטראַכט זיך.) זי איז געבליבן אין רויך... (הייבט זיך אויף אָן אײַנצוהערן צום ווײַטלעכן גערויש.)

ב ל י נ ד ע ר י ִ ד. ווער? (ציטערט אויף.) כ'הער: מענטשן ערגעץ דאָ נאָענט.

י א ש ק ע. נו, ווייס איך דאָך שוין... וועט איר זינגען: „און אַז מע האָט מײַן עלטסטן זון געקוילעט, מײַן עלטסטן זון געקוילעט", און איך וועל צו זיי זאָגן (שטרעקט אויס דאָס הענטל.): גיט מײַן בלינדן טאַטן אַ נעדאָווע.

בלינדער ייִד. און אויב דאָס זײַנען דײַטשן?.. דײַטשן גיבן קיין נעדאָוועס ניט.

יאשקע. מ׳האָט דאָך אונדז אָבער געהייסן איבערגעבן וואָס גיכער די רויטארמייער אַט דאָס בריוועלע. (טאַפּט זיך אין שוך, וווּ עס ליגט דאָס בריוועלע.)

בלינדער ייִד. דאָס איז דאָך די מײַסע!!

יאשקע. איז ווייסט איר וואָס? באַהאַלט איר זיך דאָ אין א גריבל און מיך — א קליינינקן ווועט מען ניט זען. איך וועל לויפן גיך־גיך. (דער גערויש הערט זיך נעענטער.)

בלינדער ייִד. וואַרט, וואַרט! לויף ניט אַליין, לויף ניט, קינד! (נאָר יאשקע איז שוין אוועק.) קינד... קינד! (זוכנדיק מיט די אויסגעצויגענע הענט, מאַכט דער בלינדער ייִד א פּאָר טריט און פאַלט אום.)

יאשקע (אוועקלויפנדיק). באַהאַלט זיך אונטערן קוסט!.. מירן קומען נאָך אײַך!

יאשקע פּויזעט אַף אַלע פיר, לויפט איבער פון איין קוסט צום צווייטן. פון איין זײַט דערהערט זיך א שיסנדיק שטעפּן און עס באַווײַזט זיך אַן אווטאָמאַט מיט א דײַטש, וואָס שיסט פון אים. יאשקע לויפט אין דער אַנדערער זײַט. נאָר אויך דאָרט באַווײַזט זיך אים אַקעגן א דײַטש מיט א שיסנדיקן קוילנוואַרפער. יאשקע לויפט אין אַלאַכסן. נאָר פון אַלע זײַטן רוקן זיך אַף אים דײַטשן מיט שיסנדיקע קוילנוואַרפער. יאשקע פאַלט. צו אים לויפט צו א דײַטשישער סאָלדאַט, הייבט אים אויף א פאַרוווּנדעטן און טראָגט אים אוועק.

בילד דרײַ

אין לערער־צימער. אין בײַזײַן פון **אווראָם־בערן** נייען אָן געלע לאַטעס אַף פאַרשיידענע מענער־רעקלעך דער אַלטער **יוינעסן** און **פישל בראָדסקי**. דורך דעם אָפענעם פענצטער זעט מען ייִדן אין ווײַסע אַרבל, וואָס וואַרטן אַף די רעקלעך.

פישל (קוקט אַף דער לאַטע, בייס ער נעמט די צונייען צום רעקל, וואָס ליגט אַף זײַנע קני). סאַכאַקל?.. דאָס איז עס?.. און מיט דעם האָט מען געמיינט אָנשרעקן אונדזערע אָוועס אַוויסיינו עלטערנס עלטערן, זיי זאָלן ווערן אויס ייִדן? וואָס ליגט אין דעם פּאַר א סייכל, האַ?.. אווראָם־בער?

אווראָם־בער. ס׳איז, פישל, א סייכל.

פישל. פּכע!.. און מיר דאַכט זיך, ס׳איז א שמאַטקע און שויך! (נעמט פאַנאַנדער דאָס נײַע רעקל, וואָס מ׳האָט אים דערלאַנגט דורכן פענצטער, באַקוקט עס און ציטערט אויף.) אווראָם־בער... ס׳איז דאָך מײַן אייגן ייִנגלס רעקל...

אווראָם־בער. איז וואָס?

פישל. איך אַליין זאָל לייגן אַט די לאַטע אַף מײַן בענטשיקס רעקל?

יוינעסן. ניי, ניי, ווי אווראָם, וואָס האָט אַליין געבונדן זײַן זון צו דער אַקײדע.

פישל (פּרוּווט אוועקלייגן די לאַטע אַפן רעקל, נאָר טרייסלט זיך אָפּ). ווי זשע קאָן עס טאָן מיט די אייגענע הענט איך, זײַן אייגענער טאַטע?.. ער איז דאָך באַ מיר א בעניאָכיד.

אווראָם־בער. און מיט א צווייטן ייִדנס בעניאָכיד קענסטו עס יאָ טאָן?.. איז נאַ. (גיט אים אַן אַנדער רעקל.)

פישל (וויל אָנהייבן באַנייען זײַן ייִנגלס רעקל, פאַרטראַכט זיך און פאַלט צו צום רעקל מיטן שטערן). בענטשיק, קינד מײַנס איינציקס. קיינער האָט דיך באַ דער סאָוועטסקע וולאַסט ניט פאַרשעמט. (וויינט זיך פאַנאַנדער.)

יוינעסן. דאָס איז עס: „און ברענגען וועל איך אַף אײַך די מאַקע, וואָס שטייט ניט אין דער טוירע“. אַזוי האָט געזאָגט ער אַליין... מוישע־ראַביינו.

אווראָם־בער. מוישע?! וואָס האָט ער פון אונדז געוואָלט? וואָס האָט ער גאָר געהאַט זיך אָנצוזעצן אַף ייִדן, זיי זאָלן ווערן א פאָלק? קעדיי ער זאָל בלײַבן מוישע?

יוינעסן. שילט ניט, אווראָם־בער! שילט ניט! „און ווער עס שילט זײַן געבוירער, זאָל געטייט ווערן“, — אַזוי האָט מען אונדז פאַרזאָגט — ס׳איז א האַרבע זאַך!

אווראָם־בער. נו, און איִעוו?.. איִעוו האָט געשאָלטן...

יוינעסן. איִעוו האָט געשאָלטן די נאַכט, ווען ער איז געבוירן, איז שילט די נאַכט, אווראָם־בער, שילט זי שטאַרק, אַט ווי איך, ווי דאָס־אָ שילט זיי. (וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע — ער איז אָנגעטאָן אונטער איר אין טאַכריכים.)

פישל. לעבעדיקערהייט אין טאַכריכים?

יוינעסן. איך קאָן נאָך ניט וויסן, ווען זיי וועלן מיך נעמען. (טוט צוריק אָן די קאַפּאָטע.)

יעפּרייטאָר. (אַרויסקומענדיק פון הינטערן פּאַרטיער, ווײַזט אַף יוינעסן). דיך רופט מען. (צו פישלען.) און דיך אויך. (לאָזט אים אויך אַרונטער אונטערן פּאַרטיער. צו אוראַם־בערן.) און דו — נאָך מיר. (פירט אַרויס אוראַם־בערן. פון דרויסן דערהערט זיך נאַסטיעס זינגען):

זאַוויאַזאַלאַ האַלאַוואַנקאָ,
א יאַזש דומאַלאַ נאַ טשאַסאַק.

ניזאַבודקאַ (אַרײַנקומענדיק שיקערלעך, טראָגט מיט זיך זײַן באַלאַלײַקע, שלעפּט נאָך זיך נאַסטיען). אָט אַזוי, זינג, אַז מ'הייסט דיר, פאָלג אַלץ, וואָס מע באַפעלט דיר, טיט־קאַ, — אַלץ! קום אַהער, אַהער. איך מוז דיר ווײַזן אים, דעם מאַיאָר אַליין. ס'איז גוט פאַר דיר, טיטקאַ, ס'גוט... זאָל ער זען, ווער עס העלפט אונדז. (טרינקט פונעם פלעשל, וואָס ער נעמט אַרויס פון בוזעם, און צווינגט אויך נאַסטיען טרינקען.) ביסטו געווען אין דאָרף? אַרומ־געגאַנגען אַלע הײַזער?

נאַסטיאַ. טאַק.

ניזאַבודקאַ. געזאָגט אַלע דיווטשאַטעס, זיי זאָלן קומען הײַנט אַפדערנאַכט אַפן טאַנץ?

נאַסטיאַ. פּעוונע.

ניזאַבודקאַ. און זיי וועלן קומען?

נאַסטיאַ. א יאַק זשע?

ניזאַבודקאַ. איז טרינק — אַ... טרינק. (צווינגט זי טרינקען.) איצט זינג: „זאַוויאַזאַלאַ האַלאַוואַנקאָ...“

נאַסטיאַ. ווו וועט דען זײַן דער טאַנץ?

ניזאַבודקאַ. ווו וועט זײַן דער טאַנץ?.. דאָ אין זאַל. כ'האָב עס געפּויעלט באַם מאַיאָר.

נאַסטיאַ. דאָ אין זאַל? (דערשראָקן.) דאָ אין זאַל וועט זײַן דער טאַנץ?.. הײַנט בא־נאַכט?!.. (וויל אַרויסלויפן. ניזאַבודקאַ פאַרהאַלט זי. עס הייבן זיך אָן פאַנאַנדערציִען די פּאַרטיערן.)

ניזאַבודקאַ. ששש! (שלעפּט אָפּ נאַסטיען צום קליינעם דיוואַן, צווינגט זי זיצן און טרינקען. די פּאַרטיערן — פאַנאַנדערגעצויגן. באַם טיש זיצט ברענדעקע. פאַר אים שטייט פרידע. באַם זײַטיקן טישל זיצט דער יעפּרייטאָר.)

ברענדעקע. און שפּילט ניט מער מיט מײַן געדולד! איך לאָז ניט, אַז פּרוי גינטער זאָל אײַך אָפּשיקן פאַר אונדזערע בורשן אַפן פראָנט. (שפּאַנט אַרום.) מיר מוזן וויסן, אין וואָס באַשטייען די דערפינדונגען אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן, און דאָס איז אײַער גליק, וואָס איר און אײַער פאָטער לעבן נאָך און האָבן די מעגלעכקײַט אויך ווײַטער צו לעבן. נו, ענטפערט: ווו איז דאָס אײַנשרײַב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן?

פרידע. איך ווייס עס ניט.

ברענדעקע. מאָרגן ווערט איר אָפּגעשיקט אַפן פראָנט און מאָרגן ווערט אײַער פאָטער דערשאָסן.

פרידע. מײַן פאָטער?.. ער לעבט דען נאָך?.. איר האָט אים דען נאָך ניט פאַר־מאַטערט?

ברענדעקע (צום יעפּרייטאָר). ברענגען אַהער איר פאָטער און אים לאָזן מיט איר אויג־אַף־אויג. און געדענקט, פרײַלין! מיט נאָך איין מאָל ענטפערן „איך ווייס ניט“ טראָגט איר אַרויס אַ טויט־אורטייל אײַער פאָטער.

פרידע. ווער עס רעדט קעגן טויט־אורטייל...

ברענדעקע. אין דעם איז ניט קיין מינדסטע איבערגעטריבנקײַט, פרײַלין. פאַר אײַך שטייט די פראַגע: אויסגעבן אַ קליינע באַלשעוויסטישע געהיימעניש אָדער פירן צום טויט דעם אייגענעם פאָטער. אַזאַ איז די אונטערשטע שורע.

דער יעפּרייטאָר פירט אַרויס פרידען אין לערער־צימער, פאַרציט די פּאַרטיערן און גייט אַרויס. דערזען נאַסטיען, ווערט פרידע אַ רעגע פאַרגליווערט און דרייט זיך אויס צו איר מיטן רוקן.

ניזאַבודקאַ (צו נאַסטיען). טרינק, טיטקאַ, טרינק. אָט אַזוי... נו, איצט טאַנץ... טיטקאַ... טאַנץ, באַפעלט מען דיר! (רימפּלט אַף דער באַלאַלײַקע אַן אוקראַיִנישן טרעפּאַק. ווי ניט באַ זיך אין די הענט לאָזט זיך נאַסטיאַ טאַנצן מיט „פּריסיאַדקעס“, ווינקענדיק מעשונע צו פרידען און זינגענדיק דערבײַ):

א אי טי־טי כלאָפּצי,
א אי טי־טי טראָיע,
שטשאָ סולילי דיוקי קאזשני פּאָ קאָלעטשקאָ,
סאכראניליס וואָני טוט ניוודאלעטשקא.
פּערעדאטי דיווטשיני וואָני נאקאזאלי:
בודע זש סיאָהאָדני נאָטשי, יאק וואָנא פּראָסילא,
בודע, בודע, בודע...

דער יעפרייטאָר פירט אריין אווראָם־בערן, וועלכער דערזעט דאָ צום אלעם ערשטן די טאנצנדיקע נאסטיא.

אווראָם־בער (בלויז מיט די ליפּן פארוואונדערט). נאסטיא?!.. (באמערקט פרידען, וואָס שפּאנט צו אים פון אנטקעגן, און כאפּט זי אריין אין די אָרעמס.)

יעפרייטאָר (צו ניזאבודקען און נאסטיען). נו?.. (פירט זיי ארויס.)

אווראָם־בער (לאָזט אָפּ פרידען, קוקט אין א זייט). און ווער איז ביז איצט געווען שטארקער? „זיי", צי א מיידל, וואָס האָט געלייענט לעגינען?

פרידע. איך, טאטע.

אווראָם־בער. וואָס פאָדערן זיי פון דיר?

פרידע. דאָס איינשרייב־בוך... און דיך... פארוואָס?

אווראָם־בער. פארן זעלבן. און דערפאר, וואָס זיי דארפן בלוט... גאלינא... שוין ניטאָ...

פרידע. גאלינא... איך האָב עס מיר פאָרגעשטעלט... און ווו איז יאשקע?..

אווראָם־בער. זיי האָבן אים שטארק פארוואונדעט. איצט היילן זיי אים, קעדיי עפּעס פון אים ארויסצובאקומען. אָט אזוי האָט עמעצער געזאָגט בא מיר אין קאמער. און נאָך האָט דאָרט עמעצער געזאָגט: מ'האָט שוין דאָ ארעסטירט אלע ייִדן אָף צעשיסן יעדן פינפטן... פאר באָרעכן. (ווייזט צו די פאָרטיערן.) דאָס האָט ער מיר געגעבן די ברייִרע: ארויסגעבן און דערמיט מאצל זיין זיי אלע פון טויט — אכצן נעפאשעס... ס'איז אלץ ניסיוינעס... שוין צום דריטן מאָל... א שווערער ניסאָיען?

פרידע. איז וואָס וועט מיט דיר זיין, טאטע?

אווראָם־בער. פאר מיר האָבן שוין באשלאָסן די בעסטע אמאָליקע ייִדן: „יהרג ואל יעבור".

פרידע. וואָס הייסט עס?

אווראָם־בער. געהארגעט ווערן — און ניט אויסגעבן. אזוי האָבן זיי געטאָן און אזוי פארזאָגט אָף דאָר־דוירעס. (ווישט אָפּ די טרערן אָף פרידעס אויגן.) זייער שטארק ליידן זאָלסטו ניט דערפון. ס'האָט א זינען: טאָן ווי די בעסטע מענטשן פון מיין פאָלק... יהרג ואל יעבור...

פרידע. יהרג ואל יעבור... נו... און אויב איינעם לייגט מען פאָר: אויסגעבן אָדער פארורטיילן צום טויט אַן אייגענעם טאטן?

אווראָם־בער. הא?.. אַן אייגענעם טאטן?.. (טראכט.) זעסטו, אָף דעם איז שוין בא ייִדן קיין ביישפּיל ניט געווען. איך טו, ווי א סאָוועטישער ייִד, און דו — א ייִדישע קאָמסאָמאָלקע... (כאפּט זי ארום.)

יעפרייטאָר (אריינקומענדיק איניינעם מיט א סאָלדאט). די צייט, יודע, איז אריבער.

דער סאָלדאט פירט אוועק אווראָם־בערן, און דער יעפרייטאָר פירט אוועק פרידען. ברייט ציִען זיך פאנאנדער די פאָרטיערן. אין שפּיץ מיטן הויקער כוועדערן שפּילט אין העל־באלויכטענעם צוגעפּוצטן פיזקולטור־זאל א באלאלייקע־אָרקעסטער. מיט זיין באלאלייקע אין די הענט שפּאנט פון דאָרט ארויס דער אויסגעפּוצטער ניזאבודקא אקעגן דער אריינקומענדיקער נאסטיען.

ניזאבודקא. נו? פארוואָס זשע קומען ניט אריין די דיווטשאטעס? וואָס לאָזסטו זיי אלץ שטיין אין דרויסן? (וויל ארויסלויפן נאָך די מיידלעך.)

נאסטיא (פארהאלט אים). זאָג איך דאָך: זיי שעמען זיך. זייער טאנץ, זאָגן זיי, וועט ניט געפעלן. און בעסער בלייב דאָ. אזא מאָרדע, ווי דיינע, האָבן זיי שוין דאָ לאנג ניט געזען. וועסט זיי איבערשרעקן.

ניזאבודקא. דריי ניט מיט מיר! (לויפט ארויס אין דרויסן.)

כוועדער (צוקומענדיק צו נאסטיען). וואָס וועט דאָ זיין, טיטקא נאסטיא?

נאסטיא. פרעג ניט, כוועדער. ניט מיר און ניט דיר האָט זיך געגלוסט אָט דער טאנץ. מירן נאָך זען, וואָס פון אים וועט ארויס. (שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער. איינע נאָך איינע ווערן דורך ניזאבודקען אריינגעשטויסן אין זאל אריין עטלעכע מיידלעך.)

ניזאבודקא (דרינזשענדיק אף זייַן באלאלייַקע). **שפּיל, אָרקעסטער! אָט אזוי... שטארקער! פרייל̄עכער! נאָך שטארקער!** (לאָזט זיך מיט „פריסיאדקעס“ צו די דערשראָקענע מיידלעך.) **נו, פארוואָס זשע טאנצט איר ניט?** (לאָזט זיך באנייַס אין אווילדן גרימאסן־טאנץ. בלייַבט שטיין.) **טפו!.. אין בערל̄ינער נאכט־שענקען פל̄עג איך מיט מייַן ברען אל̄ערל̄יי פאנעס און פאניעס אריַינברענגען אין עקסטאז. הילצערנע זייַט איר!..** (א סאָלדאט, אריַינגעלאָפן דורך דער זייַטיקער טיר, ווינקט צום אָרקעסטער, ער זאָל שפּילן שטארקער און שטארקער. מיט דער זייַטיקער טיר קומען אריַין **בּרענדעקע, פרוי גינטער, דער יעפרייטאָר**. נאָך זיי א גרופּע **סאָלדאטן**. דער אָרקעסטער האקט זיך אָפּ.)

בּרענדעקע (קוקנדיק אף די מיידלעך). **פארוואָס טאנצן זיי ניט?**

פרוי גינטער (ארומקוקנדיק די מיידלעך און צווינקענדיק צו ברענדעקען אף אייניקע פון זיי). **טאנצן, טאנצן, רוסין.** (ווייַזט מיט איר קערפּער, וואָס זי מיינט.)

נאסטיא (צו ברענדעקען, אָפּשפּארנדיק מיט איר קערפּער פרוי גינטער פון די מיידלעך). **זיי זייַנען צוגעווויינט, אז דעם טאנץ זאָל̄ פירן פרידע, די פיזקול̄טורניצע. אָן פרידען קומט בא זיי קיינמאָל̄ ניט ארויס דער טאנץ.**

בּרענדעקע (וועמען מ׳זעצט איבער נאסטיעס ווערטער). **פרידע?.. נו, איז ברענגען זי אהער!** (קוקט שפּאָטיש און טרעט אָפּ צו כוועדערן, וועלכער רוקט זיך פון אים אָפּ מיט צוריקטריט א דערשראָקענער, ווייַזנדיק דערבייַ ארונטער זיך דעם אָרקעסטער, ער זאָל שפּילן שטארקער, שטארקער. דערשראָקן גייט דער אָרקעסטער איבער פון דער שטילסטער פּיאנאָ צו דער שטארקסטער פאָרטאָ און האקט זיך מיטאמאָל איבער, בייס צוויי סאָלדאטן אין הויפּט־אריַינגאנג שלעפּן מיט גוואלד אריַין פרידען און טוען זי א שטויס טיפער אין זאל אריַין.)

פרידע (מיטאמאָל שטיין געבליבן). **וואָס טוט זיך דאָ?** (קוקט אף די דייַטשן, אפן אָרקעסטער, אף די דערשראָקענע מיידלעך.) **א טאנץ דאָ? אין הייַנטיקער נאכט?!** (איר בליק פאלט, בייס אלע קוקן אף איר, אפן אקעגנדיקן וואנטזייגער, וואָס האלט אָן צוועלף מינוט צו צוועלף.) **א טאנץ איצט?..** (געבליבן א רגע פארגליווערט מיט א געבויגענעם קאָפּ, טוט זי זיך פּלוצלינג א כאפּ אוף.) **איז טאנצן!.. טאנצן, מיידעל̄עך, אונדזער טאנץ!** (טוט א יאָג איבערן זאל און פירט אָן מיטן קאראוואר — א טאנץ פון אומגעהייערער דאָרשט צו נעקאָמע און פון שרעק פאר די ווייַזער פונעם זייגער, וואָס דערנענטערט זיך אלץ מער און מער צו צוועלף. מיט איטלעך מיידל דרייט זי זיך אין א באזונדער טאנץ, בייס וועלכן זי באווייַזט א שעפּטשע טאָן יעדערער אין אויער און ארויסשטויסן פון זאל. דאָס אייגענע טוט זי מיט יעדן פונעם אָרקעסטער. וואָס ווייניקער עס בלייַבן מענטשן, אלץ שטארקער און וויכערדיקער ווערט דער טאנץ. די קליידער אף איר ווערן צעריסן און הענגען אף איר, ווי שמאטעס. ווען זי איז שוין נאָר איינע מיט די דייַטשן, דערהערט זיך אין זאל א גערויש פון א פּלי־מאשין, אויסגעמישט מיט געהילך פון אופרייַסן און פון קוילנווארפער־געשטעף. פון די ערשטע אריַינגעפלויגענע קוילן פאלן פרוי גינטער און אייניקע פון די סאָלדאטן. אלע לויפן צו די טירן. עס ווערט פינצטער. עס הערט זיך א געוואלגער, און פרידעס געשריי אינמיטן צעפלאמטן טאנץ: „אָט אזוי, שטארקער, שטארקער!“ דער גערויש און די באָמבארדירונג שטארבן ביסלעכווייַז אָפּ. אינעם ערטערווייַז דורכגעלעכערטן זאל ווערט צוריק ליכטיק.)

סאָלדאט (אריַינלויפנדיק, קומט צו צו ברענדעקען, וואָס קריכט ארויס פון אונטערן געוואלגער פון שטוקאטור און מעבל). **הער מאיאָר! די פרידע איז פארשווונדן.**

צווייטער סאָלדאט (אריַינלויפנדיק, פארבאנדאזשירט און שטיין בלייַבנדיק אין פאָרנט פאר ברענדעקען). **איך קום פון הינטער דער קאמענאָל̄אָמניע, הער מאיאָר.**

בּרענדעקע. די איבעריקע ווו זייַנען?

סאָלדאט. געפאלן, הער מאיאָר!

בּרענדעקע. ווער האָט דאָרט אף אייַך געשאָסן?

סאָלדאט. דער זעל̄בער פּארטיזאנער, הער מאיאָר!

בּרענדעקע. איינער... און איר האָט אים ניט געקאָנט נעמען?

סאָלדאט. ער איז זייער של̄ויַ[1], הער מאיאָר!

בּרענדעקע. דאָנערוועטער! נאָך א פאל̄! (צום יעפרייטאָר.) **באלד ברענגען אהער די אל̄ע ארעסטירטע ייִדן, וואָס גיבן ניט ארויס דעם פּארטיזאנס על̄טערן, און אויספירן דעם אורטייל.** (גייט אוועק.)

---

[1] כיטרע.

אייניקע סאָלדאַטן רייניקן אָפּ דעם צעלעכערטן זאַל פֿון די טויטע און פֿונעם ברוך־געוואַלגער. אַנדערע טרײַבן אַרײַן אַ מענגע ייִדן, פֿרויען און קינדער און שטעלן זיי אויס לענגאויס דעם זאַל. צווישן די ייִדן שטייען באַנאַנד פֿישל און דער אַלטער יוינעסן, וועלכער שאָקלט מיט די ליפּן.

יוינעסן (צו פֿישלען, וועלכער שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער). האַ?

פֿישל. נו, טײַנע איך דאָס מיט אים. וואָס ווילט זיך דיר אַזוי לעבן? — טײַנע איך מיט אים.

יוינעסן. מיט וועמען?

פֿישל (ווײַזט אָף זיך אַליין). מיט פֿישל בראָדסקי.

אַן אַלטע ייִדענע אין דער ריי (זיפֿצט טיף). אוי!.. ווײ און ווינד איז אונדז!

יוינעסן. אַ!.. מ'לאָזט ניט.

פֿישל. וואָס לאָזט מען ניט?

יוינעסן. שטאַרבן מיט קאַוואָנע לאָזט מען ניט... מיט עמונע, אַז עס וועט געצאָלט ווערן.

פֿישל. מיט עמונע, אַז עס וועט געצאָלט ווערן?..

יעפֿרייטאָר (אַרויסקומענדיק מיט אַ פּאַפּיר אין די הענט). אַכטונג! (לייענט פֿונעם פּאַפּיר.) פֿאַר אָפּזאָגן זיך אַרויסצוגעבן די עלטערן פֿונעם פּאַרטיזאַנער באָרעך שמיליאָוויטש, דערשיסן יעדן פֿינפֿטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אַכטונג (ציילט און מערקט אָן יעדן פֿינפֿטן.)

ברענדעקע (אַרויסקומענדיק פֿון דער זײַטיקער טיר, דערזעט אַווראָם־בערן, וועלכן מע פֿירט אַרײַן פֿון אַקעגן). איז ווי וועט עס זײַן, וואָלגעבאָרענער יודע? זע, ווי די אויגן פֿון זיי זײַנען געווענדט צו דיר, ווי צו זייער גראָספֿאַטער, דעם פּאַטריאַרך אַווראַ־אַם. פֿון דיר הענגען זיי אָפּ מיט זייערע לעבנס. זאָג אויס, ווו געפֿינט זיך דאָס אײַנשרײַב־בוך פֿונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן, און דו ראַטעווסט זיי אַלע פֿון טויט; ווי מיט אַ שפּרוך אַ וווּנדערלעכער... שווײַגסט אַלץ, דו אַלטער ליסאָל[1]! דײַן ייִדיש האַרץ בלײַבט פֿון שטיין, אויך ווען עס האַנדלט זיך וועגן דײַנע ייִדישע גלויבנס־גענאָסן?.. איז פֿילײַכט וועל איך עס דאָך ווייכער מאַכן. (צום יעפֿרייטאָר.) פֿאַר ניט אַרויסגעבן די עלטערן פֿונעם פּאַרטיזאַנער באָרעך שמיליאָוויטש, יעדן דריטן ייִדן צום צעשאָסן ווערן. (בײַם דער יעפֿרייטאָר מערקט אָפּ יעדן דריטן ייִדן אין דער ריי.) שווײַגסט אַלץ?.. דיר איז אַלץ נאָך ווייניק בלוט פֿון דײַנע אייגענע ברידער? (צו די אָנגעמערקטע.) זעט, ווער איר, ייִדן, זײַט! ניט קיין מענטשן, איר זײַט אַלע קרעטינען, איר, געמיינע באַרימער! געטומלט אָף דער וועלט, אַז איר, ייִדן, שטעלט זיך אײַן איינער פֿאַרן אַנדערן. און מיר, דײַטשן, באַווײַזן אַלעמען, אַז אויך דאָס איז אַ ליגן און אַז אויך דערויף זײַט איר ניט פֿײַיק. (ווײַזט אָף אַווראָם־בערן.) אײַער אייגענער מענטש זאָגט זיך אָפּ צו ראַטעווען אײַך פֿון טויט. זײַן טאָכטער האָט ער געראַטעוועט, און אָף אײַך שפּײַט ער. נו, איז פֿאַלט אים צו די פֿיס. באַ אים אין די הענט איז אײַער לעבן. אייך וואָרט זײַנס, און איר ווערט געראַטעוועט! (אַ פֿאַרלוירנקײַט און אַ שעפּטשערײַ צווישן די אָנגעמערקטע. קוקט אָפֿן זייגער.) איך גיב אײַך דרײַ מינוט אָף צונויפֿריידן זיך. (גייט אַרויס.)

אַלטע ייִדענע. אַווראָם־בער!

דער אַלטער יוינעסן וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך די קאַפּאָטע און בלײַבט אין די טאַכריכים.

אַלטע ייִדענע (אָנווײַזנדיק אָף יוינעסן). אַווראָם־בער!..

אַווראָם־בער (אופֿגעטרייסלט). וואָס... אַווראָם־בער?!.. ייִדן... מיט וואָס זאָל איך אײַך ראַטעווען? אַפֿילע, ווען איר זאָלט „זיי" גלייבן? מיט פֿאַרשוועכן און פֿאַרשמוצן אָף אייביק דעם נאָמען ייִד? ייִדן... איך געזעגן זיך מיט אײַך... ניט ווי אַ קרעציקער... נאָר ווי אַ ריינער מיט ריינע. אין זיבן יאָמען זאָל בלײַבן געטויוולט דער נאָמען ייִד!.. איך געזעגן זיך מיט אײַך. נו?.. איך שענק אײַך אַוועק אַלץ, וואָס מיר קומט פֿאַר בײַשטיין אָט דעם ניסאָיען, — אָפּגעבן אײַערע לעבנס פֿאַר געטרײַשאַפֿט צו אונדזער לאַנד — ס'איז אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג. און זאָל מען נאָכדעם אין צײַטן ניט זאָגן: געווען איינער אַן אָרנטלעכער ייִד — אַווראָם־בער. נאָר זאָל מען זאָגן: געווען... געווען אָרנטלעכע מענטשן דאָ אָף אונדזער פּראָווו־סטאַנציע... און איצט מײַן לעצט וואָרט צו אײַך... ייִדן.

ברענדעקע (אַרײַנקומענדיק מיטן זייגער אין האַנט). די דרײַ מינוט זײַנען אַריבער. זיך צונויפֿגערעדט?

אַווראָם־בער. זיך צונויפֿגערעדט...

---

1 כיטראַק.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אין נאָמען פון זיי אַלע רעדסטו?

א ו ו ר אָ ם־ב ע ר. ניט נאָר אין נאָמען פון זיי אַלע דאָ, אין נאָמען פון אַלע פעלקער, וואָס איר ווילט זיי אויסראָטן... אין נאָמען פון מײַן גאַנצער ייִדישער אומע. איך... איך ענטפער פאַר זיי: לא אמות — כ׳וועל ניט שטאַרבן, כי אחיה — מיר וועלן אײַך איבערלעבן.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אַרויספירן אים פונדאַנען! (אוורהם־בערן פירט מען אַרויס באַם שטיל־שווײַגן פון אַלע, וואָס קוקן אים נאָך.) **פאַר אַפּזאָגן זיך אַרויסגעבן די עלטערן פונעם פאַר־טיזאַנער באָרעך שמיליאַוויטש...**

נ א ס ט י א (אַרײַנגעריסן זיך און געבליבן שטיין צווישן ברענדעקען און די ייִדן). **צע יא יעהאָ מאַמאָ!..**

ב ר ע נ ד ע ק ע. דו?

נ י ז א ב ו ד ק א (אַרײַנגעלאָפן נאָך נאַסטיען, ווײַזט מיט גיפּט אַף די ייִדן). **הע־הע. שוין געמיינט, ס׳וועט אָפּגיין, הא?** (צו ברענדעקען וועגן נאַסטיען.) **ניין... ס׳איז די, וואָס וואַשט גרעט און די פּאָלן אין שטאַב, גאָרניט קיין ייִדישע איז זי... דער פאַרטיזאַנער האָט נאָר געוווינט באַ איר.** (ברענדעקען אין אויער.) **איך דאַרף זי נאָך דערווײַל האָבן. זי קאָן מיר העלפן, מ׳זאָל אַרויסגיין אַרבעטן אין פעלד.**

ב ר ע נ ד ע ק ע (אָפּקערנדיק זיך פון נאַסטיען). **פאַר אָפּזאָגן זיך אַרויסגעבן דעם פאַר־טיזאַנער...**

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט (אַרײַנלויפנדיק, שלעפּט נאָך מיט זיך די צוויי סאָלדאַטן, וואָס רײַסן אים צוריק). **איך האָב וואָס צו מעלדן דעם מאַיאָר!**

ב ר ע נ ד ע ק ע. וואָס האָט פּאַסירט?

פ ר אָ פ. ק ר אַ נ ב ל י ט (בלײַבט שטיין אַקעגן ברענדעקען). **איר האָט דאָך געוואָלט וויסן פון מיר וועגן די לעצטע אַרבעטן אין סעלעקציע־פּאַווילְיאָן... איר האָט דאָך מיר געגעבן צײַט צו באַשליסן... נו, האָב איך באַשלאָסן... איר האָט געזאָגט: איצט וועלן מיר מיט אײַך פאַרענדיקן אונדזער רעכענונג... איז אָט... איז וועלן מיר פאַרענדיקן.** (כאַפּט אַרויס דעם רע־וואָלווער און שיסט אויס עטלעכע מאָל אין ברענדעקען.)

עטלעכע סאָלדאַטן שלאָגן אַרויס פון זײַן האַנט דעם רעוואָלווער און שלעפּן אים אַוועק. די פּאַרטיזאַנען ווערן צעצויגן. ברענדעקען ברענגט מען פון דאָרט אַף אַ טראַגבעטל אין לערער־צימער. אַ ד אָ ק ט ע ר אין אַ ווײַסן כאַלאַט קומט אײַליק אַרײַן, נאָך אים גייט אַ ש וו ע ס ט ע ר מיט אַ בלוט־פּראָבע אין אַ גלעזערנעם טרײַבעלע.

ד אָ ק ט ע ר (אָנטמענדיק דעם דויפּעק באַ ברענדעקען און אָנבייגנדיק זיך צו אים). **אַזאַ איז די לאַגע, הער מאַיאָר. קיין איינע פון די גרופּעס בלוט, וואָס מיר האָבן, גייען ניט אונטער. אײַן גרופּע בלוט מיט אײַך האָט בלויז דאָס אונטערגעשאָסענע ייִנגל.** (צו דער שוועסטער.) **ברענגען אהער דאָס ייִנגל!** (שוועסטער אָפּ.)

ב ר ע נ ד ע ק ע. וועלכן ייִנגל?

ד אָ ק ט ע ר. איר האָט באַפוילן אים ברענגען צו אַ צושטאַנד, מ׳זאָל אים קאָנען אויס־פרעגן... זײַן מוטער איז געווען אַ סלאַווין, זײַן פאָטער — אַ ייִד. (זײַנע פינגער, וואָס טאַפּן ברענדעקעס האַנט, טוען זיך אומרוּיִק אַ ריר, זוכנדיק דעם דויפּעק.) **שנעלער באַשליסן, הער מאַיאָר, אײַך דראָעט...**

ב ר ע נ ד ע ק ע. טויט?!

ד אָ ק ט ע ר. שנעלער באַשליסן, הער מאַיאָר.

ב ר ע נ ד ע ק ע. אײַער וואָרט פון אַן אַריער... אַז קיינער וועט וועגן דעם ניט וויסן. איך דאַנק...

אַף אַ טראָגבעטל דורכוויס אין ווײַסן טראָגט מען אַרײַן דעם שווער־פאַרוווּנדעטן י אַ ש ק ע ן. אין פּראָ־צעס פון איבערגיסן דאָס בלוט ווערט יאַשקע אַלץ שוואַכער און ברענדעקע — אַלץ פרישער.

ש וו ע ס ט ע ר (צום דאָקטער, האַלטנדיק יאַשקעס דויפּעק). **ער גייט אויס!**

ד אָ ק ט ע ר (צו ברענדעקען). **ער גייט אויס!**

ב ר ע נ ד ע ק ע. ער גייט אויס?.. נאָך, נאָך... נאָך אַ ביסל בלוט.

י אַ ש ק ע. מאַמע... קום אַרויס פון רויך... נו?.. קום אַרויס צו מיר, מאַמע... קום אַרויס פון רויך...

ש וו ע ס ט ע ר (אָפּלאָזנדיק יאַשקעס דויפּעק). **געשטאָרבן!**

ד אָ ק ט ע ר (צו ברענדעקען). געשטאָרבן... אײַער בעפינדן[1], הער מאיאָר?
ב ר ע נ ד ע ק ע. איך דאנק... פיל בעסער.
ד אָ ק ט ע ר. באפרײַען דאָס צימער פון דער לייכע[2]!

די שוועסטער טראָגט יאשקעס טויט קערפערל צו דער טיר, אין וועלכער עס באווײַזט זיך נ א ס ט י א.

נ א ס ט י א (איבערנעמענדיק יאשקעס קערפערל אף אירע הענט, קוקט אים אריַין אין פנעמל). יאשקא!..

ב י ל ד פ י ר

דאָס פעלד ארום דער קאמענאָלאָמניע איז פול מיט גרופעס רויטארמייער פון פארשיידענע טיילן, וואָס ווארטן אף א סיגנאל צו אן אָנגריף. צווישן זיי, ארום דער באוואָפנטער פ ר י ד ע, איז לעבן א פריש־אויסגעגראָבענעם קייווער פארזאמלט דער פארטיזאנישער טייל פון באָרעכן, פאנאסענקאָ, סענקאָ און אנ־דערע. דאָ געפינען זיך אויך כ ײַ ע און נ א ס ט י א. עס קומען צו פארינטערעסירטע ר ו י ט א ר מ י י ע ר.

פ ר י ד ע (איבערנעמענדיק יאשקעס קערפערל פון נאסטיעס הענט). און נאָך האָט מיר מײַן פאָטער דערציילט פון דער אלטער יידישער געשיכטע וועגן א פרוי, א פארגוואלדיקטער אף טויט אין גיווא, וואָס מע האָט צעשניטן אף צוועלף שטיקער און צעשיקט איבערן גאנצן פאָלק: נאט, זעט, וואָס מע האָט געטאָן אין גיווא! איז אופגעשטאנען דאָס גאנצע פאָלק ווי איין מענטש און האָט אויסגעראָטן די מערדער פון גיווא...

מע דערזעט פונווײַטנס אָן אן אופגעפלאקערטע ראקעטע. אלע כאפן זיך צום געווער און לאָזן זיך אין אָנגרײַפנדיקע שיסנדיקע רייען.

ב אָ ר ע ך (צו פרידען). לאָז אפגיך ארײַנלייגן יאשקען אין קייווערל... נו, לאָז אים באַהאלטן!

פ ר י ד ע. נייך, ניט באהאלטן, ניט אומקערן דער ערד, נאָר באווײַזט דער גאנצער וועלט: זעט, וואָס זיי טוען, און וואָרצלט זיי אויס! (שפאנט צווישן די אָנגרײַפנדיקע פארטיזאנער און שיסנדיקע רויטארמייער, וואָס קוקן זיך צו איר אום פארבײַלויפנדיק. זי שפאנט מיט יאשקעס קערפערל אףביידע אויסגעצויגענע הענט און שרײַט איבער דעם געהילך פון דער שיסערײַ.) איסטרעבלײַטע איך! איסטרעבלײַטע איך! — אויסראָטן זיי! אויסראָטן זיי! (אָפּ).

פ אָ ר ה א נ ג

---

1 ווי פילט איר זיך? 2 מעס.



אי. ס. טורגעניעוו

דעם 9 נאָיאַבער 1968 ווערט 150 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער רוסישער שרײַבער איוואַן סערגייעוויטש טורגעניעוו. מיט זײַן גרויסער מײַסטערשאַפט, מיט זײַן שאַרפער קריטיק פון לײַבאייגנטום, מיט זײַנע פּראָגרעסיווע אופקלערערישע אָנשויונגען האָט אי. ס. טורגעניעוו פאַרנומען א צענטראַל אָרט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער און אַלוועלטלעכער ליטעראַטור.

מיר גיבן דאָ אַן איבערזעצונג פון טורגעניעווס דערציילונג „בירױק“, וועלכע איז אַרײַן אין זײַן קלאַסישן ציקל „שריפטן פון א יעגער“.

בירױק

איך בין געפאָרן פאַרנאַכט פון דעם געיעג איינער אַליין אף א רײַטוועגעלע. ביז צו דער היים איז געווען נאָך א ווערסט אַכט; מײַן גוטע יאָג־שקאַפּע איז מונטער געלאָפן איבערן שטויביקן שליאַך, פון צײַט צו צײַט צוגעכראָפּעט און געפאָכעט מיט די אויערן; דער פאַרמאַטערטער הונט איז ווי א צוגעבונדענער ניט אָפּגעטראָטן אף קיין שפּאַן פון די הינטערשטע רעדער. עס האָט זיך אָנגערוקט א געוויטער. פון פאָרנט, פון יענער זײַט וואַלד, האָט זיך לאַנגזאַם געהויבן אַן אומגעהייערע ליל־פאַרביקע כמאַרע; איבער מיר און מיר אַנטקעגן האָבן זיך געטראָגן לאַנגע, גרויע שטיקער וואָלקנס. די ווערבע־קוסטעס האָבן זיך אומרויִק געוויגט און געמורמלט. די שטיקנדיקע היץ איז מיטאַמאָל אַראָפּ, און ס׳איז געוואָרן פײַכט־קיל; די שאָטנס האָבן אָנגעהויבן מיטאַמאָל געדיכט צו ווערן. איך האָב א קלאַפּ געטאָן דאָס פערד מיט די לייצעס, האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין א רוי, בין אַריבער דורך אַן אויסגעטריקנט טײַכל, וואָס איז אינגאַנצן פאַרוואַקסן געווען מיט לאָזעס, זיך פאַרנומען באַרג־אַרוף און בין אַרײַנגעפאָרן אין א וואַלד אַרײַן. דער וועג האָט זיך פאַר מיר געשלענגלט צווישן געדיכטע ניס־קוסטעס, וואָס זײַנען שוין אײַנגעהילט געווען אין טונקלקײַט. איך האָב זיך מיט מאַטערניש גערוקט פאָרויס. דאָס רײַטוועגעלע איז געשפּרונגען איבער האַרטע וואָרצלען פון הונדערטיאָריקע דעמבעס און לינדנביימער, וואָס האָבן דורכגעשניטן די טיפע, אין דער לענג אויסגעמוליעטע גריבלעך — סימאָנים פון וואָגן־רעדער; מײַן פערד האָט אָנגעהויבן פאַלן פון די פיס. א שטאַרקער ווינט האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן הודזשען אין דער הייך, די ביימער האָבן זיך צעראַשט, גרויסע רעגן־טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן הילכיק קלאַפּן, פּאַטשן איבער די בלעטער, ס׳האָט א בליץ געטאָן, און דאָס געוויטער האָט אויסגעבראָכן. דער רעגן האָט א גאָס געטאָן, ווי פון אַן עמער. איך האָב געגומען פאָרן טראָט־באַ־טראָט און האָב באַלד זיך געמוזט אָפּשטעלן: מײַן פערד האָט געזונקען אין דער בלאָטע, איך האָב ניט געזען די שפּיץ פאַר זיך. איך האָב זיך קוים צוגעמאָסטעט צו א ברייטן קוסט. אײַנגעהויקערט און פאַרוויקלט דאָס פּאָנעם, האָב איך מיט געדולד געוואַרט, דער רעגן זאָל אויפהערן. ערשט פּלוצעם האָט זיך מיר בא דער שײַן פון א בליץ אויסגעדאַכט עפּעס א הויכע פיגור אפן שליאַך. איך האָב גענומען זיך שאַרף אײַנקוקן אין יענער זײַט, — די זעלבע פיגור איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן לעבן מײַן וועגעלע.

— ווער איז דאָס? — האָט א פרעג געטאָן א הילכיקע שטים.

— און דו אַליין ווער ביסט?

— איך בין דער היגער וואַלד־היטער.

איך האָב אָנגערופן מײַן נאָמען.

— אַ, כ׳ווייס! איר פֿאָרט אַהיים?

— אַהיים. זעסט אָבער אַ מין געוויטער...

— יאָ, אַ געוויטער, — האָט די שטים געענטפֿערט.

אַ ווײַסער בליץ האָט באַלויכטן דעם וואַלד־היטער פֿון קאָפּ ביז פֿיס; באַלד נאָכן בליץ האָט זיך דערהערט אַ קנאַלנדיקער אָפּגעריסענער קלאַפּ פֿון אַ דונער. דאָס רעגנדל האָט אַ שטראָם געטאָן מיט אַ דאָפּלטער קראַפֿט.

— ער וועט ניט אַזוי גיך אויפֿהערן, — האָט ווײַטער געזאָגט דער וואַלד־היטער.

— מײַלע, וואָס זאָל מען טאָן?

— אויב איר ווילט, וועל איך אײַך דורכפֿירן אין מײַן שטוב, — האָט ער אָפּגעהאַקט אַ זאָג געטאָן.

— זײַ אַזוי פֿיל גוט.

— זײַט זיך מטריח זיצן.

ער איז צוגעגאַנגען צום קאָפּ פֿון פֿערד, האָט אים אָנגענומען פֿאַר דער צוים און אַ שלעפּ געטאָן פֿון אָרט. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. איך האָב זיך געהאַלטן פֿאַרן קישעלע אויפֿן רײַט־װעגעלע, וואָס האָט זיך געוויגט, ווי אַ „שיפֿל אויפֿן ים“, און האָב גערופֿן דעם הונט. מײַן שקאַפּע האָט נעבעך שווער געטיאַפּקעט מיט די פֿיס אין דער בלאָטע, האָט זיך געגליטשט, געשטרויכלט; דער וואַלד־היטער האָט זיך, ווי אַ שאָטן, געשאָקלט הין און הער פֿאַר די האָ־לאָבליעס. מיר זײַנען געפֿאָרן גאַנץ לאַנג; ענדלעך האָט מײַן פֿירער זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט זײַנען מיר אין דער היים, פּאָרעץ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ רויִקער שטים.

די פֿאָרטקע האָט אַ סקריפּע געטאָן, עטלעכע הינטלעך האָבן זיך מיטאַמאָל צעבילט. איך האָב אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און האָב בײַ דער שײַן פֿון אַ בליץ דערזען אַ קליין שטיבל אינמיטן אַ ברייטן הויף, אָן אַרומגעצוימטן מיט אַ פּלויט. פֿון איין פֿענצטערל האָט טונקל געלויכטן אַ פֿײַערל. דער וואַלד־היטער האָט צוגעפֿירט דאָס פֿערד ביזן גאַנעק און גענומען קלאַפּן אין טיר.

— באַלד, באַלד! — האָט געענטפֿערט אַ דין קעלכל. עס האָט זיך דערהערט אַ טופּען פֿון באָרוועסע פֿיס. דער ריגל האָט אָנגעהויבן סקריפּען, און אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר צוועלף, אין אַ העמדל, אונטערגעבונדן מיט אַ קרײַקעלע, מיט אַ לאַמטערן אין האַנט, האָט זיך באַוויזן אין דרויסן.

— לײַכט נאָר צו דעם פּאָרעץ, — האָט ער צו איר געזאָגט. — און איך וועל אוועק־שטעלן אײַער וועגעלע אונטער דער שאָפּע.

דאָס מיידעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב אַרײַן. איך האָב זיך געלאָזט גיין נאָך איר.

דעם וואַלד־היטערס שטוב איז באַשטאַנען אינגאַנצן פֿון איין צימער, אַ פֿאַרייכערטן, ני־דעריקן און ליידיקן, אָן שלאָף־בענק און אָן שיידווענטלעך. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ צעריסענער פּעלץ. אויף אַ באַנק איז געלעגן אַן איינרעריקע ביקס, אין אַ ווינקעלע האָט זיך געוואַלגערט אַ הויפֿן שמאַטעס, לעבן אויוון זײַנען געשטאַנען צוויי גרויסע טעפּ. אויפֿן טיש האָט געברענט אַ קינעלע, וואָס האָט אומעטיק אויפֿגעפֿלאַקערט און זיך געלאָשן. אין סאַמע מיט שטוב איז געהאַנגען אַ וויגעלע, צוגעבונדן צום עק פֿון אַ לאַנגער שטאַנג. דאָס מיידעלע האָט פֿאַרלאָשן דעם לאַמטערן, האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע און האָט גענומען מיט דער רעכטער האַנט וויגן דאָס וויגעלע און מיט דער לינקער — צורעכט מאַכן דאָס קינעלע. איך האָב אַ קוק געטאָן אַרום זיך, און עס איז מיר אומעטיק געוואָרן אויפֿן האַרצן: ניט פֿריילעך איז אַרײַנצוקומען בײַנאַכט אין אַ פּויערישער שטוב. דאָס קינד אין וויגעלע האָט געאָטעמט שווער און האַסטיק.

— דו ביסט דען דאָ איינע אַליין? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן דאָס מיידעלע.

— אַליין, — האָט זי קוים אײַנצוהערן אַרויסגערעדט.

— דו ביסט דעם וואַלד־היטערס טאָכטער?

— דעם וואַלד־היטערס, — האָט זי זייער שטיל געזאָגט.

די טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן, און דער וואַלד־היטער האָט אַ שפּאַן געגעבן מיט אָן אָנגע־בויגענעם קאָפּ איבער דער שוועל. ער האָט אויפֿגעהויבן פֿון דיל דעם לאַמטערן, איז צוגעגאַנ־גען צום טיש און האָט אָנגעצונדן דעם ברען־קנויט.

— איר זײַט מסתמא ניט צוגעוווינט צו אַ קינ.עלע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַ טרייסל געגעבן מיט דעם קאָפּ האָר.

איך האָב א קוק געטאָן אף אים. זעלטן ווען עס האָט זיך מיר געמאַכט זען אזא בראַוון מאַן. ער איז געווען הויך געוואַקסן, ברייטביינערדיק און פעסט. פון אונטער דעם נאַסן גראָב־לײַווונטענעם העמד האָבן זיך בוילעט אַרויסגעזען זײַנע שטאַרקע מוסקולן. א שוואַרצע געקרײַזלטע באָרד האָט ביז האַלב פאַרדעקט זײַן כמורע דרייסט פּאָנעם, פון אונטער די צונויפגעוואַקסענע ברייטע ברעמען האָבן דרייסט אַרויסגעקוקט ניט קיין גרויסע ברוינע אויגן. ער האָט זיך לײַכט אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן די זײַטן און האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר מיר.

איך האָב אים באַדאַנקט און געפרעגט, וויאַזוי הייסט ער.

— מע רופט מיך פאָמאַ, — האָט ער געענטפערט, — און מײַן צונאָמען איז בירוק.[1]

— אָ! איז דאָס ביסטו בירוק?

איך האָב מיט דאָפּלטן נײַגער א קוק געטאָן אף אים. פון מײַן יערמאָלײַען און פון אַנדערע האָב איך זיך אָנגעהערט מײַסים פונעם וואַלד־היטער בירוק, וואָס אַלע אַרומיקע פּויערים האָבן פאַר אים מוירע געהאַט, ווי פאַר פײַער. לויט זייערע רייד, איז אף דער וועלט נאָך ניט געווען אזא מײַסטער פון זײַן אַרבעט: „א בינטל טרוקענע צווײַגן וועט ער ניט לאָזן אוועקשלעפּן, טאָמיד, צו יעדער צײַט, אפילע אינמיטן האַלבער נאַכט, איז ער דאָ, פאַלט אַראָפּ, ווי שניי אפן קאָפּ, און דו זאָלסט זיך אפילע ניט פּרווון אַנטקעגנשטעלן, — וואָרעם געזונט איז ער און געשיקט, ווי א רוועך... און מיט קיין שום זאַך וועסטו אים ניט קויפן: ניט מיט בראַנפן, ניט מיט געלט — עס נעמט אים קיין שום זאַך ניט. גוטעברידער האָבן שוין ניט איין מאָל געוואָלט אים מעשאַלייעך זײַן פון דער וועלט, אָבער ס'גייט ניט".

אזוי פלעגן די שכייניש פּויערים ריידן וועגן בירוקן.

— אזוי, ביסטו דאָס בירוק, — האָב איך איבערגעכאַזערט. — איך האָב, ברודער, געהערט וועגן דיר. מע זאָגט, דו גיסט קיינעם ניט נאָך.

— איך טו מײַן אַרבעט, — האָט ער אָנגעברויגעזט געענטפערט. — אומזיסט עסט מען באַם פּאַרעץ קיין ברויט ניט.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון גאַרטל א האַק, האָט זיך צוגעזעצט אפן דיל און גענומען אָנשפּאַלטן א קינעלע.

— האָסטו דען ניט קיין באַלעבאָסטע? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט און א שטאַרקן מאַך געטאָן מיט דער האַק.

— געשטאָרבן, וואָס?

— ניין... יאָ... געשטאָרבן, — האָט ער צוגעגעבן און האָט זיך אָפּגעקערעוועט.

איך בין אַנשווויגן געוואָרן. ער האָט אופגעהויבן די אויגן און האָט א קוק געטאָן אף מיר.

— אַנטלאָפן מיט א „מעשטשאַניק" א דורכגייער, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט א ביטערן שמייכל. דאָס מיידעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן; דאָס קינד האָט זיך אופגעכאַפּט און זיך צעשריגן; דאָס מיידעלע איז צו צום וויגעלע.

— נאַ, גיב אים, — האָט בירוק א זאָג געטאָן, אַרײַנגערוקט איר אין האַנט אַן אויסגעשמירט מיזוקל[2]. — אָט, אים אויך האָט זי אוועקגעוואָרפן, — האָט ער ווײַטער גערעדט שטילערהייט, א ווײַז געטאָן אפן קינד. ער איז צו צו דער טיר, האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויסגעדרייט.

— איך רעכן, פּאַרעץ, — האָט ער אָנגעהויבן, — איר וועט ניט עסן אונדזער ברויט, און אַכוץ ברויט איז באַ מיר...

— איך בין ניט הונגעריק.

— נו, ווי איר פאַרשטייט. איך וואָלט אײַך אופגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר, האָב איך קיין טיי ניט... כ'ל גיין א קוק טאָן, וואָס מאַכט אײַער פערד.

ער איז אַרויס און האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. איך האָב זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט. די שטוב האָט מיר אויסגעזען נאָך אומעטיקער, איידער פריער. א ביטערער רייעך פונעם אָפּגעקילטן רויך האָט מיר אומאָנגענעם געשטיקט דעם אָטעם. דאָס מיידעלע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און האָט ניט אופגעהויבן די אויגן; זעלטן האָט זי א שטופּ געטאָן דאָס וויגעלע און שעמעוודיק אַרופגעשלעפּט אף דעם אַקסל דאָס העמדל, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט; אירע נאַקעטע פיס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען ניט גערירט.

— וויאַזוי הייסטו? — האָב איך געפרעגט.

— אוליטאַ, — האָט זי אַרויסגערעדט און נאָך מער אַראָפּגעלאָזט איר טרויעריק פּנעמל.

---

[1] אין אָרלאָווער גובערניע רופט מען אַן מיטן נאָמען „בירוק" א מענטשן אַן איינזאַמען און כמורן

[2] זויגפלעשל.

(טורגעניעווס באַמערקונג).

דער וואַלד־היטער איז אַרײַן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער באַנק.

— דאָס געוויטער הערט אויף, — האָט ער באַמערקט נאָך אַ קורצן שווײַגן. — אויב איר ווילט, וועל איך אײַך דורכפֿירן פֿון וואַלד אַרויס.

איך בין אויפֿגעשטאַנען. ביריוק האָט גענומען די ביקס און האָט באַטראַכט די פּולווער־לאָך.

— צו וואָס איז דאָס? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.

— אַזוי, מע שטיפֿט אין וואַלד... באַם קובילייער ווערך[1] האַקט מען אַ בוים, — האָט ער צוגעגעבן אַלס ענטפֿער אַף מײַן פֿרעגנדיקן בליק.

— צי דען הערט מען פֿונדאַנען?

— פֿון הויף הערט מען.

מיר זײַנען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען. דער רעגן האָט אויפֿגעהערט. אין דער ווײַט האָבן זיך נאָך צוזאַמען געדרוקט שווערע אומגעהײַערע מאַסן כמאַרעס, זעלטן האָבן אויפֿגעפֿלאַמט לאַנגע בליצן; איבער אונדזערע קעפּ אָבער האָט זיך שוין אַרויסגעזען דאָ און דאָרט אַ טונקל־בלויער הימל, שטערנדלעך האָבן געבליצט דורך שיטערע, האַסטיק־לויפֿנדיקע וואָלקנס. פֿון דער פֿינצ־טער האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן די קאָנטורן פֿון ביימער, באַשפּריצטע פֿון רעגן און אויפֿ־גערודערטע פֿון ווינט. מיר האָבן זיך אײַנגעהערט. דער וואַלד־היטער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אָנגעבויגן דעם קאָפּ...

— אַ... אָט, — האָט ער פּלוצעם אַרויסגערעדט און אויסגעשטרעקט די האַנט: — זע נאָר, ס'אַ מין נאַכט ער האָט אויסגעקליבן.

איך האָב גאָרניט געהערט, כּוץ דעם רויש פֿון בלעטער. ביריוק האָט אַרויסגעפֿירט דאָס פֿערד פֿון אונטער דער שאָפּע.

— אַזוי וועל איך אים, קאָן זײַן, פֿאַרשפּעטיקן, — האָט ער צוגעגעבן אין דער הייך.

— איכ'ל גיין מיט דיר... ווילסט?

— רעכט, — האָט ער געענטפֿערט און אַ שטופּ געטאָן דאָס פֿערד אַף צוריק. — מיר וועלן אים באַלד פֿאַקן. דערנאָך וועל איך אײַך דורכפֿירן. קומט.

מיר זײַנען אַוועק: ביריוק פֿריִער, איך נאָך אים. דער גאָטריאַר ווייסט אים, וויאַזוי ער האָט דערקענט דעם וועג; ער האָט אָבער זיך אָפּגעשטעלט זייער זעלטן, און דאָס אויך נאָר, כּדי זיך אײַנצוהערן צום קלאַפּן פֿון דער האַק.

— זע נאָר, — האָט ער געמורמלט צווישן די ציין. — איר הערט? איר הערט?

— אָבער ווו?

ביריוק האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ רוי אַרײַן, דער ווינט איז אַף אַ רעגע שטיל געוואָרן — איינס נאָכאַנאַנד האָבן גאַנץ קלאָר דערגרייכט צו מײַן אויער קלעפּ. ביריוק האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר און אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ. מיר זײַנען אַוועק ווײַטער איבער נאַסן פּאַפּאָראָט און קראָפּעווע. עס האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער און דויערנדיקער רויש...

— ר'האָט אומגעוואַלגערט... — האָט ביריוק אַ מורמל געטאָן.

דערווײַל האָט זיך דער הימל אַלץ מער אויסגעלײַטערט; אין וואַלד איז עטוואָס ליכטיק געוואָרן. מיר זײַנען, ענדלעך, אַרויס פֿונעם רוי.

— וואַרט נאָר אויס דאָ, — האָט דער וואַלד־היטער מיר אַ שעפּטשע געטאָן, האָט זיך אײַנגעבויגן, האָט אויפֿגעהויבן די ביקס אין דער הייך און איז פֿאַרשוווּנדן צווישן די קוסטעס. איך האָב אָנגעשטרענגט גענומען זיך אײַנהערן. דורך דעם גערויש פֿון ווינט, וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט, האָבן זיך מיר אויסגעדאַכט ניט ווײַט שוואַכע קלאַנגען: אַ האַק האָט פֿאָרזיכטיק געקלאַפּט איבער צווײַגן, רעדער האָבן געסקריפּעט, אַ פֿערד האָט געפֿאָרסקעט...

— וווּהין? שטיי! — האָט מיטאַמאָל אַ דונער געטאָן ביריוקס אײַזערנע שטים.

אַ צווייט קאָל האָט אַ געשריי געטאָן, וויינענדיק, ווי אַ האָז... ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל.

— לײַג...סט, לײַג...סט, — האָט ביריוק סאָפּענדיק איבערגעכאַזערט, — וועסט ניט אַנט־לויפֿן...

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן גערויש נאָך און בין צוגעלאָפֿן, זיך פֿאַרטשעפּענדיק אַף יעדן טריט, צום אָרט פֿונעם געראַנגל. דער וואַלד־היטער האָט זיך געבאָברעט אַף דער ערד לעבן אַן אָפּגעהאַקטן בוים; ער האָט געהאַלטן אונטער זיך דעם גאַנעוו און האָט אים פֿאַרדרייט מיטן גאַרטל די הענט אַף הינטן. איך בין צוגעגאַנגען; ביריוק האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט

[1] ווערך — הייסט אין אָרלאָווער גובערניע אַ רוי (טורגעניעווס באַמערקונג).

אים אוועקגעשטעלט אף די פיס. איך האָב דערזען א פויער, א נאָסן, אין שמאַטעס, מיט א לאַנגער צעשויבערטער באָרד. א כאַרעווודיק פערדל, ביז העלפט פאַרדעקט מיט אַן עקיקער שמאַטע, איז געשטאַנען דאָ דערנעבן מיט דער פעדערשטער אקס פון וואָגן. דער וואַלד־היטער האָט ניט ארויסגערעדט קיין איין וואָרט; דער פויער האָט אויך געשוויגן און האָט נאָר מיטן קאָפּ געטרייסלט.

— לאָז אים אָפּ, — האָב איך א שעפּטשע געטאָן בירויקן אפן אויער. — איכ'ל באַצאָלן פאַרן בוים.

בירויק האָט שווײַגנדיק אָנגענומען מיט דער לינקער האַנט דאָס פערדל פאַר דער גריווע; מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם גאַנעוו פאַרן גאַרטל.

— נו, ריר זיך, וואָראָנע! — האָט ער האַרט א זאָג געטאָן.

— דאָס העקל דאָרט נעמט נאָר, — האָט דער פויער א מורמל געטאָן.

— צו וואָס זאָל דאָס פאַרפאַלן ווערן? — האָט דער וואַלד־היטער געזאָגט און האָט אויפגעהויבן די האַק.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. איך בין געגאַנגען פון הינטן. עס האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן מראַטשקען א רעגנדל, און באַלד האָט עס א גאָס געטאָן, ווי א מאַבל. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט ביז צו דער שטוב. בירויק האָט איבערגעלאָזט דאָס געפאַנגענע פערדל אינמיטן הויף, האָט אַרײַנגעפירט דעם פויער אין שטוב אַרײַן, האָט אים לויז געמאַכט דעם קניפּ און האָט אים אוועקגעזעצט אין א ווינקל. דאָס מיידעלע, וואָס איז געווען אײַנגעשלאָפן לעבן אויוון, איז אופגעשפרונגען און האָט שווײַגנדיק דערשראָקן געקוקט אף אונדז. איך האָב זיך אוועקגעזעצט אף דער באַנק.

— וואָס זאָגט איר א מין גיסן! — האָט דער וואַלד־היטער באַמערקט. — מע וועט מוזן איבערוואַרטן. עפּשער ווילט איר זיך צושפּאַרן?

— א דאַנק.

— איך וואָלט אים צוליב אײַער גנעדיקײַט פאַרשפּאַרט אין קאַמער, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, א ווײַז געבנדיק אפן פויער. — איר זעט אָבער, דער ריגל...

— לאָז אים דאָ, טשעפּע אים ניט, — האָב איך איבערגעשלאָגן בירויקן די רייד.

דער פויער האָט אף מיר א קוק געטאָן פון אונטן ארויף. איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט באַפרײַען דעם דאָזיקן פויער, וואָס עס זאָל ניט זײַן. ער איז געזעסן אף דער באַנק, ניט גע־רירט זיך. בא דער שײַן פונעם לאַמטערן האָב איך געקאָנט באַטראַכטן זײַן אויסגעמאָגערט, צעקנייטשט פּאָנעם, די אָנגערוקטע געלע ברעמען, די אומרויִקע אויגן, דאַרע גלידער... דאָס מיידעלע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אפן דיל האַרט לעבן זײַנע פיס און איז ווידער אײַנגעשלאָפן. בירויק איז געזעסן לעבן טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אף דער האַנט. א גריל האָט געגרילצט אין א ווינקעלע... דאָס רעגנדל האָט געקלאַפּט אין דאַך און גערונען איבער די פענצטער. מיר האָבן אַלע געשוויגן.

— פאָמאַ קוזמיטש, — האָט פּלוצעם דער פויער אָנגעהויבן ריידן מיט א טעמפּ צעבראָכן קאָל. — א, פאָמאַ קוזמיטש.

— וואָס ווילסטו?

— לאָז אָפּ.

בירויק האָט ניט געענטפערט.

— לאָז אָפּ... פון הונגער... לאָז אָפּ.

— איך קען אײַך, — האָט דער וואַלד־היטער געענטפערט אָנגעברויגעזט. — די גאַנצע סלאָבאָדע אײַערע איז אזא — הוילע גאַנאַווים.

— לאָז אָפּ, — האָט דער פויער איבערגעכאַזערט. — דער פאַרוואַלטער... אָרעמעלײַט געוואָרן... ביזן האַלדז דערגאַנגען... לאָז אָפּ!..

— אָרעמעלײַט געוואָרן!.. גאַנוועַן טאָר קיינער ניט.

— לאָז אָפּ, פאָמאַ קוזמיטש... קוילע ניט. אײַערער, ווייסט דאָך אַליין, וועט דערגיין די יאָר.

בירויק האָט זיך אָפּגעקערעוועט. דער פויער האָט געצוקט, גלײַך ווי א פיבער וואָלט אים געטרייסלט. ער האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ און שווער געאָטעמט.

— לאָז אָפּ, — האָט ער געכאַזערט מיט א פאַרצווייפלטן אומעט. — לאָז אָפּ, אף מײַן וואָרט, לאָז אָפּ! איכ'ל באַצאָלן, בעגעמאָנעס. גאָט איז אַן איידעס, פון הונגער... די אויפּעלעך פּישטשען, ווייסט דאָך אַליין, ס'איז א ביטער לעבן... און אויס!

— און דאָך גיי פאַרט ניט גאַנווענען.

— דאָס פערדל, — האָט ווײַטער דער פויער געזאָגט, — דאָס פערדל לאָז כאָטש אָפּ... איין שטיקל סאַכאַקל... לאָז אָפּ!

— אז מע זאָגט, מע טאָר ניט... איך בין אויך א פאַרקויפטער מענטש: מע וועט בא מיר מאָנען. אײַך צעלאָזן טאָר מען אויך ניט.

— לאָז אָפּ! די נויט, פּאַמא קוזמיטש, די נויט, די גרויסע אזא... לאָז אָפּ!

— איך קען אײַך!

— לאָז דאָך אָפּ!

— ע, וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידן! זיץ רויִק, וואָרעם אניט. ווייסט דאָך! זעסט ניט דעם פּאַרעץ, צי וואָס?

דער אָרעמער פויער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ... ביריוק האָט א גענעץ געטאָן און האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אפן טיש. דאָס רעגנדל האָט נאָך אַלץ ניט אופגעהערט. איך האָב געוואַרט, וואָס וועט זײַן.

דער פויער האָט זיך פּלוצעם אויסגעגלײַכט. זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, און די פאַרב איז אים אריַין אין פּאָנעם.

— נו, נאַ, פרעס, נאַ, ווארג זיך, נאַ, — האָט ער אָנגעהויבן, פאַרזשמורענדיק די אויגן, און אראָפּגעלאָזט די ליפּן־ווינקלען. — נאַ, דו פאַרשאָלטענער רוציייער: טרינק קריסטלעך בלוט, טרינק...

דער וואַלד־היטער האָט זיך אומגעדרייט.

— דיר זאָג איך, דיר, אזיאַט, בלוטזויגער, דיר!

— ביסט שיכּור, צי וואָס, וואָס האָסט זיך גענומען זידלען? — האָט דער וואַלד־היטער פאַרוואונדערט אָנגעהויבן. — ביסט פון זינען אראָפּ, צי וואָס?

— שיכּור!.. ניט פאַר דײַן געלט, רוציייעך פאַרשאָלטענער, כײַע, כײַע!

— אַך, דו... איך וועל דאָך דיר!..

— וואָס אַרט עס מיך? סײַווי פאַרפאַלן. וווּהין וועל איך זיך אהינטאָן אָנעם פערדל? דער־הארגע שוין — און א סאָף! אַלצייגס — צי פון הונגער, צי אזוי. זאָל אַלץ מיטאנאנדער די קאַפּאָרע ווערן: דאָס ווײַב, די קינדער — א פּעגירע אף אַלץ... און צו דיר, וואַרט נאָך אויס, וועלן מיר זיך נאָך דערקייבערן!

ביריוק האָט זיך אופגעהויבן.

— שלאָג, שלאָג, — האָט דער פויער אונטערגעכאַפּט מיט א רעציכעדיקן קאָל. — שלאָג, נאַ, שלאָג, נאַ... (דאָס מיידעלע איז האַסטיק אופגעשפּרונגען פון דיל און האָט אָנגעשטעלט אף אים די אויגן). שלאָג! שלאָג!

— האַלט ס׳מויל! — האָט דער וואַלד־היטער א דונער געטאָן און א פּאָר שפּאַן געמאַכט.

— הער אוף, הער אוף, פּאַמא, — האָב איך א געשריי געטאָן. — לאָז אים צורו... טשעפּע אים ניט.

— איך וועל ניט שווײַגן, — האָט דער אומגליקלעכער ווײַטער געשריגן. — אַלצייגס — א טויט. רוציייעך איינער, וואָס דו ביסט, כײַע, קיין מאַפּאַלע קומט ניט אף דיר... נאָר וואַרט אויס, ניט לאַנג וועסטו נאָך קאָמאַנדעווען! מע וועט דיר פאַרשטאָפּן די געמבע, האַר נאָר אויס!

ביריוק האָט אים א כאַפּ געטאָן פאַר דער פּלייצע... איך האָב זיך א וואָרף געטאָן דעם פויער צוהילף...

— טשעפּעט ניט, פּאַרעץ! — האָט דער וואַלד־היטער אף מיר א געשריי געטאָן.

איך וואָלט זיך ניט דערשראָקן פאַר זײַן געשריי און האָב שוין געוווען אויסגעשטרעקט די האַנט; צו מײַן גרויס שטוינען אָבער האָט ער מיט איין דריי אראָפּגעשלעפּט דעם גאַרטל פונעם פויערס הענט, האָט אים א כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער, אים אָנגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן, האָט געעפנט די טיר און אים ארויסגעשטופּט אין דרויסן ארויס.

— גיי צו אַלדי רוכעס מיט דײַן פערדל! — האָט ער אים נאָכגעשריגן. — נאָר זע, היט זיך א צווייט מאָל...

ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אריַין און גענומען זיך גריבלען אין ווינקל.

— נו, ביריוק, — האָב איך ענדלעך געזאָגט, — האָסט מיך פאַרכידעשט: איך זע, דו ביסט א ווויילער מענטש.

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן, פּאַרעץ, — האָט ער מיך איבערגעשלאָגן מיט פאַרדראָס. — איר זאָלט נאָר ניט דערציילן. בעסער וועל איך אײַך שוין דורכפירן, — האָט ער צוגעגעבן, — ווײַזט אויס, איר וועט זיך ניט דערוואַרטן, ביז דער רעגן וועט אופהערן...

איבערן הויף האָבן גענומען קלאַפּן רעדער פון א פויערישן וואָגן.

— זע נאָר, זיך אוועקגעשלעפּט! — האָט ער א מורמל געטאָן. — איכ׳ל אים!..

אין א האַלבער שאָ ארום האָט ער זיך מיט מיר צעזעגנט אין עק וואַלד.

ײדיש — בער סלוצקי

דעם 23 נאָיאבער ווערט 60 יאָר דעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער מאָטל שטורמאַן. אין צוזאמענהאנג מיט אָט דער דאטע גיבן מיר דעם דיכטערס א ציקל לידער און ווינטשן אים געזונט, אריכאסיאָמים און ווײַטערדיקע שעפערישע דערפאָלגן.

פון ווײַטערדיקן שטראָם

• • •

אַלדאָס שענסטע פון דער זון קומט,
אַלדאָס בעסטע — פונעם מענטשן.
ביז סאמע לעצטן אָטעם
כ׳וועל זיי רימען, כ׳וועל זיי בענטשן.

מײַן שטעטעלע

כ׳געדענק:
אף אופגעריכטע סטעפּעס
פון אוקראַיִנע,
אין גרינעם טאָל,
אונטער זויבער־בלויע הימלען
פלעגסטו ווימלען,
מײַן קלייניק שטעטעלע.
און טעג די לויטערסטע
איבער די שטיבלעך דײַנע שײַנען
אף אופגעריכטע סטעפּעס
פון אוקראַיִנע.

ווען איבער וועלט געפלאטערט האָט
דער שווארצער האקנקרייץ,
ביסטו, מײַן שטעטעלע,
מיט בלוט געווען פארפלייצט.
די היטלער־קלאָווים,
די ברוינע פעסט,
פארטיליקט האָבן
מײַן ריינע נעסט.
אצינד איז ווידער זומער־לעבן, ווידער.
איך גיי ארום
מיט מײַנע לידער
אין יאם פון זון
אף ווידער אופגעריכטע פעלדער
פון אוקראַיִנע.
אין יענעם גרינעם טאָל
איך זוך דיך אַלעמאָל,
מײַן שטעטעלע, —
א זייכער כאָטש,
א שפור פון דיר געפינען
אף פעלדער גרינע
פון אוקראַיִנע.
מײַן שטעטעלע,
מײַן שענסט פארמעג,

פארוואקסן איז
מיט ווילדגראָזן
צו דיר דער וועג.
און ס'נאַגט פון ווייטעק
די נעשאָמע:
פארשווונדן ביסט אָף טאָמיד.

אין גרינעם טאָל,
ווי אין א בעטעלע,
אונטער בלויע קישעפדיקע
הימלען
דו ווימלסט ניט,
מײַן קלײנינק שטעטעלע,
און איבער דיר
די טעג די לויטערסטע
ניט שײַנען מער
אָף אופגעריכטע סטעפּעס
פון אוקראַינע.

איך שווער

איך שווער בא דער זון,
איך שווער בא די שטערן,
בא טרוימען בא ריינסטע,
בא שענסטע באגערן.

איך שווער בא מײַן פרוי,
בא מײַן זון,
בא מײַן לעבן —
קיינמאָל ניט מויכל זײַן,
קיינמאָל פארגעבן.

ביז אָטעם ביז לעצטן
מיר וועלן געדענקען
די כײַישע צורעס
פון אונדזערע הענקער.

אָשווענטשים, מײַדאנעק,
פּאָנאר, באבי יאר...
מיר וועלן געדענקען
דעם גרויל און דעם צאר.

דעם גרויל פונעם פאָלק
און דעם ווײ פון דער ערד
איז אונדז פארגעדענקען
אָף אײביק באשערט.

צו א פרײַנט

דו פרעגסט מיך, מײַן פרײַנט:
וואָס פאר א צייכן בא מיר אפן האלדז?
כ'וועל דערציילן דיר אלץ,
די שווערע דערמאָנונגען שטראָמען.
מײַן אָרעמע קינדהײַט פארזוכט האָט
דעם בלוטיקן טאם פון פּאָגראָמען.

דו פרעגסט מיך,
פארוואָס בין איך פרי אזוי גרוי,
פארוואָס בין איך אָפט
אזוי שוואך, ווי א שטרוי,
פארוואָס בין איך
שטארקער פון אײַזן?

מײַן כאווער,
ס'איז ווירקלעך אזוי.
כ'קאָן די וווּנדן פון הארץ
דיר ניט ווײַזן.

דו פרעגסט מיך, פארוואָס
האָב איך פרי זיך געעלטערט? —
ווײַל ס'האָט דער פאשיזם באדראָ'ט מײַנע וועלטן.

עפּיגראַמען

ער רעדט א סאך

ער רעדט א סאך —
נײַן מאָס רייד.
ער עסט א סאך,
געזונטערהייט.

עס פאלט אף אים
קיין האָר ניט,
און שרײַבן
שרײַבט ער גאָרניט.

וועגן איינעם א הומאָריסט

פון זײַנע זאכן
ווערט דער לייענער
ניט קיין לאכער,
נאָר א וויינער.

דאָס בעסטע ביכל

זיי האלטן פון געטראַנקען נאָר,
פון דער אכילע.
זיי לייענען ניט קיין צײַטונגען,
קיין ביכער ניט, כאָלילע...
פון אלע ביכער
אף דער וועלט
נאָר איין ביכל
זיי געפעלט —
דאָס דינע שפּאָרביכל
מיט געלט.

דאָס גאנצע לעבן

דאָס גאנצע לעבן
איז דער לייענער
פון זײַן שרײַבן ניכטער,
דאָס וואָרט זײַנס
לעבלעך־ווארעם פליסט.
די בעלעטריסטן
מיינען, אז ער איז א דיכטער,
די דיכטער, —
אז ער איז א בעלעטריסט.

עס בויט זיך א מעטראָ

אַן אויסגעפּלאַסטערט מויל צעעפנט האָט
דער בארג,
ווי ס׳וואָלט געווען דעם אָטעם כאַפּן
שווער אים.
עס איז די אָונט־פײַכטע לופט, מאשמאָעס, קארג
פאר זײַנע אונטערערדישע געדערים.
און איבער כוואַליעס א לעוואָנע־שטעגל
פּליסט,
א בריק וועט באַלד דעם ברייטן טײַך באַדעקן.
כ׳זע זײַנע אומגעלומפּערט גראָבע גוילעם־פיס,
אין נאכט פאַרהילטע, פונעם וואסער שטעקן.

מײַן שײַטער

דער פלאַם פון מײַן שײַטער איז גאָר ניט קיין גרויסער,
אזא מאכט ניט לינדער דעם הארבסטיקן דרויסן,
אָנצינדן דארף מען אזוינע א סאך —
א ביסל זאָל ליכטיקער ווערן באַנאכט...

נאָר אָט קומט פונווײַטן א גייער א מידער
און זעצט אַף דער ערד זיך באַם שײַטער אנידער,
שטרעקט אויס די פארפרוירענע הענט צו דעם פײַער
און פרייט זיך,
און קוויקט זיך,
און זאָגט: א מעכײַע!

קומט אויס, אז מײַן שײַטער איז אויך עפּעס ווערט,
קומט אויס, אז ער ברענט ניט אומזיסט אַף דער ערד.

• • •

כ׳פארמאָג א פּאָר לײַכטער, אַלטמאָדישע, מעשענע —
פארגעלטע, פארגרינטע, ווי מוידן פארזעסענע.

וואָס וואָלטן זיי נאָר ניט געקענט זיך דערמאנען!
מײַן זיידן צוקאָפּנס זיי זײַנען געשטאנען.

מײַן באָבע אַף זיי האָט געהויבן די הענט,
ווען ס׳האָבן די שאבעס־ליכט אירע געברענט.

בא זיי פלעגט די מאמע פארצירעווען זאָקן
(און מיך אַף דער וואנט האָבן שאָטנס געשראָקן).

אין רויט־בלויע פלעמלעך פון זייערע ליכט
געגעלט האָט מיַין טאטנס פארגליווערט געזיכט.

בא זיי כ׳פלעג דאָס קינד מיַינס ניט איין מאָל פארוויגן,
בא זיי איצט באטראכט איך די קנייטשן אין שפיגל...

כ׳וועל היַינט נאָך די שטוביקע מיַינע פארזאָגן,
מע׳ זאָל אין „אוטיל“ זיי, כאָלילע, ניט טראָגן.

כאנוקאס־האבאיִס

עס טיַינען פריַינט, אז איך בין צופיל ניַיגעריק,
אז איך פארמאָג דערצו נאָך ניַין מאָס רייד...
נאָר וויאזוי זשע זאָל איך זיַין א שוויַיגערן,
ווען יעדער טאָג, וואָס קומט, ברענגט ניַיע פרייד?

ערשט נעכטן, דאכט זיך מיר, נאָך דאָ געלעגן איז
אין גראָז, אין שטעכלקעס, א פעלד א גרויס,
און היַינט שוין פויקט א לוסטיק זומער־רעגנדל
אָף דאך אָף גלאנציקן פון ניַיעם הויז.

גערדיכטע אונטיקע שאָטנס שפרייטן זיך,
עס פליִען פייגל שוין צו זיך אין נעסט.
אהיים דער אוילעם איַילט: ס׳איז ציַיט צו גרייטן זיך
מעקאבל־פאָנעם זיַין די ליבע געסט.

די נאכט איז היַינט אזא ניט קיין געוויינלעכע,
דאָס ניַיע הויז איז פול מיט העלער שיַין.
געשפרעכן רוישיקע, לעכאיִמס פריילעכע
דורך פענצטער ריַיסן זיך אין גאס אריַין.

און כאָטש אָף יאָמטעוודיקע טישן איַיערע
פאר מיר קיין קויסעס זיַינען ניט געשטעלט,
כ׳הייב אוף א טאָסט מיט איַיך, מיט שכיינים טיַיערע,
אז זיַין זאָל שאָלעם אָף דער גאנצער וועלט!

ערשטער שניי

כ׳בין איין מעשוגענע, א סוואָרע,
צווישן הונדערט טויזנט קלאָרע:
קוים־קוים איך שפאַן אָף די שפּיץ פינגער,
און זיַין וואָלט איך געוואָלט וואָס גרינגער.
וויַיל כ׳וויל ניט, טרעטנדיק, צעריַיסן
אזא מין אויסגעפרעסטן, וויַיסן,
אזא מין צארטן, דינעם טישטעך,
וואָס יעדער פעדעמל זיַינס בלישטשעט,
וואָס יעדער פיצל שעמערירט,
וואָס כ׳קאָן פארטשפען אומגעריכט...

ארן בײַגעלמאן

געבוירן אין 1917 אין פערוואָמײַסק (ניי־קאָלײַעווער געגנט). פאַרענדיקט דעם מאָסקווער ביבליִאָטעק־אינסטיטוט. די דערציילונג „דער גאָלדענער לײַכטער“, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, איז זײַן ערשט ווערק.

דער גאָלדענער לײַכטער

1

פון מײַן היימשטאָט בין איך אוועקגעפאָרן נאָך פאַר דער מילכאָמע, און זינט דאַן בין איך דאָרט ניט געווען. נאָר איינמאָל, אין א ווינטער־טאָג, האָב איך זי דערזען, די שטאָט מײַנע, דערזען דורכן וואַגאָן־פענצטער. דער צוג, אין וועלכן איך בין געפאָרן, האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט.

כ׳בין שוין פון לאַנג געשטאַנען און רויִק געקוקט אין שויב. עס זײַנען פאַרבײַגעלאָפן פעלדער, אײַנגעהילטע אין שניי, דערפער, יישוווים, נאָר איצט, דערנעענטערנדיק זיך צו דער היימשטאָט, האָב איך דערפילט עפּעס אַן אומרו און כ׳האָב זיך שוין פון פענצטער ניט געקאָנט אָפּרײַסן.

ווען די באַן איז שטיין געבליבן, האָב איך אָן שום קווענקלעניש אפגיך גענומען צונויפ־פאַקעווען די זאכן.

דער וואַגאָן־שאָכן מײַנער האָט זיך פאַרכידעשט:

— איר פאָרט דאָך ווײַטער...

— יאָ, אָבער דאָ בין איך געבוירן געוואָרן.

— א, אויב אַזוי, איז עפּעס אנדערש.

מיטן טשעמאָדאַן אין די הענט בין איך ארויס אַף דער פּלאַטפאָרמע. אַלץ איז דאָ, דאַכט זיך, געווען, ווי אַמאָל, דער וואָקזאַל — א לאַנגע ווײַסע צווייִשטאָקיקע געבײַדע מיט גרויסע פענצטער, וואָס פאַרנעמען דעם גאַנצן ערשטן שטאָק. שווערע מאַסיווע טירן. די שאַץ־קאַמער פון איין זײַט וואָקזאַל און דער טואַלעט פון דער צווייטער זײַט; אפילע די זעלבע מעשענע הענטלעך אַף די טירן — גרויסע, אומגעלומפּערטע, — פּונקט אַזעלכע, ווי אַמאָל. און דאָך איז דאָס געווען אַן אנדער וואָקזאַל — דעם אַלטן האָבן די דײַטשן בייס דער מילכאָמע אופגעריסן.

כ׳האָב פּאַמעלעכן געשפּאַנט איבער דער פּלאַטפאָרמע. צוגעקומען צו דער שאַץ־קאַמער, האָב איך אָפּגעגעבן דעם טשעמאָדאַן און ארײַן אין וואָקזאַל. פון דאָרט בין איך דורך דער צענטראַלער טיר ארויסגעגאַנגען אין שטאָט.

די הויפּט־גאַס איז געלעגן פאַר מײַנע אויגן. פונעם הויכן וואָקזאַל־גאַנעק האָב איך זי געזען ביזן סאַמע סאָף. די גאַס, דאַכט מיר, האָט אויך זיך ניט געענדערט. נאָר ווען איך האָב

זיך אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ און בין אוועק מיטן טראָטואַר, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי זעט עס אויס בלויז פון ערשטן בליק.

אַלץ האָט זיך דאָ געענדערט, זייער שטאַרק געענדערט. אַ סך אַלטע הײַזער זײַנען אינגאַנצן ניט געווען. יעדעס מאָל, ווען איך האָב באַמערקט, אַז עס פעלט אַ הויז, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט געפינען עפּעס אַ שפּור פון דעם, נאָר קיין שום זייכער איז ניט פאַרבליבן. די הײַזער זײַנען פאַרשוווּנדן, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט געווען. אויף זייערע ערטער — סעדלעך, קלומבעס אָדער נײַע געבײַדעס.

איך בין פּאַמעלעכן געגאַנגען לענגאויס דעם טראָטואַר און געקוקט. אײַלן זיך האָב איך ניט געהאַט צוליב וואָס. קיין קרובֿים האָב איך דאָ איצט ניט געהאַט. כּמעט אַלע זײַנען זיי אומגעקומען. דאָס, וואָס עס איז דאָ געבליבן פון פאַר דער מלחמה, האָט מיר דערמאָנט אין זיי, אין מײַנע אייגענע.

עס איז פאַרבײַגעגאַנגען אַן אויטאָבוס, אַן אָנגעפּאַקטער מיט פּאַסאַזשירן. איך האָב אַ שמייכל געטאָן: אין מײַן שטאָט אַן אויטאָבוס... אויפן שילדל פונעם אויטאָבוס האָב איך איבערגעלייענט: „וואָקזאַל — צוקער־זאַוואָד“. קיין צוקער־זאַוואָד איז פריִער אויך ניט געווען.

איך בין צוגעקומען צו אַ שיינער נײַער געבײַדע, ווו עס זײַנען געשטאַנען מענטשן. דער פאַסאַד פון דעם הויז איז געווען באַהאַנגען מיט אַפישן. אַ קינאָ־טעאַטער! איך האָב זיך פאַרהאַלטן בײַ דעם נײַעם טעאַטער, אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן און זיך דערמאָנט אינעם אַלטן.

מיט אַ ציטעריק האַרץ פלעג איך קינדווײַז אַרײַנקומען אינעם זאַל פון קינאָ־טעאַטער. די מינוטן, וואָס איך בין געזעסן פאַרן פּוסטן עקראַן און געוואַרט, אַז עס זאָל זיך אָנהייבן, — זײַנען געווען די סאַמע גליקלעכע אין מײַנע קינדער־יאָרן.

מיד געוואָרן פון אַרומשפּאַנען, האָב איך זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין אַ סעדל. קליינע קינדער האָבן דאָ געשפּילט אין שניי. דערנעבן, אויפן טראָטואַר, זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען מענטשן. איך האָב נײַגעריק זיי אַרײַנגעקוקט אין די פּנימער. אַ פּאָר מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב באַמערקט עפּעס אַ באַקאַנט פּנים. אָבער דאָס זײַנען געווען באַיאָרטע מענטשן, און דערמאָנען זיך פּינקטלעך, ווער זיי זײַנען, האָב איך ניט געקאָנט.

אָט גייט אַן אײַנגעהויקערטע הויכע פרוי, זי הינקט אַ ביסל אונטער, נאָר זי שפּאַנט גאַנץ גיך. זי שפּאַנט, און איר פאַרגליווערטער בליק איז געווענדט אין דער ווײַט. איר גאַנצער אויסזען האָט אָנגעוואָרפן אַ מאָרעשכוירע. דער דאָזיקער אײַנדרוק איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען די פרוי איז צוגעקומען נעענטער און איך האָב געקאָנט איר אַ קוק טאָן אין פּנים אַרײַן. דאָס איז געווען אַ טיפע זקנה מיט אַן אײַנגעפאַלן מויל, מיט גריבער אין די באַקן, וועלכע זײַנען באַדעקט מיט אַ צעקנייטשטער הויט. בלויז די דינע נאָז אירע, מיטן קלייניקן בערגעלע, האָט נאָך פאַרמאָגט סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט.

עפּעס קענטלעכס, זייער קענטלעכס האָט אַ ווייע געטאָן אויף מיר. ווי אַ פאַרקישעפטער האָב איך ניט געקאָנט אָפּווענדן דעם בליק פון דער אַלטער, וואָס האָט אונטערהינקענדיק האַסטיק געשפּאַנט. נאָך אַ פּאָר טריט, און זי וועט פאַרבײַגיין די באַנק, ווו איך זיץ. און מיטאַמאָל, ווען זי איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָט זי אַ קאָסיע געטאָן דעם בליק אין אַ זײַט. „די מומע דינע!“ — האָב איך זיך געכאַפּט. נו, יאָ, די מומע דינע איז טאַקע געווען אַ ביסעלע קאָסאָקע. אַוודאי, די מומע דינע האָט קעסיידער אונטערגעהונקען. און די נאָז איז בײַ איר געווען מיט אַ בערגעלע.

נאָר וואָס מער איך האָב זיך אָנגעהויבן דערמאָנען די מומע דינע, אַלץ מער האָב איך גענומען צווייפלען. סאָפּקאָלסאָף האָב איך באַשלאָסן, אַז מיר האָט זיך עס בלויז אויסגעדאַכט.

ניין, די דאָזיקע זקנה האָט ניט געקאָנט זײַן די מומע דינע. די אַלטיטשקע, וואָס איז נאָרוואָס פאַרבײַגעגאַנגען, איז געווען שוין צו אַלט, אינגאַנצן אײַנגעהויקערט, און יענע איז געווען אַ הויכע, אַ שטאַלטנע פרוי, מיט אַן אָנגענעם געזיכט. זי דאַרף איצט אַלט זײַן אַ יאָר פינף און פופציק, נו, זעכציק, ניט מער.

2

סיאָמעס מאַמע פלעגן מיר רופן „מומע דינע“. סיאָמע איז געווען אַ קליינינקער, זייער אַ דאַר ייִנגעלע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. ער איז ייִנגער געווען פון מיר אויף אַ יאָר פיר.

ווען מיר פלעגן אַמאָל מיט אים ערגעץ גיין, האָבן פרעמדע מענטשן אָפט זיך אָנגעפרעגט בײַ מיר:

— דאָס איז דײַן ברודערל?

איך בין אויך געווען א דאַרער, דערפאַר האָט מען גערעכנט, אַז מיר זײַנען ענלעך איינער אפן אנדערן.

— ניין, — פלעג איך ענטפערן. נאָר וויִאזוי אים אָנרופן האָב איך ניט געוווּסט. זאָגן, אַז דאָס איז מײַן כאַווער, האָט ניט געפּאַסט. וואָס פאַר א כאַווער קאָן ער מיר זײַן, אַז ער איז אַזאַ פּיצל. — דאָס איז מײַן פרײַנט, — האָב איך געוויינלעך געענטפערט. פרײַנט קאָן מען האָבן פאַרשיידענע, גרויסע און קליינע, אפילע א הינטל קאָן אויך זײַן דײַן פרײַנט. איינמאָל האָב איך געזען, ווי א שיין־געקליידטע פרוי האָט זיך געשפּילט מיט א הינטעלע. די גאַנצע צײַט האָט זי זיך געצאַצקעט מיט דעם. „מײַן פרײַנט! אָ, מײַן פרײַנט", — האָט זי מיט א פינגער געטיטשעט דעם הינטל אין נעזל. דאָס הינטל האָט זיך געבייזערט, געשפּרונגען, שטאַרק גע־בילט. סאָפּקאָלסאָף האָט זיך דעם אײַנגעגעבן א כאַפּ טאָן איר פינגער. די פרוי האָט אופגע־הערט צו לאַכן און עס א שטויס געטאָן מיטן פוס.

סיאָמע איז געווען א שווײַגער, נאָר א פריילעכער שווײַגער. זײַנע שטאַרק גרויסע אויגן האָבן שטענדיק געגלאַנצט און דאָס פּענעמל האָט געשמייכלט. א פּענעמל האָט ער געהאַט א קליינס, א דאַרס, בלויז די אויגן האָבן זיך אָנגעזען אף דעם.

און איך, פאַרקערט, איך האָב ליב געהאַט צו ריידן. ניין, ניט פּלאַפּלען, כ'האָב ליב געהאַט צו דערציילן. כ'האָב א סאַך געלייענט, און אַלע ביכער זײַנען געווען זייער אינטערעסאַנטע, קיין נודנע ביכלעך האָב איך אין די הענט ניט גענומען. איך פלעג דאָס דערקענען פונעם ערשטן זײַטל, אפילע לויט דעם, ווי דאָס בוך הייסט. נו, וואָס קאָן זײַן אינטערעסאַנט אין א בוך, וואָס רופט זיך אָן „די נאָז", צי, אַשטייגער, „אָבלאָמאָוו"? אָבער אַזאַ זאַך, ווי „דרײַ מושקעטערן", צי דאָס „אינדזל פון אויצרעס" — דאָס פאַרכאַפּט גלײַך דעם אָטעם. אַז דו לייענסט איבער אַזאַ בוך, איז אומעגלעך צו שווײַגן, קאָנסט ניט אויסהאַלטן. עס ווילט זיך אָפּשטעלן וועמען־ניט־איז און אַלץ אויסדערציילן. נאָר אין דעם איז דאָך געווען דער אומ־גליק, וואָס קיינער האָט מיך ניט געוואָלט אויסהערן. בייסן דערציילן פלעג איך זיך שטאַרק ערגערן, און עס האָט זיך באַקומען ניט דאָס... אפילע מײַנע כאַווײרים האָבן ניט געוואָלט הערן. אינמיטנדערינען פלעגן זיי מיך איבערשלאָגן: „גענוג ליגנס, קום בעסער שפּילן אין הילקע". מער פון אַלץ האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס זיי זײַנען געווען גערעכט. ס'האָט זיך טאַקע בא מיר גאָרנישט ניט באַקומען, אַלץ האָט אויסגעזען, ווי א ליגן, כ'האָב עס אַליין געפילט.

אָבער סיאָמע האָט ליב געהאַט צו הערן. עמעס, ער איז נאָך געווען א קליינינקער, און כ'בין ניט זיכער געווען, צי פאַרשטייט ער אַלץ, נאָר דעריקער איז געווען, וואָס ער האָט ניט איבערגעשלאָגן.

סיאָמע האָט געקאָנט הערן א שאָ און צוויי. ער זיצט און שווײַגט. קוקט אף מיר מיט זײַנע גרויסע אויגאַנעס, טוט אפילע קיין פינטל ניט מיט די וויִעס, טוט זיך ניט קיין ריר, פּונקט דאָ וואָלט געזעסן א ליאַלקע, ניט קיין לעבעדיק ייִנגל. ווען דאָס פאַרציט זיך לאַנג, גיב איך אים א פּיק אין נעזל. דאָס קעפּל טוט זיך א שאָקל הין און צוריק און ווערט ווידער פאַרגליווערט.

בלויז איין מאָל האָט ער מיך איבערגעשלאָגן. איך האָב אים דערציילט, דאַכט זיך, וועגן לייבן צי וועגן טיגערס, און עפּשער וועגן העלפאַנדן, כ'געדענק שוין פּינקטלעך ניט. פּלוצעם האָט סיאָמע אָנגעהויבן דרייען דעם קאָפּ אף לינקס און אף רעכטס, ס'הייסט ניין... איך האָב זיך פאַרכידעשט.

— נע... — האָט ער א מורמל געטאָן.

— וואָס נע?.. — האָב איך בייז א פרעג געגעבן.

— פאָלקאָן איז דער שטאַרקסטער.

— פאָלקאָן? — האָב איך זיך צעלאַכט. פאָלקאָן איז געווען א היימלאָזער הונט.

— יאָ, פאָלקאָן, — האָט סיאָמע ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— שטאַרקער פון א טיגער?

— יאָ.

— און פון א לייב?

— אויך.

— און אפילע פון א העלפאַנד?

— יאָ.

— און דו ווייסט, ווי א העלפאַנד איז די גרייס?

סיאָמע האָט געקוקט אף מיר און געשוויגן.

— א העלפאַנד איז די גרייס, — האָב איך אים אָנגעהויבן דערקלערן, — ווי אײַער שטוב. ניין, א סאַך גרעסער, — ווי דער וואָקזאַל. און פיס זײַנען בא אים, ווי אָט דער בוים, — האָב איך אָנגעוויזן אף א בלִיִענדיקער אַקאַציע. — דערבײַ האָט א העלפאַנד א שנוק די לענג פון

אונדזער שטוב ביז אײַערער. — סיאָמע האָט געוווינט אַנטקעגן אונדז, אַף דער צווייטער זײַט גאַס. — מיט דעם שנוק קאָן ער אופּהייבן וואָס דו ווילסט, אַפילע אַ הויז, צוויי הײַזער. און דו זאָגסט: פֿאַלקאָן.

— אַלציינס איז פֿאַלקאָן שטאַרקער, — האָט סיאָמע זיך פֿאַראַקשנט.

איך בין זייער אין קאַס געוואָרן, זיך אַזש אָנגעהויבן פֿאַרהיקען. כ׳האָב געקוקט אַף סיאָמעס קאָפּ, וואָס האָט זיך געהוידעט אַראָפּ און אַרוף.

— שטאַרקער, שטאַרקער, שטאַרקער! — איז ער באַשטאַנען אַף זײַנס.

— נו, גיי שוין אַהיים! — כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז ער איז נאָך אַ קליינינקער.

סיאָמע איז אָבער קיין נאַר ניט געווען, פֿאַרקערט, ער האָט געהאַט אַ גאָלדן קעפּל. אַלץ האָט ער געזען און געהערט; קיין זאַך איז ניט פֿאַרביי זײַנע אויגן און אויערן.

3

יאָ, סיאָמע איז געווען אַ כאָכעם. די גאַנצע גאַס האָט עס געוווּסט. נאָר איינמאָל האָט ער גאָר אויסגענומען בא אַלעמען.

געשען איז עס יענעם זומער, וועגן וועלכן איך וויל דאָ דערציילן. יענעם זומער זײַנען פֿאָרגעקומען אַ סאַך זאַכן. נאָר איך וויל ניט פֿאַרלויפֿן דעם וועג. אייניקע האָבן ליב, ווען זיי לייענען אַ בוך, אַרײַנקוקן אין די לעצטע בלעטלעך. איך טו דאָס קיינמאָל ניט. אַז איך ווייס, וואָס ס׳וועט פֿאָרקומען ווײַטער, גלוסט זיך מיר שוין ניט לייענען.

בלויז איין בוך קאָן איך לייענען פֿון וועלכן אָרט איר ווילט. איך האָב עס אַפילע איבערגעלייענט צוויי מאָל. קיינער האָט מיר ניט געייצעט נעמען דאָס בוך, כ׳האָב עס אַליין אויסגעקליבן און אויך לויטן נאָמען. „ראַזגראָם“ האָט עס געהייסן. כ׳האָב אַ קלער געטאָן: אויב „ראַזגראָם“, איז עס מיסטאָם וועגן מילכאָמע. קיין טאָעס האָב איך ניט געהאַט. דאָרט האָט זיך דערציילט וועגן דעם בירגערקריג. וועגן דעם קריג צווישן די ווײַסע מיט די רויטע. איך האָב זייער ליב געהאַט צו לייענען וועגן דער דאָזיקער מילכאָמע. שפּילן פֿלעגן מיר אויך אין רויטע און ווײַסע. איך בין שטענדיק געווען אַ רויטער. לעווינסאָן הייסט דער העלד פֿון דעם דאָזיקן בוך. איך וויל זײַן אַזאַ, ווי ער. אַזאַ וואָלט איך געקאָנט זײַן. אין אַנדערע ביכער זײַנען די העלדן הויכע, מויִרעדיק שטאַרקע. און איך בין אַ קליינינטשקער, אַ דאַרער. לעווינסאָן איז אויך אַ קליינער, אַ דאַרער.

איין זאַך פֿאַרשטיי איך אָבער ניט. פֿריִער האָב איך אַלץ פֿאַרשטאַנען, נאָר ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס בוך און אוועק צו די כאַווײרים זיי דערציילן, האָט זיך באַקומען ניט פֿאַרשטענדלעך. כעוורע האָט מיך דאַפּקע ניט איבערגעשלאָגן און געהערט, נאָך אַ מין געהערט! נאָר אָט האָב איך אָנגעהויבן דערציילן, וויאַזוי די ווײַסע האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, שטאַרק אים צוגעקוועטשט — מע האָט געדאַרפֿט מיט די שווערדן זיך דורכלייגן אַ וועג. אַך, האָט מען זיך געשניטן! און פֿאַרויס איז טאָמיד געווען לעווינסאָן. אַרויסגעריסן פֿון דער אַרומרינגלונג האָבן זיך זייער ווייניק, אַזוי ווייניק, אַז ווען לעווינסאָן האָט עס דערזען, האָט ער זיך צעוויינט.

ווי נאָר איך האָב געזאָגט, אַז לעווינסאָן האָט זיך צעוויינט, האָבן אַלע אָנגעהויבן לאַכן:

„אַ העלד — און וויינט!“, „אַ רויטער — און וויינט!“. „וואָס זשע פֿאַר אַ העלד איז עס?“

אַפּילע מיר, ייִנגלעך, וויינען ניט, ווי עס זאָל אונדז ניט טאָן.

איך בין אוועק אַהיים, גענומען דאָס ביכל און ווידעראַמאָל גענומען לייענען. כ׳האָב פּאָרט געוואָלט דערגיין, וואָס באַטײַט עס. ווען כ׳בין דערגאַנגען צו יענעם אָרט, ווו די לעבעדיק געבליבענע פּאַרטיזאַנער נעמען זיך צונויף אַרום לעווינסאָנען, אַרום זייער אויסגעמאַטערטן קאָמאַנדיר, וואָס זיצט אַף זײַן פֿערד און פֿרעגט, ווו איז דער, ווו איז יענער, און מע ענטפֿערט אים: „אומגעקומען, אומגעקומען“, — ווען כ׳בין דערגאַנגען צום דאָזיקן אָרט, האָב איך אַזוי ראַכמאָנעס געקראָגן אַף לעווינסאָנען און אַף די, וואָס זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן, און אַף די פֿאַרווונדעטע, אַז איך האָב זיך אַליין אויך צעוויינט. איך וויין און מורמל, ווי אַ פּיצל: זאָל ער וויינען, זאָל ער... סײַוויסײַ איז ער אַ העלד. אַלציינס וויל איך זײַן, ווי ער.

אָט ווי עס האָט זיך באַקומען. כ׳האָב געוואָלט דערגיין, פֿאַרוואָס דער העלד וויינט, און זיך אַליין צערעוועט.

יאָ, כ׳האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין סיאָמען. יענעם זומער איז סיאָמע באַרימט געוואָרן, און געשען איז עס אַזוי.

צו אונדזער שכיינע, צו דער אַלטער זעלֿדע, האָט מען געבראַכט צו פֿירן האָלֿץ. מיט קיין האָלֿץ הייצט מען באַ אונדז ניט — ס'איז צו טײַער. מיר וווינען אין אַ קאַנט, ווו קיין וועלֿדער זײַנען ניטאָ. קיין וואַלֿד האָב איך אַפֿילֿע קיינמאָלֿ ניט געזען. מע זאָגט, אַז אין אַ וואַלֿד קאָן מען פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן. אין די ביכער שרײַבט זיך אויך אַזוי. איך גלייב, פֿאַרשטייט זיך, נאָר פֿאָרשטעלֿן זיך עס קאָן איך ניט. אַף אונדזער גאַס זעצט מען אָפּט ביימער, נאָר זיי באַווײַזן ניט אויסוואַקסן: דאָס צופּן זיי אַרום די ציגן, דאָס צעקוועטשט זיי אַ פֿור, מערסטן ווערן זיי אַליין פֿאַרדאַרט. דערפֿאַר טאַקע איז באַ אונדז אַ בינטעלֿע האָלֿץ מיט גאָלֿד גלײַך. מע הייצט באַ אונדז מיט שטרוי אָדער מיט טרוקענע שטענגלֿעך פֿון זונרויזן. די שטרוי און די שטענגלֿעך פֿאַרקויפֿט מען אויך בינטלעכווײַז, נאָר דאָס זײַנען שוין גרויסע בינטלֿעך. מיט האָלֿץ קאָכט מען נאָר אָדער מע פֿרעגלֿט עפּעס. קאָכן קאָכט מען אַף אַ דרײַפֿוס, אַ טרינישקע הייסט עס, וועלֿכע שטייט געווײנלֿעך אַפֿן פֿריפּעטשיק.

יענעם אינדערפֿרי בין איך געזעסן אַף דער פֿריזבע. איך טו אַ קוק — אַ פֿור האָלֿץ דערנעענטערט זיך. אַפֿן וואָגן זיצט יאָדקע. עמעס, אַ מאָדנער נאָמען? יאָדקע! ס'איז מער ענלֿעך אַף אַ ייִנגלֿשער צונעמעניש. און יאָדקע האָט שוין געהאַט געמישטע האָר — גראָווע און טונקעלֿע. יאָדקע האָט קיין אייגן האָלֿץ ניט געהאַט — ער איז געווען אַ היגער. ער פֿלֿעגט קויפֿן גרויסע בערוועגעס, זיי צעזעגן, צעהאַקן, מאַכן פֿון זיי בינטלֿעך און פֿאַרקויפֿן. דער פֿעטער דאָוויד, סיאָמעס זיידע, האָט געזאָגט, אַז יאָדקע האַנדלֿט ניט אָרנטלֿעך, אַנדערע מענטשן האָבן אויך אַזוי געזאָגט. וואָס הייסט עס האַנדלֿען ניט אָרנטלֿעך, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. יאָדקען האָט מען קלאָלֿ ניט לֿיב געהאַט. פֿאַרוואָס, האָב איך אויך ניט געוווּסט.

ער איז געווען אַ קלֿיינינקער, אַן אויסגעטריקנטער און זייער אַ פֿלינקער: גיך האָט ער זיך באַוועגט, גיך האָט ער גערעדט, אַפֿילֿע ווען ער איז געזעסן, האָט ער זיך אויך געהאַלֿטן אין איין ריגעווען. שטענדיק האָט ער געשמייכלֿט.

יאָדקע איז צוגעפֿאָרן צו זעלֿדעס שטוב, אָפּגעשטעלֿט דאָס פֿערד און אַראָפּגעקראָכן פֿון דער פֿור. אַראָפּגעקראָכן און ניט אַראָפּגעשפּרונגען. פֿלינק איז ער טאַקע, נאָר פֿאָרט שוין אַלט.

זעלֿדעס שטוב איז געשטאַנען לֿעבן אונדזערער. די אַלֿטע האָט מען אַמערסטן גערופֿן ניט פּאָשעט באַם נאָמען, נאָר זעלֿדע די אַלֿמאָנע. דאָס איז אויך געווען ניט פֿאַרשטענדלֿעך. אַנדערע פֿרויען, באַ וועלֿכע די מענער זײַנען ניט לֿאַנג צוריק געשטאָרבן, האָט מען ניט גערופֿן „די אַלֿמאָנעס“, און די אַלֿטע זעלֿדע, באַ וועלֿכער דער מאַן איז געשטאָרבן שוין אַזוי לֿאַנג, אַז קיינער האָט אים אַפֿילֿע ניט געדענקט, האָט מען גערופֿן די אַלֿמאָנע. די אַלֿטע האָט געבאַקן קנישעקלֿעך און זיי פֿאַרקויפֿט. פֿון איר האָט שטענדיק געשמאַק געשמעקט. האָלֿץ אַף די קנישעקלֿעך איז באַ איר אַוועקגעגאַנגען אַ סאַך, און זי האָט זיך שטענדיק געקלאָגט אַף דעם.

יאָדקע איז מיט דער בײַטש אונטער דער פּאַכווע אַרײַן צו דער אַלֿטער אין שטוב און באַלד זיך אומגעקערט מיט איר צוזאַמען. זעלֿדע איז געווען אַ הויכע, מיט אַ קאָפּ העכער פֿון יאָדקען, אָבער זייער אַ דאַרע. זי איז צוגעגאַנגען צו דעם וואָגן און זיך טיף אָנגעבויגן איבערן האָלֿץ. איין אויג איז באַ איר געווען אַ בלֿינדס, און אַפֿן צווייטן האָט זי שלֿעכט געזען.

— די שײַטעלֿעך זײַנען באַ אײַך הײַנט דינינקע, — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן, דערבײַ מיט די הענט באַטאַפּט דאָס האָלֿץ, — און נאַסע, — האָט זי צוגעגעבן.

סיאָמע, וואָס איז דאָ שוין געשטאַנען, איז אויך צוגעגאַנגען צו דער פֿור און אויסגעצויגן די הענט. יאָדקע האָט עס באַמערקט. ער האָט אַפֿגיך זיך אָנגעבויגן און באַם סאָמע אויער פֿונעם יאַט אַרויסגעלֿאָזט אַ קראַקענדיקן קלאַנג:

— ק־ר־כ־ך!

סיאָמע איז אָפּגעטראָטן אַף צוריק.

— שרעק זיך ניט, — האָט יאָדקע אַ צופֿרידענער געלאַכט און ערשט נאָכדעם געענטפֿערט זעלֿדען. — זעלֿדעניו, איר ווייסט דאָך, אַז באַ יאָדקען איז אַלֿץ ווי אין אַפּטייק: סײַ די לֿענג, סײַ די גרעב. ניט דאָס ערשטע מאָלֿ האָבן מיר מיט אײַך צו טאָן. איז צוליב וואָס איבעריקע רייד? אַבי צײַט פֿאַטערן, און צײַט איז ווי אָט דאָס האָלֿץ — זי ברענט, ברענט... הײַנט דאַרף איך נאָך... אָהאָ, טויזנט אייסאָקים האָב איך נאָך. איז לֿאָמיר, זעלֿדעניו, אָנהייבן און מאַכן אַ סאָף.

— און די פּרײַז איז די זעלֿבע? — האָט זעלֿדע געפֿרעגט.

— און די פּרײַז איז די זעלֿבע, און דאָס האָלֿץ איז דאָס זעלֿבע, און יאָדקע איז דער זעלֿבער.

— איר וואָלֿט געקאָנט אַ ביסלֿ אַראָפּלאָזן.

— איז וואָס וועלֿ איך עסן, זעלֿדע־סערדצע? און וואָס וועלן עסן מײַנע קינדערלֿעך, מײַן ווײַב? וואָס קאָן מען נאָך אראָפּלאָזן, אַז אַזוי איז שוין אויך האַלב אומזיסט. לֿאָמיר בעסער צוטרעטן צום איניען. אָט ציילֿט — איינס, צוויי, דרײַ... — און יאָדקע האָט פֿלינק גענומען שלײַדערן די בינטלֿעך פֿון דער פֿור אַף דער ערד.

— וואָס אײַלֿט איר זיך אַזוי? — האָט די אַלֿטע זיך געבעטן. — איך באַווײַז ניט נאָכצוציילֿן.

— איר דאַרפֿט זיך ניט ערגערן, — האָט יאָדקע זי באַרויִקט און פֿאַרגעזעצט ציילֿן: — איין און דרײַסיק, צוויי און דרײַסיק, דרײַ און דרײַסיק... יאָדקע נאַרט קיינעם ניט אָפּ... פֿיר און דרײַסיק, פֿינף און דרײַסיק... אַלֿץ איז פֿינקטלֿעך... זעקס און דרײַסיק, זיבן און דרײַסיק... וואָס זײַנען מיר עפּעס? אַכט און דרײַסיק, נײַן און דרײַסיק... אַלֿץ. נאָך איינס וואָלֿט געווען פֿונקט פֿערציק. נאָר מער איז ניטאָ, און אָפּנאַרן נאַרן מיר ניט. הייסט עס, נײַן און דרײַסיק. איז לֿאָמיר, זעלֿדע־דושע, אַ צייל טאָן, וויפֿל עס באַטרעפֿט.

ביידע, זעלֿדע און יאָדקע, האָבן גענומען פֿאַרבייגן די פֿינגער און אונטערעכענען רובלֿ צו רובלֿ, קאָפּעקע צו קאָפּעקע. יאָדקע האָט געכעזשבנט גיך, די אַלֿטע האָט אָבער זיך גע־פּלאָנטערט און אַלֿע מאָלֿ אָנגעהויבן פֿונדאָסנײַ. סיאָמע, וועגן וועמען אַלֿע האָבן שוין פֿאַרגעסן, איז געשטאַנען דערבײַ.

סאָפּקאָלֿסאָף איז אַלֿץ געוואָרן אונטערגעכעזשבנט. די אַלֿטע האָט אַרויסגעשלֿעפּט פֿון דער גרויסער קעשענע, וואָס איז געווען צוגענייט צו איר קלֿייד, דאָס צוגעגרייטע געלֿט, עס צוגעטראָגן נאָענט צו איר איינציקן זעענדיקן אויג און גענומען אָפּציילֿן וויפֿל מע האָט גע־דאַרפֿט. יאָדקע האָט אומגעדולֿדיק געקלֿאַפּט מיטן בײַטש־שטעקלֿ איבער דער כאָליעווע. פּלוצעם האָט זיך דערהערט סיאָמעס דין קעלֿכלֿ:

— אַכט און דרײַסיק.

די אַלֿטע האָט אופֿגעהויבן אַף אים דאָס קורצזיכטיקע אויג.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט זי אַ קוק געטאָן אַף יאָדקען.

— נאַרישקײַטן! אַ קינד פּלֿאַפּלֿט! גיי בעסער אַהיים, — האָט ער אָנגעשריִען אַף סיאָ־מען. — די מאַמע רופֿט דיך.

סיאָמע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, נאָר קיינער האָט אים ניט גערופֿן.

— אַכט און דרײַסיק, — האָט ער ווידער איבערגעכאַזערט.

איצט האָט די אַלֿטע שוין גוט געהערט.

— וואָס זאָגסטו, סיאָמעלֿע? — האָט זי געפֿרעגט.

— אַכט און דרײַסיק, — האָט ער אָנגעוויזן אַפֿן האַלֿץ, — ניט קיין נײַן און דרײַסיק.

— איר הערט, יאָדקע?

— צו וועמען הערט איר זיך צו? — איז יאָדקע שוין אין כּעס געוואָרן. — די מײַטקעס זײַנען מיסטאָם בײַ דיר נאַס, — האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו סיאָמען און מיט בייזע אויגן אַף אים אַ קוק געגעבן.

סיאָמע האָט זיך זייער באַליידיקט. די הייזלֿעך האָט ער שוין פֿון לֿאַנג ניט נאַס געמאַכט.

— אַכט און דרײַסיק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— אַז אַ קינד זאָגט, דאַרף מען גלֿייבן, יאָדקע. איך וועלֿ נאָכאַמאָלֿ איבערציילֿן.

— הייסט עס, אַז דעם סמאַרקאַטש גלֿייבט איר יאָ, און מיר ניט?! — איז יאָדקע געווען אויסער זיך.

— איך וועלֿ איבערציילֿן! — האָט זיך פֿאַראַקשנט די אַלֿטע. זי האָט זיך אָנגעבויגן און גענומען איבערלֿייגן די בינטלֿעך אַף אַן אַנדער אָרט.

— וואָס דאַרפֿט איר זיך מאַטריִעך זײַן? לֿאָזט, וועלֿ איך נאָכאַמאָלֿ אַ צייל טאָן.

— ניין, ניין, איר האָט שוין געציילֿט, איצט וועלֿ איך אַליין.

די אַלֿטע האָט פּאַמעלֿעכן געציילֿט. יאָדקע האָט אַן אָנגעכמורעטער איר נאָכגעשפּירט. נאָר ווען זי האָט פֿאַרענדיקט און זיך אויסגעגלֿײַכט, האָט אַף זײַן פּאָנעם זיך צעגאָסן אַ שמייכלֿ. די אַלֿטע האָט אַ שווײַגנדיקע אַ קוק געטאָן אַף אים. עס איז געווען אַכט און דרײַסיק.

— בײַ וועמען טרעפֿט ניט, זעלֿדעניו? גאָט אַליין, זאָגט מען, האָט אויך אַמאָלֿ אַ טאָעס.

זעלֿדע האָט ניט געענטפֿערט. זי איז צוגעגאַנגען צו סיאָמעלֿען, זיך אײַנגעבויגן און גענומען אים קושן און גלֿעטן.

— כאָכעם מײַנער, מײַן גאָלֿדן קעפּעלֿע!

אינגיכן האָט שוין די גאַנצע גאַס געוווּסט וועגן דעם. סיאָמעס נאָמען איז בײַ אַלֿעמען געווען אַף די לֿיפּן.

— איר האָט געהערט? — האָט איין ייִדענע געפֿרעגט בא דער צווייטער. — יאָדקע האָט געוואָלט אָפּנארן זעלדען, זעלדע די אַלמאָנע, און ווייסט איר כאָטש, ווער עס האָט אים געכאַפּט? דער קליינער סיאָמעטשקע, דינעס ייִנגעלע.

— סיאָמעטשקע זאָל כאַפּן יאָדקען? ס׳גלייבט זיך גאָרניט. זעלדע אַליין גייט ארום פֿון שטוב צו שטוב און דערציילט אַלעמען.

איז אָט וואָס עס הייסט האַנדלען ניט אָרנטלעך!

אָפּדערנאָכט איז די אַלטע זעלדע געקומען צו דער מומע דינע און געבראַכט א פֿולע סקאָווערדע מיט הייסע געפּרעגלטע קנישעקלעך.

— דאָס איז פֿאַר סיאָמעטשקעס וועגן — פֿאַר זײַן גוט הערצעלע און גאָלדן קעפּעלע.

— צוליב וואָס דאַרף ער אַזויפֿיל, זעלדע?

— אַלע עסט: דו, דײַן מאַן און דײַן שווער. זאָל אײַך אַלע זײַן צו געזונט. איר דאַרפֿט זיך גרויסן מיט אַזא זון. איר דאַרפֿט אים היטן.

4

מיר דערמאָנט זיך עפּעס בלויז די זומער־צײַט. זומער זײַנען אַלע אַף דער גאַס, די שטיבער זײַנען צעפּראַלט, מיט אַלעמען זעט מען זיך. זומער איז א מעכײַע. ווינטער איז שוין ניט דאָס. דעם גאַנצן ווינטער האַלט מען אין איין ארויסקוקן אַפֿן זומער.

אָבער דעם דאָזיקן זומער האָב איך פֿאַרגעז׳ענקט מער פֿון אַלע זומערס, ס׳איז דאָך דעמלט אַזויפֿיל געשען!

יענעם טאָג בין איך אופֿגעשטאַנען צו פֿרי. אַלע זײַנען נאָך געשלאָפֿן. כ׳האָב זיך געלאָזט שפּאַנען לענגויס דער גאַס. צוגעגאַנגען ביזן צווייטן עק, האָב איך זיך אומגעקערט צוריק. צײַט האָב איך דערווּף געפֿאַטערט ניט קיין סאַך. אונדזער גאַס איז ניט קיין לאַנגע, מע קאָן זי דורכשפּרינגען אַף איין פֿוס.

אַף די אַנדערע גאַסן שטייען די הײַזער פֿוןביידע זײַטן איינס נאָכן אַנדערן, גלײַך, ווי לויט א ווירע. מעגלעך, אַז עס דאַרף אַזוי זײַן, נאָר ס׳איז שוין צו אַלציינס. אונדזער גאַס איז דאָפּקע ניט קיין גלײַכע. אין אייניקע ערטער איז זי ברייטער, אין אַנדערע שמעלער. אין די שמאָלע ערטער גייען ביידע זײַטן זיך קימאַט צונויף. ווען עס פֿאָרט פֿאַרבײַ א פֿור, קוקן די פֿערד ארײַן אין די פֿענצטער. יאָ, יאָ, זיי קוקן ארײַן. פֿערד זײַנען זייער נײַגעריק, איך ווייס דאָס אַף געוויס. שטענדיק, ווען ס׳גייט פֿאַרבײַ א פֿערד, דרייט עס אויס די לאַנגע מאָרדע און קוקט אַף דיר מיט די גרויסע, ווי עפּל, אויגן.

ארומגיין זומער באַרוועס איז א פֿאַרגעניגן. דו גייסט איבערן געדיכטן שטויב, ווי איבער א פּערענע. איך האָב זייער ליב מײַן גאַס. איך קען דאָ יעדעס שטיינדעלע, יעדעס גריבעלע.

כ׳בין אַזוי לאַנג ארומגעגאַנגען פֿון איין עק צום צווייטן, ביז עס איז מיר דערעסן געוואָרן און איך האָב זיך צוגעזעצט אַף אונדזער פּריזבע. כ׳טו א קוק — סיאָמע! מינאַסטאַם האָט ער דערזען דורכן פֿענצטער, אַז איך זיץ אַליין. ווען איך שפּיל מיט די גרויסע, מיט מײַנע כאַווײרים, גייט ער ניט ארויס, ער שעמט זיך.

אָט גייט ער צו מיר אין זײַנע קורצע הייזעלעך. ער איז פֿאַרברוינט, ווי א ציגײַנערל. קליין און דאַר איז ער, ווי א פֿערטל אָף. ער גייט און שמייכלט. שטאַרק דערפֿרייט האָב איך זיך ניט: וואָס קאָן איך מיט אים טאָן?

ער איז צוגעקומען, זיך אָפּגעשטעלט און שווײַגט. ער שווײַגט, דער טײַוול, אָבער די אויגן זײַנע לאַכן. איך האָב א הייב געטאָן די האַנט און מיט א פֿינגער אים א שטויס געטאָן אין בײַכל — פֿונקט אין פּופּיק. ער איז אָפּגעשפּרונגען, זיך צעלאַכט און צו מיר געזאָגט:

— אָבער דו ווייסט ניט!

— וואָס ווייס איך ניט?

— א־א, דו ווייסט ניט!

אין אַזא פֿאַל דאַרף מען בעסער אים ניט איבערפֿרעגן. אַנדערש קאָן זיך ציִען און ציִען. ער וועט ניט אופֿהערן צו איבערכאַזערן: „ווייסט ניט, ווייסט ניט“. נאָר מיט שווײַגן וועסטו סיאָמען ניט איבערשפּאַרן, און לאַנג שווײַגן קאָן איך ניט, עס ווערט מיר אומעטיק. איך האָב באַקלערט, אַז מע דאַרף אים איבערכיטרעווען.

— הײַנטיקס יאָר וועסטו גיין אין שול? — פֿרעג איך אים.

— אַוודע וועל איך גיין.

— און דיר גלוסט זיך?

— וואָדען?

— און לֿייענען קענסטו?
— כ׳קען.
— און רעכענען?
— אויך.
רעכענען האָט ער געקענט, דאָס האָבן אַלֿע געוווסט.

— איז וואָס אַזוינס ווייס איך ניט? — האָב איך אָפּגעגיך, אַז ער זאָל ניט באַווײַזן זיך אַרומקוקן, אים אַ פֿרעג געטאָן.

— דײַן טאַטע איז אַ לֿישניע. — ער האָט עס געזאָגט פֿאַמעלֿעכן, אויסצייילֿנדיק יעדעס וואָרט.

צום אַלֿעמערשטן האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען און איבערגעפֿרעגט:

— ווער איז ער, מײַן טאַטע? — איבערגעפֿרעגט האָב איך מיט כּעס און אָף אַ קאָל, אַזוי אַז סיאָמע האָט זיך דערשראָקן.

— אַ לֿישניע, — האָט ער שטילֿ געזאָגט.

פֿאַרוואָס איז ער „אַ לֿישניע“? — האָב איך געוואָלֿט פֿרעגן, נאָר דאָ האָב איך פֿאַר־שטאַנען, וואָס ער מיינט, און בײַ מיר איז פֿאַרפֿאַלֿן געוואָרן דער כיישעק צו ריידן.

סיאָמע האָט איבערגעפֿלאָנטערט די ווערטער — מײַן טאַטע איז ניט קיין לֿישניע, נאָר אַ „לֿישעניעץ“, אָבער דאָס איז קימאַט אַלֿציינס[1], אויב ניט נאָך ערגער. פֿאַרוואָס דער טאַטע איז אַ לֿישעניעץ, הייב איך ניט אָן צו פֿאַרשטיין. דאָס האָט עפּעס צו טאָן מיט שטימרעכט. אָך, ווי איך האָב ניט לֿיב דאָס דאָזיקע וואָרט! אַלֿעמאָל ווען איך הער עס, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך בין פֿאַר אַלֿעמען אַ פֿרעמדער — פֿאַר די שכיינים, פֿאַר די כאַווירים; אַז איך האָב ניט קיין רעכט אָף לֿערנען זיך אין שולֿ, אָף שפּילֿן זיך אָף דער גאַס, לֿאַכן, שפּרינגען, טאַנצן. מיר ווערט דעמלֿט אַזוי ניט גוט, איך דערפֿילֿ זיך אַזוי דערשלֿאָגן, ווי איך וואָלֿט מיט עפּעס שולֿדיק זײַן. און מיט וואָס בין איך שולֿדיק, ווייס איך אַלֿיין ניט...

כ׳האָב הײַנט אָן אַ שיר אַרבעט! מיר האָבן זיך געהאַט צונויפֿגערעדט גיין אין קינאָ, כ׳האָב אויך צוגעטראַכט אַ נײַע שפּילֿ — אַ מילֿכאָמע צווישן די רויטע פּאַרטיזאַנער מיט די ווײַסע. איך האָב געוואָלֿט זײַן לֿעווינסאָן. נאָר וואָס פֿאַר אַ לֿעווינסאָן בין איך, אַז איך בין גאָר אַ זון פֿון אַ לֿישעניעץ, אַ זון פֿון אַ ניט־האָרעפּאַשנעם עלֿעמענט? ווי מעקאַנע בין איך די קינדער, בײַ וועמען די טאַטעס זײַנען שוסטערס, קאָנפֿעטנמאַכער, שנײַדער, קירזשנער. סיאָמען בין איך אויך מעקאַנע — זײַן טאַטע, דער פּעטער סאָלֿאָמאָן, איז אַ צוקערניק, דער זיידע זײַנער, דאָוויד, איז אויך אַ צוקערניק. דער טאַטע פֿון מײַן כאַווער זיאַמע איז אַ שנײַ־דער, ער איז אַ מיטגלֿיד פֿון שטאָטראַט, און נאָך איז ער דער פֿאָרזיצער פֿון קוסטאַרן־קאָמיטעט, דער עלֿטסטער בײַ די קוסטאַרן. ער איז אַ גרויסער גאַדלֿען און אַ שטרענגער, זיאַמעס טאַטע. איך גריס זיך שטענדיק מיט אים, נאָר יענער ענטפֿערט ניט. אַמאָלֿ־אַמאָלֿ טוט ער אַ קוק אָף מיר און גייט אַ שווײַגנדיקער פֿאַרבײַ.

מײַן טאַטע איז אויך אַ גוטער. איך האָב אים זייער לֿיב, און קיין שום „עלֿעמענט“ איז ער ניט. ער איז זייער אַ האָרעפּאַשנער. קאַיאָר, ווען איך שלֿאָף נאָך, גייט ער אַוועק אין זײַן באַקאַלֿיי־קלֿייטלֿ און קערט זיך אום שפּעט אין דער נאַכט אַ פֿאַרמאַטערטער און אַ שווײַגנדיקער. ער עסט אָפּ, און דערנאָך זיצט ער נאָך לֿאַנג איבער די כעזשבוינעס. די פֿלֿייצע איז שוין בײַ אים אײַנגעבויגן געוואָרן. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס איז איבער די דײַגעס. ער האָט זייער פֿילֿ דײַגעס. דאָס דאַרף מען און יענץ דאַרף מען, און קיין געלֿט איז ניטאָ. דאָס גאַנצע געלֿט גייט אַוועק אָפֿן פּאַטענט. די שטײַערן זײַנען זייער גרויסע, און דער טאַטע האָט ניט פֿון וואָס צו צאָלֿן, און אַז מע צאָלֿט ניט אָפּ קיין שטײַערן, קאָן מען נאָך קומען און אַלֿץ איבערשרײַבן אין שטוב. די מאַמע זאָגט, אַז מע קאָן בײַ אונדז אַלֿץ צונעמען און נאָך אַרויסיאָגן פֿון דער שטוב אויך. ווי קאָן דאָס אָבער זײַן? דאָ איז דאָך אַלֿץ אונדזערס. און וווהין וועלֿן מיר גיין, און וואָס וועלֿן מיר טאָן?..

מיר איז זייער ניט גוט געווען, און ס׳האָט זיך מיר געוואָלֿט וויינען... פּלֿוצעם האָב איך דערהערט, ווי סיאָמע כלֿיפּעט. איך האָב אָן אים אײַנגאַנצן פֿאַרגעסן.

— וואָס וויינסטו, סיאָמע? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.

— ווײַלֿ דו וויינסט.

איך האָב אָפּדערגיך אַ טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע.

[1] לֿישניע — אַן איבעריקער. לֿישעניעץ — אַ בירגער אָן שטימרעכט.

די האַנט איז פֿײַכט געוואָרן. דערזען דאָס, האָב איך אויך דערפֿילט, אַז אין האַלדז האָט מיך עפּעס אָנגעהויבן צו שטיקן, און אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב עס ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אַ כליפּע געטאָן, אָבער נאָר איין מאָל.

— מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט, — האָב איך אַפּגיך גענומען שיטן מיט רייד, — מע דאַרף ניט וויינען, סיאָמע, מיר זײַנען דאָך ביידע ייִנגלעך. מיידלעך מעגן וויינען.

סיאָמע האָט זיך צוגערוקט און צוגעטוליעט צו מיר.

— ליאָוועטשקע, — האָט ער געזאָגט, — מער וועל איך שוין ניט...

— וואָס וועסטו ניט?

— כ'וועל מער וועגן דײַן טאַטן אַזוי ניט זאָגן. דאָס האָט דער פֿעטער בעניע בײַ אונדז נעכטן אַזוי געזאָגט. ער האָט געזאָגט: „אַ לישניע, און איך שול גייט ער קימאַט ניט“.

— ער איז אַ שלעכטער, דער פֿעטער בעניע! — האָב איך אויסגעשריִען. — ער זאָגט שטענדיק, אַז פֿריִער איז געווען בעסער, אַז איצט איז אַלץ שלעכט. אַלץ איז פֿאַר אים שלעכט, און אַלעמען רופֿט ער בײַסטרוקעס, היצליעס און בערקוטן.

— ער פֿאָכעט מיטן שטעקן און זידלט זיך, — האָט סיאָמע צוגעגעבן.

— דו זעסט, — האָב איך אים אונטערגעהאַלטן, — ער קאָן נאָך אָנלייגן אין די ביינער אויך.

סיאָמע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָר באַלד האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט:

— און מײַן זיידע האָט געזאָגט, אַז דײַן טאַטע איז אַ טיפּעש.

— מײַן טאַטע אַ טיפּעש?!

— ער זאָגט, דער זיידע, אַז דײַן טאַטע האָט אַלץ גענומען אָף זיך, און דער צווייטער, וואָס איז מיט אים, כ'האָב פֿאַרגעסן, וויִאַזוי ער הייסט...

— געלער?

— ניין, דאָס איז זײַן פֿאַמיליע. נו, ווען מע אַרבעט צוזאַמען?

— אַ שותּף?

— אָ־אָ! אַ שותּף. דײַן טאַטע האָט אַלץ גענומען אָף זיך, און זײַן שותּף איז געבליבן ריין. דער זיידע זאָגט, אַז ער איז אַ רײַכער, אָט דער געלער, ער איז קעסיידער געווען רײַך, און דײַן טאַטע איז שטענדיק אַ קאַפּצן.

קיינמאָל האָט סיאָמע נאָך אַזויפֿיל ניט גערעדט, און איך האָב נאָך קיינעם אַזוי נײַ־געריק ניט אויסגעהערט.

— דײַן טאַטע, — האָט סיאָמע ווײַטער פֿאַרגעזעצט, — בייגט פֿאַר אים דעם קאַרק, און דעם גאַנצן ביזאָיען, ניין, ניט אַזוי, די גאַנצע שאַנדע, יאָ, יאָ, שאַנד, די גאַנצע שאַנד האָט ער גענומען אָף זיך. און דער זיידע האָט נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז דײַן טאַטע איז אַ טיפּעש. דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ האָרעפּאַשניק.

— אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט? — האָב איך היקענדיק איבערגעפֿרעגט. — ער האָט געזאָגט, אַז מײַן טאַטע איז אַ האָרעפּאַשניק?

— אַוודע האָט ער אַזוי געזאָגט. אַן עמעסער האָרעפּאַשניק. און מײַן טאַטע האָט אויך געזאָגט, און די מאַמע, און נאָך האָט דער זיידע געזאָגט, אַז אַלע וויסן עס.

— סיאָמעטשקע! — האָב איך אויסגעשריִען. — פֿאַרוואָס זשע האָסטו געשוויגן?

— דו ביסט באַלד אַזוי טרויעריק געוואָרן.

— יאָ, עמעס, סיאָמעלע... — האָב איך געמורמלט און זיך צוגעהערט, ווי אין מיר זינגט עפּעס.

מײַן טאַטע איז אַ האָרעפּאַשניק, און ניט קיין עלעמענט, אַן עמעסער האָרעפּאַשניק, און אַלע וויסן עס. מײַן טאַטע, מײַן גוטער טאַטע.

— סיאָמעלע, — האָב איך זיך אָנגעבויגן און אים אַרײַנגעשעפּטשעט, — דו קאָנסט האַלטן אַ סאָד, קיינעם ניט אויסזאָגן?

— מ־מ־ה, — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מאָרגן נעמט מען מיך צו פֿאַר אַ פּיאָנער. נאָר קיינעם זאָלסטו ניט זאָגן. עפּשער וועט מען מיך נאָך ניט צונעמען.

— מע וועט צונעמען! דו ביסט דאָך אַ גוטער.

— מע וועט צונעמען? — האָב איך איבערגעפֿרעגט, און דער ניגן האָט ווידער אין מיר גענומען ברומען. איך האָב געכאַפּט סיאָמען אונטער די פּאַכוועס און אָנגעהויבן זיך דרייען מיט אים צוזאַמען. פּלוצעם האָב איך זיך דערמאָנט אין אַלע מײַנע איניאָנים.

— סיאָמע, — האָב איך אים אוועקגעשטעלט אָף די פֿיס, — קום הײַנט צו גיין צו די

שטיינער, מיר וועלן שפּילן אין אַ נײַער שפּיל. איך וועל זײַן דער עלטסטער, לעווינסאָן וועל איך זײַן! און איצט גיי אַהיים. איך דאַרף צו דער מאַמען. — איך האָב טאַקע אינדערעמעסן געדאַרפט פּוילן בײַ דער מאַמען זייער אַ וויכטיקע זאַך.

5

די מאַמע איז געשטאַנען אויף די קני לעבן דער אָפענער קושעטקע. די דעק איז געווען אויפגעהויבן און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט.

די קושעטקע האָט אונדז געמאַכט לייב דער סטאָליער. ער האָט זי לאַנג געמײַסטרעוועט, ווײַל ס'איז זייער אַן איידעלע אַרבעט. באַקומען האָט זי זיך טאַקע ביז גאָר שיין: דער קאָליר — פּונקט ווי טונקעלע ווײַנשל, די פּיסלעך — דין אויסגעשניצט.

די קושעטקע איז געווען אַפילו שענער פונעם בופעט, וואָס שטייט שוין בײַ אונדז פון לאַנג. מיר האָבן זי אוועקגעשטעלט אויבנאָן, אינעם פאָדערשטן צימער. די מאַמע האָט זייער זי אָפּגעהיט, מיט אַ באַזונדער מין שמאַטקעלע אַלע טאָג אַרומגעווישט דעם שטויב פון איר. אויף דער קושעטקע איז קיינער ניט געשלאָפן, אַפילו זעצן זיך אויף איר האָט די מאַמע ניט געלאָזט.

— ס'איז קיין בענקלעך ניטאָ? — האָט זי זיך געבייזערט.

— זיצן טאָר מען ניט, ליגן טאָר מען ניט, — האָב איך געטײַנעט, — צוליב וואָס זשע האָט מען זי געמאַכט?

— אויף אַרײַנצולייגן דאָס אָנטאָן, דו ווייסט דאָך, אַז קיין שאַפע האָבן מיר ניט.

די מאַמע איז געשטאַנען אויף די קני און אַלץ אַרויסגענומען. אויף די בענקלעך איז שוין געלעגן דעם טאַטנס אָנצוג, וואָס ער פלעגט טראָגן נאָר אום יאָמטעוו; זײַן אַלטע פּאַלטאָ, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ גוט אויסזען, ווײַל דער טאַטע האָט זי קימאַט ניט אָנגעטאָן. עס זײַנען געלעגן דער מאַמעס קליידער — אויך די יאָמטעוודיקע און אַ סך אַנדערע זאַכן.

— וואָס טוסטו עס, מאַמע?

— איך טו? די צאָרעס מײַנע טוען, — האָט זי אַ זיפץ געטאָן. — דער טאַטע האָט זיך דערוווסט, אַז מע וועט אונדז איבערשרײַבן. די שטײַערן האָט ער דאָך ניט אויסגעצאָלט...

— איז וואָס זשע נעמסטו אַלץ אַרויס?

די מאַמע האָט ווידעראַמאָל אַ זיפץ געטאָן.

— פאַרוואָס איך נעם אַרויס? — האָט זי געפרעגט זיך אַליין. — ביסט נאָך אַ קינד, לייבעלע, אין דײַנע יאָרן וואָלט בעסער געווען, דו זאָלסט וועגן אַזעלכע זאַכן ניט וויסן. נאָר פון דיר קאָן מען דען עפּעס אויסבאַהאַלטן? מע דאַרף צו עמעצן אַוועקטראָגן די קושעטקע, און אייניקע זאַכן דאַרף מען אויך אַוועקטראָגן.

די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן פון די קני, אַראָפּגעלאָזט דאָס דעקל און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — זעץ זיך, לייבעלע, מיט מיר אָט אַהער, — האָט זי געמאַכט פאַר מיר אַן אָרט אויף דער קושעטקע, — אַלצייגס וועלן זיצן אויף איר אַנדערע.

— און צו וועמען וועסטו זי אַוועקטראָגן? און וווהין? — האָב איך געפרעגט.

— וווהין? צו וועמען?.. — די מאַמע האָט איבערגעכאַזערט מײַנע פראַגן. זי פלעגט שטענדיק אַזוי טאָן, ווען ס'איז איר געווען אָנגעזאָליעט אויפן האַרצן. — ערגעץ וועלן מיר זי אַהינטאָן. אַז ס'וועט פינצטער ווערן, וועלן מיר מיטן טאַטן זי אָפּטראָגן צו אונדזער שאָכן, צו שימענען.

— צו שימענען?

— יאָ, צו שימענען. צו אים וועט מען ניט קומען.

וואָס עמעס איז עמעס, צו שימענען וועט מען ניט קומען זוכן. זאָל מען נאָר פּרוּוון, ער וועט גלײַך פאַרקאַטשען די הויזן און באַווײַזן זײַנע שראַמען, אָדער ער וועט גלאַט אַלעמען אַרויסטרײַבן. שימען קאָן טאָן, וואָס ער וויל, און קיינער קאָן מיט אים גאָרנישט ניט מאַכן, ווײַל ער איז אַ פּאָליטקאַטאָרזשאַן. ער איז זייער לאַנג געווען אויף קאַטאָרגע, געליטן פאַר דער רעוואָליוציע. די שראַמען אויף די פיס זײַנען בײַ אים פון די קייטן, וועלכע ער האָט געטראָגן לאַנגע יאָרן. וועגן אַזעלכע, ווי ער, האָב איך געלייענט אין די ביכלעך.

עס וואָלט טשיקאַווע געווען אויסצוהערן, וואָס ער דערציילט. אָבער גיי פּרוּוו, אַז ער וויל אַפילו מיט קיין דערוואַקסענע ניט ריידן, ביפּראַט נאָך מיט קינדער. ער קוקט אויף קיינעם ניט, קיינער געדענקט שוין ניט, וואָס פאַר אַ קאָליר האָבן זײַנע אויגן, ווײַל ער האַלט זיי שטענדיק פאַרזשמורעט. קיינמאָל גיט ער קיין שמייכל ניט. זײַן פּאָנעם האָבן די

פרעסט און די ווינטן אויסגעטריקנט און אַף אייביק פאַרפרוירן. גאַנצענע טעג ראַמט ער בא זיך אין הויף. אַהין וועסטו אויך ניט אַרײַנדרינגען. דער הויף איז אַרומגערינגלט מיט א הויכן פּלויט, און א הונט איז דאָרט פאַראַן — אַ־אַ! אַליין קען ער אויך א זעץ טאָן מיט א שטעקן, אַז דו זאָלסט פאַרגעדענקען. ער איז טאַקע א פּאָליטקאַטאָרזשאַן, נאָר ביז איז ער — אַ־אַ!

אָבער איינס פאַרשטיי איך ניט. ווי איז עס שימען מאַסקים געווען צו פאַרבאַהאַלטן אונדזער קושעטקע. ער איז דאָך א פּאָליטקאַטאָרזשאַן און דער טאַטע איז א לישעניעץ. ווייסט ער דאָך, אַז דאָס איז א גענאַרערײַ. א גענאַרערײַ? פאַרוואָס? די קושעטקע איז דאָך אונדזערע! מיר האָבן זי דען צוגעגאַנוועט? און די שטײַערן? דער טאַטע דאַרף דאָך אָפּצאָלן שטײַערן. און פאַרוואָס דאַרף ער צאָלן? ניין, איך פאַרשטיי ניט, כ׳האָב זיך אינגאַנצן פאַר־פּלאָנטערט.

— מאַמע, און ער איז מאַסקים? — האָב איך געפרעגט.

— ווער איז מאַסקים?

— שימען.

— וואָס איז דאָ דער כידעש, דער טאַטע האָט זיך מיט אים צונויפגערעדט.

— ער איז דאָך אָבער א פּאָליטקאַטאָרזשאַן!

— איז וואָס, אַז א קאַטאָרזשאַן?

— ניט קיין קאַטאָרזשאַן, מאַמע, נאָר א פּאָליטקאַטאָרזשאַן. קאַטאָרזשאַנעס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע, פּאָליטקאַטאָרזשאַנעס האָבן געקעמפט פאַר דער רעוואָליוציע.

— אומעטום זײַנען פאַראַן אַלערליי, — האָט די מאַמע גלײַכגילטיק געזאָגט, — דו ביסט נאָך א קליינינקער, ליבעלע, וועסט אויסוואַקסן, וועסטו פאַרשטיין.

אַזוי איז שטענדיק, פריִער רעדט מען אַליין אָן, און דערנאָך זאָגט מען, אַז איך בין נאָך א קליינינקער. מיך האָט עס פאַרדראָסן, און כ׳בין אַנשוויגן געוואָרן. איך האָב זיך אָבער באַלד דערמאָנט, צוליב וואָס איך בין געקומען צו דער מאַמען.

— ניין, מאַמע, — האָב איך פעסט געמאָלדן, — הײַנט וועל איך צו די געלערס ניט גיין, און ביכלאַל וועל איך אַהין ניט גיין!

די מאַמע האָט זיך אַזש אופגעכאַפּט פון אָרט.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט זי געפרעגט אַף א קאָל. — דו וועסט ניט גיין צו די געלערס? דו ווילסט ניט לערנען זינגען און שפּילן?

איך האָב דערזען, ווי די אויגן בא דער מאַמען האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן. שטענ־דיק, ווען זי הייבט זיך אָן ערגערן, באַוויַזן זיך בא איר טרערן. זי וויינט ניט, נאָר אין די אויגן בלישטשען בא איר טרערן.

— אַלע זאָגן, אַז דו האָסט א שיין קאָל, ווילסטו, עס זאָל בא דיר פאַרפאַלן ווערן?

מײַן קאָל האָט ניט געלאָזט די מאַמע צורו. זי וויל מאַכן פון מיר א זינגער, אַן אַרטיסט. זי זאָגט, אַז ווען דאָס זאָל געווען זײַן פריִער, וואָלט פון מיר אַרויס א באַוווּסטער כאַזן. אין שול טרעט איך אַרויס אַף אַלע אָוונטן. מע אַפּלאָדירט מיר, און מע בעט שטענדיק, איך זאָל זינגען נאָך. מײַן מאַמע לאָזט ניט דורך קיין איין אָוונט. זי זיצט א רויטע, ווי א צוויק, און אין די אויגן שטייען בא איר טרערן.

— נעמען צו דיר א לערער פון מוזיק קאָנען מיר ניט, — האָט די מאַמע פאַרגעזעצט, — און קיין פּיאַנע האָבן מיר אויך ניט. כ׳בין אַליין געלאָפן צו די געלערס און זיך אײַנגעבעטן, מע זאָל דיך לאָזן שפּילן אַף דער פּיאַנע. דו מיינסט, אַז ס׳איז מיר געווען גרינג עס צו טאָן? — האָט בא דער מאַמען געציטערט דאָס קאָל.

כ׳האָב שטאַרק ראַכמאָנעס געקראָגן אַף איר. איך ווייס דען ניט, וואָס עס הייסט בעטן בא אָט די געלערס?

— איך קאָן ניט, מאַמעלע, — האָב איך געשעפּטשעט, — איך קאָן מער ניט גיין אַהין.

זי האָט געקוקט אַף מיר לאַנג־לאַנג און דערנאָך געזאָגט:

— איך ווייס, ליבעלע, אַז פון דער מוזיק איז דיר דאָרט ניט פריילעך. נאָר וואָס קאָן מען טאָן?

— ניין, מאַמע, דו ווייסט גאָרנישט...

יעדעס מאָל, ווען איך קום אַהין, פרעגט מען מיך גלײַך: „און די פיס האָסטו אויס־געווישט?“ נאָכדעם באַזעצט מען מיך בא דער טיר און מע הייסט מיר וואַרטן.

שטענדיק דאַרף איך וואַרטן אַף זייער טאָכטער, אַף פּירען. יענע איז שוין א גרויסע, זי ענדיקט אינגיכן די שול. פּירע האָט זיך אונטערגענומען מיך לערנען שפּילן אַף דער פּיאַנע. זי אַליין לערנט אויך מוזיק. צו איר גייט א לערער. ווען איך זאָל ניט קומען, איז פּירע

פאַרנומען, און איך וואַרט. און די מאַמע מיינט, אַז איך שפּיל. שפּילן שפּילט פּירע, און איך זינג. זי לערנט זיך אַקאָמפּאַנירן. פּירע פאַלשעוועט אָפט, און איך שלאָג זיך אַראָפּ פון טאָן. ווען איך פאַרפלאָנטער זיך, דרייט זי זיך אויס צו מיר און זאָגט שטרענג: „ייִנגל!" א קאָל האָט זי א הייזעריקס און אויגן נודנע, ווי זי וואָלט ערשט א געגעניץ געטאָן. אירע אויגן דערמאָנען מיר אין פּעטשאַ, זיי זײַנען עפּעס אַזעלכע גרויע, קאַלעמוטנע און פאַרגליווערטע.

ניין, מאַמע, דו ווייסט נאָך גאָרנישט...

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אַהין, האָט מען מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך צו גאָרנישט ניט צורירן. איך האָב אַפילו ניט געטראַכט עפּעס צו טשעפּען. נאָר איינמאָל האָב איך געגומען אין דער האַנט א ביכל, געוואָלט א קוק טאָן אויף דעם.

דאָס ביכל איז געלעגן אויף א בענקל, און איך בין געזעסן און געוואַרט אויף פּירען. איך וואָלט זיך קיינמאָל צו דעם ניט צוגערירט, נאָר דאָס איז געווען וואַלטער סקאַט. איך האָב זייער ליב אים צו לייענען, מיר האָט זיך געוואָלט וויסן, ווי דאָס ביכל רופט זיך אָן. פונדערווײַטנס האָב איך דעם נאָמען ניט געקאָנט איבערלייענען. כ'האָב געוואָלט נאָר א קוק טאָן און עס גענומען אין דער האַנט. אין דער מינוט האָט עמעצער מיט א שלעפעריק קאָל א זאָג געטאָן:

— קיין פרעמדע ביכער טאָר מען ניט טשעפּען!

כ'האָב זיך זייער דערשראָקן. אָט ערשט איז דאָך קיינער דאָ ניט געווען. כ'האָב א ציטער געטאָן, אַפּגיך אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. לעבן מיר, אין דער אָפענער טיר, איז געשטאַנען אַליין געלער, א הויכער, א דיקער, מיט גרויסע געלע וואָנצעס. ער איז געשטאַנען, ווי א ליימענער גולעם, און געקוקט אויף מיר מיט פאַרגליווערטע אויגן, פונקט אַזעלכע אויגן, ווי בא זײַן טאָכטער. כ'האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך בין אַליין פאַרגליווערט געוואָרן און קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן. געלער האָט אויך געשוויגן און געקוקט אויף מיר.

— עפּשער ליגט דאָרט א בריוו, געלט, — האָט ער געזאָגט מיט זײַן שלעפעריק קאָל.

איך האָב ניט געענטפערט, געקוקט אויף אים און ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק... סאָפּ־קאָלסאָף איז ער אַוועקגעגאַנגען.

ניין, מאַמע, דו ווייסט גאָרנישט ניט, נאָר איך וועל דיר ניט דערציילן. צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? דו וועסט זיך נאָך מער ערגערן. וועגן דעם אַלץ וועל איך גאָרנישט ניט זאָגן. איך וועל איר אָבער זאָגן וועגן עפּעס אַנדערס:

— מאַמע, איך ווייס אַלץ!

— וואָס ווייסטו?

— איך ווייס, אַז דער טאַטע ברעכט דעם רוקן אויף אָט דעם געלערן, אַז דער טאַטע האָט גענומען אויף זיך דעם גאַנצן ביזאָיען. ער איז א לישעניעץ, און געלער איז רייך, ווי גאָלד.

די מאַמע האָט געקוקט אויף מיר, און טרערן האָבן געבלישטשעט אין אירע אויגן.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— סיאָמע.

— סיאָמע?

— זײַן זיידע האָט נעכטן גערעדט וועגן דעם.

די מאַמע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, יאָ, אַלע ווייסן דערפון, נאָר וואָס קומט אַרויס? דײַן טאַטע איז א גרויסער נאַר.

— מאַמע! — האָב איך אויסגעשריען, און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין האַלדז.

די מאַמע איז אויף א ווײַלע פאַרשטיינערט געוואָרן, דערנאָך מיך אַרומגענומען און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— א קלוגער, א קלוגער איז דײַן טאַטע, — האָט זי שוין געזאָגט גאָר אויף אַן אַנדער אויפן, — ווער דען איז ער? אַוודע א קלוגער.

מיר זײַנען אַזוי געזעסן צוגעדריקט איינס צום אַנדערן און געשוויגן. ס'איז מיר געווען זייער גוט, איך וואָלט אַזוי געקאָנט זיצן און זיצן, נאָר די מאַמע האָט ווידער אָנגעהויבן:

— וועגן דיר האָט ער ניט געקלערט. דו ביסט נאָך געווען גאָר א פּיצל, ווען ער האָט פאַרטראַכט עפענען אָט דאָס קלייטל. קיין געלט האָט ער ניט געהאַט. פונוואַנען קומט צו אים געלט? איז ער אַוועק צו אָט דעם געלערן, יענער האָט שטילערהייט געגעבן געלט אויף פּראָצענט. דעמלט האָט געלער פאַרגעשלאָגן עפענען א בעשוטפעס קלייטל. ער וועט געבן געלט, און דער טאַטע זאָל נעמען א פּאַטענט.

— געלער, הייסט עס, איז ניט קיין שוטעף, נאָר אַן אַרבעטער.

— א שיינער ארבעטער! דעם רעוועך טייל אף דער העלפט, און צאָל נאָך אויס דעם כויוו דעם ארבעטער... ביז איצט האלטן מיר נאָך אין איין צאָלן. וויפל מאָל האָב איך אים געזאָגט, דעם טאטן, טו א קלער וועגן קינד, בא דיר וואקסט א זון; שרײַב איבער דעם פּאטענט אףביידן, וועסטו ניט האָבן קיין ארבעטער, און עס וועט זיך ניט רעכענען, אז דו עקספּלואטירסט א צווייטן. ווי געפעלט דיר? דער טאטע דײַנער עקספּלואטירט געלערן! דערפאר איז ער א לישעניעץ. כ'האָב זיך געבעטן בא אים, ווי בא א גאזלען. נאָר איך רייד, און ער שווײַגט. דו קענסט ניט דײַן טאטן? ער האָט געשוויגן, געשוויגן און דערנאָך פונדעסטוועגן איבערגערעדט מיט געלערן.

אלץ, וואָס די מאמע האָט מיר דערציילט, האָט מיר אויסגעזען זייער מאָדנע, ס'האָט זיך אפילע ניט געגלייבט. דער טאטע איז, הייסט עס, ניט נאָר א לישעניעץ, נאָר אויך אן עקספּלואַ־טאטאָר...

— נו, און וואָס האָט געלער געענטפערט?

— געלער האָט געענטפערט, אז זײַן טאָכטער איז שוין א דערוואקסענע און אז ער וויל איר ניט קאליע מאכן דאָס לעבן, אז בא אונדז איז דער זון נאָך א קליינינקער, און עס וועט אים גאָרנישט ניט שאטן. און אזוי איז געבליבן.

אזוי איז געבליבן! דער טאטע וועט זײַן א לישעניעץ, אונדז וועט מען איבערשרײַבן, און איך וועל גיין זינגען צו די געלערס.

— ניין, ניין, — האָט זיך ארויסגעריסן בא מיר, — מער וועל איך ניט גיין אהין!

די מאמע האָט מיך א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— יאָ, זון מײַנער, איך ווייס, ווי דו פילסט זיך אין אָט דער מויזן־לאָך: טו זיך ניט קיין ריר, דאָס נעם ניט, זיץ און ווארט אף דער זשאבע.

לאָזט זיך אויס, אז די מאמע ווייסט טאקע אלץ. פונוואנען ווייסט זי דאָס, אז איך האָב איר גאָרנישט ניט דערציילט? נאָר א מאמע ווייסט, אלץ ווייסט זי.

— אָבער וואָס טוט מען? דאָרט זינגסטו כאָטש, און אזוי...

— איך ווייס, זאָג איך, — וואָס צו טאָן. מע האָט מיר געזאָגט, אז באם טעאטער עפנט זיך א מוזיקאלע שול, מע וועט דאָרט לערנען אפדערנאכט, א טאָג איבער א טאָג.

די מאמע האָט זיך אָבער ניט דערפרייט.

— דאָס איז זייער גוט, — האָט זי געזאָגט, — נאָר ניט פאר דיר. פאר אנדערע קינדער יאָ, און פאר דיר... ווייס איך ניט.

— דו מיינסט, אז מע וועט מיך ניט נעמען, ווײַל... — איך האָב ניט געוואָלט אויסריידן דאָס וואָרט, נאָר די מאמע האָט פארשטאנען.

— יאָ, איך מיין, אז דערפאר, אלץ דערפאר...

— נאָר אבראשע האָט מיר דאָך געזאָגט, אז איך זאָל אָנגעבן א מעלדונג.

דאָס פּאָנעם בא דער מאמען האָט גלײַך גענומען לויכטן.

— אבראשע? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט אזא קאָל, ווי זי וואָלט זיך דערפרייט און אײנצײַטיק פארכידעשט.

ווען איך זאָל ניט געווען לייענען וועגן לעווינסאָנען, וואָלט איך וועלן זײַן אזא, ווי אב־ראשע. וואָס אבראשע איז, ווייס איך פּינקטלעך ניט. ער איז עפּעס א טוער אין קאָמסאָמאָל. איך ווייס נאָר, אז ער שרײַבט אין צײַטונג. צו אבראשען דארף מען ניט גיין. ווען מע נייטיקט זיך אין אים, קומט ער אליין. מע קאָן אים טרעפן אומעטום: אין די שולן, קלובן, אין די קראָ־מען — אומעטום איז ער פול. מע קאָן זיך אייצען און זשאלעווען אף וואָס דו ווילסט. ער הערט אלעמען אויס און העלפט שטענדיק. אבראשע קען זיך מיט אלע גרויסע נאטשאלניקעס, און אז מע דארף, שרײַבט ער אָן אין צײַטונג. אבראשע קען מיך, ער האָט ליב צו הערן, ווי איך זינג. איינמאָל האָט ער געזאָגט, אז איך פארמאָג א שטארקע שטים, אז איך זאָל לעמאנ־האשעם אָנגעבן א מעלדונג אין דער מוזיקאלער שול.

די מאמע האָט געקוקט אף מיר, און די אויגן אירע האָבן געפינקלט.

— אזוי האָט ער טאקע געזאָגט, אבראשע? — האָט זי נאָכאמאָל געפרעגט.

— יאָ, און נאָך האָט ער געזאָגט, אז מיך דארף מען אָנעמען אין דער ערשטער ריי.

די מאמע איז רויט געוואָרן. איך פארשטיי, דאָס נעמט זי זיך איבער מיט מיר.

— נו, אויב אזוי, — איז זי מאסקים געווען, — מעגסטו מער ניט גיין אהין. אבראשען גלייב איך.

6

יענער טאָג איז געווען זייער א הייסער. דער סאמע הייסער טאָג פארן גאנצן זומער. דער הימל איז געווען הויך און בלוי — קיין איין וואָלקנדל האָט מען ניט געזען. די סארפענדיקע זון האָט אלץ ארום אָנגעגליט: די שטיינער, די ביימער, דעם שטויב. אין ערגעץ האָט מען זיך ניט געקענט אויסבאהאלטן פון דער היץ, ניט אף דער גאס, ניט אין שטוב — בלויז אין טײַך.

מיר האָבן זיך געבאָדן ביז ווארמעס. דאָס וואסער איז געווען שטארק ווארעם, און וויפל מיר האָבן זיך ניט געפּליושקעט, האָבן מיר קיין קעלט ניט געפילט. לאנג זיצן אפן ברעג האָבן מיר ניט געקאָנט: די זון האָט באלד אויסגעטריקנט אונדזערע לײַבער און צוריק ארײַנגעיאָגט אין טײַך.

געווען זײַנען מיר דרײַען: איך, קאָלקע און וואָווע דער יאָסעם.

קאָלקע האָט ניט געוווינט אף אונדזער גאס. דאָס האָט וואָוקע אים געבראכט אהער. ביידע, וואָווע און קאָליע, זײַנען געווען טויבן־טרײַבער. איינמאָל זײַנען וואָוועס טײַבעלעך פארפלויגן צו קאָליען, איז ער געקומען, קאָליע, און זיי אים אָפּגעגעבן. אזויארום האָבן זיי זיך באפרײַנדעט. זייערע טײַבעלעך האָבן זיך אויך באפרײַנדעט און געפלויגן הין און צוריק. קאָלקע וווינט אין סאמע עק שטאָט, דאָרט הייבן זיך שוין אָן די פעלדער. ארום זייער שטוב איז א גרויסער סאָד. ווען מיר קומען אהין, דערלויבט אונדז קאָלקעס מאמע ארופקריכן אף דער האָזשעניצע. מיר זיצן אף די גראָבע צווײַגן און עסן די געשמאקע זיסע יאַגעדעס. אין כיסאָרן — זיי פּאטשקען זיך זייער שטארק. ווען מיר קריכן אראָפּ, זאָגט קאָלקעס מאמע:

— אָך, כלאָפּטשיקעס[1], איר האָט זיך אויסגעשמירט, ווי די שיידימלעך! גייט וואשט זיך, מיר וועלן באלד זיך זעצן עסן.

— מיר האָבן זיך שוין אָנגעגעסן, — זאָגן מיר, — ביזן האלדז זיך אָנגעזויפּט.

— דאָס איז דען אן עסן? גייט, גייט צום טיש.

און מיר גייען. בא זיי איז אלץ געשמאק: סײַ דער באָרשטש, סײַ די סמעטענע.

— עסט, עסט, — זאָגט קאָלקעס מאמע, — דאָס איז אלץ אייגנס, פון אונדזער קאָלווירט.

קאָלקעס טאטע איז פאָרזיצער פון קאָלווירט. אלעמאָל, ווען מיר באגעגענען אים, זאָגט ער אונדז צו נעמען אין פעלד ארײַן.

— א, כלאָפּטשיקי! — שרײַט ער אף א קאָל. — געזונט זאָלט איר מיר זײַן, פאָרן מיר אין פעלד?

— אוואדע, אוואדע! — שרײַען מיר ביידע, איך און וואָווע.

— גוט, גוט. אָבער שפּעטער א ביסל. איצט איז שניט־צײַט.

קאָלקעס טאטע איז א פּארטיינע. ער איז אינגאנצן ניט קיין גלייביקער, און מאָדנע, די מאמע קאָלקעס גלייבט אין גאָט. זי טראָגט א ציילעמל אפן האלדז און גייט אין קלויסטער. נאָר זי איז זייער א גוטע. זי האָט גרויס ראכמאָנעס אף וואָוען. ווען מיר עסן בא זיי, לייגט זי אים אלץ אונטער אין טעלער און זאָגט דערבײַ:

— עס, עס, אָרעם יאָסעמל! וויִאזוי זשע לעבסטו אָן א טאטע, אָן א מאמע?

וואָוקע האָט ניט קיין טאטע און ניט קיין מאמע. ער האָט נאָר א באָבע. די אלטע זעלדע איז זײַן באָבע. וואָוקעס מאמע איז געשטאָרבן באלד, ווי ער איז געבוירן געוואָרן, און דער טאטע — ווען וואָווע איז אלט געווען דרײַ יאָר. ס'איז געווען שוין זייער לאנג, און וואָווע געדענקט נישט ניט דעם טאטן, ניט די מאמע.

וואָוקע וואקסט אינגאנצן אליין, קיינער פארנעמט זיך מיט אים ניט. די באָבע זײַנע איז שוין אלט און קימאט בלינד. זי קאָן מיט אים זיך ניט ספראווען. זי האָדעוועט אים בלויז, און וואָוקע טוט, וואָס אים ווילט זיך. מיר אלע גייען אין שול, און ער ניט. פון אָנהייב איז ער געגאנגען, נאָר ס'איז אים נימעס געוואָרן, האָט ער אופגעהערט צו לערנען. ער איז געבליבן אפן אנדערן יאָר אין זעלבן קלאס און האָט ווידער ניט געלערנט, ביז מע האָט אים ניט אויס־געשלאָסן. נאָר אזוי איז ער זייער א גוטער. וואָוקע איז מײַן בעסטער כאווער. ער וועט דיך קיינמאָל ניט אונטערפירן און דיך ניט לאָזן פאלן — זיך אײַנשטעלן פאר דיר. וואָוקע איז זייער א געזונטער, דער שטארקסטער פון אונדז אלע. אפילע קאָלקען האָט ער אוועקגעלייגט, עמעס, ניט אזוי גרינג, נאָר פאָרט אים געצומען. מיט אונדז ראנגלט ער זיך מיט איין האנט.

ס'איז טשיקאווע, וואָס אונדזערע טאטעס זײַנען אויך געווען די בעסטע כאוויירים.

מײַן טאטע אינטערעסירט זיך שטארק מיט וואָוען, ער סטארעט זיך אים דערציִען, רעדט אים אײַן, ער זאָל זיך לערנען. וואָוקע האָט גרויס דערעכערעץ פאר מײַן טאטן און הערט

---

[1] ייִנגלעך.

אים אפילע מער, ווי איך. נאָר לערנען וויל ער ניט. דער טאַטע זאָגט, אַז ס׳איז נאָר אף א צײַט. ער וועט עלטער ווערן, וועט ער פארשטיין. דעריקער, ער זאָל זײַן אַן אָרנטלעכער. און וואָווקע איז אַן אָרנטלעכער, ער וועט קיינמאָל דײַנס ניט נעמען, און נארן נארט ער אויך קיינעם ניט אָפּ.

מיר האָבן זיך לאנג געבאָדן. וואָווקע און קאָלקע האָבן זיך פארוועט אף „ווער ווײַטער“, און קאָלקע האָט די גאנצע צײַט אויסגעשפּילט. ער טוקט זיך אונטער, און ווערט פארפאַלן. מע זעט גאָרנישט ניט, דאָס וואסער איז גלאַט, קיין איין פעלדעלע זעט מען ניט. דו וואַרטסט און וואַרטסט, עס ווערט אפילע שרעקלעך. דו קאָנסט קיינמאָל ניט טרעפן, ווו וועט ער ארויס־שווימען, ער באַווײַזט זיך שטענדיק ניט דאָרט, ווו דו קוקסט אף אים ארויס. דערפאַר אָבער געווינט וואָווקע, ווען זיי הייבן אָן שווימען אף „ווער גיכער“. וואָווקע קאָן אף איינע פולקעס איבערשווימען דעם טײַך. ס׳איז זייער שווער צו לייגן קלאַפּטער. קאָלקע ווערט גיכער מיד און הייבט אָן אָפּשטיין.

מיר זײַנען געוועזן קימאַט אף דער צווייטער זײַט טײַך, ווען מיר האָבן דערהערט, אַז מע רופט אונדז.

— ליאָווע! קאָליע! — האָט מען געשריִען פון ברעג.

— מע רופט אונדז, — האָט ליאָווע געזאָגט.

— הײַדא, כעוורע! — האָט וואָווע א קאָמאַנדעווע געגעבן.

א טײַער וואָרט „הײַדא“. עפּעס מוזסטו זיך גלײַך דעם אונטערגעבן. און מיר האָבן זיך א לאָז געטאָן פאָרויס. וואָווקע האָט גענומען לייגן פולקעס. פון אָנפאַנג האָט קאָליע אויך אַזוי געטאָן, נאָר ער האָט באַלד פארשטאַנען, אַז אַזוי וועט ער אים ניט דעריאָגן, האָט ער זיך אונטערגעטוקט און ארויסגעשווומען קימאַט באַם ברעג. איך, פארשטייט זיך, בין אָפּגע־שטאַנען.

ווי נאָר איך בין ארויס פון וואסער, האָב איך דערזען זיאַמען. ער איז געוועזן אָנגעטאָן, ווי עס זאָל איצט זײַן א פראָסט — אין אַן אייבערשט העמדל, אין לאַנגע הויזן און אפילע אין שיך. זיאַמע האָט זיך זייער געערגערט.

— מיר וועלן פארשפעטיקן אין קינאָ, — האָט ער געשריִען, — איר האָט שוין פארגעסן, אַז מיר האָבן זיך צונויפגערעדט. איר דאַרפט דאָך נאָך גיין אַהיים זיך אָנטאָן.

וואָס עמעס איז עמעס. פריִער פלעגט מען ארײַנלאָזן אין קינאָ באָרוועס און אין טרוסי־קעס, איצט — לוי מיט אַן אלעף, מעגסט אפילע האָבן א בילעט. ס׳איז ניט קולטורנע, זאָגט מען. דערפאַר האָט זיאַמע זיך אויסגעסטראָנצלט. אים איז גאָרניט הייס, ער איז אפילע ניט פארשוויצט. דאָס איז דערפאַר, ווײַל ער איז זייער אויסגעדאַרט — א לאַנגער און א דאַרער ווי א פלאָקן. אַזוי רופן מיר אים טאַקע: „זיאַמע פלאָקן“. ער איז אַזוי דאַר, אַז עס סטאַרטשען אים אַזש ארויס די ביינער אף די באַקן. אייגעלעך האָט ער קליינינקע, נאָר זייער פלינקע, זיי לויפן באַ אים ארום, ווי די מײַזלעך.

ווען מיר האָבן זיך אופגעהויבן אפן באַרג, האָב איך געזאָגט:

— כ׳וועל נעמען מיט זיך סיאָמען.

— ווער דאַרף אים! — האָט זיאַמע זיך צעשריִען.

שטענדיק דאַרף ער קיינעם ניט, אָט דער זיאַמע.

— אַלציינס וועל איך אים נעמען.

— אוואַדע, — האָט וואָווקע מיך אונטערגעהאַלטן, — סיאָמע איז א יאַט מיט ביינער.

7

די גאַס האָט זיך געצויגן אראָפּ צום טײַך, ווו עס איז געוועזן די בריק. אונדזער בריק איז א הילצערנע און האַלט זיך אף גרויסע פאַראָמען. ווען עס פאָרט איבער איר א פור, שאָקלט זי זיך און פון אונטער די פאַראָמען הייבן זיך אוף וועלן. ווער רעדט, אַז עס פאָרט דורך א מאַ־שין, דאַן גייט די בריק כאָדאָראָם — אראָפּ און ארוף, און די כוואַליעס, וואָס הייבן זיך אוף פון אונטער די פאַראָמען, זײַנען דעמלט אומגעהייער גרויסע. דער, וואָס איז ניט געווינט צו דער בריק, כאַפּט זיך מיט די הענט פאַר די פאָרענטשעס, אָבער די פאָרענטשעס זײַנען גאָר בידעריקע.

די גאַס, וואָס פירט צו דער בריק, איז די הויפּט־גאַס. זי איז ברוקירט און פון ביידע זײַטן ציִען זיך טראָטוארן, וועלכע זײַנען אויסגעפלאַסטערט מיט צעמענט. פון דער היץ האָט דער צעמענט זיך שטאַרק אָנגעגליט. איך האָב דאָס געפילט דורך די דינע פּאָדעשוועס פון מײַנע סאַנדאַלן.

כ׳האָב געשפּאַנט דער ערשטער און געהאַלטן סיאָמען בײַ דער האַנט. די מומע דינע האָט מיר טאַקע אָנגעזאָגט, איך זאָל אים ניט אַרויסלאָזן פון די הענט. הינטער מיר זײַנען געגאַנגען אַלע דרײַ. זיאַמע האָט אַף אַ קאָל זיך געשפּאַרט מיט וואָווען און קאָליען וועגן דעם פילם, וואָס מיר האָבן נאָרוואָס געזען. זיאַמע פלעגט זיך שטענדיק אַמפּערן. קיינער שפּאַרט זיך ניט, מע האַלט בלויז אונטער איינער דעם צווייטן, און ער שפּאַרט זיך. אַלצדינג פאַרשטייט ער אַנדערש. כ׳האָב ניט געהערט, וואָס זיי ריידן, ווײַל איך האָב אַליין אויך דערציילט סיאָמעלען די קאַרטינע, וועלכע מיר האָבן ערשט געקוקט. כ׳ווייס ניט, צי איז עס אים געווען אינטערעסאַנט צי ניט — ער האָט דאָך אַליין אויך געזען, מיר האָט זיך פּאָשעט געוואָלט ריידן, און סיאָמע, ווייסט איר דאָך, הערט און שווײַגט, שלאָגט ניט איבער.



פלוצעם האָבן די מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען פאַר אונדז, זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך אומקוקן אַף צוריק. איך האָב זיך אויך אָפּגעשטעלט און דערזען, אַז מײַנע כאַווײרים קוקן אויך אַהין. און דאָרט, פון אויבן, ווו די גאַס קרייצט זיך איבער, שטייט שוין אַן אוילעם, און מענטשן האַלטן נאָך אין איין לויפן. מיר האָבן אויך זיך אַ לאָז געטאָן.

מיטאַמאָל איז אַלץ פאַרענדערט געוואָרן. אָט ערשט זײַנען די מענטשן געגאַנגען פּאַמעלעך, און געווען זײַנען גאָר ניט קיין סאַך, איצט איז די גאַס פול געוואָרן מיט לויפנדיקע מענטשן.

ביז מיר זײַנען דערלאָפן צום ראָג, זײַנען מיר שוין געווען די לעצטע און מיר האָבן גאָר־נישט ניט געקאָנט זען.

— מע פירט אים, מע פירט! — האָט געגוואַלדעוועט אַ נידעריקע דיקע ייִדענע. זי האָט זיך אַלץ געסטאַרעט אויסציִען, נאָר עס האָט זיך בײַ איר גאָרנישט ניט באַקומען. זי שטעלט זיך אַף די שפּיץ פינגער און לאָזט זיך גלײַך אַראָפּ, שוין צו דיק איז זי געווען. — מע פירט אים. מע פירט! — האָט זי זיך אַלץ געערגערט. — שיסן פירט מען אים!

— גלײַך שיסט מען ניט! — האָט אַ ברום געטאָן זייער אַ הויכער מאַנצבל. ער איז אַ רויִ־קער געשטאַנען און אַריבערגעקוקט איבער אַלעמענס קעפּ. — מע האָט אים פאַרמישפּעט צום טויט, נאָר דערווײַל פירט מען אים פון געריכט.

— וועמען פירט מען? וועמען האָט מען עס פאַרמישפּעט? — האָט זיך נאָכגעפרעגט אַן אַנדער מאַנצבל, וואָס איז ערשט אַ פאַרסאָפּעטער געקומען צו לויפן.

— ראַקאָוון פירט מען. דעם באַנדיט, — האָט געענטפערט דער הויכער.

— וועלכן, דעם ייִנגערן?

— דעם ייִנגערן, אַוואַדע דעם ייִנגערן, מיטן בלינדן אויג. דעם עלטערן האָט מען שוין פון לאַנג דערשאָסן.

איז אָט וואָס דאָ קומט פאָר! ראַקאָוון האָט מען געפּאַקט! מיט די נעמען פון די גאזלאָנים, די ברידער ראַקאָוו, האָט מען בא אונדז געשראָקן קינדער.

מיר איז מיטאמאָל זייער הייס געוואָרן, פּונקט ווי דאָס בלוט וואָלט אין מיר אופגעזאָטן. איך האָב זיך אופגעהויבן אָף די שפּיץ פינגער, ווי יענץ ווײַבל, נאָר כ׳האָב גאָרנישט ניט געזען.

— הײַדא, כעוורע! — האָט וואָווע אויסגעשריִען און אָפגיך גענומען זיך דורכשטויסן מיט די עלנבויגנס. מע האָט אָף אונדז געשריִען, געשיקעט, נאָר וואָווע האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט. פון הינטן האָט זיאמע אים געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער פלייצע און געגוואַלדעוועט: — גיכער, גיכער!

איך האָב מיט בײדע הענט געהאַלטן סיאָמען און זיך געשטופּט נאָך זיי.

מיטאמאָל זײַנען מיר ארויס פון סאמע פאָרנט און דערזען דעם שליאַך. איבערן שליאַך זײַנען פאמעלעך, רײַטנדיק אָף פערד, געפאָרן פיר מיליציאָנערן. צו אלעמערשטן האָב איך דערזען בלויזע שווערדן. זיי זײַנען געווען זייער דינע און האָבן שטארק געגלאַנצט אָף דער זון. כוץ דעם, האָבן די מיליציאָנערן נאָך געטראָגן ביקסן אָף די פלייצעס און קאָבורעס אָף די רימענס. צוויי מיליציאָנערן זײַנען געפאָרן בא די זײַטן, איינער פון פאָרנט און איינער פון הינטן. דער, וואָס האָט געריטן דער ערשטער, האָט די שווערד ניט אנטבלויזט, ער האָט אין דער האַנט געהאַט א נאַגאַן און זייער שטארק געפײַפט אין א פײַפל, דערבײַ האָט ער געשריִען:

— באַפרײַט דעם וועג! דעם וועג באַפרײַט!

אין דער ארומרינגלונג פון די מיליציאָנערן איז געגאנגען א מענטש. די הענט זײַנען בא אים געווען פארדרייט אָף הינטן. ער איז ניט געגאנגען, ווי געוויינלעך, גלײַך, נאָר זיך געוואָרפן פון איין זײַט אין דער צווייטער, פון איין פערד צום אנדערן. די פערד האָבן זיך געשראָקן און זיך אָפּט אופגעשטעלט אָף די הינטערשטע פיס. עס האָט זיך געדאַכט, אז דער מענטש איז שיקער לאָט. ער האָט ניט אופגעהערט זיך דרייען און ווארפן, נאָר די הענט האָט ער פון דער פלייצע ניט געקאָנט אַפּרײַסן. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו די פערד, האָט א מיליציאָנער אָנגעשטעלט גלײַך אים אין פּאָנעם דעם שפּיץ פון דער שווערד, נאָר דער באנדיט איז ניט אָפּגעשפּרונגען. ער פלעגט זיך שטארק אויסבייגן אָף צוריק און באַלד זיך ווארפן צו אן אנדער מיליציאָנער. פונדערווײַטנס האָט עס אויסגעזען זייער קאָמיש, ווי עפּעס א טאַנץ צווישן שווערדן.

די קאָנוואָירן מיטן באנדיט האָבן פאמעלעכן זיך דערנעענטערט. דער ערשטער איז צום ראָג צוגעפאָרן דער מיליציאָנער מיטן פײַפעלע. ער האָט אָף א ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעקערעוועט דאָס פערד מיט דער מאָרדע צו דער בריק. דאָס פערד האָט גענומען צאָקען מיט די טלאָען און זיך געלאָזט בארג־אראָפּ. אָט איצט האָבן מיר אים געקאָנט גוט אָנקוקן, דעם באנדיט. זײַן פּארצעף איז געווען שטארק רויט. די שפּיצעכיקע וואָנצעלעך ווי צוגעקלעפּט צו דער ליפּ. איין אויג האָט בא אים מעשוגענערווײַז געבלישטשעט, דאָס צווייטע איז געשטאַנען אָף איין אָרט. דאָס אומבאוועגלעכע אויג האָט אויסגעזען נאָך שרעקלעכער פון יענעם, דעם מעשוגענעם. ער האָט געקוקט גלײַך אָף אונדז, זיך אײַנגעבויגן און געשפּאַנט אונדז אנטקעגן.

— פארקערעווע! — האָט אויסגעשריִען דער מיליציאָנער, וואָס איז געריטן פון רעכטס און מיט דער שווערד אָנגעוויזן, וווהין פארקערעווען.

דער באנדיט האָט אָנגעהויבן רעדן. וואָס ער האָט געשריִען, איז שווער געווען צו פארשטיין. עס זײַנען דערגאנגען נאָר באַזונדערע ווערטער.

— פּאדלעס! קאָמוניסטן! האדיוקעס! זשידעס! מיך שיסן?!

ער האָט אזוי געגוואַלדעוועט, אז דאָס אויג זײַנס האָט זיך אזש אָנגעגאָסן מיט בלוט.

ער האָט ניט אופגעהערט זיך דרייען און זיך ווארפן פון איין זײַט אין דער אנדערער, און איך האָב באמערקט, אז די הענט זײַנען בא אים געבונדן מיט א שטריק אָף דער פלייצע. ער האָט די גאנצע צײַט זיך געסטארעט ארויסרײַסן די הענט פון שטריק. די הענט זײַנען בא אים געוואָרן אזוי רויט, אז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז באַלד וועט פון זיי א שפּריץ טאָן בלוט. די שטריק האָט זיך שטארק אָנגעצויגן, און איך האָב מוירע געהאַט, אז אָט באַלד וועט זי פּלאַצן.

די ציין האָבן בא מיר געציטערט. כ׳האָב אלץ שטארקער און שטארקער צוגעדריקט צו זיך סיאָמען. בא סיאָמען זײַנען די אויגן געוואָרן נאָך גרעסער ווי שטענדיק און זײַנען ווי פארגליווערט געוואָרן. כ׳האָב א קוק געטאָן אָף מײַנע כאווײרים. זיאמע איז געווען אינגאנצן בלאַס, דאָס מויל האָט ער געהאַלטן אָפן און די אונטערשטע ליפּ האָט בא אים געציטערט. וואָווקע

האָט זיך אויסגעבויגן פּאַרויס, די הענט, פֿאַרבײַלטע אין פֿויסטן, האָט ער אײַנגעבויגן אין די עלנבויגנס, און זײַנע אויגן זײַנען געווען אָנגעגאָסן מיט קאַס. און קאַליע, דער שטענדיק שטילער קאַלקע, האָט אַף אַ קאָל געזידלט דעם באַנדיט.

— באַנדיוגע! — האָט ער געשריִען. — קורקוליאַק פֿאַרשיווער! רײַס, רײַס די הענט! וועסט ניט אַרויסרײַסן!

ער האָט גאָר קיין מוירע ניט געהאַט, קאַלקע, און איך האָב אויך אופֿגעהערט זיך שרעקן און גענומען שרײַען:

— וועסט זיך ניט אויסרײַסן! ניט אויסרײַסן!

אין דער רעגע האָט דער באַנדיט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּן מיליציאָנער, וואָס איז געווען נעענטער צום טראָטואַר. דאָס פֿערד האָט אַ שפּרונג געטאָן צו אונדז. סיאָמע האָט אַ געשריי געגעבן, נאָר גלײַך שטיל געבליבן.

דרײַ שווערדן האָבן זיך אַ צי געטאָן צום באַנדיט — צוויי פֿון די זײַטן און איינע פֿון הינטן. אינעם דרײַעק פֿון די שווערדן האָט ראַקאָוו זיך גענומען דרייען און בייגן, דאָך איז ער געצוווּנגען געווען זיך לאָזן צו דער בריק. די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אַף די טראָטואַרן, האָבן זיך אויך געלאָזט פּאַרויס.

באַ דער בריק האָבן די מיליציאָנערן זיך אָפּגעשטעלט. איך מיט סיאָמען זײַנען אַפּדערגיך אַרופֿגעקראָכן אָפּן באַרג. אַהער האָבן זיך אויך פֿאַרקליבן דערוואַקסענע. פֿונדאַנען האָט מען אַלץ גוט געזען, און די פֿערד האָבן אַהער ניט געקאָנט קיין שפּרונג טאָן.

איינער פֿון די מיליציאָנערן האָט גענומען פֿײַפֿן און שרײַען צו דעם אוילעם, וואָס איז געשטאַנען אַף דער בריק:

— באַפֿרײַען די בריק! די בריק באַפֿרײַען! — ער האָט אַ צי געטאָן דאָס צײַמל, און די טלאָען פֿונעם פֿערד האָבן גענומען צאַקען איבער די ברעטער. דער אוילעם האָט זיך געלאָזט אַף צוריק.

ווען די בריק איז פֿרײַ געוואָרן, איז דער מיליציאָנער אַוועקגעריטן צום אַנדערן ברעג און פֿון דאָרט גענומען שרײַען:

— אַהער! דאַווײַ!

די מיליציאָנערן פֿון אונדזער זײַט האָבן אַרויסגעצויגן די שווערדן און אָנגעהויבן טרײַבן דעם באַנדיט. נאָר יענער האָט זיך ווידער געבויגן און געוואָרפֿן — ער איז אינגאַנצן ווילד געוואָרן.

— הנידעס! — האָט ער געשריִען — באָלשעוויסטישע פֿעסט! מיך, ראַקאָוון, שיסן? מיך מיך?

— אַך, דו שלאַנג! — האָט קאַלקע אַזש געקריצט מיט די ציין.

דער מיליציאָנער, וואָס האָט געריטן פֿון הינטן, האָט פֿון קאַס אופֿגעהויבן די שווערד איבערן קאָפּ, אַ לאָז געטאָן דאָס פֿערד אָפּן באַנדיט:

— איך וועל דיר פֿלעטן דעם שאַרבן, צעבראָקן אַף שטיקער!

ראַקאָוו איז שטיל געבליבן, ער האָט פּאַמעלעכן זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צום מיליציאָנער, און, רוקנדיק זיך אַף צוריק, געשפּאַנט איבער דער בריק.

פּלוצעם האָבן זיך דערהערט דרײַ דראָענדיקע פֿײַפֿן — איינער נאָכן אַנדערן. די פֿערד האָבן, ווי דולע, זיך אַ ריס געטאָן מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אַף אַרוף און גענומען כראַפּען. איך האָב ניט באַוויזן צו באַמערקן, וויאַזוי ס׳איז פֿאָרגעקומען, אָבער באַלד האָב איך דערזען, אַז דער באַנדיט איז אַף דער בריק ניטאָ. וואָוקע האָט דערנאָך דערציילט, אַז ער האָט געזען, ווי ראַקאָוו האָט אַ שפּרונג געטאָן איבער דער פּאָרענטשע, ניט מיט די פֿיס איז ער איבערגעשפּרונגען, נאָר מיטן גאַנצן קערפּער, מיטן קאָפּ פּאַרויס.

די מיליציאָנערן זײַנען טייקעף אַראָפּ פֿון די פֿערד און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פּאָרענטשע. קיין שווערדן האָבן זיי שוין אין די הענט ניט געהאַט, נאָר ביקסן. די מיליציאָנערן האָבן זיך איבערגעבויגן צום וואַסער און אויסגעצויגן פּאַרויס די ביקסן. ראַקאָוון האָט מען אָבער אין ערגעץ ניט געזען.

פּלוצעם האָט קאַלקע גענומען שרײַען:

— אָט איז ער, אָט־אָט! — און אָנגעוויזן מיט דער האַנט גאָר אין אַן אַנדער זײַט.

איך האָב נאָר אַף אַ ווײַלע דערזען אַ קאָפּ אין טײַך, לעבן סאַמע פּאַראָם. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. סיאָמע האָט געציטערט און זיך געטוליעט צו מיר. מיך האָט אויך געוואָרפֿן, ווי אין אַ קאַדאָכעס, — איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי נאָענט ניט געהערט קיין שאָס.

— די הענט, די הענט! — האָט עמעצער גענומען שרײַען. — די הענט זײַנען באַ אים פֿרײַ! ניט אומזיסט האָט ער זיך אַזוי געוואָרפֿן. פּאָרט באַוויזן צעציִען די שטריק...

אױף אַ מינוט האָט ראַקאָװוס קאָפּ זיך װידער באַװיזן איבערן װאַסער. ער האָט עטלעכע מאָל אַ פּאַכע געטאָן מיט די הענט אין דער ריכטונג פֿון בריק, און ס׳האָט װידער גענומען הילכן אַ שיסערײַ. איצט איז שױן ניט געװען אַזױ שרעקלעך. איך האָב באַװיזן צו באַמערקן, װי אױפֿן װאַסער זײַנען אונטערגעשפּרונגען פֿאָנטאַנדלעך, פּונקט דאָרט, װוּ אָט ערשט איז געװען דער באַנדיט.

װען ראַקאָװו איז צום דריטן מאָל אַרױסגעשװוּמען, זײַנען די מיליציאָנערן שױן געזעסן רײַטנדיק און געשאָסן פֿון די פֿערד.

— אױף װאָס װאַרטן זײ? — האָט זיך געערגערט דער מאַנצבל, װעלכער האָט דער ערשטער דערזען, אַז בײַ ראַקאָװון זײַנען פֿרײַ די הענט. — װאָס שפּרינגען זײ אױף די פֿערד?

— זײ װײסן ניט, צו װעלכן ברעג ער װעט צושװימען, — האָט עמעצער געענטפֿערט.

— צו אונדזערן שװימט ער. װוּהין קאָן ער נאָך שװימען? אַהין איז צו װײַט...

װען דער באַנדיט איז נאָכאַמאָל אױפֿגעשװוּמען אױפֿן װאַסער, איז ער שױן געװען נאָענט צו אונדז. די מיליציאָנערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אױף צוריק — צום ברעג, װוּ מיר זײַנען געשטאַנען.

אַלע זײַנען געװאָרן אומרויִק, מע האָט גענומען שרײַען, שטופּן זיך, קריכן פֿאָרױס.

— גיכער, גיכער! — האָט זיאַמע געשריִען.

די מיליציאָנערן זײַנען געריטן לענגױס דעם טײַך און געשאָסן. דער באַנדיט האָט אױף אַ סעקונדע זיך באַװיזן אױפֿן װאַסער און װידער זיך אונטערגעטוקט. ער איז געשװוּמען ניט גלײַך צום ברעג, נאָר אין אַ זײַט.

— צו די סעדער, צו די סעדער שװימט ער! — האָט װאָװקע זיך אָנגעשטױסן.

— ריכטיק! דאָס יינגל איז גערעכט, אַװדאי צו די סעדער, דאָרט װעט אים גרינגער זײַן זיך אױסבאַהאַלטן.

— ער װעט ניט אַװעק, דער גאַזלען, — האָט קאָלקע געטרײסלט מיט די פֿױסטן.

גיכער, גיכער! — האָט מען שױן געשריִען פֿון אַלע זײַטן.

די מיליציאָנערן האָבן צעיאָגט די פֿערד. איצט זײַנען זײ געװען נאָענט פֿונעם אָרט, װוּ ראַקאָװו האָט זיך דאָס לעצטע מאָל באַװיזן, טאַקע פּונקט אַנטקעגן די סעדער.

— נו, אַצינד איז ער פֿאַרטיק! — האָט װאָװקע פֿרײַ אָפּגעעטעמט. — אָט באַלד װעט ער אַרױסשװימען פּונקט אַנטקעגן די מיליציאָנערן.

אַלע האָבן געװאַרט. דער באַנדיט האָט זיך אָבער ניט באַװיזן.

— עפּשער האָט מען אים דערשאָסן?

אומגעריכט איז ער אַרױסגעשװוּמען, אָבער גאָר אין אַן אַנדער אָרט, װײַט, װײַט פֿון אונדזער ברעג. דאָס איז געװען אַזױ אומגעריכט, אַז די מיליציאָנערן האָבן אַפֿילו ניט גענומען שיסן — זײ האָבן, װײַזט אױס, אײנגעגלױבט אַז ער האָט זיך פֿאַרלױרן. אײדער ראַקאָװו האָט זיך װידער אונטערגעטוקט, האָט ער זיך אױסגעדרײט מיטן פּנים צו די מיליציאָנערן און זײ אַ דראָע געטאָן מיטן פֿױסט.

— ער האָט אַלעמען אָפּגענאַרט, — האָט קימאַט װײנענדיק אַרױסגעכליפּעט אַ הױכער מאַנצבל, װאָס איז געשטאַנען לעבן מיר, — ער האָט זײ אומיסטן פֿאַרנאַרט אַהער, אָט די שליאַפּעס! איצט שװימט ער צום אַנדערן ברעג. אָט באַלד כאַפּן זײ אים! האַלט די פּאָלעס...

די מיליציאָנערן זײַנען געקומען צו־זיך און גענומען שיסן. איצט האָבן זײ שױן געשאָסן אָן אױפֿהער, אַפֿילו דעמלט, װען אין טײַך האָט מען דעם באַנדיט ניט געזען.

קײנער האָט שױן ניט געשריִען, אַלע האָבן שטילערהײט געקוקט, צי די מיליציאָנערן װעלן טרעפֿן אין ראַקאָװון. נאָר קײן קױל האָט אים ניט גענומען. ער האָט שנעל זיך דערנענטערט צום אַנטקעגנדיקן, פֿעלדזיקן ברעג, װוּ קײנער איז איצט ניט געװען.

— ער װעט אַװעק! — האָבן שױן אַלע געטומלט.

מיר האָבן גוט געזען, װי דער באַנדיט האָט זיך אױפֿגעהױבן פֿון װאַסער און גענומען אַרױסגײן פֿון טײַך.

און דאָ איז פֿאָרגעקומען, װי אין קינאָ. פֿון די פֿעלדזן־שפּאַלטן איז אַרױסגעלאָפֿן אַן אָנגעזאָטלט פֿערד און גענומען הירזשען. דער באַנדיט איז אַרױס פֿון װאַסער, געמאַכט דרײַ שפּרונג און אַרױף אױפֿן פֿערד. שױן זיצנדיק אין זאָטל, האָט ער זיך אױסגעדרײט און אָנגעהױבן טרײסלען מיט די הענט. דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעבױגן נידעריק צום האַלדז פֿונעם פֿערד, און אַ שנײַדנדיקער פֿײַף, פּונקט װי פֿריִער אױף דער בריק, האָט זיך דערטראָגן צו אונדז. דאָס פֿערד האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט און איז פֿאַרפֿאַלן געװאָרן צװישן די פֿעלדזן.

8

אלע זײַנען זיך שוין פֿון לאַנג פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. בלויז איך מיט מײַנע כאַווערים זײַנען נאָך אַלץ געשטאַנען אַפֿן באַרג. אַלץ איז אונדז קלאָר געווען, מיר האָבן אָבער ניט פֿאַרשטאַנען, פֿונוואַנען האָט זיך גענומען דאָס פֿערד.

— וואָס פֿאַרשטייט איר ניט? — האָט קאָלקע געזאָגט. — ס'איז ראַקאָווס פֿערד. אַ סימען, אַז ס'האָט אָנגעהויבן צו הירזשען, ווען ס'איז צוגעלאָפֿן צום באַרג. אַ פֿערד הירזשעט שטענדיק, ווען עס דערזעט דעם באַלעבאָס.

— נאָר ווּ זשע איז עס ביז איצט געווען? דער באַנדיט איז דאָך געזעסן אין טפּיסע, — האָב איך זיך געוואָלט דערקונדיקן.

— מע האָט עס אויסבאַהאַלטן, — האָט קאָליע געזאָגט.

— ווער האָט באַהאַלטן? — האָבן מיר זיך אַלע געכידעשט.

— די באַלעגופֿים. ס'איז דען ניט פֿאַרשטענדלעך? — האָט קאָלקע געענטפֿערט. — ער איז דאָך אַליין אויך אַ קורקול, אָט דער גאַזלען, אַלע באַנדיטן זײַנען באַלעגופֿים.

וועגן באַלעגופֿים האָב איך אַ סאַך געהערט, נאָר איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, ווער זיי זײַנען. איך האָב געוווּסט, אַז זיי וווינען אין די דערפֿער. נאָר אין די דערפֿער וווינען אַלע פּויערים, וויאַזוי זשע דערקענט מען זיי? אָך, בעסער וואָלט איך שוין אינגאַנצן ניט געפֿרעגט און ניט געטראַכט וועגן דעם.

— אַ באַלעגוף, — האָט זייער שטרענג געזאָגט קאָלקע, — איז אַ סוינע.

— קורקולן זײַנען לישענצעס, — האָט זיאַמע זיך אַרײַנגעמישט.

באַ מיר איז גלײַך פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דער כיישעק צו ריידן. איך האָב שוין מער גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן.

— לישענצעס? — האָט געפֿרעגט קאָליע. — און ווער זײַנען זיי?

איך בין געשטאַנען אַ דערשלאָגענער און מוירע געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן.

— לישענצעס?! — האָט אויסגעשריִען זיאַמע. — ווער זײַנען זיי?..

איך האָב געוווּסט, אַז אָט באַלד וועט עפּעס אַ שווערע זאַך מיר פֿלעטן דעם קאָפּ.

— אָט, — האָט זיאַמע אָנגעוויזן אָף מיר, — ליאָווקע! זײַן טאַטע איז אַ לישעניעץ.

— ווער, ליאָוועס טאַטע, דער פֿעטער באָריס? — האָט קאָלקע זיך פֿאַרכידעשט.

— דו זאָגסט אַ ליגן, אַ גראָבן ליגן! — האָט וואָווע גענומען שרײַען.

איך האָב שטאַרק פֿאַרקלעמט די ציין, קעדיי זיך ניט צעווייִנען.

— איך זאָג ניט קיין ליגן, ס'איז עמעס! — האָט זיאַמע געוואָלט אַלעמען איבערשרײַען. — זײַן טאַטע איז אַ לישעניעץ!

וואָווקע האָט צונויפֿגעבײַלט די פֿויסטן און זיך געלאָזט צו זיאַמען.

— דו רעדסט אָן אַפֿן פֿעטער באָריס, — האָט שטיל, אָבער מיט קאַס געזאָגט וואָווקע. זיאַמע איז אָפּגעטראָטן פֿון אים מיט אופֿגעהויבענע הענט.

— ס'איז ניט קיין ליגן, ער איז אַ לישעניעץ. מײַן טאַטע האָט געזאָגט.

וואָווקע האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן און אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי אַן עקסל.

— שטיי, וואָווע, — האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, — שטיי! מע דאַרף אים ניט טשעפּען, וואָווקע! איך בעט דיך זייער!

איך האָב פֿאַרשטשעמעט די ציין און זיך אויסגעקערעוועט צו אַלעמען מיט דער פּלייצע. טרערן זײַנען געראָנען פֿון מײַנע אויגן.

פּלוצעם האָב איך דערפֿילט, אַז עמעצער איז צוגעגאַנגען צו מיר. איך האָב אַ קאָסיע געטאָן מיט די אויגן און באַמערקט, אַז דאָס איז סיאָמע.

— קום אַהיים, סיאָמעטשקע... — ניט אומקוקנדיק זיך אָף צוריק, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון באַרג.

פּלוצעם האָט אין דער הייך אַ דונער געטאָן. דער רעגן, וואָס האָט זיך נאָך געקליבן פֿון אינדערפֿרי, האָט זיך איצט אָנגעהויבן.

9

מיר האָבן קוים באַוויזן דערלויפֿן. עס זײַנען שוין געפֿאַלן גרויסע טראָפּנס. זיי האָבן געקלאַפּט איבערן שטויב און געמאַכט לעכעלעך אין אים. דער הימל איז געווען שוואַרץ־שוואַרץ, אָן איין שפּעלטיקל. איבער אָט דעם שוואַרצן הימל האָט איין בליץ נאָכן אַנדערן זיך אויסגעצויגן, ווי אַ רויטער פֿאָדעם. וואָס לענגער דער פֿאָדעם, אַלץ שטאַרקער דער דונער.

מיר זײַנען געלאָפֿן גלײַך צו סיאָמעס שטוב. די מומע דינע איז געשטאַנען בא דער טיר, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געבראָכן די הענט. ווי נאָר מיר זײַנען אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב, האָט דער רעגן אַ כליופּע געטאָן מיטן גאַנצן קויעך. ס'איז דען געווען אַ רעגן? מע האָט ניט געזען קיין באַזונדערע פּאַסן, אַלע האָבן זיי זיך צונויפֿגעגאָסן אײנינעם, און ס'האָט זיך באַקומען איין וואַסערפֿאַל. פֿונעם שטויב איז גלײַך געוואָרן איין גרויסע סליאָטע. און אַנטקעגן, בא שימענען אין הויף, איז געווען פֿאַשעט אַ פֿאַרטרינקעניש. שימענס הויף פֿלעגט שטענדיק פֿאַרגאָסן ווערן, אַפֿילע פֿון ניט קיין גרויסן רעגן. איצט האָט דאָס וואַסער אַרויסגערונען פֿון הינטער זײַן פּאַרקן און געבליבן שטײן בא דער אַלטער זעלדעס שטוב.

פּלוצעם האָב איך דורכן גערויש פֿון רעגן דערהערט דער מאַמעס קאָל.

— דינע, דינע! — האָט זי געשריִען פֿון איבער דער גאַס. — זיי האָבן זיך נאָך ניט אומגעקערט?

— איך בין דאָ, מאַמע, דאָ! — האָב איך אַרויסגערוקט דעם קאָפּ אין דרויסן, נאָר גלײַך אָפּגעשפּרונגען אָף צוריק. פֿאַר איין אויגנבליק בין איך נאַס געוואָרן, ווי מע וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער.

— אַך, גאַזלען איינער! — האָט די מאַמע געגוואַלדעוועט. — מער וועסטו בא מיר פֿון שטוב ניט אַרויסגיין!

די מומע דינע איז ערשט איצט געקומען צו־זיך און אָנגעהויבן צושטיין צו אונדז.

— ווו זײַט איר עס אַזוי לאַנג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

— מיר האָבן געקוקט, ווי אַ באַנדיט איז אַנטלאָפֿן, — האָט סיאָמע געענטפֿערט.

— איר זײַט דאָרטן געווען? — האָט די מומע דינע פֿאַרבראָכן די הענט. — איך האָב אָבער געוווּסט, איך האָב געפֿילט, אַז זיי זײַנען דאָרט.

— אָף אונדז האָט אַ שפּרונג געטאָן אַ פֿערד! — האָט סיאָמע געזאָגט.

— אַ פֿערד! — האָט די מומע דינע זיך נאָך מער דערשראָקן.

— און מע האָט דאָרט געשאָסן.

— גוואַלד וועל איך שרײַען! איר הערט, ראָכל? — האָט זי געשריִען צו מײַן מאַמען. — זיי זײַנען אָפּדערעמעסן דאָרט געווען, אַ פֿערד האָט זיי שיר־שיר ניט צעטראָטן. מע האָט זיי נאָך געקאָנט דערשיסן.

— אוי, גאַזלאָנים, אוי, ראָצכים! — האָט אָפּגעענטפֿערט די מאַמע.

— זיי זײַנען דאָרטן געווען? זיי האָבן אַליין טאַקע געזען? — האָט זיך נאָכגעפֿרעגט פֿון איר שטוב די מומע ריווע, לייב דעם סטאָליערס ווײַב.

איך האָב שוין אָבער צו גאָרנישט זיך ניט צוגעהערט. אָף דער גאַס האָב איך דערזען וואָווען. דאָס וואַסער איז גערונען פֿון זײַן קאָפּ, פֿון די אויערן, פֿון דער נאָז און פֿון די באַקן. דאָס העמדל און די הייזלעך זײַנען צוגעקלעפּט געווען צום לײַב. די סאַנדאַלן האָט ער געהאַלטן אין די הענט און מיט די באָרוועסע פֿיס געפּאַטשט איבער די קאַליוזשעס. דער רעגן האָט געגאָסן איבער אים, און וואָווע איז פֿאַמעלעכן געגאַנגען, עפּעס געזונגען און אויסגעשריִען, און אַלץ אַזוי פֿריילעך. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַרויס צו אים אָף דער גאַס. נאָר ווי וואָס!

— וואָווקע, — האָב איך אים אַ רוף געטאָן.

וואָווקע האָט עס דערהערט און אויסגעשריִען איבער דער גאַנצער גאַס:

— קום אַהער צו מיר, ליאָווקע!

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן, — האָב איך באַלד דערהערט דער מאַמעס קאָל.

די מומע דינע האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ:

— אַ יאָסעם, נעבעך, אַ ביטערער יאָסעם.

10

דער רעגן איז נאָך געגאַנגען, ווען די זון האָט דורכגעבראָכן דאָס ערשטע פֿענצטערל אין די כמאַרעס. אָט איז עס פֿאַרצויגן געוואָרן, דאָס פֿענצטערל, נאָר די זון האָט עס גלײַך ווידער אופֿגעעפֿנט. נאָכדעם האָט זיך באַוויזן אַ צווייטס, אַ דריטס — דער גאַנצער הימל איז באַדעקט געוואָרן מיט פֿענצטערלעך. דער רעגן האָט אופֿגעהערט. אײנינעם מיט די כמאַרעס זײַנען פֿאַרשוווּנדן די הימל־פֿענצטערלעך און די זון האָט געגומען שײַנען.

— גיי אַהיים, — האָט די מאַמע מיך גערופֿן.

כ'האָב אַראָפּגענומען די סאַנדאַלן פון די פיס און זיך געלאָזט איבער די קאַליוזשעס, אָבער איצט איז עס געווען ניט אינטערעסאַנט — וואָווקע איז אַף דער גאַס שוין ניט געווען און דער רעגן איז שוין ניט געגאַנגען.

אינעם הויף, באַנאַנד מיט אונדזער שטוב, האָט זיך געעפנט די פּאַרטקע. אַף דער גאַס האָט זיך באַוויזן שימען. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן עמער, אין דער אַנדערער א לאָפּעטע. ער איז געווען א באַרוועסער, די הויזן פאַרקאַשערט העכער די קני. שימען האָט געפּאַטשט מיט די פיס איבערן וואַסער. ער איז צוגעקומען ביז דער מיט פון וועג און מיט דער לאָפּעטע גענומען בויען א הרעבליע. וואָס ווײַטער וועט זײַן, האָב איך אויך גוט געוווּסט. — ווי נאָר די הרעבליע וועט ווערן הויך, וועט ער מיטן עמער נעמען שעפּן דאָס וואַסער און עס אַרויס־גיסן אין גאַס אַרײַן. אַזוי וועט ער טאָן, ביז ער וועט ניט אויסשעפּן דאָס גאַנצע וואַסער פון זײַן הויף.

איך האָב אָפּגעוואַשן די פיס אין א קאַליוזשע און געלאָזט זיך אַהיים. נאָר די פיס זײַנען ווידער קויטיק געוואָרן.

— דו ווילסט פון דער בלאָטע אַרויס א ריינער, — האָט די מאַמע געלאַכט. — נאַ, וואַש, — האָט זי מיר אונטערגעטראָגן א שיסל מיט וואַסער.

בא דער מאַמען האָבן געלאַכט בלויז די אויגן. אַזוי איז בא איר שטענדיק. אפילע ווען זי איז אין כּעס אַף מיר, האָב איך ניט מוירע, ווײַל איך קוק איר אין די אויגן און זע, ווי זיי שמייכלען. נאָר מער פון אַלץ האָב איך ליב דער מאַמעס אויגן, ווען איר איז גוט אַפן האַרצן. דעמלט לאַכן זיי, כאַטש די ליפּן אירע באַוועגן זיך ניט. זי איז אָבער אַזוי זעלטן אופגעלייגט...

און דער טאַטע? דער טאַטע לאַכט קיינמאָל ניט. ער איז שטענדיק א פאַרדײַגעטער. זעלטן, זעלטן באַווײַזט זיך בא אים א שמייכל אַף די ליפּן. נאָר אַפילע פון אָט דעם קליינעם שמייכעלע ווערט מיר גוט אַפן האַרצן.

— ליאָווע, — האָט די מאַמע געזאָגט, — מע דאַרף אָנשרײַבן א מעלדונג אין דער מוזיק־שול.

— דער טאַטע וועט אָנשרײַבן.

— דער טאַטע... ער האָט שוין מער קיין דײַגעס ניט. אַפן זינען ליגן אים נאָר דײַנע מעלדונגען, — האָט זי א זיפץ געטאָן. — שרײַב אַליין אָן, ליאָוועטשקע. ווי דו קענסט, אַזוי שרײַב, מע וועט זיך פאַנאַנדערקלײַבן.

איך האָב אַרויסגעריסן א בלעטל פון א העפט, גענומען א הענטל־פען און זיך געזעצט שרײַבן.

איך האָב געטראַכט און געטראַכט און אָנגעשריבן:

„מעלדונג

נעמט מיך, ביטע, אַרײַן אין דער מוזיקאַלער שול. איך בעט אײַך זייער. איך האָב זייער ליב זינגען. איך וויל זייער זיך לערנען, איך וועל זיך זייער סטאַרען".

— אָנגעשריבן! הער אויס, מאַמע! — און איך האָב איבערגעלייענט.

— א סאַך מאָל, — האָט די מאַמע געשמייכלט, — איז בא דיר דאָס וואָרט „זייער".

איך האָב אופמערקזאַם נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די מעלדונג.

— פיר מאָל „זייער" — איך האָב זייער ליב, איך בעט אײַך זייער, איך וויל זייער זיך לערנען, איך וועל זיך זייער סטאַרען.

— אַלץ איז, דאַכט זיך, ריכטיק? — האָט די מאַמע זיך פאַרטראַכט. — מיילע, זאָל זײַן אַזוי. איצט שרײַב נאָך אָן, פון וועמען די מעלדונג איז.

איך האָב גענומען די פען און אָנגעשריבן: „שילער פון דער פערטער גרופּע פון דער פינפטער אַרבעטער־שול. ליאָווע ליפשיץ".

די מאַמע האָט גענומען דאָס בייגעלע פּאַפּיר אין די הענט, מיר א שווער געטאָן די האָר:

— מאָרגן וועסטו אָפּטראָגן די מעלדונג אַהין ווו מע דאַרף.

— איינער אַליין?

— יאָ, זון מײַנער, אַזוי וועט זײַן בעסער. האָסט אַליין געשריבן און וועסט אַליין אָפּטראָגן.

מאָרגן, מאָרגן, — האָב איך געטראַכט, — מאָרגן נעמט מען מיך צו פאַר א פּיאָנער. דער טאַטע מיט דער מאַמען ווייסן ניט וועגן דעם. אַז מע וועט מיך צונעמען, וועל איך זיי זאָגן. איך גיי שוין אַף די פּיאָנערישע פאַרזאַמלונגען, פיל אויס אַן אָנלאָדונג. איך בין א מיטגליד פון אַפּיקאָרסים־קרײַז. יעדערער פון אונדז האָט זיך אונטערגענומען מאַכן פאַר אַן אַפּיקוירעס ניט ווייניקער פון איין גלייביקן. איך האָב זיך אויסגעקליבן די באָבע גאָלדע.

הײַנט דאַרף איך אומבאַדינגט זײַן בא איר, מאָרגן איז דאָך א פאַרזאַמלונג, אַף װעלכער מע װעט מיך אָנעמען פאַר א פּיאָנער.

פּלוצעם האָב איך דערהערט, װי די מאַמע רעדט עפּעס צו זיך אַלײן. „אָך, סאַראַ אױסװורף, סאַראַ מערדער!“ כ׳האָב אױסגעקערעװעט דעם קאָפּ און דערזען, װי זי קוקט אַרױס פון דעם אָפענעם פענצטער.

— װער איז אַן אױסװורף, מאַמע?

— שטילער! — האָט זי מיט שרעק מיך געװאָרנט.

אַף דער גאַס איז געשטאַנען שימען און מיטן עמער איבערגעגאָסן די שמוציקע װאַסער איבער דער הרעבליע. ער האָט אַרודעװעט, װי א מאַשין, — זיך אָנגעבױגן, אָנגעשעפּט, אױס־געפּליוכעט, װידער זיך אָנגעבױגן, אָנגעשעפּט, אױסגעפּליוכעט. הין־און־צוריק, הין־און־צוריק.

דאָס װאַסער איז שױן דערגאַנגען ביז דער טיר פון דער מומע דינע און זיך גענומען דערקלײַבן צו דער שװעל פון איציק דעם גלעזער. די מומע כײַע האָט ניט אױסגעהאַלטן און אָנגעהױבן גװאַלדעװען:

— און װיאַזױ טראָגט עס גאָר די ערד אַף זיך אַזעלכע מענטשן? און אַלע שװײַגן!

אַז די מומע כײַע צעגײט זיך, שרעקט זי זיך שױן פאַר קײנעם ניט.

— דינע! — האָט זי אױסגעשריִען. — װאָס שװײַגט איר? איר װעט דאָך באַלד אינגאַנצן פאַרפלײצט װערן!

— װאָס קאָן איך מאַכן? — האָט יענע זיך פאַרענטפערט. — איך קאָן אפילע אין דרױסן ניט אַרױסגײן.

— זעט נאָר, זעט, װאָס ער טוט! און דאָס איז א ייִד? מיט װאָס איז ער בעסער פון ראַקאָװון? — האָט כײַע געפּאַטשעט מיט די הענט.

נאָר שימען האָט זיך געמאַכט ניט װיסנדיק, ער האָט אפילע דעם קאָפּ ניט אױסגעע־קערעװעט. זיך געטאָן זײַנס — הין־און־צוריק, הין־און־צוריק...

— און װוּ זײַנען עס פאַרפאַלן געװאָרן אונדזערע מאַנצבלען? — פרעגט כײַע בא זיך אַלײן. — אַלע האָבן זיך אױסבאַהאַלטן. איציק, איציק! — האָט זי גענומען רופן דעם מאַן. — װאָס זיצסטו דאָרט? װעסט דאָך באַלד דערטרונקען װערן!

נאָר איציקן האָט מען ניט געזען. אַף דער גאַס האָט זיך באַװיזן לײב דער סטאָליער. שטענדיק, װען איך דערזע דעם פעטער לײב, דוכט זיך מיר אױס, אַז איך װער א קלײנינקער, פּונקט װי סיאָמע. ער איז זײער א הױכער, דער פעטער לײב, און שטאַרק א געזונטער, דער גרעסטער גװיר אַף אונדזער גאַס און עפּשער אין דער גאַנצער שטאָט.

אײנמאָל באַנאַכט זײַנען צו אים אין שטוב אַרײַן גאַנאָװים, ניט קײן היגע — קײן היגע װעלן צו לײב דעם סטאָליער ניט קומען. און אַרײַנקריכן צו אים איז גאָר פּאַשעט — אפילע אַף באַנאַכט פאַרמאַכט ער ניט די פענצטער. איז אָט, זײַנען זײ אַרײַן, די גאַנאָװים, און גענומען אַרודעװען. לײב האָט עס דערהערט. גאַנאָװים זײַנען געװען צװײ, די מעסערס האָבן זײ געהאַלטן גרײט אין די הענט. דער פעטער לײב איז צוגעגאַנגען צו זײ, א נאַקעטער, איך אײנע גאַטקעס, און מיט די הױלע הענט אַרױסגעהאַקט בא די גאַנאָװים די מעסערס. אין אײן אױגנבליק זײַנען בײדע שױן געלעגן אַפן דיל. דער סטאָליער האָט נאָר א ביסל זיך צעשניטן די הענט. דערנאָך האָט ער זײ גענומען פאַר די קאָלנערס און, װי קרעציקע הינטלעך, אַװעקגעשלעפּט אין מיליציע.

נאָר כאָטש דער פעטער לײב איז דער געזינטסטער, קריגט ער זיך מיט קײנעם ניט. ביכלאַל זעט מען אים זעלטן. שטענדיק אַרבעט ער, אױך איצט איז ער אַרױסגעגאַנגען אינעם פאַרטעך.

דער פעטער לײב האָט א קוק געגעבן אַף דער גאַס, אַף שימענען, אַף דער מומע דינע. איך האָב גוט געזען, װי זײַן בליק גײט איבער פון אײנעם צום צװײטן, נאָר דאָך איז ער געװען אינגאַנצן רויִק, די װאָנצעס זײַנע האָבן זיך אפילע קײן ריר ניט געטאָן. דערנאָך איז ער פּאַמעלעכן צוגעגאַנגען צו שימענען. די מומע כײַע איז גלײַך פאַרשטילט געװאָרן און אָפּגעטראָטן צו איר טיר.

שימען האָט פּונקט װי פריִער גאָרנישט ניט געהערט און ניט געזען. ער האָט געשעפּט דאָס װאַסער מיטן עמער און געגאָסן.

דער פעטער לײב איז צו אים צוגעגאַנגען, צוגענומען די לאָפּעטע פון זײַנע הענט און מיט צװײ ציִ דרײַ פּאָך צעװאָרפן די הרעבליע. דאָס װאַסער האָט גענומען פלײצן צוריק צו שימענען אין הױף. יענער האָט פּאַמעלעכן זיך אױסגעגלײַכט, די גראָװעלעכע פּאַטלאַטע ברע־מען האָבן זיך אָנגערוקט אַף זײַנע אַראָפּגעלאָזטע אױגן. ערשט דעמלט, װען לײב האָט אים

צוריק דערלאַנגט די לאַפּעטע, האָט באַ שימענען אין די אויגן אַ בליץ געטאָן עפּעס שאַרפֿס, ווי די שווערדן באַ די מיליציאָנערן. איצט האָט דער פּעטער לייב געזאָגט איין־און־איינציק וואָרט:

— קאַטאָרזשניק! — האָט ער געזאָגט.

שימען האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק אין דער טיף פֿון הויף, און דאָס וואַסער האָט, פֿריילעך פּלאַפּלענדיק, אים נאָכגעיאָגט.

11

ס'האָט שוין געגומען טונקל ווערן, ווען איך האָב זיך געלאָזט צו דער באָבע גאָלדע. וויַיט אין פֿעלד, הינטער די ווייץ־זאַנגען, האָט די זון זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. איך ווייס, אַז די זון גייט אַוועק הינטערן האָריזאָנט. מיר האָבן וועגן דעם שוין געלערנט. ווען איך אַגיטיר קעגן גאָט, זאָג איך אויך וועגן דעם. איך דערקלער וויסנשאַפֿטלעך די דערשיַינונגען פֿון דער נאַטור. מיר רופֿן זיך אָן ניט גלאַט אַטעיִסטן, נאָר קאָמפּענדיקע אַטעיִסטן. אונדז געפֿעלט זייער דאָס וואָרט „קאָמפּענדיקע". אַ סאַך כוואַרע זיַינען טאַקע אַריַינגעטראָטן אינעם קריַיז צוליב דעם דאָזיקן וואָרט, זיי האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן אָפּאַנעמעסן קעמפֿן. איניקע יִינגלעך האָבן אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס זיי האָבן גענומען וואַרפֿן שטיינער אין די פֿענצטער פֿון בעסמעדרעש. דער שאַמעס האָט אָבער אָפּן אַנדערן טאָג געכאַפּט צוויי יאַטן און זיי געבראַכט צו די עלטערן. די טאַטעס האָבן געמוזט זיך מאַטריִען זיַין און אַריַינשטעלן אַלע שויבן, וואָס זייערע בענאַקלעך האָבן אויסגעזעצט.

נאָך דעם דאָזיקן צופֿאַל האָט מען אונדז אין קריַיזל דערקלערט, אַז קאָמפּענדיקע אַטעיִסטן הייסן מיר דערפֿאַר, וויַיל מיר גלייבן אַליין ניט אין גאָט און אַגיטירן אַנדערע, זיי זאָלן אויך ניט גלייבן.

די באָבע גאָלדע איז ניט מיַין באָבע, זי איז קיינעמס באָבע ניט. קיין אייניקלעך האָט זי ניט. די באָבע גאָלדע וווינט איינע אַליין. זי איז זייער אַ גוטע. ווען איך בין געווען אַ קליינינקער, אַזאַ, ווי סיאָמע, פֿלעג איך אָפֿט גיין צו איר. די באָבע קען זייער אַ סאַך מיַיסעלעך, זי פֿלעגט זיי דערציילן מיר און נאָך אַזעלכע ווי איך.

די באָבע גאָלדע האַלט שטענדיק אין די קעשענעס פֿאַרשיידענע קיכעלעך, בייגעלעך און אַנדערע זיסע זאַכן. זי קען זייער גוט קאָכן. מע זאָגט, אַז אַמאָל איז די באָבע גאָלדע געווען אַ קעכן באַ עפּעס אַ גרויסן גוויר, און איצט נעמט מען זי אָף כאַסענעס, אָף בריסן, אָף פֿאַרשיידענע יאָמטויווים, אַז זי זאָל קאָכן און באַקן. מע צאָלט איר דערפֿאַר געלט און מע גיט איר נאָך קיכעלעך און בייגעלעך. ווען דו זאָלסט צו איר ניט קומען, האָט זי פֿאַר דיר עפּעס זיס.

די באָבע גאָלדע האָט זיך דערפֿרייט מיט מיר.

— קום אַריַין, קום אַריַין, לייבעלע! — האָט די באָבע ברייט צעעפֿנט די טיר. — שוין לאַנג ביסטו באַ מיר ניט געווען. זע, סאַראַ גרויסער דו ביסט געוואָרן! אויסגעוואַקסן און פֿאַרגעסן אין מיר. אַלע האָבן פֿאַרגעסן די באָבע גאָלדע. ס'איז אומעטיק מיר איינע אַליין.

איך האָב זייער ראַכמאָנעס געהאַט אָף דער אַלטער איינזאַמער באָבעשי און איר צו־געזאָגט:

— איך וועל איצט צו איַיך אָפֿט קומען.

— וועסטו זיַין אַ גוט יִינגל, לייבעלע. וואָס זשע שטייסטו, זעץ זיך צו, איך האָב טאַקע עפּעס פֿאַרדיַינעטוועגן, — און זי האָט גענומען זוכן אין די קעשענעס, — נעם, עס, — און מיר דערלאַנגט אַ קיכל.

איך האָב אָפּגעגעסן דאָס קיכל און איר געזאָגט:

— באָבעשי, איך בין צו איַיך געקומען ניט גלאַט אַזוי.

— וואָס זשע, האָסט עפּעס צו מיר אָן איניען?

— אויב איר ווילט, וועל איך איַיך אַגיטירן קעגן גאָט.

— קעגן גאָט? אַגיטירן? — די באָבע האָט זיך פֿאַרכידעשט, איר פּאָנעם איז אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט קנייטשן, און די אויגן זיַינען געוואָרן, ווי קליינע שפּעלטיקלעך. — און וואָס האָט ער דיר שלעכטס געטאָן, כ'מיין דער ריבוינעשעלוילעם? — האָט זי זיך גע־כידעשט.

איך האָב זיך פֿאַרטראַכט. אינדערעמעסן, וואָס האָט ער מיר שלעכטס געטאָן? נאָר דאָ האָב איך זיך געכאַפּט:

— נאָר קיין גאָט איז דאָך ניטאָ!

— אויב ניטאָ, איז צוליב וואָס דאָס אגיטירן?

איך האָב ניט געוווּסט, וואָס ווײַטער צו זאָגן. כ׳בין געזעסן און געשוויגן, דערנאָך האָב איך זי א פרעג געטאָן:

— און איר זײַט מאסקים, באָבעשי, אז קיין גאָט איז ניטאָ?

זי האָט א שמייכל געטאָן — הייסט עס, אז זי איז ניט אין קאס אף מיר, איך האָב געוווּסט, אז זי איז א גוטע.

— ע, ביסט דאָך א כיטרער, לייבעלע! נאָר איך בין אויך ניט קיין נעבטיקע. וועסט מוזן מיט מיר א האָרעווע טאָן. קום, קום צו גיין, אגיטיר מיך!

דאָס איז געווען מיט עטלעכע טעג צוריק. הײַנט בין איך ווידער געקומען. דאָס מאָל האָב איך זיך שוין גוט צוגעגרייט צום שמועס.

די באָבע גאָלדע האָט געוווינט אף אונדזער גאס, נאָר אין סאמע עק, נאָכן בעסמעדרעש. איר צימערל האָט געהאט א באזונדערן ארײַנגאנג פון דער גאס, א קאָרידאָרל. לעבן איר שטיבל האָט זיך געפונען אן אָנגעשאָטענער קעלער, אין וועלכן זי פלעגט האלטן שפּײַז און אלטע זאכן. אינעם צימערל איז געשטאנען א טיש, א בעט, עטלעכע בענקלעך און א גרויסער קאסטן. איך וואָלט אפילע געקאָנט אף אים שלאָפן, אזוי גרויס איז ער געווען. אף אָט דעם קאסטן איז שטענדיק געהאנגען א שווערער שלאָס.

ווען איך בין ארײַנגעקומען, איז דער טיש בא דער באָבע גאָלדע געווען פארדעקט מיט א יאָמטעוודיקן טישטעך, אפן טישטעך — צוויי לײַכטער מיט ווײַסע ליכט.

— גוט, לייבעלע, וואָס דו ביסט געקומען! — האָט זי זיך דערפרייט. אָט וועלן מיר טאקע בײדע באגעגענען דעם שאבעס.

איך האָב גאָר פארגעסן, אז הײַנט איז פרײַטיק, די מאמע מײַנע שטעלט אויך יעדן פרײַטיק לײַכטער מיט ליכט אפן טיש. אונדזערע לײַכטער זײַנען העכערע; בא אונדז זײַנען זיי געלע און בא דער באָבע גאָלדע ווײַסע.

נאָך אײדער איך האָב געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, האָט די באָבע אָנגעהויבן.

— איך בין איצט די גאנצע צײַט פארהאוועט, — האָט זי געזאָגט, — בא שימענען איז דאָס ווײַב קראנק געוואָרן, האָט ער מיך גערופן, איך זאָל אים קאָכן. קיין סאך ארבעט האָב איך דאָרט ניט, נאָר ס׳איז מיר מוירעדיק אומעטיק. ניטאָ מיט וועמען דאָרט א וואָרט אויסצורײדן, אלע שווײַגן זיי, ווי די פיש — ער, דאָס ווײַב, די טאָכטער. גאנצענע טעג גייט מען ארום און מע שווײַגט, און איך האָב ליב זיך אראָפּרײדן פון הארצן.

— באָבע, — האָב איך זי איבערגעשלאָגן, — פארוואָס האָבן דאָס אלע ניט ליב אָט דעם שימענען?

— מאלע וואָס מע האָט ניט ליב, קיין שום שלעכטס זע איך פון אים ניט. אָט איז ער אנומלטן אליין געקומען און מיר אָנגעהאקט האָלץ, געקראָכן אפן בוידעם און אין קעלער און דאָרט אלץ איבערגעלייגט און צונויפגעלייגט. ניט אלע שטויסן זיך אָן, אז מע דארף העלפן אן אלטן מענטשן. מאלע וואָס מע זאָגט. אָט זאָגט מען אף מיר, אז איך פארמאָג א סאך געלט, און ווּ זײַנען מײַנע רײַכטימער, פרעג איך דיך? אָט איז מײַן פארמעגן, — האָט זי א פיר געטאָן מיטן בליק איבערן צימער, — איך בין דאָך דאָ א פרעמדער מענטש און וועגן א פרעמדן פלאפּלט מען, וואָס מע וויל.

— און פארוואָס זײַט איר אײנע אליין, באָבעשי?

— פארוואָס אליין? — האָט זי פון א זײַט אף מיר א בליק געטאָן. — איך בין שוין פון לאנג אליין, זינט ס׳איז געשטאָרבן מײַן אײנציקער זון, מײַן ייִנגעלע. צוועלף יאָר איז ער אלט געווען, אָט אזא, ווי דו... פון דעמלט אָן בין איך אליין. דאָס אײנציקע, וואָס איך פארמאָג, דאָס זײַנען מײַנע הענט. מענטשן זאָגן, אז בא מיר זײַנען גאָלדענע הענט. איך גרייט פאר אלעמען די בעסטע מײַכאָלים אף יאָמטויווים, נאָר פאר מיר איז קיין יאָמטעוו ניטאָ און ס׳וועט שוין קײנמאָל ניט זײַן.

איך האָב נאָך קײנמאָל ניט געזען, אז די באָבע גאָלדע זאָל זײַן אזוי טרויעריק, שטענדיק איז זי א פריילעכע, זי לאכט און כאָכמעט זיך, דערציילט מײַסעלעך. איך וואָלט ניט באדארפט געווען פרעגן, פארוואָס זי איז אײנע אליין. מיר האָט זיך שוין איצט ניט געוואָלט רײדן מיט איר וועגן גאָט, נאָר די באָבע האָט פלוצעם אליין אָנגעהויבן.

— אָט ווילסטו, אז איך זאָל אופהערן צו גלייבן אין גאָט, וויִאזוי זשע וועל איך אויסקומען אײנע אליין, אָן גאָט?

זי האָט מיר געקוקט גלײַך אין די אויגן, און איך האָב ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

מיטאמאָל האָט זי זיך צעשמייכלט — די אויגן זײַנען פול מיט טרויער און אַליין שמייכלט זי.

— נו, פאַרוואָס רעדסטו ניט, רייד, רייד, אַניט וועסטו אינגאַנצן ניט וועלן קומען צו מיר. דו האָסט דאָך מיר געוואָלט עפּעס זאָגן.

— באָבעשי, — האָב איך אָנגעהויבן, — דאָס האָבן די רײַכע אויסגעטראַכט גאָט, קעדיי אָפּצונאַרן די אָרעמע.

— עמעס... — האָט זי גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ. — די רײַכע נאַרן אָפּ, דאָס קענען זיי. אַפילע דאָס אייגענע ווײַב קענען זיי אָפּנאַרן. — זי איז אויפגעשטאַנען און געכאַפּט אַ קוק אין פענצטער. — זעסט, איך האָב זיך פאַרעדט מיט דיר, שוין צײַט ליכט בענטשן.

זי האָט אָנגעצונדן די ליכט און גענומען בענטשן. אָט נעמט זי אַרום די ברענענדיקע ליכט מיט די הענט, אָט פאַרשטעלט זי מיט די דלאָניעס די אויגן און שעפּטשעט עפּעס — זי רעדט שטיל־שטיל, דערבײַ וויגט זיך איר גאַנצער קערפּער, און צום סאָף צעוויינט זי זיך אָף אַ קאָל.

איך האָב זיך ניט דערשראָקן — די מאַמע מײַנע טוט אויך אַזוי. אָבער די באָבע גאָלדע האָט לאַנג טפילע געטאָן און זייער שטאַרק געוויינט. ווען זי האָט סאָפּקאָלסאָף פאַרענדיקט און זיך אויסגעקערעוועט צו מיר, איז דאָס גאַנצע פּאָנעם אירס געווען נאַס פון טרערן, נאָר זי האָט געשמייכלט. איך האָב זיך ניט געכידעשט, פּונקט אַזוי איז אויך בא מײַן מאַמען נאַס דאָס פּאָנעם פון טרערן, פּונקט אַזוי, ווי די באָבע, שמייכלט זי נאָכן ליכט־בענטשן.

— און איצט, — האָט די באָבע געזאָגט, וועל איך דיר דערציילן אַ מײַסעלע.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר און אַוועקגעלייגט די הענט אָף די קני. אַזוי זיצט זי שטענדיק, ווען זי דערציילט עפּעס.

— דערציילן וועל איך דיר אַ מײַסע וועגן אַ לײַכטער, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל. — דאָס איז געווען זייער אַן אַלטער לײַכטער, — האָט זי געזאָגט, און דער שמייכל איז גלײַך פאַרשוווּנדן פון איר געזיכט. — עפּשער טויזנט יאָר איז ער אַלט געווען און עפּשער נאָך מער. נאָר שטענדיק האָט ער געלויכטן און געבלאַנקט, ווי מע וואָלט אים ערשט נעכטן געמאַכט. שטענדיק איז ער געווען ווי נײַ. און אַלץ דערפאַר, ווײַל ער איז געווען פון רייך גאָלד, און גאָלד ווערט קיינמאָל ניט אַלט. פונוואַנען ער קומט אַרויס, ווער האָט אים געמאַכט — דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. עפּשער אין גריכנלאַנד, צי עפּשער גאָר אין רוים, — דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. נאָר די שיינקײַט פון דעם דאָזיקן לײַכטער איז באַרימט געווען אין גאָר דער וועלט.

דער, וואָס האָט אים איין מאָל געזען, האָט אים שוין פאַרגעסן ניט געקאָנט, ווײַל קיין ווונדער פאַרגעסט זיך ניט.

געדוכט האָט זיך, אַז געמאַכט איז ער זייער פּראָסט — די שטענגלעך פון פיר ליליעס זײַנען געווען צונויפגעוואַקסן. בא דרײַ פון זיי זײַנען די בעכערלעך געווען אויסגעבויגן אין אַ זײַט און דאָס פערטע, דאָס מיטלסטע, האָט זיך געהאַלטן גלײַך און געווען עטוואָס העכער פון די איבעריקע. די עקעלעך פון די ליליעס זײַנען אויך געווען אויסגעבויגן, און אָף אָט די אויסגעבויגענע פיסעלעך איז דער לײַכטער געשטאַנען.

נאָר געשטעקט האָט אין לײַכטער אַ קונץ און אין דעם איז פאַרבאָרגן געווען די ווונדערלעכע שיינקײַט זײַנע. דער לײַכטער האָט אַלעמאָל באַקומען אַן אַנדער קאָליר. ער האָט געקאָנט גלאַנצן מיט איין קאָליר און מיט אַלע קאָלירן מיטאַמאָל, וואָס גאָלד פאַרמאָגט אין זיך. אַלץ איז געווענדט געווען אין דעם, ווו מע האָט אים אַוועקגעשטעלט — נאָענט לעבן פענצטער צי ווײַטער אַ ביסל, צי אין שטוב איז געווען איינס צי צוויי פענצטער, צי איז עס געווען באַטאָג צי אָפּדערנאַכט.

נאָר אַמשענסטן איז ער געווען, ווען מע האָט אין די בעכערלעך אָנגעצונדן ליכט. די צינגעלעך פון די ברענענדיקע ליכט האָבן זיך באַוועגט, און די קאָלירן אָפּן לײַכטער האָבן זיך איבערגעגאָסן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס פליסט אין אים, בלוט צי עפּעס אַנדערס. מ׳האָט דעם בליק ניט געקאָנט אָפּרײַסן. מענטשן האָבן ווי פאַרקישעפטע געקוקט אָף אים.

אויסגעזען האָט דער לײַכטער זייער אײדל, די שטענגלעך דינינקע — טו אַ בלאָז, וועלן זיי זיך אײַנבייגן. נאָר אָט דער אײדעלער לײַכטער איז געווען שווער. ווען מע פלעגט אים אויפהייבן, פלעגט מען זיך כידעשן, וואָס ער וועגט אַזויפיל. ער איז דאָך געווען אַ גאָלדענער, און גאָלד איז שווער.

די שטענגלעך זײַנען געווען איבערגעפלאָכטן מיט צוויי גאָלדענע סטענגעלעך. די עקן

פון די דאָזיקע סטענגעלעך זײַנען פרײַ אַראָפּגעהאַנגען, מע האָט זיי גרינג געקאָנט אויסבייגן. און יעדער באַלעבאָס, צו וועמען דער לײַכטער איז אַרײַנגעפאַלן, האָט פון די סטענגעלעך אויסגעבויגן די ראָשעטײיוועס פון זײַן נאָמען און פאַמיליע. אַ סאַך באַלעבאַטים האָט דער לײַכטער געהאַט.

ווער קאָן דאָס איבערציילן, וויפל מענטשן עס זײַנען אומגעקומען צוליב דעם דאָזיקן בייפּעץ. דער לײַכטער איז דאָך געווען אַ גאַנץ פאַרמעגן! פיל אומגליקן האָט ער געבראַכט מיט זיך, פיל קאָרבאָנעס זײַנען געפאַלן צוליב אים. מענטשן זײַנען אומגעקומען, און ער איז שטענדיק געווען אַ נײַנקער, שטענדיק שעמערירט מיט אַלע פאַרבן, און מענטשלעך בלוט איז געפלאָסן.

די באָבע גאָלדע איז אַנשוויגן געוואָרן. אירע אויגן זײַנען געווען אָפן, נאָר וואָס אַרום איר טוט זיך, האָט זי ניט געזען. זי האָט איצט געזען דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַמאָל, ערגעץ ווײַט־ווײַט פונדאַנען. אויך איך האָב אַזוי געזען, ווײַל איך האָב געקוקט מיט די אויגן פון דער באָבע גאָלדע.

און געזען האָב איך, ווי ערגעץ הויך־הויך שעמערירט דער לײַכטער, און פון אונטן — אַ סאַך מענטשן מיט אופגעהויבענע הענט, און אַלע הענט ציִען זיך צו אים. אינעם האַמויך האָב איך געזען קייסאָרים מיט קרוינען אויף די קעפּ; רײַכע מענטשן אין טײַערע קליידער; שלעפּערס אין צעריסענע טראַנטעס; גאַזלאָנים און פּיראַטן מיט מעסערס און פּיסטוילן אין די הענט, און אַלע האָבן זיך געשטופּט און געשטויסן, געשלאָגן זיך און געטאָפּטשעט איינער דעם צווייטן מיט די פיס. און דאָרט, אין דער הייך, איז געשטאַנען דער לײַכטער און בלענדנדיק שעמערירט...

— פיל מענטשן האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם לײַכטער, — האָט די באָבע גאָלדע פאָרגעזעצט, — נאָר לאַנג אים אײַנהאַלטן ניט געקאָנט. און דעם לײַכטער איז קיין נאַפּקעמינע ניט, ווער עס האַלט אים, וועמען ער געהערט. ער ווייסט זיך איינס — שײַנען און לײַכטן. און געדאַכט האָט זיך, אַז אַזוי וועט עס זײַן שטענדיק. נאָר קיין זאַך איז אויף דער וועלט ניט אייביק. ס'איז אויך געקומען אַ צײַט, ווען דער דאָזיקער לײַכטער האָט אופגעהערט צו שעמערירן.

געשען איז עס ניט לאַנג צוריק. ערעוו דער רעוואָליוציע האָט אין איינער אַ שטאָט געלעבט אַ סויכער. די פאַמיליע פון דעם סויכער איז געווען אַ גאָלדענע. באַ מיר איז דער נאָמען אַ גאָלדענער, און באַ אים — די פאַמיליע. קיינער האָט אים ניט געהאַלטן פאַר קיין גרויסן אוישער, ווײַל דאָס הויז זײַנס איז געווען ניט קיין גרויס, קיין דינער האָט ער ניט געהאַלטן, די גאַנצע אַרבעט אין שטוב האָט געטאָן דאָס ווײַב זײַנס, — זי האָט געראַמט און געוואַשן. דאָס ווײַב האָט פאַרטראָטן אַלע דינער און פאַר אים אַליין אויך געווען אַ גוטע דינסט. און ער האָט נאָר געציילט דאָס געלט. וויפל געלט ער האָט פאַרמאָגט, האָט אַפילע דאָס ווײַב זײַנס ניט געוווּסט. אַלע טאָג פלעגט ער איר אַרויסגעבן אויף דער הויצאָע. אַ גרויסער קאַמצן איז געווען דער דאָזיקער סויכער.

איינמאָל האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אַ קלאַנג, אַז דער פּאָרעץ, וואָס האָט געוווינט אין יענער שטאָט, האָט געבראַכט פון אויסלאַנד עפּעס אַן אַנטיקל, אַן אומגעווײנלעכע זאַך. געקאָסט האָט דאָס אַנטיקל מוירעדיק טײַער, דער פּאָרעץ האָט דערפאַר אַרויסגעלייגט קימאַט זײַן גאַנץ פאַרמעגן, און איצט זוכט ער, באַ וועמען צו אַנטלײַען געלט. געלט האָט דער פּאָרעץ שטענדיק געדאַרפט אַ סאַך, ווײַל געוווינט געווען איז ער צו לעבן אין גרויס וווילטיק, ער האָט געשפּילט אין קאָרטן און געהוליעט. אָבער קיינער פון די סאָכרים האָט ניט געוואָלט אים אַנטלײַען. מע האָט מוירע געהאַט, אַז ער וועט אַלץ צעטרענצלען און ניט אימשטאַנד זײַן אומצוקערן.

אַליין צו די סאָכרים איז דער פּאָרעץ ניט געגאַנגען, ער פלעגט זיי אַרויסרופן צו זיך. ער איז געווען פון די אַדעליקע און דערצו אַ גרויסער גאַדלען. די סאָכרים זײַנען געגאַנגען צו אים איינער נאָכן אַנדערן, נאָר קיין געלט אים ניט געגעבן. איינמאָל איז צו אים אויך געקומען דער סויכער מיט דער גאָלדענער פאַמיליע, אים האָט דער פּאָרעץ אַרויסגערופן דעם לעצטן, ווײַל אַלע האָבן געוווּסט, אַז געלט גיט ער זייער זעלטן און נעמט גרויסע פּראָצענטן.

דער פּאָרעץ האָט אים אַרײַנגעפירט צו זיך אין קאַבינעט און געזאָגט:

— נו, רײַס די הויט פון מיר! קאָנסט פאָדערן, וואָס פאַר אַ פּראָצענט דו ווילסט, נאָר גיב געלט.

האָט דער סויכער געענטפערט:

— געלט איז ווי אַ מויער — עס פאָדערט זיך אַ פונדאַמענט.

— דו ביסט פּונקט, ווי אַלע אַנדערע, — האָט דער פּאָרעץ געזאָגט, — אַלע מיינט איר,

אז איך בין שוין אַן עוויגן. אַלע שרעקט איר זיך פאַר אײַער אומרייך געלט. א פונדאַמענט דאַרפסטו? איך וועל דיר באַווײַזן דעם פונדאַמענט.

און דער פּאַרעץ האָט אָנגעקלונגען אין א גלעקעלע. עס האָט זיך געיאַוועט זײַן באַדינער.

— ברענג אַהער, — האָט ער אים געזאָגט צוויי געציילטע ווערטער.

דער דינער איז אַוועק און זיך אומגעקערט מיט עפּעס א זאַך אין די הענט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט א געשטיקט טיכל.

ווען דער פּאַרעץ האָט אַראָפּגענומען דאָס באַדעקנס, האָט דער סויכער דערזען דעם לײַכטער. ווי די לויכטנדיקע זון וואָלט אָנגעהויבן שײַנען אין צימער! דער פּאַרעץ האָט איבערגעשטעלט דעם לײַכטער פון איין אָרט אַפן צווייטן, די קאָלירן האָבן זיך געביטן. דער סויכער האָט ניט אָפּגעריסן דעם בליק. דער פּאַרעץ האָט ווידער אָנגעקלונגען און באַפוילן ברענגען ליכט. די ליכט האָט מען אָנגעצונדן, און דער לײַכטער איז ווי לעבעדיק געוואָרן. בונטע שאָטנס האָבן זיך איבערגעגאָסן אין אים, זיי האָבן זיך געמינעט און צונויפגעגאָסן. דער סויכער האָט געקוקט.

— אָט האָסטו א פונדאַמענט, — האָט דער פּאַרעץ געזאָגט.

דער סויכער האָט לאַנג נאָך געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— אַף צו האַלטן אַזא אַנטיקל דאַרף מען האָבן א סאַך וועכטער.

— דאָס איז שוין מײַן דײַגע, — האָט דער פּאַרעץ געענטפערט, — ער האָט אופמערקזאַם באַטראַכט דעם סויכער און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. — צי עפּשער ווילסטו אים קויפן בא מיר? איך האָב זיך דערמאָנט, דײַן פאַמיליע איז דאָך אויך א גאָלדענע, פּונקט ווי אָט דער לײַכטער.

דער סויכער האָט אופגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

— געלט וועל איך אײַך געבן... פאַר א מאַשקן.

דער פּאַרעץ איז אַזש אופגעשפּרונגען פונעם אָרט.

— פאַר א מאַשקן?! — האָט ער אויסגעשריִען. — פאַרלייגן דעם לײַכטער? ניין, דאָס וועט ניט געשען! ניט צוליב דעם האָב איך אים געקויפט, איך זאָל אים פאַרלייגן!

— און קיין פּראָצענטן וועל איך ניט נעמען, — האָט שטיל געזאָגט דער סויכער.

— וואָס? — האָט דער פּאַרעץ זיך פאַרכידעשט. — דו וועסט קיין פּראָצענטן ניט נעמען? דו? דאָס איז דאָך פּונקט אַזא וווּנדער, ווי דער לײַכטער אַליין. וואַרט, וואַרט! — האָט דער פּאַרעץ זיך פאַרקלערט. — וואַרט, כ׳האָב דאַכט זיך, פאַרשטאַנען. דו קלערסט, אַז איך וועל דיר ניט קאָנען אומקערן דאָס געלט און דער לײַכטער וועט בלײַבן בא דיר.

דער סויכער האָט געשוויגן.

— שוין זשע מיינט איר אַלע, אַז איך בין טאַקע אַזא קאַפּצן? — האָט דער פּאַרעץ אין פאַרלעגנהײַט געפרעגט. — צו פרי קלײַבט איר זיך מיך באַגראָבן! ניין, איך בין נאָך ניט קיין אָרעמאַן, און איר וועט דאָס זען! איך בין אײַנשטימיק, דערלאַנג דאָס געלט! הײַנט, שוין! ביז איך האָב נאָך ניט איבערגעקלערט. און עפּשער האָסטו שוין כאַראָטע?

דער סויכער האָט זיך אופגעהויבן און געזאָגט:

— געלט וועט איר הײַנט באַקומען, שיקט מיר אַרײַן דעם לײַכטער, און איר באַקומט דאָס געלט.

דער פּאַרעץ האָט דאָס געלט ניט אומגעקערט. ער האָט זיך דערשאָסן. דער סויכער האָט זייער גוט געוווּסט, ווי עס האַלטן אָט דעם פּאַרעצס געשעפטן, ער האָט עס געוווּסט בעסער פון אַלע איבעריקע סאָכרים און אַפילע בעסער פונעם פּאַרעץ זעלבסט. דער לײַכטער איז פאַרבליבן באַם סויכער. פון די סטענגעלעך האָט ער אויסגעפּלאָכטן די ראָשעטייוועס פון זײַן פאַמיליע־נאָמען, פון זײַן גאָלדענער פאַמיליע...

פרײַטיק־צונאַכטס האָט מען דעם לײַכטער געשטעלט אַפן טיש און אָנגעצונדן ליכט. דעם סויכערס ווײַב האָט געבענטשט ליכט, און איר האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז ניט קיין לײַכטער, נאָר א מאַלעך שטייט פאַר איר, א מאַלעך פון הימלשער שיינקײַט, און זי האָט געוויינט און גערעדט צו אים, אויסגעבעטן גליק.

איצט האָבן אַלע שוין געוווּסט, אַז דער סויכער איז רײַך, זייער רײַך. די גאַנצע שטאָט און אויך אַנדערע שטעט האָבן געוווּסט, אַז ער פאַרמאָגט א טײַערן אַנטיק, א וווּנדערלעכן לײַכטער. אַרום דעם הויז האָט מען אויפגעשטעלט א נײַעם פּאַרקן, א הויכן און א פעסטן. און אין הויף איז טאָג ווי נאַכט אַרומגעגאַנגען א וועכטער מיט געווער אין די הענט.

אָבער קיין אַנדערע באַדינער האָבן אינעם הויז זיך ניט באַוויזן. דאָס ווײַב האָט ווי ביז דעמאָלט אַלץ געטאָן אַליין, און אַף די הויצאָעס האָט דער סויכער איר אַרויסגעגעבן פּונקט די זעלבע סומע.

איינמאָל האָט דער סויכער געזאָגט דעם ווײַב:

— דעם לײַכטער דאַרף מען אָפּפירן צום רעבן, ער זאָל אים קאַשערן. ווער ווייסט, פֿונ־וואַנען ער קומט און אין וועלכע הענט ער איז אײַנגעשטאַנען.

און דער סויכער איז אוועקגעפֿאָרן צו עפּעס אַ באַוווּסטן צדיק, אַז יענער זאָל אַ ברכה מאַכן איבער דעם לײַכטער. אַף לאַנג איז ער אוועקגעפֿאָרן, דער סויכער. סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך אומגעקערט, און דער לײַכטער האָט ווידער זיך באַוויזן אין שטוב. ער איז, דאַכט זיך, געווען דער זעלבער — פֿיר ליליעס האָבן מיט די שטענגלעך זיך צונויפֿגעוואַקסן, און די גאָל־דענע סטענגעלעך זײַנען צוזאַמענגעבונדן, דרײַ בעכערלעך רינגלען אַרום דאָס העכערע, דאָס פֿערטע. אַלץ, דאַכט זיך, אַזוי, נאָר די פֿאַרבן האָבן זיך מער ניט געמינעט, זיך ניט איבערגע־גאָסן. עפּעס איז פֿאַרגעקומען מיט אים נאָכן קאַשערן. צי מע האָט אים לאַנג געהאַלטן אין זודיקן וואַסער, צי עפּעס אַנדערש — האַקלאַל, ס׳איז אויך געקומען אַף אים די צײַט. דער לײַכטער איז פֿאַרלאָשן געוואָרן. נאָר שווער איז ער געווען, פּונקט ווי אַמאָל. גאָלד איז דאָך שווער.

אינגיכן איז אָנגעקומען די רעוואָליוציע. אין איינער אַ פֿינצטערער נאַכט איז אַנטרונען געוואָרן דער סויכער, נאָר דעם לײַכטער האָט ער איבערגעלאָזט דעם ווײַב. דער סויכער האָט זי אויך ניט גענומען מיט זיך. דאָס ווײַב זײַנס האָט נאָך אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר אין יענער שטאָט, דערנאָך אַנטרונען געוואָרן, און קיינער ווייסט ניט, ווו זי איז און ווו איז דער לײַכטער.

— אָט האָסטו דיר די גאַנצע מײַסע. געפֿעלט דיר?

— אינטערעסאַנט, — האָב איך געזאָגט, — נאָר דאָס מײַסעלע קאָן גאָר זײַן אָן עמעס.

די באָבע גאָלדע האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן:

— עס מאַכט זיך, אַז דער עמעס איז ענלעך אַף אַ מײַסעלע.

12

כ׳האָב זיך אויפֿגעכאַפּט זייער פֿרי, און ווי נאָר איך האָב געעפֿנט די אויגן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף זיך אין עפּעס דערמאָנען, עפּעס זייער וויכטיקס דאַרף איך זיך דער־מאָנען... פּלוצעם האָב איך דערזען, אַז דער טאַטע קוקט אַף מיר. ער איז געזעסן באַם טיש און געקוקט אַף מיר.

— טאַטע! — האָב איך שטיל אים אַ רוף געטאָן.

דער טאַטע איז צוגעגאַנגען און זיך אָנגעבויגן איבער מיר. איך האָב פֿון דער נאָענט דער־זען זײַנע קורצזיכטיקע אויגן, יעדעס הערעלע פֿון די געלבלעכע וואָנצעס האָב איך געזען באַ־זונדער.

— שלאָף, ס׳איז נאָך פֿרי, — האָט ער געזאָגט און אַרופֿגעלייגט מיר אַפֿן קאָפּ די האַנט.

איך האָב גענומען דעם טאַטנס האַנט און אוועקגעלייגט זיך מיט דער באַק אַף איר. דעם טאַטנס האַנט איז געווען אַ ברייטע און די קישעלעך אַף די פֿינגער און אַף דער דלאָניע גרויסע און האַרטע. דער טאַטע האָט מיט דער אַנדערער האַנט גענומען מיר גלעטן די האָר, און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט.

— טאַטע, דו ווייסט, וואָס איך וויל דיר זאָגן, — האָב איך גענומען שעפּטשען, — דו ווייסט, הײַנט נעמט מען מיך צו פּאַר אַ פּיאָנער.

איך ווייס אַלײן ניט פֿאַרוואָס איך האָב עס אים געזאָגט, איך האָב דאָך באַשלאָסן ניט זאָגן. נאָר דעם טאַטנס הענט, דעם טאַטנס אויגן זײַנען געווען אַזוי נאָענט, אַז איך האָב ניט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן.

באַם טאַטן זײַנען די אויגן עפּעס ברייטער געוואָרן.

— פּאַר אַ פּיאָנער? — האָט ער איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, אָבער דער מאַמען זאָג דערווײַל ניט, — האָב איך זיך געבעטן, עפּשער וועט מען מיך ניט צונעמען.

עפּעס האָט אַ ציטער געטאָן באַם טאַטן אַפֿן פּאָנעם. די באַקן, דאַכט זיך.

— און עפּשער וועט מען דיך צונעמען...

מער האָב איך ניט געקאָנט קוקן אים אין די אויגן, ווײַל אין זיי האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ מין ראַכמאָנעס־אויסדרוק. איך האָב אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם און עס באַהאַלטן אין זײַן דלאָניע.

— אַלץ וועט זײַן גוט, — האָט דער טאַטע געזאָגט און גענומען באַפֿרײַען זײַן האַנט פֿון אונטער מײַן קאָפּ, דיר שטייט נאָך פּאָר אַ לאַנג לעבן. שלאָף! איך דאַרף שוין גיין אַף דער אַרבעט.

ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט דאָס צווייטע מאָל, איז אין צימער קיינער ניט געווען. דורך

דעם שפּאַלט פון די צוגעמאַכטע לאָדנס האָט זיך געצויגן אַ ברייטער זוניקער פּאַס. אין אָט דעם ליכט־פּאַס האָבן זיך געדרייט אָן אַ שיר קלייניקע דורכזיכטיקע פינטעלעך, און אַפן דיל, אַף דעם טעפּיך־סטעזשקעלע האָבן קלייניקע טראָפּנדלעך ווי אַפּדערעמעסן געברענט.

מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער פרייִלעך. איך האָב פאַריסן אין דער הייך ביידע פיס, אַ פּאָכע געטאָן מיט זיי און געבליבן שטיין אַפן דיל. כ׳האָב באַלד באַמערקט, אַז אַפן טיש, וווּ פריִער איז געשטאַנען דעם טאַטנס טעלער, שטייט אַ גלאָז זויערמילך מיט מײַן באַליבט געבעקסל — אַ האַנט מיט אַן אויסגעשטרעקטן צײַג־פינגער.

— מאַמע! — האָב איך אַ רוף געטאָן.

— או־או, — האָט זי אָפּגעענטפערט און זיך באַלד באַוויזן אין צימער, — ביסט שוין אופגעשטאַנען?

— שוין פון לאַנג, נאָך איידער דער טאַטע איז אוועק אַף דער אַרבעט, דערנאָך בין איך ווידער אַנשלאָפן געוואָרן.

— יאָ, אַף דער אַרבעט, — האָט זי אַ זיפץ געטאָן, — שטענדיק אַרבעט ער, אפילע אום שאַבעס. און זײַן מעשאָרעס אַרבעט ניט. שאַבעס אַרבעטן איז דאָך אַן אַוויירע. ער האַלט זיך בא אַלע מינהאָגים, דער האָרעפּאַשטניק, ער קאָן דאָס פּויעלן בא זיך, ווײַל דער טאַטע אַרבעט פאַר אים. נו, מיילע, וואַש זיך אײַן און גיי איבערבײַסן.

דאָס וואַש־קענדל איז געהאַנגען אין הויף אַפן פּלויט. ווען איך בין דורכגעגאַנגען דאָס ערשטע צימער, האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס פעלט מיר דאָרט, נאָר איך האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט.

אין דרויסן האָט העל געשײַנט די זון. אַלע פענצטער און טירן פון די הײַזער זײַנען געשטאַנען אָפן. פון דעם נעכטיקן רעגן זײַנען נאָך ערגעץ־ווו פאַרבליבן קליינע קאַליושעס, נאָר קיין בלאָטעס זײַנען שוין ניט געווען. די גרעסטע בלאָטע איז געשטאַנען בא שימענען אין הויף, און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס עס פעלט בא אונדז אין שטוב. די קושעטקע פעלט! מע האָט זי אַוועקגעטראָגן צו שימענען.

ווען איך האָב אָפּגעגעסן, האָט די מאַמע מיך געפרעגט, צי איך האָב ניט פאַרגעסן, וווּהין איך דאַרף הײַנט גיין. איך האָב אַ קוק געטאָן אַף איר. פאַרוואָס פרעגט זי מיך? זי ווייסט דאָך ניט וועגן דער פּיִאָנערישער פאַרזאַמלונג.

— האָסט שוין פאַרגעסן, אַז דו דאַרפסט אָפּטראָגן די מעלדונג אין מוזיק־שול?

יאָ, איך האָב טאַקע אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער מעלדונג. און דאָס איז דערפאַר, ווײַל מיר ווילט זיך ניט גיין. איך פאַרגעס שטענדיק, ווען מיר ווילט זיך עפּעס ניט.

— זאָל איך איצט גיין? — האָב איך געפרעגט. — ס׳איז דאָך נאָך פרי.

— ס׳איז שוין גאָר ניט אַזוי פרי, — האָט די מאַמע געשמייכלט, — מע אַרבעט שוין פון לאַנג אומעטום.

(ס אָ ף ק ו מ ט)

צום הויכן ברעג

איך — דער שעפער

איך זע אין אלץ א מערקווירדיקע שיינקײַט —
אין קרוין פון בוים, אין מירמלשטיין פון דענקמאָל.
אין הויכן בארג, אין ריזלדיקע קוואלן,
אין גלײַכער שנור פון אויסגעלייגטע שפאלן,
איך זע די שיינקײַט אין א יונג א בראוון,
אין אופריכטיקער פרײַנטשאפט פון א כאווער,
אין קישעפדיקן טײַנעג פון א ניגן,
אין ראנגלעניש פון עמעס מיטן ליגן.

ווי גוט איז מיר, דעם מענטש, אין גרויסע פריידן
מיט אלדאָס שיינע פרײַ זיך איבערריידן.

און בלויז די שיינקײַט זען איז מיר נאָך ווייניק.
איך ווייס א סאָד, וואָס מיך באהעפט און אייניקט
מיט גרויסער ערד, מיט אירע ברייטן, לענגן,
כ׳פארמאָג א סאָד, וואָס פעסטיקט יעדער שטענגל
און נערט מיט גרויסער שעפע יעדע פלאנצונג, —
דאָס אלדאָסגוטס פארהיט און פעסט פארפאנצערט,
איך האָב א מאכט, וואָס לעבט אוף בערג און טאָלן,
וואָס רופט דעם מענטש צו פרײַנטשאפט און צו שאָלעם.

ווי גוט איז וויסן מיט געוויסן ריינעם,
אז איך דער שעפער בין פון אלדאָס שיינע.

פון א פרעמדער שטימע

אין פעלד, באם טײַך, א שיינער פויגל זינגט,
פארגייט זיך הויך אין הערלעכע געזאנגען,
אָט ווי א נאכטיגאל צעטרעלט זיך אין באגין,
אָט ווי א לערכע שיט ער הויפנס קלאנגען.

אָט ווי א בלויערל ער וועקט דאָס פעלד,
אָט קלינגט ער, ווי א שפאק, אף הויכער נאָטע,
נאָר ס׳פעלט הארמאָנישקײַט און גאנצקײַט פעלט,
ווי זינגען וואָלט ער מיט אן אָפגעהאקטן אָטעם.

יאָ, אָט אזוי איז די נאטור אליין
פון זינגפויגל —
וואָראָקושקע זײַן נאָמען.
ער וואָרקעט, דוכט זיך, ווונדערלעך און שיין,
נאָר נאָכגעמאכט, אָן הארץ און אָן נעשאָמע.

כ׳האָב אָט דעם זינגפויגל ניט ליב פון לאנג,
און זאָל ער זיך מיט זײַנע טרעלן ניט בארימען.
ווײַל די וואָראָקושקע זינגט א געזאנג
פון פרעמדער ליפ
און מיט א פרעמדער שטימע.

האַרבסט

אינמיטן האַרבסט, ווען ס'וועלקט דער וואַלד, דאָס פעלד,
און ס'לייגט זיך אַף דער ערד די ערשטע קרירע,
דו טו אַ קוק, ווי ס'שײַנט פאַר דיר אַ וועלט
מיט וווּנדערלעכע פאַרבן און קאָלירן.

דער וואַלד אַרום פאַרשאָטן איז מיט גאָלד,
מיט געלע פלאַמען פלאַקערן בעריאָזעס,
סע פײַערט דער שיפּאָווניק אינעם טאָל,
מיט ווײַסע שוועמלעך צירן זיך די גראָזן...

דער טײַך פאַרגלייוערט איז ווי מירמלשטיין
אין אָפּשפּיגלונג פון קופּער און פון זילבער.
נאָר דו, אָ, מענטש, דו קאָנסט אין האַרבסט אַליין
צו אָט דער פאַרבן־שפּיל זײַן האַרציק־פּילבאַר.

און דאָך איז ליבער מיר אינמיטן האַרבסט
די שוואַרצע פאַרב, וואָס שוואַרץ איז אומגעהויער,
די שוואַרצע פאַרב פון רייכערדיקן „פּאַר“,
פון פלאַסטן וואַרעמע אין האַרטער רויערד.

איך נעם אין האַנט אַ הויפן שוואַרצע ערד,
און כ'פיל: אין איר אַ גרויסע וועלט זיך עפנט,
די ערד, זי צערטלט מיך, זי שמעקט, זי נערט
מיט אַלע קרײַטעכצער פון זעט און שעפע.

אינמיטן האַרבסט, ווען ס'וועלקט דער וואַלד, דאָס פעלד,
און ס'לייגט זיך אַף דער ערד די ערשטע קרירע,
דו טו אַ קוק, ווי ס'שײַנט פאַר דיר אַ וועלט
מיט וווּנדערלעכע פאַרבן און קאָלירן.

צום הויכן ברעג איך גיי אַרויס באַגין

צום הויכן ברעג איך גיי אַרויס אין דעם באַגין,
כ'שטרעק אויס די הענט און טו אַ שפּאַלט דאָס וואַסער.
און ס'דוכט זיך מיר, אַז אַלץ, וואָס שטראָמט און שווימט,
האָט זיך נאָך מיר אַ לאָז געגעבן ראַשיק.

און אַרום מיר, ווי ווײַט דאָס אויג נאָר זעט,
סע ליגן בערג אין טעפּיכער אין ראָזע,
און איבער שטעגלעך פון דעם וואַלד עס טרעט
מיט פּיס מיט באָרוועסע די ליכטיקע בעריאָזע.

און דעמבעס ציִען הויך זיך צו דער זון,
און יונגע יעלן האַלדזן זיך ווי שוועסטער.
און צאַרטע רויזן נעמען זיך אַרום,
פונקט ווי די פייגל אויבן אין די נעסטן.

סע בלענדט די ערד מיט זון־פאַרפלייצטער שײַן,
זי שמעקט מיט פּאָזעמקעס און קלעווער־סטויגן.
די גאַנצע וועלט אין מײַנע אויגן קוקט אַרײַן
און קוקט אַרויס צוריק דורך מײַנע אויגן.

יאנקל יאקיר

טאטע=מאמעס ניגן

דער טאטע האָט ליב געהאט די מאמען, די מאמע האָט ליב געהאט דעם טאטן, און זיי ביידע האָבן ליב געהאט זייערע קינדער, מײַן שוועסטערל פּערעלע און מיך. דער טאטע פלעגט אוועקזעצן פּערעלען אױף זײַן רעכטער קני, די מאמע פלעגט מיך אוועקזעצן אױף איר לינקער קני, די מאמע פלעגט קוקן מיט פאַרליבטע אויגן אױפן טאטן און זיך צעזינגען מיט אַזעלכע ווייכע הארציקער טרעלן:

עלע... מעלע... יאָסטע
וויפל פייגל האָסטו?

און דער טאטע פלעגט ענטפערן זינגענדיק:

פייגל האָבן מיר צוויי,
מיר זאָל זײַן פאר זיי.

גיי ווייס, אַז אָט דער צארטער, ליבער טאטע־מאמע ניגן, וואָס האָט געדרעמלט אין מיר אַזויפיל יאָרן, וועט מיר קומען אױפן זינען אין אָט דער פאַרוואָרפענער שטאָט אורגענטש אין גלײַיקן זומערדיקן באַטאָג פונעם מילכאָמע־יאָר טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק, ווען די זון שיט מיט פײַער.

עפשער האָב איך מיך דערמאָנט אין דעם ניגן, ווײַל דער קאָפּ מײַנער, וועלכן די מאמע האָט אַמאָל אַזוי צארט געגלעט און אויסגעקושט יעדעס הערעלע באַזונדער, איז געווען איצט פאַרבונדן מיט אַ פאַרבלוטיקטער מארליע, און די פיס מײַנע, וועלכע די מאמע האָט אַזויפיל מאָל באַוואַשן מיט הייסע טרערן, זײַנען איצט געווען צעקראַצטע, צעשראַמטע, פאַרברודיקטע און מידע. און דער ניגן, גלייב איך, איז געקומען עפּעס ווי אַ מין פאַרגיטיקונג און טרייסט פאַר די אַלע יעסורים מײַנע...

דער אוזבעק, דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער פונעם בילדונגס־אָפּטייל, דער מאַכניס־אוירעך אונדזערער, האָט, זעט אויס, אַראָפּגעלייענט פון מײַן פאַרכווישעכט און פאַרמאַכשאָוועט פּאָנעם, וואָס סע קימערט מיך איצטער, מאַכמעס ער האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל אַזוי גוטברודעריש אַ לאָז געטאָן צו מיר, ווי מײַנער אַ נאָענטער קאָרעוו, און גענומען מיך פאַרשיטן מיט פראַגן, גלײַך ווי פונעם אַרבל אַרויס:

— קאַק פאַמיליאַ טי גאָראָדאַ בודיעש? — פרעגט ער מיך, און בעשאַס־מײַסע שמייכלט ער אַ צופרידענער, קענטיק, אַז ער קוועלט זייער אָן פון זײַן שאַרפן רוסיש. דערנאָך שטעלט ער אָן אױף מיר זײַנע גרויסע שווארצע שמייכלענדיקע אויגן, ווי איינער זאָגט: האָסט עס גוט צעקײַט? שײַעד צו זאָגן, צעקײַט... איך האָב אים פאַרשטאַנען אױפן ווונק. עס דאַרף הייסן אַזוי: פון וועלכער שטאָט בין איך? אַ מין אוזבעקישער — מיִיאִין בויאָך?

— קישעניאָוו, — ענטפער איך אים.

ס'איז אים, זעט אויס, ווייניק, דעם אוזבעק, אָט דער קורצער ענטפער מײַנער, אַ סימען, ער שמאָרעט מיט דער נאָז און רוקט זיך אַרונטער אונטער דער צונג אַ בלעטל טוטין, וועלכעס ער קײַט געשמאַק. זעט אויס, אַז ער טראַכט, ער וויל זיך, אַפּאָנעם, דערקלײַבן צום שוירעש. און ער גיט טאַקע ווײַטער אַ פרעג:

— אַ קישעניאָוו עטאָט, גדיע בודיעש?.. — עס הייסט, ווו שפּאַרט ערגעץ אָן אָט דער קישעניאָוו דײַנער?

— בעסאַראַביע, — ענטפער איך.

— אַ בעסאַראַביע, יאַ זנאַיעש בודיעש, עטאַ מאָסקוואַ טרידצאַט קילאָמעטער בודיעש! — רײַבט ער זיך צופרידן זײַנע פאַרברוינטע הענט. דאָס קלײַבט ער אַזוי נאַכעס פון זיך, וואָס

ער איז אזא גרויסער באָקי אין געאָגראפיע און ווייסט אפילע אזא „קליינינקייַט“, אז קעשענעוו איז... א שפאן פון מאָסקווע...

און קעדיי ניט איבערצולאָזן בא מיר קיין שאָטן פון צווייפל אין זייַנע געאָגראפיע־קענטענישן, גיט ער א גיכן שפאן צו מיר, כאפט אריַין מייַן פארמאטערטע האנט אין זייַנער און טרייסלט זי א גוטע פאָר מינוט:

— מי געאָגראפיִיו זנאיעם. — עס דארף הייסן, אז געאָגראפיע קען ער גוט...

בעפיירעש, א גאָלדענער מענטש, אָט דער אוזבעק מייַנער, אקראם כאָדזשאיעוו, א סימען, אָט נעמט ער אָן מייַן באשערטע מיריעמל מיט איין האנט און מייַן טעכטערל בלימעלע מיט דער צווייטער האנט און זעצט זיי ביידן אוועק אין שאָטן פון א געדיכטן ברייט־צעצווייַגטן עפלבוים, שיט זיי אָן א פולן פאָדעלעק מיט קישמיש און ווינטשט זיי אף זייַן כאָצי־רוסיש, כאָצי־אוזבעקיש, זיי זאָלן עסן געזונטערהייט. פון צייַט צו צייַט כאפט ער ארויס פון זייערע פאָדעלקעס א פייַג אָדער א סאך ראָזשינקעס, כראָמטשעט געשמאק, לעקט זיך אָפ די פינגער, גלעט זיך נאכעסדיק זייַן פעכקע בערדל און טשמאָקעט מיט די ליפן, ווינקענדיק צו זיי:

— אַ! אַ! יאקשי?.. א, א, מאזאלי? — סע הייסט: איאָ, סע איז געשמאק?.. איאָ, סע איז זיס?..

— זיס, וואָס זיסער קאָן גאָרניט זייַן! — ענטפערט אים מייַן מיריעמל.

אקראם באשיט מייַן ווייַב מיט קאָמפלימענטן, אזוי אז זי הייבט זיך אזש אָן רויטלען. ער פארגעסט מיך אויך ניט צו פארזיסן מיט א גוט וואָרט:

— טוואָיא זשינא טשיראילי כאטים, דזשודא כאשראי. — סע הייסט, אז מייַן באשערטע איז א קראסאוויצע, א גאנצע יעפאס־טויאר...

איך וואָלט געמעגט שווערן, אז איך קען שוין דעם אוזבעק מעקאמע וועקאמע יאָרן. אָ, אָ, איך דערמאָן מיך שוין, ער איז ווי צוויי טראָפנס וואסער ענלעך אף יישמאָעלן, אווראָם־אָווינוס קעפסווייַבס זון פון דער אלטער לאפושנער האגאָדע שעל פעסעך... ניט מער, יענער האָט געטראָגן א טערקישן טשורבאן אפן קאָפ, און דער טראָגט א מין אוזבעקיש געקווייטלט מיצל, וועלכעס מע רופט דאָ אָן מיט א שיינעם כיינעוודיקן נאָמען טיובעטייקע.

מיטאמאָל ווערט ער, אקראם, ערגעץ אנטרונען. זוכן מיר אים אינדרייַען — מיריעמל, איך און מייַן טעכטערל — און מיר טראכטן איבער: א קאשע אף א מייַסע, עפשער איז ער, כאס־וועכאָלילע, בארויגעז געוואָרן אף אונדז, וואָס מיר האָבן זיך אזוי גיך אָפגעפארטיקט מיט זייַן שיינעם קיבעד, מיטן קישמיש... מינאסטאם, טראכטן מיר, האָט מען געדארפט עסן פאמעלעכער, אז ער, אקראם, זאָל טאקע זען, אז מיר זייַנען אָנשטענדיקע, גוט דערצויגענע מענטשן און ניט קיין פארפאלענע זוילעל־וועסויוועניקעס...

...די היץ ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, אזש עס הייבט אונדז אָן צו שטיקן אין האלדז. איבער אונדזערע קעפ הענגט א קופערנער, אויסגעשייַערטער הימל, עפעס טאקע נאָר ווי אָן אויסגעגליטער. קיין סימען פון קיין וואָלקנדל, קיין שפור פון קיין ווינטעלע.

— שאט נאָר, שאט, דער מעכוטן גייט!.. דאנקען גאָט, דער שאָדן האָט זיך שוין אָפגעזוכט!.. — זאָגט מיר אָן מיריעמל די גוטע בסורע מיט א פריידיק קאָל. יאָ, טאקע ער איז עס, אונדזער אקראם! ס'איז ליב צו קוקן, ווי ער שפאנט עס מיט אזא כשיוועסדיק גענגל. דער געקווייטלטער כאלאט זייַנער טעלעבענדעט זיך אים צווישן די פיס, און אונטערן אָרעם פירט ער א קליינוווקסיק, אייַנגעשרומפן פארשוינדל.

נאָך א רעגע, און ער שטייט שוין לעבן אונדז, א צעלויכטענער, א פריילעכער, גלייַך ווי ער וואָלט געהאט אָנצוזאָגן א מי־יוידייע גרויסע בסורע דער וועלט.

— וואָט עטא טאָזשע יאברײ, — ווייַזט ער אָן אף דעם פארשוינדל, — טי בעסאראביע... אָן פאָלסקי... טי יעמו סאלאם אלייקום... אָן טעביע אלייקום סאלאם... מאָיא, טוואָיא, ליוביש, בודיעש...

ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג, אז אקראם כאדזשאיעוו וויל אונדז אלץ זיסער מאכן דאָס לעבן. וועהאָרייַע — אָט האָט ער געבראכט צו פירן פון ערגעץ־ווו אָט דאָס דארע פוילישע יידל, מיט דער פארשמאָלצעוועטער קאָנפעדעראטקע אפן קאָפ, אין געקעסטלטע פארלאטעטע הויזן און מיט מעשטעס אף די פיס. איצט ווארט ער, דער מאכניס־אוירעך אונדזערער, מיר זאָלן זיך אייַנער דעם צווייטן אָפגעבן דעם גרויסן שאָלעם־אלייכעם און טאקע פון הייַנט אָן און ווייַטער זיך אָנהייבן ליבן און שעצן.

עפעס האָט ער זיך מאָדנע אראָפגעלאָזט צו דער ערד, אקראם, און ניט ער זיצט און ניט ער שטייט. ער נעמט ניט אראָפ פון אונדז זייַנע ברענענדיקע אויגן, מע זעט, ער כאלעשט, ער צאפלט, ער וויל שוין זען עפעס מאמאָשעסדיקס...

— פונוואנען איז א ייִד? — גיב איך מיך ברייט א לאָז צו דעם מיט שטויב באדעקטן נייַעם באקאנטן...

— און אז א ייִד איז פון קוטנע, איז אײַך שוין גוט? — שטרעקט אויס דער ניי־געקומענער א שלאבעריקע, שוואכע האנט, ווי אַן אָפּגעבראָכענע צווײַג...

— הערסט, מיריעמל, זיי זײַנען פון קוטנע, פון שאָלעם אשס שטעטל! — ווער איך מיטאמאָל ווי עפּעס אופגעהײַטערטער און באקוק אָפּשײַ פאר דעם ייִדן.

— אזוי גאָר, א בעסאראבער, און ווייסט ניט נאָר, ווער שאָלעם־אש איז, נאָר אפילע אוווּ ער איז געבוירן געוואָרן! אײַ, אײַ, וואָס עס פארלויפט זיך אַף א וועלט... א דאנק דעם וואָס לעבט אייביק פאר אָט דער באגעגעניש... לאָזט מיך מאכן א בראָכע איבער אײַך! — ציטערן די ליפּן באם פוילישן ייִדן.

א רעגע דוכט מיר, אז ער טרײַבט קאטאָוועס איבער אונדז. אָבער מיטאמאָל זע איך, ווי ער וואשט אָפּ אפגיך די הענט אין דעם מוטנעם האלב־אויסגעטריקנטן אריק, ווישט אויס מיט א ברודיקער פאטשיילע אי דעם שטויב, אי די טרערן, דרייט זיך אויס מיטן פּאָנעם קיין מיזרעך און מורמלט מיט אַן אצוועסדיקן ניגן עפּעס אין דער שטיל...

— זאָגט איר, אז איר קענט מײַן בען־איר שאָלעם אש?.. — ווארפט ער פאר גרויס פרייד אראָפּ דעם ראָק. — עס קען דאָך אים א גאנצענע וועלט... און איך, ווי איר זעט מיך, ווי איך שטיי און גיי, האָב אפילע געקענט זײַן מאמען, מאלקע האָט זי געהייסן!.. אָ, יאָ, עס איז ניט צו גלייבן, — ווערט בא אים דאָס קאָל געבראָכענער, אָנגעשפּאָלטענער... — אײַ איז דאָס געווען א מאלקע... אַן עמעסע סאָרע באס טויווים... זיי האָבן געוווינט די דריטע שטוב פון אונדז, פלעגט מיך מײַן מאמעשי שיקן אנטלײַען בא זיי א בעקעלע, א ריבײַזן... פלעגט זי מיך אוועקזעצן אַף א בענקעלע... מיר אויסגלעטן די פייעלעך און מיך מעכאבעד זײַן מיט שאבעס־אויבס... אײַ, אײַ, — ברעכט ער די אויסגעדייוורטע הענט זײַנע. — ווען איר זעט אונדז דעמלט...

ער רעדט האסטיק, און די ווערטער שפּארן זיך פון זײַן קאָל, אלעמאָל פארהאקט זיך אים דער אָטעם און ער כאפּט ארויס פון דער קעשענע די ברודיקע פאטשיילע און ווישט אָפּ די גרויסע טראָפּנס שווייס, וואָס רינען אים אראָפּ פונעם גערונצלטן שטערן גלײַך אין מויל ארײַן.

אקראם שפּרינגט אימפּעטדיק אוף פונעם אָרט. קענטיק, אז אונדזער שמועס האָט אים צעוואָרעמט. ער כאפּט אונדז ביידן אָן פאר די הענט, טרייסלט זיי לאנג, פאָכעט מיט די פארביקע פּאָלעס פון זײַן כאלאט און הערט ניט אוף צו ריידן:

— יאקשי בראט, דא? טי יעוואָ ליוביש בודיעש? — קוקט ער אונדז גלײַך אין די אויגן ארײַן, — ווּמיעסטע ראבאָטאיעם... ווּמיעסטע קושאיעם... ווּמיעסטע ספּים... — מע זעט באַשײַמפּערלעך, אז ער, אקראם, איז מאָלע געדולע, וואָס עס האָבן זיך געטראָפן אין אָט דעם פּארוואָרפענעם קאנט כאָרעזם צווי ווײַטע ברידער, וועלכע וועלן טיילן איינעם זייער געלעגער, זייער ברויט און די פּרוכטן פון זייער מי... אויגנבליקלעך פארשווינדט ער און קערט זיך אום מיט א קליין אייזעלע, א באצירטס מיט פארביקע טרעלדעלעך, אקוראט אזוי באצירט, ווי אין מאָלדאוויע די פערד אַף א דאָרפישער כאסענע...

— וואָינא יעסט, מאשינא ניעטו! ווערבליוד טאשקענט פּאכטא פּאָשאָל... אישאק יעסט, אישאק פּאָיעדעם... — פארלייגט ער, דער אוזבעק, די הענט אַפן הארצן, גלײַך ווי ער וואָלט בעטן פארצײַונג בא אונדז. דאָס אנטשולדיקט ער זיך, וואָס עס איז א מילכאָמע אַף דער וועלט, און קיין אויטאָס זײַנען ניטאָ... און דאָס קעמל, א באלאָדנס מיט בוימוואָל, איז אוועק קיין טאשקענט... בלײַבט, אז מיר וועלן פאָרן אין אונדזער נײַעם מאָקעם־מענוכע כאנקי, רײַטנדיק אַף דעם אייזל...

ער טרייסט אונדז, אקראם, אז זי איז ניט ווײַט, אונדזער נײַע היים. ער הייבט אוף די האנט אין דער הייך, עס הייסט א בערגל ארוף, דערנאָך לאָזט ער זי אראָפּ, עס הייסט א בערגל אראָפּ, זעקס מאָל הייבט ער אוף די הענט, און זעקס מאָל לאָזט ער זיי אראָפּ. עס הייסט, אז בעסאכאקל האָבן מיר ביז כאנקי זעקס בערגלעך ארוף און זעקס בערגלעך אראָפּ.

— און דערנאָך, — שטרעקט ער אויס ביידע הענט אין דער לענג, — האָבן מיר א טאָל. און אין טאָל איז אונדזער יישעוו. — אי טאמאן באָלדע, — שמייכלט ער א צופרידענער, — עס הייסט, און א סאָף צו אונדזערע וואָגלענישן... מיט איין וואָרט — מאמעש מיט דער האנט צו דערלאנגען...

— געווען וואַרשע, געווען ווילנע, געווען קעשענעוו, און איצט איז נאָר געבליבן כאנקי. — דער קוטנער ייִד ווישט אויס ביגנייווע א טרער פון אויג...

אָבער פאר אקראמען בלײַבט גאָרנישט פארבאָרגן. עס טוט אים, אפּאָנעם, וויי דאָס הארץ, וואָס דער ייִד וויינט, און ער רעדט ארײַן אין אים מיט אלע זײַנע אייוורים:

— נעמע אוטשון יאגלאיסיז? — עס הייסט, פארוואָס קלאָגסטו אזוי יאָמערלעך, ייִד? — פאשיסט יאמאן... סאָוועטסקי יאקשי... — ווי איינער זאָגט: האָסט זיך געראטעוועט פון די

פּאַשיסטישע הענט, איצטער ביסטו צווישן סאָוועטישע מענטשן, איז האָב ביטאָכן, כאַווער, אַז דײַן מאַזל וועט נאָך אַ שײַן טאָן...

מיריעמל רוימט מיר אײַן אין אויער, איך זאָל אײדל אַ בעט טאָן דעם ייִדן פֿון קוטנע, ער זאָל זיך מעראַכעם זײַן אַפֿן קינד און אופֿהערן וויינען, וואָרעם אונדזער בלימעלע, אַז זי זעט אַ מאַנצבל וויינען, כליפּעט זי אַ טאָג מיט אַ נאַכט... און אַליין ווישט זיך מײַן ווײַב אויס די טרערן, ווײַל מאַמעס מעגן וויינען, אַף דערוף זײַנען זיי מאַמעס...

אַקראַם ברענגט אַרויס פֿון זײַן סקלאַד צוויי גרינע מיצלעך און אַ פּאָר אָפּגעבליאַקעוועטע כאַלאַטן און פֿאַרפּוצט אונדז ביידן, מיך מיט דעם קוטנער ייִדן. אויך אין מיריעמלען פֿאַרגעסט ער ניט, און זי באַנײַט זיך אין אַ געקווייטלטן אויבערציר.

איך קוק אַף זיך און אַף דעם קוטנער ייִדן און טראַכט, אַז מיר זעען אויס ווי עמעסע פּורימשפּילער. באַ מיר זיצט דאָס מיצל אַפֿן שפּיץ קאָפּ, זע איך אויס ווי אַ וואָלעכישער אַכאַשווירעש, דאַקעגן באַם קוטנער ייִדן זעט מען נאָר אַרויס פֿון אונטערן מיצל די בלייכע נאָז... אַזוי האָט געקאָנט אויסזען מאָרדכע פֿון דער מעגילע, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן גזיירעס אַף ייִדן...

ער איז אַ מײַדים, אַקראַם. אָט שיט ער אָן מײַן בלימעלען צוויי פּולע זשמעניעלעך קישמיש און פֿירט זי צו צום אייזל, זי זאָל עס קאָרמען. דאָס נעמלעכע הייסט ער טאָן מיר, מײַן ווײַב און דעם קוטנער. עס איז אונדז אַוואַדע אַ שאָד אָט די געשמאַקע פּיירעס אַוועקגעבן דעם אייזל, ווען מיר אַליין זײַנען גרויסע באַלאָנים אַף זיי. נאָר אַ ברייערע האָבן מיר, ער איז דאָך אונדזער מוירע־דערעך... פּאָלגן מיר אים אין אַלעמען.

ער קוועלט אָן, אַקראַם, וואָס דאָס אייזל בריקעוועט זיך ניט און קײַט געשמאַק דעם קישמיש, מיט וועלכן מיר זײַנען אים מעכאַבעד מיט דער פֿולער האַנט.

אַקראַם הייסט מיר נעמען דאָס אָפּגעריבענע רענצל אונדזערס אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט אָנעמען דאָס אייזל פֿאַרן צײַמל. דעם קוטנער גיט ער מיט אין וועג אַ גרויסן פּעכער, ער זאָל פֿאַרטרײַבן די פֿליגן. מאַזיקים, וואָס בײַסן אָן ראַכמאָנעס סײַ מענטשן, סײַ כײַעס... בלימעלען נעמט ער ראַכמימדיק אַף די הענט, און מיריעמלען זעצט ער אַוועק גאָר ברייט אַפֿן אייזלס רוקן.

איך קוק, ווי אַקראַם האַוועט אַרום מײַנער, און מאָדנע ראַיוינעס און געדאַכטענישן הייבן אָן צו בלאָנקען אין מײַן צעהיצטן מויעך. אַ מײַסע מיט אַ קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער ווײַבל, וואָס אַ קאַזאַק האָט זי באַנאַכט אַרויסגעגאַנוועט פֿון אַן עשעלאָן. עמעס, דערנאָך האָבן בייזע ציינגער געזאָגט, אַז ניט ער האָט זי געגאַנוועט, נאָר זי האָט זיך אַליין געלאָזט גאַנווענען... אַ מײַסע מיט אַ בעסאַראַבער מיידל, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט אַ טשעטשען קיין טשימקענט...

אָבער אַקראַם לאָזט מיך ניט לאַנג טראַכטן און פֿאַרדאַכטן. ער גיט מיך גוטברודעריש אַ טאָרקע און רוימט מיר אײַן אַ סאָד אין אויער:

— טוואָיאַ זשינאַ... אישאַק סידיש... גאַמזום סידיש... פּאָטאָמו, — קלאַפּט ער זיך אין בויך, — קיטשיקינטעי באַראַנטשוק יעסט... — עס הייסט ער טוט מיר צו וויסן, אַז דעם גאַנצן וועג זאָל מײַן מיריעמל רײַטן אַפֿן אייזל און זיך ניט דערוועגן צו גיין צופֿוס, ווײַל זי האָט אַ קינד אין בויך...

זעט נאָר זעט, וואָס איז געשען מיטן קוטנער ייִדן?.. ער איז פֿאַרבײַ.

ער פֿאַרגייט זיך אין אַזאַ קײַכנדיקן געלעכטער, אַז ער הייבט אַזש אָן צו קרייען... דער פּעכער באָמבלט זיך אים אינעם אַרבל פֿונעם כאַלאַט.

— ענטץ הערט מיך אויס, — הערט ער נישט אויף צו קײַכן, — פֿרעגט מיך בעכיירעם, צי איך האָב געזען, אַז אײַער ווײַבל איז, קיין איינהאָרע, אַף דער צײַט. פֿאַרקערט, איך האָב גאָר געהאַט אַף איר פּאַריבל, וואָס זי רײַט ווי אַ פּריצטע אַפֿן אייזל און אײַך לאָזט זי גיין צופֿוס נאָך מיטן רענצל אין דער האַנט... איז דאַרף מען מיר ניט געבן קײַען שטרוי... האַ, וואָס זאָגט איר?..

די זון טשמעליעט אין קאָפּ, די צונג טריקנט אין מויל, עס פּלאָנטערן זיך די מידע פֿיס, נאָר מיר גייען און גייען. פֿון מידקײַט הייבן זיך מיר אָן צו קלעפּן די אויגן. איך שפּאַן אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענער, און אין דרעמל זע איך: בעסאַראַבער גרינע פֿעלדער... לויטערע קוועלעכלעך... בליִענדיקע סעדער...

ווען די צונטער־רויטע כאָרעזמער זון נידערט אַראָפּ צום טײַך אַמו־דאַריאַ, רוען מיר אָפּ אַפֿן דריטן בערגל... מיר שפּרייטן אויס אונדזערע אוזבעקישע טענדעווערענדעס אַף דער ערד, און מיר פּראַווען די סודע...

דער קוטנער שלעפּט אַרויס פֿון טאָרבע אַ גערייכערט פֿישל, אַ פּאָר פֿאַרדאַרטע סוכאַרלעך און אַ באַנקעלע כריין — אַלץ, וואָס איז אים נאָך פֿאַרבליבן פֿון זײַן טרוקענעם פּאַיאָק.

מיריעמל נעמט ארויס פונעם רענצל צוויי הארטע בייגל און א קאוונדל, וואָס זי האָט אײַנגע־האנדלט ערגעץ אַף א קאזאכישער סטאנציע. עמעס, עס איז נאָך א גרינלעכס, אָבער עס האָט איין גרויסע מײַלע: עס דערמאָנט די בעסאראבער רויטע פליישיקע קאווענעס.

אקראם שלעפּט אויך ארויס פון זײַנע טיפע קעשענעס עטלעכע שווארצע לעפּיאָשקעס און שמייכלט צו אונדז:

— ווי פּאָקושאיעם, א מי פּאָדיאָם... עס הייסט, איר לענט זיך אונטער דאָס הארץ, און מיר איז שוין צײַט זיך אומצוקערן אהיים. ער ווײַזט אונדז אזוי קונציק מיט די פינגער, אז ער פארמאָגט זײַנס אייגנס א מאמע און א שוויגער, און א ווײַב מיט אכט קינדערלעך. און אלע זײַנען זיי אזעלכע קליינינקע און שיינינקע. און קעדיי מיר זאָלן ניט האָבן קיין אגמעסנעפעש, וואָס מיר בלײַבן אַף אונדזער אייגענעם בעראָט, באַרויִקט ער אונדז:

— אישאק דאָראָגא זנאיעש... יאקשי... — עס הייסט: דאָס אייזעלע קען גוט דעם וועג, אזוי אז איר וועט נישט בלאָנדזשען...

מיר שפּאנען אלץ ווײַטער און ווײַטער... מיר, פיר פארשווינען און דאָס אייזל. זעט אויס, אז דעם קוטנער דוכט זיך אלץ, אז אָט־אָט דרעמל איך אײַן, מאכמעס אלעמאָל מונטערט ער מיך:

— איר ווייסט כאָטש, כאווערל, אז איר זײַט א זויכע־בעגוירל! — שרײַט ער אריבער צו מיר איבערן אייזלס קאָפּ, פּאָכנדיק בעשאַס־מײַסע מיטן פּעכער אזוי, אז איך וויס ניט, צי ער פארטרײַבט די בייזע פליגן, צי די בייזע מאכשאָוועס. — איר האָט, קיין אײַנהאָרע, א ווײַב מיט א טעכטערל, און אינגיכן א...

איך קוק אַף מיריעמלען און כאַפּ זיך, אז איך, זינדיקער מענטש, קווענקל גאָר אָן, וואָס מײַן אויסדערוויילטע וועט מיר געבוירן א יורעש. זי האָט שוין אפילע פאר אים זייער א שיינעם נאָמען — כאַיִם!..

— —

דערנאָך האָבן מיר גאנצע פיר יאָר, הונגעריקע און פארליבטע, איך מיט בלימעלען אַף דער רעכטער קני און מיריעמל מיט כאַימלען אַף דער לינקער קני, געזונגען דעם טאטנס און דער מאמעס ניגן אין די כאָרעזמער גלײַכע פארנאכטן:

עלע... מעלע... יאָסטע
וויפל פייגל האָסטו?

שירע גאָרשמאַן

וואָלעכישע בילדער

כאַלוימעס אף דער וואָר

אף דער וועראַנדע זיצט די אַלטע אוסטיניע. רעכטס — דער טיש, אפן ברעג טיש הענגט דאָס שטעקל, לינקס אפן נידעריקן פאַרשמאַלצעוועטן בענקעלע — דער קעראָגאַז, אפן קעראָגאַז — דער ברייטער, נידעריקער, עמאַלירטער טאָפּ מיט די אָפּגעלופּעטע אויערן, אפן דעקל פונעם טאָפּ — דער שוואַרצער גרויסער הילצערנער לעפל. אַן ערלעכער לעפל, וואָס האָט צענדליקער יאָרן געמישט פּאַרעווע מאַמעליגעס און באָרשטשן; אַ לעפל מיט צעפּעדעמטע ראַנדן, אויסגעהאָרעוועט און שוואַרץ, ווי דער אַלטערס הענט, וואָס ליגן איצט אף אירע קני. די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ און רעדט הויך, ווי מע רעדט צו אַ טויבן: „איַי, וואַניו, וואַניו, נו קום שוין אַרײַן. זאָגסט, ס'איז דאָרטן ניטאָ וואָס צו טאָן? ס'איז דאָרטן ביטער און פינצטער? מיר איז אויך פּוסט און ליידיק. גיב אַ קוק, וואַניו, וואָס עס איז געוואָרן מיט מײַנע פיס: זיי זײַנען אויסגעבויגן ווי אַ ראָד, כ'קאָן זיך שוין פון אָרט ניט רירן. די הינער שרעקן זיך ניט פאַר מיר. זיי ווייסן גוט, אַז ביז איך וועל זיי גרייכן מיט מײַן שטעקל, וועלן זיי זיך גוט אָנפּיקן מיט ווײַנטרויבן. די אייניקלעך לאַכן פון מיר. און דאָס עלטערע אייניקל, אַז זי דערלאַנגט מיר אַ ביסל זאַלץ, אַ ציבעלקע, אַ ציינדל קנאָבל, שטעקט זי מיר אַרויס אַ צונג. זיי דאַרפן טאַקע לאַכן פון מיר, וואַניו, האַ?.. וויפל ליים האָבן מײַנע פיס אויסגעקנאָטן, וויפל ציגל האָבן מײַנע הענט געמאַכט פאַר פרעמדע הײַזער, וויפל ווײַנטרויבן האָבן מיר מיט דיר צעטראָטן, געגאָסן ווײַן אין פרעמדע פעסער?.. און איצטער ביסטו דאָרטן און איך דאָ. געדענקסט, ווי דו ביסט געשווומען צו מיר, ווען דער דניעסטער איז שוין געווען פאַרקאָוועט מיט אײַז, ניט מוירע געהאַט פאַר נאַטשאַלסטווע, כאָטש ס'איז דעמלט אויך געווען מילכאָמע־צײַט? איז דאָס טאַקע געווען? אוודע געווען!.. אָבער ס'איז שוין אַזוי לאַנג! אַזוי לאַנג לעב איך שוין. טאַקע אַזוי לאַנג?.. אוודע איז גוט, אַז מע לעבט אינאיינעם און מע שטאַרבט אינאיינעם. און אַז איינער מוז שוין יאָ בלײַבן, זאָל אים דאָס אויסקומעניש פאַרגרינגערט זײַן מיט גינציקע קינדער. זאָלסטו וויסן, וואַניו, אַז איך האָב ניט קיין נאַכעס פון אונדזער טאָכטער...“

די אַלטע טוט אַ מיש אין טאָפּ, פאַרזוכט, שפּײַט אויס, לייגט אַוועק דעם לעפל אפן דעקל. זי שמייכלט, זי דערמאָנט זיך ווי זי איז ניט געשלאָפן אַנומלטן און זי האָט געהערט, ווי די טאָכטער מיטן איידעם ריידן וועגן „פּאָלוטשקע“.

עס הערט זיך, ווי דער הונט בילט. עס עפנט זיך די טיר, די שכיינע פעדאָרע גייט אַרײַן. זי איז אַ הויכע, אַ שוואַרצע, מיט גלאַנציקע שוואַרצע אויגן, וואָס דערזעען נאָר דאָס, וואָס קאָן צוניץ קומען.

— גוטמאָרגן! מיט וועמען האָט איר גערעדט, באָבעשי?

— ע, האָסט געהערט? מיט וועמען האָב איך גערעדט? ס'האָט זיך מיר געכאָלעמט אַ כאָלעם, פאַרשטייסטו מיך. וואַניו האָט זיך צו מיר געיאָוועט: „וואָס טוסטו עפּעס, אוסטיע?“ זאָג

איך: „שלעכט! די פיס מײַנע גייען ניט“. זאָגט ער: „ס׳איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל דיר אָנברעכן די ביינער“, — און שמייכלט. און נאָכדעם... נאָכדעם איז געווען גוט... אײַ, פעדאָרע, וואָס ווייסטו, פעדאָרע? וואָס שטייסטו, פעדאָרע? וואָס פארשטייסטו, פעדאָרע? „פּאָלוטשקע“, קאָפּעקע־שלינגערס! איך קוק אמאָל אף מײַן טאָכטער, אף נאָך אזוינע, און איך טראכט מיר: וואָס איך האָב — זעען זיי ניט, וואָס זיי ווילן האָבן — וואָלט איך אוועקגעוואָרפן. קיינער וועט מיר גאָר ניט גלייבן, אז איך זע אזוינע כאָלוימעס... נו, וואָס זשע שטייסטו, פעדאָרע? גיי, אין אנדערן ציימער שטייט א צוגעדעקטער עמער, כ׳האָב דאָרט אָנגעקוועטשט א ביסל ווײַנטרויבן, נעם זשע אים אהער מיט צוויי גלעזער. נו, ריר זיך!

פעדאָרע ברענגט, וואָס אוסטיניע בעט. זיי טרינקען אויס איין מאָל און נאָכאמאָל, עס גיבן א בלאנק אוסטיניעס בלויע אויגן פון אונטער די פארוועלקטע לעפלעך, און זי באקלאָגט זיך:

— ס׳איז מיר ווינציק, וואָס וואניו יאָוועט זיך צו מיר באטאָג און באנאכט, לאָזט מיך ניט צורו מײַן שאָכנטע — ריווע די קירזשנערקע. זי גייט ארײַן, באגיסט זיך מיט טרערן און פרעגט בא מיר, ווו זײַנען אירע קינדער. זאָג אליין, פעדאָרע, אז ריווע מיט איר מאן, מיט אירע קינדער וואָלטן יאָ געלעבט, וואָלט עמעצן ענג געווען? עס דרייט זיך דאָס שטריקל אפן פלעקל, יעדערער וועט זיך מוזן לייגן. גאָל אין אונדזערע אָדערן — מער ווי בלוט. די פאשיסטן האָט קיין באהעלפערס ניט געפעלט... אוואדע איז וואניו גערעכט געווען: דער גאנײדן, פלעגט ער זאָגן, איז דאָ. א גלאָז יונגער ווײַן, א שטיקל שעפּסן־פלייש. אזויפיל גוטס אף דער ערד! ס׳וועט זײַן גענוג פאר אלעמען...

אוסטיניע ווערט אנשוויגן, הייבט זיך אוף, שפּארט זיך אָן מיט ביידע הענט אפן שטעקל, טוט זיך א קאטשע, רײַסט קוים אָפּ די פיס פון דער פּאָדלאָגע און לאָזט זיך צו דער טיר. פעדאָרע קוקט איר נאָך און פרעגט:

— וווּהין גייט איר? ס׳וועלן קומען דער איידעם מיט דער טאָכטער, וועלן זיי פארטיק ווערן מיט דער באלעבאטישקײַט אָן אײַך.

— ניט צו דער באלעבאטישקײַט, צום נוסנבוים גיי איך. אלעמאָל פלעגט וואניו נאָכן וואָרמעס דאָרטן אָפּרוען. און איך פלעג זיך אויך צושפּארן לעבן אים. וואָס זשע קוקסטו אף מיר אזוי פארוווּנדערט? — זאָגט די אלטע און לאָזט זיך אראָפּ פון די וועראנדע־טרעפּלעך אף אירע שטארע פיס, וואָס בייגן זיך ניט אין די קני. זי גייט פּאמעלעך אין סאָד ארײַן, אהין, אהין, צום אלטן נוסנבוים.

אף א סימכע

אף דער פארלאָזטער ווערענדע איז אף דער פּאָדלאָגע אזוי מעיושעוודיק געשטאנען דער צווייעמערדיקער גרינער טאָפּ, אקוראט ווי ער וואָלט פארשטאנען, אז ער איז דער גרעסטער מעכוטן אף דער סימכע. דער באלעבאָס — א מאנצבל אין די פערציקער, וואָס האָט פון יונגן און אלטן ווײַן, כאזער־פלייש, מאמעליגע מיט ברינזע אָפּגעשפּאָרט בא הונדערט קילאָגראם מוסקולן, דורכגעלייגטע מיט א היפּשן שיכט פעטס, — האָט שוין איצט געמוזט טראָגן דעם רימען נידעריקער פונעם בויך.

ער פלעגט צערטלען דעם מעיושעוודיקן טאָפּ, נאָכדעם פלעגט ער אראָפּנעמען די ברייטע דעק, זיך אראָפּלאָזן אף די קני, צוהערן זיך, ווי עס בלעזלט אוף די גרויע מוטנע פליסיקײַט, און שמייכלענדיק באזאכט ארופלייגן די דעק אפן טאָפּ, פונקט ווי דאָרטן וואָלטן זיך געוואָרעמט נאָרוואָס אויסגעפּיקטע פייגעלעך.

א טאָג פינף פאר דער סימכע איז דער באלעבאָס מיט דער באלעבאָסטע אף דער ארבעט אין ווײַן־ראַטווירט ניט ארויסגעגאנגען. זיי האָבן אין א מילכיק־אומשולדיקן בידאָן ארײַנגעגאָסן די אויסגעכאָוועטע פליסיקײַט פון גרינעם טאָפּ, ארײַנגעהאקט אין העלדזל פון בידאָן א קײַלעכדיק גראָב קלעצל מיט א לעכל אין דער מיט. קעדיי ס׳זאָל ניט אויסגעוועפּט ווערן קיין קאפּעלע פונעם פײַערדיקן געטראנק, האָבן זיי דאָס קלעצל און העלדזל פון בידאָן באקלעפּט מיט הארט ווייצן טייג. אין לעכל פון דעקל האָט די באלעבאָסטע ארײַנגעשטעלט א לאנג געשלענגלט גלעזערן טרײַבל, און בייס דער באלעבאָס האָט אוועקגעשפּאנט מיטן בידאָן צו דער קיך, איז אים די באלעבאָסטע נאָכגעגאנגען אף די שפּיץ פינגער, און א פארטײַעטע האָפּענונג איניינעם מיט אומרו האָט געשטראָמט פון אירע אויגן, און נאָר דאן, ווען דער בידאָן איז

איינגעמאָסטעט געוואָרן אַף דער גאַז־פּליטע און ווי־זאָ־ווי איז שוין געשטאַנען אַף דער זעל־בער הייך א פאַס מיט קאַלטער וואַסער, האָט די באַלעבאָסטע פרײַ אָפּגעאָטעמט.

פאַרשטייט זיך, אַז מע האָט דעם טאָג געגעסן נאָר טרוקנס, ווײַל דער איידעם האָט אין קיך קיינעם ניט אַרײַנגעלאָזט. און ערשט אַף מאָרגן, ווען די הייליקע פּליסיקײַט, וואָס איז געווען קלאָר, ווי א טרער, איז פאַנאַנדערגעגאָסן געוואָרן אין פלעשער, האָט זיך די אַלטע אוסטיניע גענומען צום בידאָן. זי האָט אים אָוועקגעשטעלט באַם פּאַרקן, אַרומגעהאַקט דאָס טרוקענע טייג, אַרויסגעשלאָגן דאָס קײַלעכדיקע קלעצל, אויסגעפּליוכעט דאָס, וואָס האָט שוין צו גאָרנישט ניט געטויגט, און פאַרביטערט געריעדט צו זיך:

— דררראַקולי! ווײַן איז זיי קנאַפּ. בלויז פון דער פאַרשטונקענער טרינקעכץ צעוואַרע־מען זיך זייערע פאַרכאַלעשטע גלידער. עך, וואַניו, ניטאָ מער אַזוינע פּאַרובקעס, ווי דו.

א גאַנצן טאָג האָט די אַלטע זיך געבייזערט, געמוסערט די טאָכטער, אָבער פאַרבײַנסנס האָט זי פונדעסטוועגן געגרייט. אין א גרויסער שיסל האָט זי אָנגעבראָקט פּיטשינקע שטיק־לעך כאַזער־פלייש, געפּרעגלטע ציבעלעס, אָנגעריבן מערן, אַרײַנגעשאָטן רײַז, רויטן און שוואַרצן פעפער. מיט אירע לענגלעכע אויסגעהאָרעוועטע ברוינע הענט לאַנג געמישט, א סאַך מאָל אַרויסגעשטעקט די ראָזע צונג פון די צעקנייטשטע ליפּן, אַרופגעלייגט א קאָפּעלע גע־מישעכץ, אויסגעשפּיגן, געשאָקלט דעם קאָפּ, געשעפּטשעט: „בוני־בוני"; אויסגעווישט די הענט מיט דער פעטער פאַרקווישעכטער שמאַטע, וואָס האָט געזאָלט זײַן א פאַרטעך, אַרויסגעשלעפּט דרײַ גרויסע ליימענע טעפּ, אַרומגעכאַפּטע מיט דראָטן, אַזוינע פאַרשמאָלצענע, אַז נאָר אַרײַ־קוקנדיק אין זייער פינצטערן כאַלעל, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען געמאַכט געוואָרן פון ליים. דאָס צוגעגרייטע געפּילעכץ האָט די אַלטע געוויקלט אין ווײַנטרויב־בלעטער, געלייגט אין די ליימענע טעפּ. ווען די טעפּ זײַנען פול געוואָרן, האָט זי זיי צוגעדעקט מיט ווײַנטרויב־בלעטער, זיי אַרײַנגעשטעלט אין אויסגעהייצטן אויוון.

און אין סאָד, אונטערן ברייטן עפּלבוים, הייצט זיך שוין די פּליטע, וואָס זעט אויס ווי אַן אומגעלומפּערט באַשעפעניש, א ליימענע בײַכיקײַט אַף פיר קרומע פלעקער, טיף אַרײַנגעהאַקטע אין דער ערד. בא דער פּליטע אַף א טאַבורעט זיצט ווידער די אַלטע, זי לייגט גלאַנציק־לאַ־קירטע רויטע און גרינע פעפערס אין צוויי גרויסע סקאָוורעדעס מיט בוימל. אַף די פעפערס ליפן אוף ברוינע בלאָטערס, די אַלטע כאַפּט זיי מיט צוויי גאָפּלען, וואַרפט זיי אין דער גרוי־סער שיסל, בלאָזט און שפּײַט אַף די פינגער, זידלט עמעצן. פאַרטיק געוואָרן מיט די פעפערס, לייגט זי בלויע באַקלאַזשאַנעס אין זודיקן בוימל און שרײַט צו דער טאָכטער, יענע זאָל א קוק טאָן צו די האָלובצעס אין אויוון, זאָל זיך אַראָפּכאַפּן אין קעלער זען, צי די פּעציאַ איז פאַרקילט געוואָרן.

העלע געפּלעק־בלויליכע שאָטנס פאַלן אַף דער אַלטער דורך די צווײַגן. דער סאָד קאָן ניט בײַקומען די געדעמפּטע רייכעס, וואָס פאַרפלייצן אים. דער האָן מיט די הינער פּיקן די גרויסע ראָז־געלע עפּל, וואָס וואַלגערן זיך אונטער די ביימער. און אַף דער פאַרגלאָזטער טעראַסע פּרוּווט דער באַלעבאָס, צי די מאַשקע איז געראָטן. ער גיסט אויס א ביסעלע פון א פלאַש אַף דער פאָדלאָגע, טראָגט צו צו דעם אָן אָנגעצונדן שוועבעלע, ס׳פלאַטערט אוף א בלוי פלעמל און ס׳בלײַבט א ברוינלעכער פלעק... ער טוט א קנאַק מיט דער צונג, גיסט אָן א האַלבע גלאָז, פּליוכעט זי אַרײַן אין אופגעריסענעם מויל, פאַרמאַכט די אויגן פון טײַנעג און לאָזט זיך צום אַלמער; ער לייגט אָן פולע קעשענעס מיט קיכעלעך, גייט אַרויס אין הויף, מאַכט זיך, ווי ער וואָלט אכטונג געגעבן אַף די קראָליקעס, און שטייענדיק מיט דער פּלייצע צו דער אַלטער, שלינגט ער די קיכעלעך ניט צעקײַטערהייט.

אין סאָד שטייען צוויי לאַנגע טישן, וועלכע דער באַלעבאָס האָט אַנטליִען אין קלוב פון ווײַן־ראַטווירט. די שולדיקע אין דער סימכע — דאָס ייִנגערע טעכטערל וואַליע, א געפּאַקט מיידעלע, שפּאַנט הײַנט אריבער אין עלפטן יאָר. זי העלפט דער באָבע אוסטיניע פאַרשפּרייטן און צוגרייטן די טישן. עס נעמען בילן אַלע דרײַ הינט. דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע באַגעגענען די ערשטע געסט פון דאָרף אָזוואַר, וואָס איז דער טײַטש — קוואַלן. די געסט — דרײַ פּאָרפאָלק. די ווײַבער — וווקסיקע, אין בונטע זײַדענע קליידער, זייערע קײַלעכדיקע ברוינע אויגן גלאַנצן, גלאַט־שטײַף איז אָנגעצויגן די הויט אַף זייערע באַקן. די מאַנצבלען — ברייטביינערדיקע, די גראָב־געקניפּטע הענט קוקן אַרויס אומבאַהאָלפן פון די ניילאָנענע העמ־דער, די פיס צעשפּאַרן שיר ניט די שמאָלשפּיציקע מעשטעס. כאָטש די טישן זײַנען געגרייט, צעוואָרפט מען זיך אַף דעם גראָז אונטער דעם ברייטן נוסנבוים, מע רעדט זיך שיטערלעך דורך, מע זופּט פון די גלעזלעך, עס ווערן גיך אָפּגעליידיקט די טעלער פון פּעציאַ, האָלובצעס און פעפערס. מע ווישט אויס מיט שטיקעלעך ברויט די ליפּן, און מע ליגט שוין ווידער אַפן גראָז אין דערוואַרטונג צו דעם עצעם סימכע.

אין סאָד איז שטיל. נאָר דאָס טויבע קלאַפּן פון די עפּל, וואָס רייַסן זיך אראָפּ פון די צווייַגן, און דאָס קרייען פון האָן צעשטערן די שטילקייַט, אָבער ניט דעם שלאָף פון די אוזוואַרער געסט, וואָס ליגן מיט צעשפּרייטע הענט אונטער דיביימער.

ווידער בילן די הינט. דאָס מאָל זייַנען געקומען געסט פון דאָרף פּרומושיקע, וואָס איז דער טייַטש — שיינקייַט. די פיר פּאָרפאָלק זייַנען ווי פון גאָט געפּאָרט. די מאנצבל, ווי די ווייַבער, ווּקסיק און קרעפּטיק, אלע ווייַבער זייַנען אָנגעטאָן אין פּאַן־סאַמעט און ארומגעשלייערט אין בונט־דינע זייַדענע פאַטשיילקעס. אלע מיט גילדענע זייגערס אף די הענט. עס קומען אויך זייערע זין און טעכטער (די באלעבאַטימס פלעמעניקעס, שוועסטערקינדער און פלעמעניצעס). זיי גייען לויט דער ריי צו די באלעבאטים, זייערע פּענעמער זייַנען פאַרויטלט און אָנגעשטרענגט. מע לייגט צענערלעך אפן טיש, מע פארענטפערט זיך:

— מיר האָבן ניט געווּסט, וואָס צו קויפן, וועט איר שוין אליין נעמען אין קראָם פאר דער, וואָס איז געבוירן אף גליק און אף פרייד, וואָס זי דאַרף.

די צענערלעך ליגן אפן ברעג טיש, צוגעפּרעסט מיט א טעלער ווּרשט. ענדלעך זעצט מען זיך. אויבנאָן זיצט די אלטע אוסטיניע, איר פּאָנעם איז ערנסט, די אויגן־לעפלעך האלב אראָפּגעלאָזן, אלע פּענעמער, אלע אופגעהויבענע גלעזלעך זייַנען צו איר געווענדט. „פּיצסענעטאַש!“ — שרייַט מען צו איר. „הע־ע־עך, פאר וואַניון“, — ענטפערט זי. עס ווערט שטיל, ווייַל די אלע, וואָס זיצן דאָ, האָבן מיט דרייַ יאָר צוריק באגלייט אוסטיניעס מאַן וואַניו אין לעצטן וועג.

דער אויסגעטרונקענער סאַמאָהאָן הייבט אָבער פּאָרט די געסט פון די בענק, עס גייט א „מאָלדאָוואַניאַסקו“, אַזש די ערד הודזשעט, די עפּל שיטן זיך פון די צווייַגן, ווי פון ווינט; די מאנצבלען וואַרפן אראָפּ די ניילאָן־העמדלעך, די ברוינע הענט און פּלייצעס גלאַנצן ארויס פון די מייַקעס, ווי קופּערנע. אָפּגעטאַנצט, זעצט מען זיך ווידער צום טיש; פּאַוואָליע טראָגט מען ווידער די פולע גלעזער צו די ליפּן; מע רעדט קימאַט ניט. עס זייַנען שוין דאָ סימכע־קאָרבאָנעס — פון דער פּירקאַנטיקער בויד, וואָס שטייט אונטער די בארנביימער אף זעקס גראָבע פּלעקער, א באַצויגענע מיט ציץ, זעק און מאַרליע, לאָזט זיך הערן אַזאַ כראָפּען, אַז די קראָליקעס אין זייער אָפּצוימונג הערן אוף צו צופּן די אַקאַציע־צווייַגן און ווערן פארשווּנדן אין זייערע נאָרעס.

— וואַליו! — טוט א געשריי די אלטע אוסטיניע.

דאָס געפּאַקטע מיידעלע, וואַליע, וואָס האָט צונויפגענומען די צענערלעך, האָט שוין געוווּסט, אַז דאָרט איז דרייַ הונדערט רובל, און שוין פּינקטלעך געזאָגט דער מאַמען, וואָס מע זאָל איר קויפן פאר דעם געלט, און באַוויזן צו פארגיסן טרערן, ווייַל די מאַמע האָט געזאָגט, אַז מע וועט איר איבערניצעווען דעם פאַראיאָריקן מאַנטל און קיין נייַעם אף ווינטער ניט קויפן. איצט איז וואַליע צוגעלאָפן צו דער אלטער אוסטיניע, צו איר באָבען, האָט זי גענומען אונטער דער האַנט און אוועקגעפירט אין שטוב אריַין. און אין סאָד גייט די סימכע. ווידער הודזשעט די ערד פון טענץ. די שטערן פארשווינדן, עס ווערט קילבלעך, עס ציטערן די אַקאַציע־בלעטלעך, מע זיצט ווידער בא די טישן. דער באלעבאָס מיט דער באלעבאָסטע לייגן ארויס די קליינע האָלובצעס פון די גרויסע ליימענע פארשמאָלצענע טעפּ און זאָגן הויך: „עסט, טייַערע געסט! איצט קאָן מען זיך פארגינען“.

— יאָ, — זייַנען מאַסקים די געסט. עס הערט זיך ווי לאַסטמאַשינעס זייַנען צוגעפּאָרן. די געסט זעצן זיך אין די מאַשינעס. עס הייבט זיך א געדיכטער שטויב אפן וועג, וואָס פירט קיין אוזוואַר.

א זאַווערוכע אינמיטן זומער

איצט זיצט די אלטע אוסטיניע פון באַגינען ביז ווייַט נאָך האלבן טאָג אין קיך בא דער גאַז־פּליטע. אַז זי דאַרף עפּעס, רופט זי דאָס אייניקל — א דין, צוגעברוינט, שלאַנק מיידל מיט אַן אָוואַל פּאָנעם, ווי א פּירע, וואָס רייַפט.

— וואָס ווילסטו, וואָס דאַרפסטו, וואָס קרעכצסטו, באָבע?

— גיס אויס די פּאָמעניצע, ברענג ציבעלעס, קאַרטאָפליעס, א מעסער.

דאָס אייניקל דערלאַנגט דער אלטער, וואָס זי בעט, און שפּרינגט אוועק אף איין פוס.

די אַלטע קוקט איר נאָך, שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט צו פעדאָרען, וואָס זיצט אַף דער שוועל, שיילט די בולבעס צו זיך אין פאַרטעך:

— אַט אַזוי איז דאָס. פריִער שאַרט מען זיך אַף אַלע פיר אָדער אַפּן געזעס, ביז מע לערנט זיך אויס גיין, נאָכדעם גייט מען א ביסל יאָרן גלײַכלעך. דו באַוויַיזט זיך ניט אַרומצוקוקן, נעמט עס דיך ווידער קוועטשן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, ביז מע קריכט שוין ווידער אַף אַלע פיר, נאָכדעם הײַדא אין דר'ערד אַרײַן! אָבער אַלע פאַרגעסן, אַז מע וועט מוזן אַוועק... נו, גיב שוין די קאַרטאָפליעס, זיי זײַנען בא דיר פאַרשוואַרצט געוואָרן אין פאַרטעך.

פעדאָרע וואַרפט די בולבע אין טאָפּ מיט דער וואַסער, טרייסלט אָפּ דעם פאַרטעך, טוט א לאַנגן גענעץ און זאָגט:

— איך וועל צוגיין אין מעבל־קראָם, עפשער וועט מען הײַנט געבן קישנס.

— קישנס... כאַזערט איבער די אַלטע און צעלאַכט זיך אַזוי, אַזש טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן.

— וואָס קוקסטו אַף מיר ווי אַף א מעשוגענער? — זאָגט זי צו פעדאָרען. — דאַן האָב איך טאַקע ניט געלאַכט, אָבער איצט קומט עס מיר אויס אַנדערש.

— איך האָב קיין צײַט ניט צו אײַערע מײַסעס, — זאָגט פעדאָרע.

— כאָטש דו וואָלסט מיסטאָמע געוואָלט ניט בעסער ווי אַנדערע, זעץ זיך און הער, וואָס מע דערציילט דיר. בייס מע האָט אויסגעהאַרגעט די יידן, האָבן די קוזנעצאָוווס אָנגעטאַסקעט א פולע שטוב מיט קישנס און מיט פּערענעס, פון לײַלעכער האָבן זיי זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט. איז זיך די קוזנעציכע מעיאַשעוו, שפּרייט אויס די געגאַנוועטע לײַלעכער אין סאָד, צעטרענט די אײַנשיטן פון די פּערענעס און די קישנס, שיט אויס די ייִדישע פעדערן אַף די ייִדישע לײַלעכער, שטעלט זיך וואַשן די אײַנשיטן, כאָטש דאָס אייגענע בעטגעוואַנט איז דורכגעפישט, אַז עס אַוועקט פאַר א ווערסט! נאָכדעם שרײַט די אַלטע קוזנעציכע צו מיר איבערן פּלויט: „אוס־טיאַ, גיי שיט דיר אָן א צוויי קישנס, בא דיר וואַקסט דאָך א קאַלע!" וואַניו, די ערד זאָל אים ווייך זײַן, איז גראָד געווען אין שײַער, אַז ער לויפט עס אַרויס, שפּרינגט אַריבער דעם פּלויט און צעשרײַט זיך: „גנײַווישער ווישקרעבאַק, איך פּלעט דיר דעם מויעך!" און מיך טוט ער א שטופּ אַרײַן אין שטוב, גיט מיר דעם עמעסן כײַלעק. וואָס זשע טוט אָבער גאָט? פּלוצעם פון דער העלער הויט הייבט זיך אוף א ווינט און דאַפּקע אָן א רעגן — און די ייִדישע פעדערן צו די יידן!.. די קוזנעציכע לויפט איבערן סאָד, פּאַכעט מיט די צענומענע הענט, ווי א צעפּאַלאַשעטע גאַנדז, און מײַן וואַניו שפּאַנט בא דעם פּלויט און שרײַט: „פאַרשפּאַר דעם ווינט אין שטוב! שטאָפּ די פעדערן אין די ציכן, די יידן זײַנען שוין האַרט, אָבער זייער בעטגעוואַנט איז ווייך!" און פאַרן טויט האָט מיר וואַניו אָנגעזאָגט, אַז דער קוזנעציכעס דוך זאָל אַף זײַן לעוויַיע ניט זײַן.

— נו, איז זי טאַקע ניט געווען אַף זײַן לעוויַיע? — האָט פעדאָרע געפרעגט.

— געווען, ניט געווען, וואָס איז דיר די נאַפקעמינע, גלאָמפּ! די מײַסע איז דאָך ניט וועגן דער לעוויַיע. גיי שוין, גיי, נאָך קישנס, — האָט די אַלטע אוסטיניע געזאָגט און גענומען שנײַדן די בולבע אין סופּ אַרײַן.

מאַק

שפּעט אין אָוונט, בא דער שײַן פון די באַטאַגיקע לאָמפּן, וואָס זײַנען שוין אײַנגעפירט געוואָרן אין סאָראָקע, האָב איך זיי דערזען. ער אין א מאַלאַכײַ, אין א העמדל מיט צעפּליקטע אַרבל, אין הויזן, וואָס זײַנען גענייט געוואָרן פאַר א דערוואַקסענעם, אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן א מאָדנעם, צעפּלאָטעטעם קאַשעק, אין דער צווייטער — דאָס דאַרע הענטל פון א מיידעלע, וואָס איז געווען ייִנגער פון אים.

אין א געוויסן זין איז דאָ די באַטאַגיקע שײַן געווען איבעריק, ווײַל עס האָבן זיך בוילעט געזען די אַרומגעריזשעטע, אַרומגעביסענע און האַלבע עפּל, וואָס די סאָראָקער אײַנוווינער האָבן פון דער ברייטער האַנט פאַנאַנדערגעוואָרפן אַזוי, אַז ס'איז ניט געווען ווו א פוס אַוועק־צושטעלן. נאָר פונדעסטוועגן איז גוט געווען, וואָס ס'איז געווען אַזוי ליכטיק און איך האָב דערזען די צוויי קינדער.

דער אויטאָבוס איז צוגעגאַנגען אָן אָנגעפּאַקטער. כ'האָב זיך מיט די קינדער קוים אַרײַנגעשטופּט. דאָס ייִנגל האָט זיך ניט געוואָלט זעצן, דאָס מיידעלע האָב איך אוועקגעזעצט לעבן זיך. איינע אַ פֿרוי, וואָס האָט צערטלעך מיט בײדע הענט צוגעדריקט צו איר פֿעטן בוזעם אַ גרויסן קאַוון, האָט אויף אַ קול געזאָגט:

— עס פֿעלן אײַך לײַזן!?

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿרוי האָט אָן אומרײן האַרץ, און איך האָב איר גאָרנישט ניט געזאָגט. די קינדער, וואָס האָבן געוווּסט מער פֿון בײזקײַט, פֿאַראַכטונג ווי פֿון גוטס, און ניט נאָר פֿון פֿרעמדע, אַפֿילע פֿון אײגענע, האָבן אַרײַנגעצויגן די קעפּ אין די פּלייצעס און זײַנען ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן. דאָס מיידעלע האָט אַ ציטער געטאָן, און ווען די פֿרוי מיטן גרויסן קאַוון איז אַרויס פֿון אויטאָבוס, האָט דאָס מיידעלע צו מיר שטיל געזאָגט:

— כ'האָב ניט קיין לײַז, מײַנע ברידערלעך און מײַנע שוועסטער האָבן אויך ניט. אויב מיר ווילן ניט וואַשן די פֿיס אויף באַנאַכט, שלאָגט אונדז די מאַמע.

— געוויס, מײַן קינד. איך זע דאָך, אַז דו ביסט ריין און ציכטיק. ווי רופֿט מען דיך?

— מאַק.

— וואָס הייסט דאָס מאַק?

— מוכאַ! זש־זש־זש, — האָט דאָס ייִנגל דערקלערט און געפּאָכעט מיט די הענט.

כ'האָב זיך ערשט איצט גוט צוגעקוקט צום מיידעלע: אירע האָר זײַנען געווען פֿאַרקעמט און פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי צעפּלעך. איר שטערן איז געווען בוילעט, קײַלעכדיק, ווי בײַ אַ באַראַנטשיק, די אויגן און די ווײַעס גלאַנציק שוואַרץ, איר גאַנצער קינדערישער, האַרציקער אָנבליק האָט שוין אָבער געאָטעמט מיט פֿאַרהוילענעם רייץ פֿון איר שטאַם. אַפֿילע דאָס צעריסענע כאַלאַטל, וואָס איז געווען לויט דער מאָס פֿון אַ דערוואַקסן מיידל, האָט ניט געקאָנט פֿאַרבראָגן די בייגעוודיקײַט און די גראַציע פֿון אירע באַוועגונגען.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. מאַקס ברודער האָט מיר געזאָגט, ווו זיי וווינען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זײַנען נאָענטע שכנים, און איך האָב זיי אײַנגעלאַדן צו זיך אין געסט.

ס'איז אַוועק אַ היפּש שטיקל צײַט, איך בין אַפֿילע אַ פּאָר מאָל געווען לעבן דער שטוב, ווו די קינדער האָבן געזאָלט וווינען, נאָר אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ שלאָס — מיט וואָס איך בין געקומען, מיט דעם בין איך אַוועק. כ'האָב שוין אויפֿגעהערט צו וואַרטן אויף מאַקן. איך בין געווען זיכער, אַז מאַק האָט מיך אָפּגענאַרט.

עס איז געווען סאָף זומער. די לאַנגע גרינע פֿאַפּשוי־בלעטער זײַנען שוין געל געוואָרן. פֿון די טאָפּאָלן זײַנען אויך געפֿלויגן די געלע בלעטער. איך בין געזעסן אויף דער באַנק לעבן טויערל און דערזען, ווי אַ מיידעלע לויפֿט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קורץ קליידעלע — דערפֿאַר האָב איך זי גלײַך ניט דערקענט. נאָר ווען זי האָט זיך דערנענטערט, איז שוין קיין ספֿק ניט געווען. דאָס איז געווען מאַק. זי האָט פֿאַרוואָרפֿן די פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּלעך אַהינטער, האָט שטאָלץ אויף מיר געקוקט, זיכער און דרייסט געזאָגט:

— זעט, וואָס פֿאַר אַ שיין קליידל מײַן מאַמע האָט מיר געקויפֿט! און דעם קאָפּ האָט זי מיר נעכטן געצוואָגן. און טרוסיקעס האָט זי מיר אויך געקויפֿט נײַע, — האָט מאַק געזאָגט און אויפֿגעהויבן דאָס קליידל.

כ'האָב דערזען רויטע טרוסיקעס אויף מאַקס פֿאַרברוינטע פֿיס. ס'קאָן זײַן, אַז איך האָב זי אַ קוש געטאָן. זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט אירע הענטלעך־צווײַגלעך און אויסגעשריִען:

— איצט האָב איך קיין צײַט ניט דיך ליב צו האָבן, איך לויף אין שול. מאָרגן וועל איך צו דיר ווידער קומען!

בעסאַ זשגענטי

גרוזינישער ליטעראַטור־פֿאָרשער, סעקרעטאַר
פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון גרוזיע

ניקאָלאָז באַראַטאַשווילי

זײַן דיכטונג געהערט דעם פֿאָלק

מיר פײַערן איצט דעם 150־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן גרוזינישן דיכטער ניקאָלאָז באַראַטאַשווילי.

באַראַטאַשווילי האָט געלעבט און געשאַפן אין דער עפּאָכע, ווען אין זײַן היימלאַנד האָט געווילדעוועט דער ווילקיר פונעם זעלבסטהערשער ניקאָלײַ פאַלקין, ווען עס זײַנען יונג פאַרשניטן געוואָרן די גאונים פון דער רוסישער ליטעראַטור — פּושקין און לערמאָנטאָוו, גריבאָיעדאָוו און טשאַאַדאַיעוו, ווי אויך פיל ליכטיקע מויכעס פון די פּילצאָליקע פעלקער פון דער רוסלענדישער אימפּעריע.

ניקאָלאָז באַראַטאַשווילי האָט סײַ פון פאָטערס צאַד, סײַ פון דער מוטערס צאַד געשטאַמט פון די לעצטע קייסאָרים פון גרוזיע — איראַקלי II און געאָרגי XII. זײַן פאָטער מעליטאָן באַראַטאַשווילי איז געווען א רײַכער גוטבאַזיצער, א געבילדעטער און זייער אײַנפלוס־רײַכער מענטש. צו די באַראַטאַשווילים אין שטוב פלעגן זיך צונויפקומען די אָנגעזעענסטע גרוזינישע שרײַבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענץ, רוסישע און פּוילישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זײַנען פאַרשיקט געוואָרן אינעם „ווארעמען סיביר“. אַזאַ סוויווע האָט היפּש מיטגעווירקט, אַז באַם יונגן ניקאָלאָז זאָלן זיך פרי אַנטפּלעקן די גײַסטיקע אינטערעסן און שעפערישע פייִקייטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן 17 יאָר, איז זײַן פאָטער געוואָרן פאַראַרעמט. ווערנדיק דער שפּײַזער פון דער פאַמיליע, האָט ניקאָלאָז געמוזט גיין דינען אין דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע.

דעם יונגן דיכטער איז אויך באַשערט געווען איבערצולעבן א ניט געראָטענע ליבע. נאָך קינדווײַז האָט ער זיך באַפרײַנדעט מיט דער טאָכטער פונעם באַרימטן פּאָעט־ראָמאַנטיקער אַלעקסאַנדער טשאַווטשאַוואַדזע — יעקאַטערינע, וואָס איז געווען די ייִנגערע שוועסטער פון נינע גריבאָיעדאָווא. די דאָזיקע פרײַנטשאַפט איז מיט דער צײַט אַריבער אין א הייסער ליבע. יעקאַטערינע, א יעפּאַס־טויאַר, א קלוגע, א געבילדעטע, איז געווען באַגײַסטערט פון באַראַטאַשווילים פּאָעטישן טאַלאַנט. אין אַלעקסאַנדער טשאַווטשאַוואַדזעס באַרימטן ליטעראַרישן סאַלאָן פלעגט דער יונגער דיכטער לייענען זײַנע ווערק. יעקאַטערינען האָט ער געווידמעט די שעדעווערן פון זײַן ליבע־ליריק. די ליבע צו אָט דעם מיידל איז פאַקטיש געווען דער איינציקער ליכטיקער שטראַל, די איינציקע פרייד אין באַראַטאַשווילים שווערן פּערזענלעכן לעבן. און אָט דעם איינציקן פונק פון פרייד האָט מען בא אים אַוועקגערויבט אויף אַן אַכזאָריִעסדיקן אויפן — מע האָט יעקאַטערינען כאַסענע געמאַכט מיטן הויכגעשטעלטן פירשט מעגרעלי דאַוויד דאַדיאַני. דאָס איז געווען פאַקטיש ניט קיין כאַסענע, נאָר א קאָמערציִעל געשעפט.

צו דער צײַט, ווען באַראַטאַשווילי האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע און האָט אָנגעהויבן זײַן שעפערישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט, האָבן די בעסטע מענטשן פון גרוזיע זיך געפונען אין ווײַטער פאַרשיקונג, ווו זיי זײַנען אָפּגעקומען א האַרבע שטראָף פאַר זייער אָנטייל אין דער פאַטריאָטישער פאַרשווערונג פון 1832 יאָר. די

סאטראפן פון דער זעלבסטהערשונג, אָנגעשראָקענע פון דער דאָזיקער פארשווערונג, האָבן ליקווידירט די גרוזינישע פרעסע, פארבאָטן צו דרוקן ביכער אף דער גרוזינישער שפראך, פארמאכט אלע נאציאָנאלע געזעלשאפטלעך־קולטורעלע אנשטאלטן. איבער גרוזיע איז געהאנגען די געפאר, עס זאָל אויסגעלאָשן ווערן יעדער פונק פון אינטעלעקטועלן און שעפערישן לעבן. אין אָט דער שווערער צײַט האָט ניקאָלאָז באראטאשווילי פאראייניקט ארום זיך אן ענגן קרײַז פון דער יונגער אינטעליגענץ און דרייסט איבערגענומען די עסטאפעטע פון קאמף פאר דער סאָציאלער איבערגעשטאלטונג און באפרײַונג פונעם היימלאנד, פאר דער ווידער־אופלעבונג פון דער נאציאָנאלער קולטור.

נאָך אלס גימנאזיסט האָט באראטאשווילי צוזאמען מיט זײַנע שול־כאווײרים ארויסגעגעבן פאָעטישע זאמלביכער (געשריבענע פון האנט), ווו עס זײַנען צוזאמען מיט זייערע אייגענע ליטערארישע פרוּוון פארעפנטלעכט געוואָרן ווערק פון די באוווסטע גרוזינישע פאָעטן און שרײַבער, וועלכע האָבן געשמאכט אין פארשיקונג. באראטאשווילי האָט אין יענע יאָרן געשריבן שארפע סאטירישע לידער קעגן די הויכגעשטעלטע טשינאָווניקעס פון דער צארישער אדמיניסטראציע, קעגן די פארהאסטע זײַלן פון דער רעאקציע.

שפעטער איז אין באראטאשווילים קרײַזל געבוירן געוואָרן די אידיי פון שאפן א וויסנשאפטלעכע געשיכטע פון גרוזיע. די מיטגלידער פונעם קרײַזל זײַנען צוגעטראָטן צו שאפן א נאציאָנאלע ביבליאָטעק, אופלעבן דעם גרוזינישן טעאטער און ווידער ארויסגעבן א גרוזינישן ליטערארישן זשורנאל. עס איז ביז גאָר סימפטאָמאטיש, וואָס די רוסלענדישע וויסנשאפט־אקאדעמיע האָט באופטראָגט דעם יונגן דיכטער די אויסערסט וויכטיקע און קאָמפליצירטע אופגאבע פון זאמלען און שטודירן די אוראלטע גרוזינישע קסאוויאדן.

„אונדזער ליטעראטור, — האָט באראטאשווילי געשריבן צו זײַן פעטער גריגאָל אָרבעליאני, — געפינט, מיט גאָטס הילף, פון טאָג צו טאָג נײַע פרײַנט. א סאך יונגע מענטשן, וועלכע זײַנען פרײַ פון אמט־פליכטן, העלפן שטילערהייט און בעיעכידעס דער שפראך פון די טאטעס און זיידעס, אף וויפל עס קלעקן זיי נאָר קויכעס. דער דאָזיקער אלגעמיינער גײַסט פון ליבע צו דער מוטערשפראך, וואָס הערשט צווישן דער יוגנט, באווײַזט, אז דער פארנונפט פון די גרוזינער דרעמלט ניט“.

ליידער, איז דער ניט־דרעמלענדיקער פארנונפט פון דער יונגער פראָגרעסיווער גרוזינישער אינטעליגענץ געוועזן געשמידט אפן גרויזאמסטן אויפן, און פיל פון די נאָבעלע פלענער, וועלכע באראטאשווילי און זײַנע פרײַנט האָבן פארטראכט, האָבן ניט געקאָנט פארווירקלעכט ווערן. דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס באראטאשווילי האָט יאָ באוויזן אופצוטאָן און שענקען עס דעם פאָלק, — איז זײַן געניאלע פאָעטישע שאפונג, וועלכע האָט אין זיך אײַנגעזאפט די פראָגרעסיווסטע סאָציאלע און פילאָסאָפישע אידייען פון דער עפאָכע.

ניקאָלאָז באראטאשווילי איז געווען דער גרונטלייגער פון דער נײַער גרוזינישער ליטעראטור, דער ווירדיקער פאָרזעצער פונעם אומשטערבלעכן רוסטאַוועלי. דער זין פון באראטאשווילים פאָעזיע, איר גרויסקײַט און נאָוואטאָרישקײַט, באשטייט דערין, וואָס זי האָט געעפנט נײַע וועגן אין דער אנטוויקלונג פון דער פאָעטישער קולטור פון גרוזיע, זי האָט באנײַט דעם גרוזינישן פערזנבוי און ניט בלויז ארײַנגעטראָגן אין אים פרישקײַט, נײַע אידייען, נאָר אויך אײַנגעפירט נײַע סטיליסטישע פרינציפן. דרייסט א קערעווע געטאָן די אנטוויקלונג פון דער גרוזינישער ליד אין דער ריכטונג פון דער רוסישער און אייראָפעיִשער פאָעזיע, האָט באראטאשווילי אנטדעקט נײַע ריטמען און מאָסן, וועלכע האָבן צוגעגעבן דער גרוזינישער דיכטונג טיפע נאציאָנאלע אייגנארטיקײַט. ער האָט די גרוזינישע ליד באפרײַט פון די אָרנאמענטאלע באדינגלעכקײַטן און פון סטיליזאטאָרישן שטאמפ, ער האָט די פאָעזיע ארויסגעפירט אף די ראכוועסן פון פרײַער אומיטלבארער שילדערונג פון דער רעאלער וועלט. באראטאשווילים ווידע־ליריק, זײַנע דערהויבענע לירישע מאָנאָלאָגן צייכענען זיך אויס מיט זייער אויסשליסלעכער פאָליפאָנישקײַט, זיי איבעראשן מיט דער גאנצקײַט און אומטיילבארקײַט פון די אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע פרינציפן. באראטאשווילים פאָעטיש וואָרט פארכאפט מיט זײַן הארציקײַט און נאטירלעכקײַט, ניט געקוקט אף דער גאנצער קאָמפליצירטקײַט פון די פאָעטישע אסאָציאציעס און פונעם מעטאפאָרישן געדאנקענגאנג. אלס מוסטערן פון באראטאשווילים אייגנארטיקער מעטאפאָרישער קונסט קאָנען דינען זײַנע שעדעווערן „מעראני“, „איך האָב א טעמפל געפונען“ אא.

„מעראני“ איז א ליד פון גרויסער אידייִשער אָנגעזעטיקטקײַט און עמאָציאָנעלער קראפט. דער לירישער העלד פון „מעראני“ סימבאָליזירט די גרייטקײַט פונעם מענטשן צו קעמפן מיט מעסירעסנעפעש קעגן דעם „פינצטערן גוירל“. ער שרעקט זיך אָבער ניט, דער מענטש, פאר די בייזע נעוויִעס פון דער שווארצער ראָב, וואָס איז די פארקערפערונג פון די פארדאָרבענע פרינציפן פון דער סאָציאלער ווירקלעכקײַט, ער איז גרייט צו בײַקומען די צײַט־גרענעצן און פאר דער פרײַז פונעם אייגענעם לעבן דורכלייגן פאר די קינפטיקע דוירעס דעם וועג צום ליכטיקן אָסיד.

פאָרויס, פאָרויס, דורך צוימען און געוויטער,
דורך ווינט און שניי, דו קוק ניט אף צוריק.
די טעג און יאָרן דארפסטו מיר פארהיטן,
פאָרויס, פאָרויס, אהין, ווו ס׳פירט דער בליק.
(„מעראני“)[1]

אָט די ווערטער, מיט וועלכע דער לירישער העלד פון „מעראני“ ווענדט זיך צו זײַן באפליגלט פערד, האָבן אָפגעקלונגען ווי א שלאכט־דעוויז פון א גאנצן דאָר, פון א גאנצן פאָלק, וואָס האָט זיך אופגעהויבן צום הייליקן נאציאָנאל־באפרײַערישן רעוואָליוציאָנערן קאמף. דער לירישער העלד פון „מעראני“, וואָס איז געבוירן געוואָרן אפן גרוזינישן באָדן און איז אויסגעכאָוועט דורך דער סאָציאלער ווירקלעכקײַט, איז דער גײַסטיקער מיטגייער און מיטברודער פון פאוסט, טשײַלד־האראָלד און פון אלע אנדערע גרויסע קינסטלערישע געשטאלטן פון דער וועלט־פאָעזיע, וועלכע פארקערפערן אין זיך די אידיי פון דעם מענטשנס ניט־געצוימטער שטרעבונג צו פרײַהײַט. „מעראני“ איז דער גרויסער אידייִש־עסטעטישער מאניפעסט פון דער פאָרגעשריטענער גרוזיע

[1] די לידער זײַנען געגעבן אין דער איבערזעצונג פון א. גאָנטאר.

פֿון יענער צײַט. דאָס דאָזיקע ווערק באַלאַנגט, אָן שום סאָפֿעק, צו די גרעסטע דערגרייכונגען פֿון דער פּאָעזיע פֿונעם רעוואָליוציאָנערן וועלט־ראָמאַנטיזם.

באַראַטאַשווילים פּאָעזיע איז אָנגעזעטיקט מיטן קאַמף, וועלכן דער ליכטיקער סייכל און די דערהויבענע נעשאָמע פֿונעם מענטשן פֿירט איינס אויף איינס קעגן דער פֿאַרקריפּלטער סאָציאַלער ווירקלעכקייט, וואָס איז געבויט אויף שקלאַפֿערײַ און גוואַלדטאַט.

דעמאַסקירנדיק מיט צאָרן די שלעכטע זײַטן פֿונעם לעבן פֿון זײַן צײַט, האָט דער דיכטער געוווּסט און געגלייבט, אַז די גערעכטיקײַט וועט נעמען די אויבערהאַנט איבער די פֿינצטערע קויכעס.

וועון אויפֿן האַרץ איז שוואַרץ, מיך ציט צו זיך
די שקיִע,
וואָס טונקל, ווי מײַן זעל, איז און פֿאַרטראַכט.
די שקיִע זאָגט: „ניט וויין, נאָך נעכט עס
קומען פֿריִען,
די זון וועט ווידער אויפֿגיין, פֿאַרשווינדן וועט
די נאַכט“.

(„שקיִע אויף מטאַצמין“)

באַראַטאַשווילי האָט באַרײַכערט די גרוזינישע ליטעראַטור מיט גלענצנדיקע מוסטערן פֿון פֿילאָסאָפֿישער ליריק. ער טראַקטירט טיף און אייגנאַרטיק די אייביקע פּראָבלעמען פֿון לעבן און טויט, דעם כּיוון פֿונעם מענטשן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, פֿאַרן פֿאָלק. אין די לידער פֿון דעם זשאַנער דערשײַנט פֿאַר אונדז דער דיכטער אַלס פּראָגרעסיווער דענקער, וואָס שטייט אויפֿן ניוואָ פֿון די סאַמע פֿאָרגעשריטענע סאָציאַלע און פֿילאָסאָפֿישע אידייען פֿון זײַן תּקופֿה.

דער צענטראַלער פּונקט פֿון באַראַטאַשווילים פּאָעזיע איז די ליבע־ליריק. אָן איר קאָן מען ניט באַקומען קיין פֿולע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם דיכטערס שאַפֿונג. אין באַראַטאַשווילים ליבע־ליריק איבעראַשט די אַקוואַרעלמילדקײַט פֿון די טענער, פֿון איין זײַט, און דער האַרבער מענערישער אומעט, פֿון דער צווייטער.

אין די לידער אויף ליבע־טעמעס באַזינגט דער דיכטער די שיינקײַט פֿון דעם מענטשנס נעשאָמע, זײַן געטרײַהייט אין דער ליבע.

די שיינקײַט פֿון דער זעל, זי לײַכט, ווי
קלאָרע שנייען,
און קיינמאָל וועט זי שוין ניט ווערן אַלט.
אויף אייביק גליקלעך זײַנען יענע צווייען,
וואָס מיט דער שײַן פֿון ליבע האָבן זיך
צעשטראַלט.
דערוואַרעמט אַלץ האָט דאָס געפֿיל פֿון ביידן,
און אויב ס׳איז אויף דער וועלט פֿאַראַן נאָר ערגעץ־וווּ
אַן אָרט, וואָס אָנרופֿן מע קאָן גאַניידן,
איז דאָס די טרײַהייט פֿון פֿאַרליבטער פּאָר.

(„מענערישע אויסניכטערונג איז ניט קיין פֿאַראַט“)

דאָ איז יעדעס וואָרט דורכגעזאַפּט מיט פּערזענלעכע מאָמענטן, מיט דעם, וואָס דער דיכטער האָט אַליין איבערגעלעבט. עס ווערט דאָ אָבער ניט געמאַכט אַפֿילו קיין פּרווו צו „פֿאַרשליסן“ דעם קרײַז, צו פֿאַרוואַנדלען די פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין סענטימענטאַלקײַט.

א באַזונדער אָרט אין באַראַטאַשווילים שעפֿערישער ירושה פֿאַרנעמט די היסטאָרישע פּאָעמע „דער גורל פֿון גרוזיע“. מיט אָט דעם ווערק איז אין דער גרוזינישער ליטעראַטור פֿון XIX יאָרהונדערט געבוירן געוואָרן די רעאַליסטישע שול. דאָס דאָזיקע ווערק האָט געעפֿנט א וועג פֿאַר דער ברייטער דעמאָקראַטיזאַציע פֿון דער גרוזינישער ליטעראַטור און פֿון דער גרוזינישער שפּראַך. אין דער פּאָעמע איז באַוויזן איינער פֿון די טראַגישסטע עפּיזאָדן אין דער גרוזינישער געשיכטע — דער אָנפֿאַל פֿונעם פּערסישן שאַך אַגאַ־מאַגאָמעט־כאַן אויף טביליסי. עס איז אויסגעמאָלט דאָס געשטאַלט פֿונעם גרוזינישן קייסער איראַקלי II, וואָס מיט זײַן נאָמען איז פֿאַרבונדן דאָס אָנשליסן גרוזיע צו רוסלאַנד.

די פּאָעמע „דער גורל פֿון גרוזיע“ קאָן מען בלויז באַדינגלעך אָנרופֿן היסטאָרישע: אין איר ווערן געבראַכט היסטאָרישע געשעענישן און עס פֿיגורירן באַוווּסטע היסטאָרישע פּערזענלעכקײַטן: איראַקלי II און זײַנע שלאַכט־פֿרײַנט — דער קאַנצלער סאָלאָמאָן לעאָנידזע און זײַן פֿרוי סאָפֿיע. די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק אָבער פֿון דער פּאָעמע, די וויכטיקסטע געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע פֿראַגן, וואָס ווערן אין איר אויפֿגעהויבן, זײַנען געווען עכטע טאָג־פֿראַגן פֿאַר גרוזיע פֿון די דרײַסיקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, ד.ה. פֿאַר דער צײַט, ווען די פּאָעמע איז געשריבן געוואָרן. פֿריש זײַנען נאָך געווען די ווונדן, וועלכע דאָס גרוזינישע פֿאָלק האָט באַקומען אין צוזאַמענהאַנג מיטן פֿאַרלירן זײַן מלוכישע זעלבשטענדיקײַט, מיטן דערטרינקען אין בלוט די פּויערים־אויפֿשטאַנדן, מיטן אויפֿדעקן די פֿאַרשווערונג פֿון 1832 יאָר. פֿון דער צווייטער זײַט, האָבן זיך שוין גאַנץ מאַמאָשעסדיק געלאָזט פֿילן די מײַלעס, וואָס עס טראָגט מיט זיך די אָנשליסונג פֿון גרוזיע צו רוסלאַנד: גרוזיע האָט פֿרײַער אָפּגעעטעמט נאָך די אומענדלעכע בלוטיקע אינוואַזיעס פֿון די פּערסישע און טערקישע דעראָבערער, אין גרוזיע האָט אָנגעהויבן אינטענסיוו ארײַנדרינגען די פֿאָרגעשריטענע רוסישע און אייראָפּעיִשע קולטור, וועלכע האָט געעפֿנט נײַע פּערספּעקטיוון פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿונעם גײַסטיקן לעבן פֿונעם פֿאָלק.

די פּאָעמע הייבט זיך אָן מיט א בילד, וויאַזוי דאָס גרוזינישע מיליטער קעמפֿט מיט מעסירעסנעפֿעש קעגן די איבערוועגנדיקע כאַיאָלעס פֿונעם פּערסישן שאַך. דער לייענער זעט פֿאַר זיך דאָס געשטאַלט פֿון איראַקלי II, דעם פֿלאַמיקן פּאַטריאָט און מוטיקן קריגסמאַן. דער דיכטער פֿירט אונדז ארײַן אין דער געדיכטעניש פֿון די געשעענישן. דער ערשטער טאָג פֿון דער שלאַכט האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן זיג פֿון גרוזיע, וועלכער האָט אָבער אָפּגעקאָסט קאָלאָסאַלע קאָרבאָנעס און מאַטעריִעלע פֿאַרלוסטן. דערנאָך שפּינען די פֿאַרעטער פֿונעם הײמלאַנד זייער בייזן פֿאַראַט, וואָס ברענגט דערצו, אַז גרוזיע לײַדט א גרויזאַמע מאַפּאָלע. דאָס איז גלײַכצײַטיק געווען אויך די ערשטע מאַפּאָלע פֿון איראַקלי II, וואָס וועגן זײַנע העלדנטאַטן האָט זיך מיט ליוב אָפּגערופֿן אַזאַ גאָניטער קריגסמאַן, ווי דער פּרײַסישער קיניג פֿרידריך II (וועגן איראַקלי II ריידן, אגעוו, מיט אַנציקונג די פּערסאָנאַזשן פֿון לעסינגס דראַמע „מינא פֿאָן באַרנהעלם“).

אין איינעם פֿון די שמאָלע באַרג־שפּאַלטן פֿון אַראַגוואַ זעען מיר איראַקלין. ער איז דערשיטערט פֿון זײַן מאַפּאָלע און איז פֿאַרזונקען אין מאַכשאָוועסן וועגן

דעם גורל פֿון גרוזיע און איר צוקונפֿט. צוזאַמען מיטן קייסער געפֿינט זיך זײַן טרײַער ראַטגעבער, דער קלוגער קאַנצלער סאָלאָמאָן לעאָנידזע, מיט וועמען איראַקלי טיילט זיך מיט זײַנע געדאַנקען. אַנאַליזירנדיק ניכטער דעם צושטאַנד פֿון גרוזיע, קומט איראַקלי צום אויספֿיר, אַז קעדיי צו געפֿינען אַ פֿיזישע רעטונג פֿאַר דער נאַציע, איז נייטיק אײַנצושטעלן אַ בונד מיט רוסלאַנד.

איבעראַשט פֿונעם קייסערס באַשלוס, האָט לעאָנידזע, עפּשער צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן, זיך דערוועגט צו דערווידערן דעם קייסער. נאָר איראַקלי האַלט זיך פֿעסט בײַ זײַנס:

אָן איבערברוך איז נייטיק. אויף צו זיגן
מוז דער גרוזין פֿון סוינע זײַן פֿאַרהיט.
נאָר אונטער די רוסלענדישע פֿליגל
וועט ער מיט די פּערסן ווערן קוויט.

אין אָט דער לעבנסוויכטיקער פֿראַגע זײַנען דער קייסער און זײַן ראַטגעבער געשטאַנען אויף פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס. אויף וועמעס זײַט איז דער דיכטער? וועמען האַלט ער אונטער אין אָט דער שאַרפֿער פֿראַגע — דעם קייסער צי דעם קאַנצלער?

ביידן האַלט ער אונטער! אין דעם באַשטייט די ביז גאָר אָריגינעלע און אייגנאַרטיקע קינסטלערישע לייזונג פֿון דער טעמע. דער פּאָעט, וואָס פֿאַר זײַנע אויגן איז דורכגעגאַנגען דער פּראָצעס פֿון פֿלאַנצן אין גרוזיע איבערגוואַלד די ווילדע קאָלאָניזאַטאָרישע פּאָליטיק פֿונעם צאַריזם, האָט ניט געקאָנט לייזן אָט דעם שטרײַט גראָדליניק. ער האָט נישט געקאָנט ניט סימפּאַטיזירן סאָלאָמאָן לעאָנידזען, וואָס האָט געוואָרנט איראַקלין, אַז פֿון אײַנפֿירן אין לאַנד די מאַכט פֿון דער רוסישער זעלבסטהערשונג וועט אויסשטיין די שווערסטע ליידן דאָס גרוזינישע פֿאָלק. צוזאַמען דערמיט האָט דער דיכטער, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער גרויזאַמקײַט פֿונעם זעלבסטהערשערישן רעזשים, ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די קלוגשאַפֿטלעכע פּאָליטישע ווײַטזיכטיקײַט פֿון איראַקלי II, די באַדײַטונג, וואָס זײַן אָריענטאַציע אויף רוסלאַנד האָט אין פֿראַט פֿון פֿאַרהיטן די פֿיזישע עקזיסטענץ פֿון דער נאַציע. אינעם געשטאַלט פֿון סאָלאָמאָן לעאָנידזע באַזינגט באַראַטאַשווילי דאָס דערהויבענע געפֿיל פֿון פֿרײַהײַט־ליבע, אינעם געשטאַלט פֿונעם קייסער — די פּאָליטישע קלוגשאַפֿטלעכקײַט און ווײַטזיכטיקײַט, אַדאַנק וועלכע גרוזיע איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון אומקום.

אין דער פּאָעמע „דער גורל פֿון גרוזיע“ טרעט באַראַטאַשווילי אַרויס אויך אַלס איבערצײַגטער אָנהענגער פֿון רעפּובליקאַנישע אידייען. דער קאַנצלער סאָלאָמאָן פֿאָרמולירט שאַרף זײַן נעגאַטיווע באַציִונג צו זעלבסטמאַכט. עס איז שווער צו גלייבן, אַז דער קאַנצלער, וואָס איז גרענעצלאָז איבערגעגעבן דעם קייסער, זאָל זיך דערהייבן צו רעפּובליקאַנישע אידייען. מע מעג האַלטן, אַז לויטן ווילן פֿון דעם דיכטער זאָגט לעאָנידזע אַרויס די געדאַנקען און איבערצײַגונגען פֿונעם דיכטערס לערער — פֿון סאָלאָמאָן דאָדאַשווילי, וואָס איז געווען אַ פּראָגרעסיווער דענקער, אַ פֿילאָסאָף־רעפּובליקאַנער, דער אידעאָלאָג פֿון דער פֿאַרשווערונג פֿון 1832. דאָדאַשווילי איז אומגעקומען אין דער סיבירער פֿאַרשיקונג.

אין יוני 1845 איז ניקאָלאָז באַראַטאַשווילי באַשטימט געוואָרן אַלס געהילף פֿונעם שעף פֿון גאַנדזשינער אויעזד. אין אָט דעם פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל איז דער דיכטער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן דעם 22 אָקטיאַבער פֿונעם זעלבן יאָר אין פֿולער עלנטקײַט.

פֿיל ווערק פֿון באַראַטאַשווילין זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען און רעכענען זיך פֿאַר פֿאַרלוירענע. נאָר דער טייל פֿונעם דיכטערס ירושה, וואָס האָט זיך פֿאַרהיט, איז דער גרויסער אוצר פֿונעם גרוזינישן פֿאָלק.

יִדיש — מ. איטקאָוויטש

דער טשינאַר

א שלאַנקער, א יונגער טשינאַר אף אן איינזאַמען פעלדז אף א שטילן.
די דופּטיקע צווייַגן צעשפּרייטן א שאָטן א קילן.

ס׳איז גוט דאָ צו זיצן און הערן פון בלעטער דאָס רוישן,
פאַרגעסן דעם צאַר פון דער וועלט בא די כוואַליעס, וואָס פלוישן.

עס אײַלט זיך, עס ברומט די קורא, דעם טשינאַר טוט א ווינטעלע וויגן,
און ס׳שווימט אין דער לופט אזא זיסער פאַרכאָלעמטער ניגן.

איך גלייב — ס׳איז פאַראַנען א שפּראַך בא דעם טײַך, בא די ביימער,
קיין שענערע שפּראַך אין דער וועלט עס פאַרמאָגט גאָר ניט קיינער.

עס גלעטן די כוואַליעס די פיס פון טשינאַר מיט האַכנאָע,
און ס׳וואַרפט די קורא אפן פעלדז אירע וואַסערן קלאָרע.

נאָר שטאָלץ קוקט דער בוים פון דער הייך אינעם הימל
און שאָקלט פאַמעלעכן צו מיטן קאָפּ, ווי אין דרימל.

עס בייגט אים דער ווינט, און דער טײַך הייבט אָן קלאָגן און וויינען,
פון אייפער צעקלאַפּט ער די וועלן אין ראַנד פון די שטיינער.

אזוי־אָ פאַרבאָרגן עס לײַדט א פאַרליבטער פאַר דער, וואָס איז טײַער,
אויב ס׳ברענט אף אן עמעס אין האַרצן פון ליבע דאָס פײַער.

יידיש — א. זינגער

דאָס קינד

כ׳האָב ליב, כ׳האָב ליב דאָס פלאַפּלען פונעם קינד,
ס׳איז ליב זײַן לאָשן, סוידעספּול און מילד,
דאָס איז גאַניידן־לאָשן, נאָר א קינד אף אָט דעם לאָשן רעדט,
גאַניידן־פליטערל — דער מאַמעס בריסטן גלעט.

דאָס קינד באַשאַפט די וועלט זײַנע אליין.
אַכוץ דער מאַמעס מילך, עס וויל ניט מיין,
מיט שמייכעלעך געכאָוועט, ס׳אָטעמט, ס׳לעבט,
אין רוימען שוין, אין לעבן שוין עס שוועבט.

דעם טאַטן נאָכמאַכן זיך נאָך ניט אײַנגעשטעלט,
זיך נאָך ניט אָפּגעבריט מיט בליץ־פונקען פון וועלט.
כ׳האָב ליב, כ׳האָב ליב דאָס פלאַפּלען פונעם קינד,
ס׳איז ליב זײַן לאָשן, סוידעספּול און מילד.

יידיש — ש. דריז

אווראָם גאָנטאַר

די בערדיטשעווער

געווינלעך דערקען איך פון די ערשטע ווערטער, ווער עס שרײַבט צו מיר. דאָס מאָל האָב איך אַפילע געכאַפּט א קוק אַפן פאַרדרייטן אונטערשריפט פון דעם בריוו און דאָך זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, ווער דער אדרעסאַט איז. כ'האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זײַן מײַנער א בען־איר, א בערדיטשעווער.

„מישנדיק „סאָוועטיש הײמלאַנד“, — שרײַבט ער, — האָב איך אָנגעטראָפן אַף דײַנער א פאָטאָגראַפיע, אָבער קעדיי זיך דערמאָנען דאָס באָכערל, וואָס איך האָב געקענט מיט פערציק יאָר צוריק, האָב איך געמוזט אָפּווענדן דעם בליק פונעם זשורנאַל און שטײַף צומאַכן די אויגן...“

ווער שרײַבט עס?

אַפן קאָנווערט האָב איך לײַכט איבערגעלייענט די פאַמיליע — סאַפּיאַן!

ווי האָב איך עס גלײַך זיך ניט געכאַפּט, אַז דאָס איז ער, מײַן אַלטער, גוטער סאַפּיאַן!

ווען איך זאָל איצט ייִנגער זײַן אַפילע ניט מיט קיין פערציק, נאָר כאָטש מיט א צוואַנציק יאָר, וואָלט איך לאַנג ניט געקלערט, זיך אופגעזעצט אַפן באַן און אין א מעסלעס אַרום שוין געווען אין בערדיטשעוו, אַף ניקאָלסקע, בא דעם איינשטאָקיקן ציגלנעם מויערל, ווו איך האָב מיט פיר צענדליק יאָר צוריק צום ערשטן מאָל באַגעגנט די, וועגן וועלכע איך וויל דאָ דערציילן.

ניקאָלסקע...

...א לאַנג געסל. די הײַזער זײַנען פאַרוקט אין געדיכטע פרוכט־סעדער. די צווײַגן הענגען אַריבער איבער די שטאַכעטענע פּלויטן. פרילינג זײַנען די ביימער אָפּגעשאָטן מיט ווײַסן ווײַנשלצוויט, מיט ראָזן צוויט פון עפּל און באַרן, נאָר די ייִנגלעך פון די פּיסקעס לויפן אהער דאַפּקע האַרבסט־צײַט, ווען די שווערע צווײַגן, אָנגעגאָסענע מיט רויטע פּעפּינקעס און גלעקלדיקע באַרן, פאַלן צו צו די פּלויטן. די צווײַגן בעטן זיך מאַמעש: „האָט ראַכמאָנעס, אָט־אָט וועלן מיר פּלאַצן...“ אינמיטן העלן טאָג קומען זיי אהער צו לויפן, די כעווריניקעס, באַוואָפנטע מיט לאַנגע שטעקנס מיט שאַרפע טשוועקעס אַף די עקן, און קערן זיך אום אהיים מיט פולע קעשענעס, אָנגעשטאָפּטע בוזעמער. די כעוורע ווייסן — אויב די באַלעבאַטים וועלן זיי אַפילע פאַקן, וועט קיינער מיט קיין פינגער זיי ניט אָנרירן. דאָ ווױנען אינטעליגענטן, און א דאָקטער צי אַן אַדוואָקאַט וועט בא א ייִנגל פון די פּיסקעס ניט אַראָפּרײַסן דאָס היטל, ניט אוועקפירן פאַרן אויער דעם שקאָדעניק צום טאַטן — דאָס פּאַסט פאַר נעכעמיען פונעם בערגל, נאָר ניט פאַרן דאָקטער שערענצעס...

ניטאָ דער מענטש אין שטאָט, וואָס זאָל זיך ניט גרויסן מיט שערענצעסעס דרײַשטאָקיקן מויער. ווען עס קומט א גאַסט פון טשודנאָוו צי פון פּאָלאָנע, פירט מען אים באַווײַזן דרײַ זאַכן — דעם „קרעפּאָסט“, די „באַשניע“ און „שערענצעסעס מאָווער“.

צוויי מאָל אין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו זײַן בא שערענצעסן. צו אונדז אין שטוב האָבן מיר אים קיינמאָל ניט גערופן, שערענצעס איז ניט פון די דאָקטוירים, וואָס זאָל גיין צו א מוליער פון די פּיסקעס; אהער פלעגט קומען, ווען מע איז, ניט הײַנט געדאַכט, קראַנק געוואָרן, מאַרדער דער רויפע. אָבער עס טרעפט אַמאָל, אַז א דאָקטער דאַרף אָנקומען נאָך א רעפוע צו א פּראָסטן מוליער. האָט טאַקע פּאַסירט, און שערענצעס האָט געשיקט רופן דעם טאַטן...

אין איינעם אַן עסעריקן האַרבסט־טאָג האָט זיך לעבן אונדזער שטוב אָפּגעשטעלט א פאַעטאָן. דורך דעם פענצטער האָב איך געזען, ווי דער אָנטרײַבער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאָזלע און זיך געלאָזט צו אונדז אין הויף אַרײַן.

— מאמע, — האָב איך אויסגעשריגן, — שערענצעס איז צוגעפֿאָרן — מינאַסטאַם צו באַסיען, צו מייער דעם געגנדזוערס.

אין א מינוט ארום האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון אונדזער קיך, און איך האָב דערהערט א דונערדיקע שטים פֿון א פרעמדן מאַנצבל:

— כ׳האָב געטראָפֿן? דאָ וווינט יידל? יידל דער מוליער?

די מאמע איז א בלאַסע געשטאַנען אנטקעגן קוטשער און מוירע געהאַט ארויסברענגען א וואָרט.

— וואָס זײַט איר פֿארציטערט געוואָרן? נאַ־רישע יידענע, — האָט יענער זי בארויקט, — אײַער מאַן איז ניטאָ אין דער היים?

— אז ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן! איר האָט מיך איבערגעשראָקן אף טויט. איך האָב שוין געמיינט, די שאָ זאָל ניט זײַן... — האָט די מאמע זיך ניט געקאָנט בארויקן.

דער קוטשער האָט אראָפּגענומען פֿון קאָפּ דאָס נאַסע צעראַטענע היטל און עס גוט אויס־געטרייסלט אינמיטן קיך. אומגעריכט האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו מיר, כיטרע א ווונק געטאָן מיטן לינקן אויג צום פענצטער און פריי־לעך מיך א פרעג געגעבן:

— דו וואָלסט כיישעק געהאַט זיך דורכקאָ־טײַען אין שערענצעסעס בויד? — און צו דער מאַמען: — איך בין געקומען רופן אײַער מאַן צום דאָקטער. דרײַ טעג, אז ער גייט ארום א פֿארטשאַדעטער, דער רויך האָט אים שוין אופּ־געגעסן די לונגען. — דער קוטשער האָט זיך צעהירזשעט, ווי א גוטער אָגער.

— איך פֿארשטיי שוין, איר דארפט א דאָק־טער צום דאָקטער, — האָט די מאמע געערעדט מיט א שמייכל, — ער איז ניטאָ אין דער היים, אונדזער דאָקטער.

— ווײַל איך טאַקע, אז אײַער קאַראַפּוזיק זאָל צופֿאָרן מיט מיר צו בערעלע „טשאָם נע זשו־ריסיא״.

דאָס האָט מיך שוין פֿארדראָסן. פֿונוואַנען ווייסט ער, אז דער טאַטע איז דאָרט, בא בע־רעלען אין שענק?

— קריגט זיך אן אנדער מוליער, — האָב איך זיך אָנגעבלאָזן.

די מאמע האָט, ווײַזט אויס, דערזען, אז די אויגן זײַנען מיר פֿאַרלאָפֿן מיט קאַס, האָט זי א שפּאַן געטאָן און מיר ארופגעלייגט ביידע הענט אף די אקסל.

— טו אָן דאָווידס שטיוועלעך און פֿאָר צו, — האָט זי רויק, נאָר אף איר שטייגער באַפעלעריש געזאָגט, — וועסט ארויסרופֿן דעם טאַטן און קומען צוריק.

דעם טאַטן האָבן מיר באַגעגנט אינמיטן וועג. איך האָב נאָך פֿונדערווײַטנס דערזען, ווי ער שפּאַנט פּאַמעלעך אונטערן רעגן. דעם קאָפּ האָט ער ארײַנגעצויגן אין די אקסל, די הענט ארײַנגערוקט טיף אין די קעשענעס און גלײַכ־גילטיק געטיאָפּעט איבער די קאַליוזשעס, ניט אויסקלײַבנדיק קיין סטעזשקע.

כ׳האָב זיך ארויסגערוקט פֿון אונטער דער לעדערנער בויד און אים א רוף געטאָן.

— טאַטע!

דער פֿארטשיק האָט אים אויך באַמערקט און אָפּגעשטעלט די פֿערד.

— זעצט זיך ארײַן, רעב יידל, דער דאָקטער שערענצעס האָט מיך געשיקט נאָך אײַך.

דער טאַטע האָט גאָרנישט ניט געפרעגט, גלײַך ער וואָלט געוווּסט, אין וואָס עס גייט. ער האָט ארופגעשטעלט א פֿוס אפֿן אײַזערנעם בענקעלע פֿונעם פֿאַעטאָן.

— נו, איז וואָס שטייסטו, בענטשיק? פֿאָר! — האָט דער טאַטע פֿריילעך א זאָג געטאָן צום קוטשער און זיך ברייטלעך צעזעצט אפֿן ווייכן לעדערנעם געזעס. — און צו מיר: — ווי גע־פֿעלט דיר דער ארויספֿאָר, האַ?

איך האָב געשוויגן. איבער דער לעדערנער בויד האָט געשמיסן דער רעגן. איך האָב גע־טראַכט: „בענטשיק רופֿט ער אים, דער טאַטע, ער מאַכט מינאַסטאַם אויך בא בערעלע „טשאָם נע זשוריסיא״ אן איין־און־צוואַנציק, אָט דער בורמילע...״

איך האָב זיך ניט באַוויזן ארומקוקן, ווי מיר זײַנען שוין געווען אף ניקאָלסקע. בענטשיק האָט אָנגעצויגן די ווישקעס, און די פֿערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿונקט בא די מירמלנע טרעפּ פֿון שערענצעסעס מויער.

דער טאַטע האָט מיר דערלאַנגט א האַנט און מײַסע באַלעבאַס גענומען פֿירן מיך איבער די אינווייניקסטע טרעפּ. בענטשיק איז געגאַנגען פֿון פֿאָרנט, זיך אומגעקוקט, צי מיר גייען אים נאָך. דאָס מאָל האָט ער צו מיר א ווונק געטאָן שוין מיט ביידע אויגן מיטאַמאָל און דערבײַ געמאַכט א לייצאָנישע צורע. עס האָט געזאָלט באַטײַטן: „שרעק זיך ניט, קאַראַפּוזיק״. איך האָב זיך אָבער געשראָקן. נײַן, ניט פֿאַר דער רײַכער שטוב, נאָר פֿארן טאַטן. איך האָב זיך אפילע ניט פֿאָרגעשטעלט, אז דער טאַטע, דער מאָרעשכוירעניק, דער שווײַגער, זאָל זיך פֿילן אזוי פֿרײַ, און ווו? באַם דאָקטער שערענצעס אין הויז.

— וואָס קוקסטו זיך אונטער די פֿיס? — האָט ער אף א קאָל צו מיר געזאָגט. — אין דרויסן איז א בלאָטע, וועט מען זיך מוזן מאַטריעך זײַן און אופּראַמען.

איך האָב זיך שוין אָנגעשטויסן, אז דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען, אָבער אין דער מאָס, קיין גוואַלדן וועט ער דאָ ניט מאַכן.

בענטשיק האָט אונדז ארײַנגעפֿירט אין א גרויסן צימער. אַלע פענצטער זײַנען געווען

צעפּראַלט, פונדעסטוועגן איז דאָרט געשטאַנען א געדיכטער רויך — כאָטש האַק אים מיט א האַק. פון עפּעס א זײַטיקער טיר איז מיט דריבנע פלינקע טריטעלעך אַרײַנגעשפּרונגען א דאַרע, הויכע פרוי מיט א געקעסטלטער שאַל אַף די אַקסל. זי האָט מיט א פּישטשענדיק פויגל־קעלכל גענומען שרײַען אַף בענטשיקן:

— צום מאַלכהאַמאָוועס וואָלט איך דיך בעס־סער געשיקט! דער טשאַד איז שוין דערגאַנגען פונעם גאָרגל ביז די פּיאַטעס. די פּליטע קאָן מען ניט אונטערהייצן...

בענטשיק האָט מיט בײדע הענט זיך פאַר־שטעלט די אויערן און גענומען שפּאַנען אַף איר, אַט־אַט וועט ער זי צעטרעטן.

— שאַ, וואָל איך הײַנט קיין קוגל ניט עסן! אָפּגעמאַכט, מײַן קאַנאַריקל?

— טאַקע נאָר פאַר דיר דאַרט מיר דער קאָפּ! — האָט זי געשריִען, אָפּטרעטנדיק אַף צוריק. — גיי שוין, ליימענער גולעם, דער באַלעבאָס וואַרט אַף דיר אין ייִנגלשן כיידערל.

בענטשיק האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אַרמיאַק, דאָס היטל און געבליבן אין איין קאַ־סאַוואָראָטקע, וואָס איז איבערגעגאַרטלט געווען מיט א זײַדן שנירל. ער האָט מיט די גרויסע פינגער א קעם געטאָן די האָר אַף אַרוף, א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אזוי אז די גרינגע ליכטיקע האָר האָבן זיך א ביסל צעשאָטן איבער די שלייפן און איבערן הויכן שטערן. ערשט דעמלט האָב איך באַמערקט, ווי שיין און געזונט דער באָכער איז. דאָס „קאַנאַריקל" האָט זיך אויך פאַרקוקט אַף בענטשיקן. אין אירע אויגן האָבן א שײַן געטאָן הייסע פונקען.

— טו נאָר א קוק, ווי עס פוצט זיך, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

בענטשיק איז ארויס פון צימער און אין א פּאָר מינוט ארום זיך אומגעקערט צוריק. מיט די אויגן האָט ער א ווונק געטאָן, מיר זאָלן גיין נאָך אים.

אינמיטן לאַנגן קאָרידאָר, דורך וועלכן ער האָט אונדז געפירט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און עפּעס שטיל געזאָגט דעם טאַטן אַפן אויער. דער טאַטע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

כאָטש אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיק, האָבן אינעם „ייִנגלשן כיידערל", ווו ס'איז גע־זעסן דער דאָקטער שערענצעס, געברענט צוויי גרויסע טיש־לאַמפּן; איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אז ניט צוליב דער שײַן ברענען זיי, די לאַמפּן, נאָר אז עס זאָל זײַן א ביסל וואַרעמער.

דעם דאָקטער האָב איך גלײַך דערקענט. א פּאָר מאָל האָב איך אים געזען, ווען ער איז געקומען צו אונדזער באַלעבאָס פונעם געהײַ, צו מייער געגנדזער — שערענצעס האָט געהיילט מייערס טאָכטער, די משוגענע באַסיע.

ווען דער דאָקטער פלעגט צופאָרן צום הויף, פלעגן אונדזערע שכנים קנײטשן מיט די אַקסל:

— ארויסגעוואָרפן געלט.

— ווי א טויטן באַנקעס וועט עס איר שוין העלפן.

בא זיך אינעם קליינעם קאַלטן צימערל האָט דער דאָקטער מיר אויסגעזען צו זײַן קלענער און מאָגערער, ווי איך האָב אים פאַרגעדענקט. בלויז דאָס בערדל מיט די וואָנצעלעך זײַנען געבליבן די זעלבע, אזוי האָט זיך מיר אויס־געדאַכט.

ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען צו אים, האָט ער זיך אופגעשטעלט פון בענקל און געגאַנגען אונדז אנטקעגן.

— בענציע דערציילט וועגן אײַך ניסים, — האָט דער דאָקטער אויסגעצויגן דעם טאַטן די האַנט. די צווייטע האַנט האָט ער ארופגעלייגט מיר אפן אַקסל.

איך האָב זיך געכידעשט, וואָס דער דאָקטער רעדט אַף ייִדיש, און שוין אינגאַנצן אופגעהערט זיך צו שרעקן.

— נו, אדרבא... מיר וועלן דאָ דערשטיקט פון רויך און פאַרקאַלייעט פון קעלט, — האָט דער דאָקטער געריבן די הענט.

ווײַזט אויס, אז דער טאַטע האָט שוין פון פריִער געהאַט באַטראַכט, וואָס ער האָט צו זאָגן דעם כאַשעוון באַלעבאָס, האָט ער גלײַך אויס־געשאָסן:

— עס וועט אײַך קאָסטן א פינף־און־צוואַנ־ציקער, דאָקטער, און געדויערן וועט דאָס שטיקל ארבעט ניט מער, ווי א האַלבע שאָ, זאָלט איר קיין פאַריבל ניט האָבן.

דער דאָקטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן באַם אַראָפּלאָזן אפן בענקל, האָט ווידער זיך אויס־געגלײַכט. ער האָט מיט בײדע אויגן געכאַפּט א קוק דורך די פענסנע אפן טאַטן, אָבער באַלד זיך גענומען אין די הענט און א שמייכל געטאָן:

— אינגאַנצן א פינף־און־צוואַנציקער?

מיט א נערוועזער באַוועגונג האָט ער געמאַכט עטלעכע גרויסע שפּאַן, אופגעשלאָסן דאָס רונדע גאָפּרירטע דעקל פון דער קאָנטאָרקע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער, ארויסגעכאַפּט פון דאָרט א קנאַקעדיקע אסיגנאַציע און זי אויס־געצויגן דעם טאַטן:

— אַט האָט איר אײַער האָנאָראַר, פּראָפעסאָר.

די ווערטער זײַנע האָב איך ניט פאַרשטאַנען, נאָר געפילט האָב איך, אז דער דאָקטער לאַכט זיך אויס פונעם טאַטן. מיר איז אָבער געפעלן געוואָרן די שפּיל. איך האָב א פאַרגאַפטער געקוקט אפן טאַטן, וואָס האָט גלײַכגילטיק גע־נומען דאָס געלט און עס אַרײַנגערוקט אין קע־שענע פון די פאַרקאַלכטע הויזן. כ'האָב אויך באַמערקט, ווי בא בענטשיקן האָבן זיך די אויגן

פאַרזשמורעט, געוואָרן ווי צוויי קליינע שפּיל־
טיקלעך.

מיר זײַנען ווידער געגאַנגען אַלע דרײַ — בענטשיק, דער טאַטע און איך — איבערן לאַנגן קאָרידאָר, דערנאָך ווידער אַרײַן אין גרויסן צימער מיט די אָפענע פענצטער. דער טאַטע האָט געהייסן ברענגען א לייטער, אַן עמער ליים, א ביסל צעמענט און א קעלניע מיט א האַמער.

דעם טאַטנס באַקאַשע איז באַלד אויסגעפּילט געוואָרן, ווי מע וואָלט דאָ פריִער וויסן, וואָס ער וועט בעטן.

דעם לייטער האָט געבראַכט בענטשיק, ער האָט אים געטראָגן אַף ביידע אויסגעצויגענע הענט, פּונקט ווי אַן אַקראָבאַט אין צירק. אָט־אָט וועט ער כאַפּן א טענצל צוזאַמען מיטן לייטער. דאָס געצײַג מיטן עמער ליים האָט אַרײַנגעטראָגן דער „קאַנאַריק".

ווען דער טאַטע האָט זיך אופגעהויבן אַפן לייטער, וועלכן ער האָט צוגעשטעלט צו דער הויכער קאַכלנער הרובע, און אָנגעהויבן אַרויסקאַלופּען א געשניצטע פּליטקע, האָט די פּרוי מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די אויסגעדאַרטע באַקן, גלײַך מע וואָלט בא איר גענומען רײַסן א צאָן. וואָס האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן?

— כאַלעש ניט, איטע, די אויגן וועט ער דיר ניט אויסקאַלופּען, — האָט בענטשיק זי גענומען באַרויִקן, — די קאַכליעס וועלן גאַנץ בלײַבן.

יענע איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן אַף קיין שפּאַן. דער טאַטע האָט איבערגעגעבן די אַרויסגענומענע קאַכליע בענטשיקן אין די הענט און אַליין פלינק און געשיקט אַרויסגעהאַקט א פּאָר ציגל פון דער הרובע. דערנאָך האָט ער אַרײַנגערוקט די רעכטע האַנט ביז דער פּאַכווע אין דעם כאַלעל און אַרויסגעשלעפּט פון אינווייניק א קײַלעכדיקע שטיק איבערגעברענטע ליים, א מין זשוזשעליצע די גרייס פון א קאָרן ברויטל.

דער רויך, וואָס האָט ביז איצט אָנגעפּילט דעם צימער, האָט זיך א צי געטאָן צו דער לאָך, וואָס דער טאַטע האָט געמאַכט אין דער הרובע.

איך בין געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל — ניט אַנדערש, אַז דער טאַטע האָט געוווּסט, ווו דער קוימען איז פאַרשטאָפּט...

— איר קאָנט גיין אײַנהייצן די פּליטע, — האָט דער טאַטע אַראָפּגערעדט פונעם לייטער צו איטען.

— שוין?! — האָט די קעכנע אויסגעשריִען. — און איר וועט זיך ניט שעמען קוקן דעם דאָקטער אין די אויגן? — זי האָט אַזש געקריצט מיט די דריבנע ציינדלעך.

ניט אַנדערש, אַז זי איז געשטאַנען הינטער דער טיר פונעם יינגלשן כיידערל, — האָב איך געטראַכט.

דער טאַטע האָט איר ניט געענטפערט. ער האָט פלינק פאַרמויערט די לאָך, אײַנגעפּאַסט אַפן אָרט די פּליטקע און ערשט דאַן געזאָגט:

— קומט, איטע, לאָמיר א קוק טאָן, ווי וועט איר איצט ברענען.

איטע האָט א וואָרף געטאָן מיט די אַקסל און מיטן קאָפּ, ווי מע וואָלט זי אָפּגעלאַפּעט מיט א קאַלטער שיסל וואַסער. פונדעסטוועגן איז זי גיך אַראָפּגעלאָפן פון די קאָרידאָר־טרעפּ און אונדז אַרײַנגעפּירט אין קיך. דער טאַטע האָט אופגעעפנט דעם פאַרוקער פון דער פּליטע, אָפּגעפּליקט פון א שײַטל בערעזע־האָלץ א שטיקל ווײַסע קאָרע און זי אונטערגעצונדן מיט א שוועבעלע. ער האָט קוים באַוויזן אַרײַנרוקן אין דער פּליטע די קאָרע, ווי זי האָט גענומען פלאַקערן.

— מיר קאָנען שוין גיין, — האָט דער טאַטע מיך גענומען פאַר א האַנט, — און איר, איטע, זאָגט אײַער באַלעבאָס, אַז ער זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן, דער פינף־און־צוואַנציקער איז סײַווי זײַנער. אַז מע האָט זעקס קינדער, מוז מען אַמאָל אָנקומען צו א גוטן דאָקטער.

א צווייט מאָל בין איך געווען בא שערענצעסן אין מויער מיט א סאַך יאָרן שפּעטער, אין נאָמען פון די שילער און פּיאָנערן האָב איך פון שערענצעסעס באַלקאָן געלייענט א שיר פאַר דער ערשטמײַיקער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאַרבײַגעגאַנגען ניקאָלסקע און זיך געלאָזט צום צענטער פון שטאָט — צו דער בעליפּיליער גאַס.

דעם שיר האָב איך געלייענט דורך א בלעכענער רער, וואָס האָט שטאַרקער געמאַכט דאָס קאָל. דער ערשטער האָט גערעדט שיקע שפּילבערג — פונעם שטאָט־סאָוועט, מיט וועלכן מיר האָבן שוין עטלעכע יאָר געוווינט בישכיינעס אינעם געוועזענעם הויז פון דעם שטאָט־גוויר מוישע קאָבילאַנסקי.

שיקע שפּילבערג איז ביז ניט לאַנג געווען א שלאָסער. זײַער הייפּל אַף די פּיסקעס איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן אונדזער פענצטער: איך געדענק גוט, וויאַזוי מע האָט אים פון דאָרט אָוועקגעפּירט קיין סיביר. דאָס האָט ער (דעמלט האָט ער שוין געאַרבעט אין שטאָט־סאָוועט) אונדז אַרײַנגעשטעלט אין צעטל אַף א דירע אין קאָבילאַנסקיס הויז. דאָס איז ער געקומען מיט א וואָגן, אַרויסגעטאַסקעט אונדזער ביסל דאָברע־מאַזל און עס אָוועקגעפּירט צו קאָבילאַנסקין אין מויער.

ווען די מאַמע מײַנע האָט מיט א וואַזאָנע אין די הענט זיך אופגעהויבן אַפן צווייטן שטאָק, איז זי, א דערשראָקענע ביז צו כאַלעשן, געבליבן שטיין אַנטקעגן וואַנט־שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אין קאָרידאָר. זי האָט זיך גענומען אַרומקוקן, צי קיינער גייט איר ניט נאָך, איר האָט זיך, ווײַזט אויס, געדאַכט, אַז זי האָט, ווי

אַ גאַנעוועטע, זיך אַרײַנגעשמוגלט אין אַ פרעמד רײַך הויז, און אָט באַלד וועט מען זי כאַפּן און אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ. ווען שיקע שפּילבערג האָט זי אַ רוף געטאָן, האָט זי פון שרעק שיִער ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט איר באַליבטע וואַזאָנע.

— אָט דאָס איז אײַער דירע, — האָט שיקע צעעפנט ביידע טירן.

די מאַמע איז געבליבן שטיין אַף דער שוועל, געכאַפּט אַ קוק אַף דעם גלאַנצנדיקן דיל, אַף די ווענט מיט די אייל־געמעלן און אַ ביטערן שמייכל געטאָן.

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — דאָס איז ניט פאַר מיר קיין דירע. איר לאַכט פון מיר אוודע.

שפּילבערג האָט פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע גלייבט ניט אירע אייגענע אויגן. האָט ער זי אָנגענומען פאַר די אַקסל און אַרײַנגעפירט אין ערשטן צימער, דערנאָך אין צווייטן, אַרויסגענומען די וואַזאָנע פון אירע הענט און זי אוועקגעשטעלט אַפן פענצטער.

— קיינער לאַכט ניט פון אײַך, רייזל, איצט לאַכן מיר פון קאַביליאַנסקין, — געזאָגט האָט ער דאָס אַזוי פּראָסט און זיכער, אַז די מאַמע האָט זיך באַרויִקט. דאָך איז זי לאַנג געשטאַנען לעבן די פּעק און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

שפּעטער מיט אַ צײַט האָט סאַפּיאַן, דער גוטער אַלטער סאַפּיאַן, וועמענס בריוו עס האָט מיך הײַנט אוועקגעפירט צו מײַן קינדהײַט, אָפּגעדרוקט אין דער בערדיטשעווער „וואָך“ „מײַן אַנקעטע“:

...אין מויער פון דעם שטאָט־גוווער,
מיט שפּיגלען אין די ווענט,
מ׳האָט אונדזער סקאַרב אַרײַנגעפירט,
די מאַמע שטייט פאַרשעמט...
עס ציטערן איר הענט און פּיס,
זי בעט זיך: — קומט צוריק.
מע לאַכט פון אונדז, מע שפּעט געוויס...
זי גלייבט ניט אין איר גליק.
די גאַס אין שפּיגל צו מיר ווינקט,
איך קוק אין אים שוין לאַנג.
אַ ראָטע רויטאַרמייער זינגט —
ס׳איז ליב מיר דאָס געזאַנג.
איך עפן אויף די הויכע טיר
און אַלץ אַרום כ׳באַנעם:
— דאָס זינגט מען, מאַמע, וועגן דיר, —
«Кто был ничем, тот станет всем».

איך ווייס ניט פונוואַנען, נאָר שיקע שפּילבערג, דער ציגײַנער, האָט זיך דערוווּסט, אַז איך שרײַב. קאָן זײַן, אַז די מאַמע האָט אים באַוויזן מײַנס אַ העפטל.

ער איז צו מיר איינמאָל אַרויסגעגאַנגען אין סאָד, וואָס האָט אַרומגערינגלט אונדזער הויז, זיך אויסגעצויגן אין גראָז לעבן דער באַנק, ווו איך בין געזעסן, און, קוקנדיק אין הימל אַרײַן, מיך אַ פרעג געטאָן:

— דײַן וואָזשאַטע זעליקמאַן האָט דיר שוין געזאָגט?

— אַז וואָס? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

— אַז דו דאַרפסט אַרויסטרעטן דעם ערשטן מײַ פאַר דער דעמאָנסטראַציע.

— איך? איר לאַכט פון מיר אוודע!

— פּונקט ווי די מאַמע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין, — איך לאַך ניט, אָוררעמפּל. פון שערענצעסעס באַלקאָן וועסטו לייענען. איך האָב געבעטן זשעניע זעליקמאַן, איר זאָלט גוט דורכרעפּעטירן, עס זאָל רײַסן שטיקער. אָ! — האָט ער מיט זײַן גרויסן פויסט אַ טרייסל געטאָן אינדערלופטן.

דעמאָלט בין איך שוין געווען אַ גרויסער און פאַרשטאַנען וואָס צו לייענען.

איך האָב געטראָגן אַ רויטן פּיאָנערישן האַלדזטוך אַפן פּיקייענעם העמדל מיט די פאַרקאַשערטע אַרבל. איך בין געשטאַנען אַפן באַלקאָן פון דעם דאָקטער שערענצעסעס מויער און דורך אַ בלעכענער רער, וואָס שפּילבערג האָט אַליין געמאַכט, געלייענט פאַר דער שפּאַנענדיקער דעמאָנסטראַציע:

מיר גייען אין דײַנע פּאַרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהײַט...

געוויס האָט שפּילבערג פאַרשטאַנען, אַז מיר, איך און זשעניע זעליקמאַן, האָבן אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, נאָר ער האָט זיך ניט ווײַזנדיק געמאַכט.

„...דו געדענקסט נאָך, — שרײַבט סאַפּיאַן, — דאָס מויערל פון דער „וואָך“ לעבן דאָקטער שערענצעסעס הויז? מע זאָגט, אַז די דײַטשן האָבן עס ניט כאָרעוו געמאַכט...“

יאָ, דאָס איינשטאָקיקע מויערל מיט די גרויע ציגלנע ווענט שטייט נאָך אַזוי, ווי עס איז געשטאַנען ביזן קריג. די טויבע פײַערוואַנט גייט אַרײַן אין שערענצעסעס הויף. איצט איז אינעם דאָקטערס דרײַשטאָקיקן מויער דער שטאָטסאָוועט. דאָס מויערל פון דער רעדאַקציע „די וואָך“ פאַרנעמט עפּעס אַ קאָנטאָר. פאַרצווייאָרן, ווען איך בין געווען אין בערדיטשעוו, בין איך געגאַנגען אַ קוק טאָן אַף דער געוועזענער רעדאַקציע, נאָר ס׳איז געווען אַ רו־טאָג און די טירן האָב איך געטראָפן פאַרשלאָסן. דורך די פענצטער האָב איך געזען שרײַבטישן, ביכערשאַפעס, אַ פײַער־קאַסע. אַף דער אַרײַנגאַנגטיר איז געהאַנגען אַ שוואַרץ גלעזערן שילדל מיט זילבערנע אויסיעס, נאָך איך געדענק איצט ניט, וואָס איז דאָרט געווען אָנגעשריבן.

דערפאַר געדענק איך גוט דאָס באַשיידענע קאַרטאָנענע שילדל, וואָס איז דאָ געהאַנגען מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק: רעדאַקציע „די וואָך“.

...הונדערטער מאָל בין איך פאַרבײַגעגאַנגען דאָס גרויע אײַנשטאָקיקע מויערל, ביז איך האָב געפויעלט בא זיך אַריבערטרעטן די שוועל פון דער רעדאַקציע.

א שאַבעסדיקער אינדערפרי (אין בערדיטשעוו איז יענע יאָרן דער רו־טאָג נאָך געווען שאַ־בעס). עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. די פאַריקע נאַכט בין איך שלעכט געשלאָפן. כ׳בין מיט אָפענע אויגן געלעגן אויף דער קאַנאַ־פּע און געקוקט אויף די שאָטנס, אויף די קליינע שאָטן־מענטשעלעך, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן דורך די שפּאַלטן פון די הויכע ווײַסע לאָדן און זיך באַוועגט אויף דעם סופיט. — איך האָב גע־קוקט אויף זיי, און אין מויעך האָט זיך געפּלאָנ־טערט: „עס וועט הײַנט זײַן צי ניט? ס׳וועט הײַנט זײַן צי ניט?" פון דעם „יאָ" צי „ניט", האָט זיך מיר געדאַכט, איז געווענדט אַלץ. אויב „די וואָך" וועט אָפּדרוקן מײַן ליד „פּיסקעס", וועל איך פאָרן לערנען קיין אָדעס, אויב ניט, וועל איך בלײַבן א מוליער... מע האָט ווידער אָנגע־קלאַפּט. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון געלע־גער, אופגעקייטלט די טיר. אין קאָרידאָר איז געשטאַנען וועלפקע, יִסראָעל דעם סטאָליערס עלטער באָכערל. ער האָט מיך א רוף געטאָן מיט א פינגער, זיך אופגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און מיר אײַנגערוימט אין אויער:

— ס׳איז אָפּגעדרוקט!

איך האָב פאַרקלאַפּט די טיר פאַר זײַן נאָז. דאָס האַרץ האָט שטאַרק זיך קאַלויִצעט, עטלע־כע ווײַלעס בין איך געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָנגעשפּאַרט מיט דער פלייצע צו דער וואַנט.

ווען איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ אינעם גרעראַמען קאָרידאָר פונעם ערשטן שטאָק, האָב איך דערזען אויף דער וואַנט א פרישע „וואָך". אַרום וועלפקען, וואָס האָט פאַריסן דעם קאָפּ צו דער צײַטונג און אויף א קאָל געלייענט, זײַנען געשטאַנען אונדזערע שכיינים.

שיקע שפּילבערג האָט געמאַכט א שפּאָן און מיר דערלאַנגט, ווי א דערוואַקסענעם, די האַנט.

— איצט האַלט זיך, אוורעמפל, — האָט ער געשמייכלט. — צי עפּשער האָט האָפּשטיין פאַר דיר אָנגעשריבן?

אין א פּאָר טעג אַרום האָב איך באַקומען א בריוו. דער קאָנווערט איז געווען א בלויער, איבער זײַן גאַנצער ברייט איז מיט פירקאַנטיקע שוואַרצע אויסיִעס געווען אָנגעדרוקט: „די וואָך". אינעם בריוול איז מיט א געניטן קסאַוו געווען אָנגעשריבן, אַז בא דער „וואָך" ווערט אָרגאַניזירט א ליטעראַרישע גרופּע, און אַז מע בעט מיך אַרײַנקומען אין רעדאַקציע.

דאָס מאָל האָב איך קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט. אַרײַנוואָרפן א קאָנווערט אין פּאָטשט־קעסטל, ווי איך האָב עס געטאָן דאָס פריִער־דיקע מאָל, האָב איך שוין ניט געקאָנט.

נאָך דער אַרבעט האָב איך זיך אויסגעפּוצט אינעם ווײַסן פּיקייענעם העמדל, פאַרקאַשערט די אַרבל און זיך געלאָזט אין רעדאַקציע. איך בין געגאַנגען לענגאויס די קאַשטאַן־בולוואַרן, וואָס ציִען זיך איבער דער לאַנגער בעליפּיליער גאַס, געגאַנגען פּאַמעלעכן און געטרוימט, אַז עמעצער זאָל מיך א רוף טאָן, כ׳זאָל האָבן א טערעץ אויף אָפּצולייגן דעם באַזוך אין רעדאַק־ציע. קיינעם האָב איך אָבער ניט באַגעגנט, קיינער האָט מיך קיין רוף ניט געטאָן. און אָט איז שוין דער ברודער־קייוער, אַרום וועלכן עס ליגן שטענדיק פרישע בלומען. דער ברו־דער־קייוער איז אַפן ראָג פון בעליפּיליער און ניקאָלסקע. און אויף ניקאָלסקע אין צווייטן הויז, וואָס שטייט באַנאַנד מיט שערענצעסעס מויער, געפינט זיך די רעדאַקציע. אָט־אָט וועט מיר אַרויספאַלן דאָס האַרץ, אַזוי קלאַפּט עס. „וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?" — פרעג איך זיך אַליין, נאָר גרינגער ווערט מיר ניט. אָט איז די רעדאַקציע.

כ׳האָב אַליין ניט געדענקט, וויאַזוי איך האָב געעפנט די טיר, וויאַזוי כ׳בין אַרײַן אַהין. באַם טיש, פּונקט אַנטקעגן דער טיר, איז עמעצער געזעסן איבערגעבויגן איבער א הויפן פּאַפּירן. ביז דער מענטש האָט ניט אופגעהויבן צו מיר די אויגן, האָב איך געזען בלויז זײַן גרויסן ראָזלעכן פּליך, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם שטערן צום האַלדז־און־נאַקן. נאָר אָט האָט ער אופגעהויבן דעם קאָפּ, פאַריכט די פענסנע אויף דער נאָז און פריילעך א פרעג גע־טאָן:

— וועמען דאַרפט איר, יונגערמאַן, וועמען?

אַנשטאָט צו ענטפערן האָב איך אים דער־לאַנגט דעם בריוו.

— אהא! דאָס זײַט איר? — ער האָט זיך אופגעהויבן פון בענקל און אַרויסגעגאַנגען פון טיש צו מיר. — זייער, זייער. גוט. גוט. גוט, וואָס איר זײַט אַרײַנגעקומען, וואָס איר זײַט אַרײַנגעקומען, — קימאַט יעדעס וואָרט האָט ער איבערגעכאַזערט צוויי צי דרײַ מאָל, און דער־פון איז מיר געוואָרן היימלעך, גרינגער אַפן האַרצן.

— איך בין סאַפּיאַן, יאָ, סאַפּיאַן, דער סעק־רעטאַר פון רעדאַקציע. באַלד וועל איך דיך באַקענען מיט אַלעמען. דײַן ליד האָט אויסגע־נומען. האָסט זיך ניט וואָס צו רויטלען. אָט רוף איך אַרײַן אַלעמען, — און איז אַוועק אין א צווייטן צימער. ער האָט זיך אָבער גלײַך אומ־געקערט, מיר צוגערוקט א בענקל און עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט: — זיץ, זיץ, זיץ. באַלד, באַלד, — און ווידער פאַרשוווּנדן.

איך האָב באַמערקט, אַז זײַנע שיך זײַנען מיט גראָבע בולדאָגישע נעזלעך, ניט קיין „דזשימי“, לויט דער מאָדע, און דאָס האָט מיך אויך דערמונטערט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער סאָפּיאַן זאַמט זיך זייער לאַנג. וועמען איז ער עס געגאַנגען רופן? מיסטאָם יאָסקען מיט מאָטלען. אין שול האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט גערופן בײַ די פאַמיליעס, און מיר איז עפּעס אויסגעקומען מאָדנע, ס'האָט זיך ניט געלייגט אַף דער צונג — יויסעף קאָטליאַר, מאָטל האַרצמאַן... אָבער אַזוי האָבן זיי זיך אונטערגעשריבן. זייערע לידער זײַנען שוין אַ פּאָר מאָל געווען אָפּגעדרוקט אין „דער וואָך“.

איך האָב ניט באַמערקט, ווי סאָפּיאַן איז אַרײַנגעקומען אין צימער. ער האָט מיך אָנגערירט אין פּלייצע און מיטן קאָפּ אַ מאַך געטאָן, איך זאָל גיין נאָך אים.

אין גרויסן צימער, וווּהין סאָפּיאַן האָט מיך אַרײַנגעפירט, האָבן אַף אַלע דרײַ טישן געברענט עלעקטרישע לאָמפּן אונטער גרינע גלעזערנע אַבאַזשורן — דאָס האָב איך גלײַך באַמערקט. ערשט אין אַ מינוט אַרום האָב איך דערזען אַף דער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען צווישן אַ גרויסער ביכער־שאַפע און עפּעס אַ הויכער קאָנטאָרקע, צוויי מאַנצבילען. זיי האָבן געקוקט אַף מיר, ווײַזט אויס, געוואַרט, איך זאָל זיך באַגריסן, נאָר בײַ מיר איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לאָשן, קאָן זײַן דערפאַר, ווײַל איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן, ווער עס זיצט דאָ. איך האָב זיי דערקענט לויט זייערע פּאָרטרעטן, וואָס איך האָב געזען אין דער צײַטונג.

אַלע מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אינעם קריטיקער סיאָמע זשוקאָווסקי, שטייט ער פאַר מײַנע אויגן אַזאַ, ווי איך האָב אים געזען דאָס ערשטע מאָל. אָט זיצט ער אַף דער קאַנאַפּע, דער שוך פונעם רעכטן פוס, וואָס ער האַלט פאַרוואָרפן אַף דער קני פונעם לינקן פוס, איז צעשנורעוועט, פון אונטער די פאַרצויגענע הויזן קוקן אַרויס די ווײַסע קאַלאָשקעס פון די גאַטקעס, פיס זײַנען בײַ אים לאַנגע און דאַרע, ווײַזט אויס, אַז ער לײַדט אַף פלאַך־טראָט, מיסטאָמע דערפאַר זײַנען די שיך זײַנע שטענדיק צעשפּיליעט.

שטענדיק דאַכט זיך מיר, אַז אָט־אָט וועט ער זיך אַ ריס טאָן פון אָרט, כאַפּן אַ בוך, אים מישן, דערנאָך אַ קלאַפּ טאָן מיט דער גרויסער דלאָניע איבער דעם אויפגעזוכטן בלעטל און נעמען לייענען:

> — אין ווינטער־פאַרנאַכטן אַף רוסישע פעלדער
> ווו קאָן מען זײַן עלנטער, ווו קאָן מען זײַן
> עלנטער...

די אויגן־לעפּלעך לאָזן זיך בײַ אים אַראָפּ, און ער לייענט און לייענט מיט פאַרמאַכטע אויגן. זײַנע גלאַטע האָר צעשיטן זיך און פאַרשטעלן אים ביז העלפט דאָס פּנים, נאָר ער פאַרשאַרט זיי ניט. איין האַנט האַלט ער אויסגעצויגן צוזאַמען מיטן בוך, די צווייטע איז אַרײַנגערוקט אין בוזעם פונעם צעשפּיליעטן העמד. ער לייענט, און דו הערסט און הערסט. פון זיך אַליין מאַכן זיך צו די אויגן, און אַלץ אַרום פאַרשווינדט. דו הערסט בלויז, ווי עס קלינגט אין די אויערן:

> בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אַף די שויבן
> דער פראָסט,
> און אינעם קוימען דער ווינט אַזוי טרויעריק
> בלאָזט...

און ווען דו עפנסט די אויגן, דוכט זיך, אַז אָט דער גרויסוואָקסיקער מענטש, מיט די לאַנגע הענט און פיס, מיט די פאַרפאַליעטע באַקן, איז אָט ערשט אַראָפּגעקומען פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ צויבער־וועלט, וווּהין ער האָט דיך מיטגענומען בלויז אַף געציילטע מינוטן.

די קעשענעס פון זײַן שאָפּן־פּעלצל, פון פּידזשאַקל און פון די הויזן זײַנען שטענדיק פול מיט ביכלעך, מיט געדרוקטע צעטלעך, אַרויסגעריסענע פון פאַרשיידענע זשורנאַלן. אונדז דוכט זיך, אַז ס'איז ניטאָ קיין זאַך אַף דער וועלט, וואָס סיאָמע זאָל וועגן דעם ניט וויסן.

מיר פלעגן ספּעציעל אַרויסשרײַבן פון ביכער נעמען פון ליטעראַרישע געשטאַלטן, נעמען פון קינסטלער, מוזיקאַנטן און אים פּרוּוון כאַפּן. סיאָמע האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער און אַף יעדער פראַגע געענטפערט מיט אַ גאַנצער געשיכטע.

— יאַטעלעך, — פלעגט ער אַרומכאַפּן מיט זײַנע לאַנגע הענט צוויי און אַפילע דרײַ „יאַטעלעך“ און זיי צודריקן צו זיך, — קוים האָט איר זיך שוין געכאַפּט אַף דער ווענטקע און גענומען שרײַבן, דאַרפט איר פאַרגעסן אין שלאָף. ביכער צום איבערבײַסן, צום וואַרעמעס און צו דער וועטשערע, און אַ דיקן בוך צוקאָפּנס, עס זאָלן זיך כאָלעמען גוטע כאַלוימעס, ניט קיין מיידלעך...

און מיר האָבן אים געפאָלגט.

פאַרטאָג האָט די מאַמע ניט געקאָנט מיך אויפהייבן פון געלעגער. דורכן שלאָף האָב איך געהערט, ווי זי פאַרענטפערט מיך פאַרן טאַטן:

— ווי קאָן ער אויפשטיין צו דער אַרבעט, אַז גאַנצע נעכט זיצט ער איבער אַ בוך.

— איינס פון די צוויי, — האָט דער טאַטע זיך געבייזערט, — אָדער מוליאַרקע, אָדער לייענען ביכלעך. אַזוי וועט קיין טאָלק ניט זײַן.

ס'האָט שוין אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן —

ביז מיר האָט קיינמאָל קיינער ניט געבראַכט קיין בוך אין שטוב אַרײַן, דאָך זײַנען אַלע גיך צוגעוווינט געוואָרן, אַז דאָס עלעקטרישע לעמפּל אין קיך דאַרף ברענען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און קיינער איז שוין אַפילו ניט אַראָפּגעגאַנגען פונעם געלעגער מיר דערמאָנען, אַז באַלד וועט מען דאַרפן אויפשטיין צו דער אַרבעט.

געאַרבעט האָב איך צוזאַמען מיטן טאַטן אויפן גרינעם באַרג, מיר האָבן געלייגט נײַע פונדאַמענטן פאַר די עלינגעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. פון אונדזער הויז ביז דעם גרינעם באַרג האָט מען געדאַרפט גיין בײַ אַ שעה, נאָר איך פלעג דורכמאַכן די זעקס ווערסט פאַר אַ העלפט צײַט — פון דער היים ביז דער אַרבעט פלעג איך לויפן, ווי אַ גוטער לאָשעק. אָנגעיאָגט דעם טאַטן האָבן איך געווײנלעך בײַם צופוסנס פונעם גרינעם באַרג. ער פלעגט אַ קאָסע קוק טאָן אויף מיר און מיט באַדויערונג אַ מאַך געבן מיט דער האַנט. דאָס האָט באַטײַט: וואָס איז שוין דאָ צו ריידן מיט אים?..

אַלע שאַבעס האָט סיאָמע זשוקאָווסקי אונדז ערגעץ געפירט — הינטער דער שטאָט צי גאָר קיין זשיטאָמיר צום טעטערעוו. ווי נאָר מיר פלעגן אַרויס אויפן סקאַרגליוווקער שליאַך, פלעגט סיאָמע דער ערשטער אַראָפּוואַרפן די שיך פון די פיס, צונויפבינדן זיי פאַר די שנירלעך און אַריבערוואַרפן איבער די אַקסל.

אַרויסגעגאַנגען זײַנען מיר געווײנלעך קאַיאָר און זיך געטראָפן אויף דער בריק לעבן „קרעפּאָסט". ווי פרי מיר זאָלן ניט געווען קומען צו דער בריק, איז שײַע ליטענעצקי שוין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער הויכער פּאָרענטשע פון בריק און אַרײַנגעקוקט אין שוימענדיקן וואַסער, וואָס האָט זיך מיט אַ פליעסקערײַ אַרויסגעריסן פון אונטער די רעדער פון דער וואַסערמיל.

זײַנע ווייכע בלאָנדע האָר, פאַר וועלכע די בערדיטשעווער מיידלעך פלעגן כאַפּן די קאַפּאָרע, האָט געשויבערט דאָס פאַרטאָגיקע ווינטל. אַלע צען דינע פינגער, פינגער איידעלע, ווי בײַ אַ מוזיקאַנט, זײַנען געווײנלעך געלעגן אויף דער פּאָרענטשע פון בריק. ער האָט געוווּסט, אַז זײַנע הענט זײַנען שיין. זײַן שטאַרקע יינגלשע פיגור האָט זיך עטוואָס געוויגט אין טאַקט פונעם לויפנדיקן וואַסער — איך האָב, דוכט זיך, קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געזען קיין שענערן באָכער פון דעם יונגן דיכטער שײַע ליטענעצקי.

מע פאַרגלײַכט אָפט בלויע אויגן מיט דער בלויקײַט פונעם הימל; שײַעס אויגן זײַנען בלוי, נאָר ניט קיין קאָליר איז דאָס געווען...

ער איז שטענדיק פאַרליבט געווען — פון קינדווײַז און ביז זײַן טראַגישן טויט. געשטאָרבן איז ער אויך איבער אַ ניט באַשערטער ליבע. ער האָט זיך געריררט פון זינען.

אַלע מאָל זײַנען די ליבעס זײַנע געווען אומגליקלעכע. ווען ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר, האָט ער זיך פאַרקאָכט אין אַ פרוי פון אַן אָנגעזעענעם היגן אַדוואָקאַט, וואָס איז געווען צוויי מאָל עלטער פון איר און דרײַ מאָל עלטער פון שײַען. ליטענעצקי האָט געפאָדערט, אַז די פרוי זאָל אַנטלויפן מיט אים קיין קיִעוו, זיי זאָלן כאַסענע האָבן. ס'האָט געשמעקט מיט אַ סקאַנדאַל. די פרוי האָט זיך דערשראָקן און אויף אַ לענגערע צײַט איבערגעפאָרן צום מאַנס עלטערן, קיין קרים.

וועגן זײַנע האַרצקלעמענישן האָט ער קיינעם ניט דערציילט, נאָר ס'איז גענוג געווען אַ קוק טאָן אים אין די אויגן. זיי האָבן אים אויסגעגעבן.

די נאַטור איז בעעמעס די גרעסטע קונצנמאַכערן! איך געדענק גוט די מאַמע זײַנע — אַ פּאָשעטע ייִדענע מיט רויט־געלע האָר, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט מיט איר מאַן און מיט אַלע פיר קינדער אין אַ נאַסן קעלער. אין שטוב האָט שטענדיק געשמעקט מיט נילײַע און מיט גאַזע פון פּרימוסן, וועלכע שײַעס טאַטע האָט געלאַטעוועט פון פאַרפרי ביז בײַנאַכט. אַלע דרײַ שוועסטער און אויך דער טאַטע האָבן ניט אויסגענומען מיט זייער שיינקײַט, און דאָ, אינעם קעלער, וואַקסט אויס אַן איינער, וואָס איז באַשאָנקען ניט בלויז מיט טאַלאַנט, נאָר אויך מיט געטאָקטע אייוורים. וועגן אַזעלכן זאָגט מען — די שכינה רוט אויף אים...

ווי נאָר מיר פאַרלאָזן די לאַנגע טשודנאָווער גאַס, פאַרנעמען מיר זיך מיט די טוווּע־פעלדער, וואָס פירן ביזן סקאַרגליוווקער דעמבענעם וואַלד.

די זון זעט מען נאָך ניט, נאָר די שפּיצן פון די ביימער, וואָס שטייען אַרום די דרײַ ווינטמילן, האָבן שוין אַרופגעכאַפּט אויף זיך אַ גאָלדענעם פלעק; די ווײַסע כמאַרעלעך, וואָס רירן זיך ניט פון אָרט, זײַנען באַזוימט מיט אַ גאָלדן שנירל און די פולע זאַנגען כוואַליען זיך, לויפן צום האָריזאָנט און אַליין בלײַבן זיי שטיין אויפן אָרט. טיו־אַ! טיו־אַ! טוט אַ שנאָל עפּעס אַ פויגל און פליט אַדורך נידעריק, קימאַט איבערן קאָפּ. ס'קאָן הייסן: אַ גוטמאָרגן, אַ גוטמאָרגן. אונטער די באָרוועסע פיס רײַסט זיך אַרויס עפּעס אַ כײַעלע, טוט אַ שורשע צווישן די זאַנגען און פאַרשווינדט.

אין וואַלד קומען מיר יעדערער באַזונדער — פון פאַרשיידענע זײַטן. ביז מיר נעמען זיך צונויף אויפן אָפּגערעדטן אָרט, בלאָנקען מיר איינציקווײַז אַרום און הערן זיך אײַן אין דער שטילקײַט פון וואַלד. יעדערער פון אונדז האָט

זיך זײַן באַליבט ערטל. מײַן אָרט איז בײַ די פיר אָפּגעהאַקטע שטאַמען. זיי שטייען אין דער טיפעניש פון וואַלד, ס׳איז דאָרט אַזש פינצטער.

פאַרקלײַב זיך אין דער פינצטערניש,
אין שאָטן,
מיט אויערן און אויגן
הער זיך אײַן.
אָט באַלד, אָט באַלד
וועט דיר געראָטן
דערגיין דעם סאָד.
עס צאַפּלט אַזש דאָס בלוט
פון זיסער פּײַן.
נאָר טו זיך ניט קיין ריר,
וועסט אַלץ צעשטערן,
און ס׳וועט די ווײַל פאַרשווינדן
און צעגיין,
און דעמלט וועסטו בלויז שוין הערן
נאָר זיך אַליין, נאָר זיך אַליין.

נאָך פונדערווײַטנס דערזעען מיר סיאָמען ליגן אין גראָז. די הענט און די פיס האָט ער אויסגעצויגן, און אין זײַנע ווײַסע הויזן און ווײַסן העמד זעט ער אויס, ווי אַ בערעזעווע דרענגל.

ווען מיר קומען זיך אַלע צונויף — יאָסקע, מאָטל, שײַע און איך — און לייגן זיך אויס דערנעבן אינעם טיפן גראָז, זעצט זיך אויף סיאָמע און צעלאַכט זיך אויף אַ קאָל. מיר ווייסן ניט, פאַרוואָס ער לאַכט, ער אַליין ווייסט אויך מסתּמא ניט, נאָר אונדז דוכט זיך, אַז מיר ווייסן יאָ, און לאַכן אויך. אונדזער געלעכטער דערגייט ביז צום דאָרף.

קיינער באַמערקט ניט, ווי סיאָמע הייבט אָן דערציילן. דער וואַלד איז שוין קיין וואַלד ניט, אַרום אונדז קלײַבן זיך צונויף טאָלסטאָיס אָדער באַלזאַקס פּאַרשוינען.

...פון וואַלד קערן מיר זיך אום שפּעט אָפּדערנאַכט. אין די הײַזער ברענט שוין פײַער. איך כאַפּ אַ קוק אין אַ פרעמד פענצטער, און מיר דוכט זיך, אַז אָט דאָ וואָלט געקענט לעבן מאָטל, פּייסי דעם כאַזנס מיזיניק; פון אָט דעם שטעלכל, וואָס שטייט אין דער טיף פון הויף, וועט באַלד אַרויסשפּרינגען דאָס קעלבל מעני און נעמען דריגען מיט די הינטערשטע פיסלעך.

אין אַ וואָכעדיקן פאַרנאַכט כאַפּ איך זיך אָפּ אַרײַן צו סיאָמע זשוקאָווסקין אין לאַנגן צימערל. געוויינלעך טרעף איך אים ליגן אויסגעצויגן אויפן אײַזערנעם בעטל מיט אַ בוך פאַר די אויגן. ער לייענט און שרײַבט עפּעס אויף די ראַנדן פון די זײַטלעך. ער רירט זיך ניט פון אָרט. מיטאַמאָל טוט ער אַ צי אויס די האַנט, כאַפּט מיך אָן און וואַלגערט מיך אַרײַן צו זיך אינעם בעטל:

— מינאַסטאַם געבראַכט לידער. נו, לייען, לייען!

ער דערמאָנט זיך אין עפּעס, שפּרינגט אַראָפּ פונעם בעטל, עפנט אויף דאָס ברויט־שאַפּקעלע, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, און שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַ פּאָר נײַע שיך.

— איך האָב צו דיר אַ באַקאָשע, — זאָגט ער שטיל, — גיב זיי, זײַ מוחל, איבער, די שטיוועלעך, מאָטלען, — ער רעדט צו מיר און קוקט אין אַ זײַט, — זיי קריכן ניט אויף מײַנע לאַפּעס, אויף אים וועלן זיי זײַן פּונקט צו דער מאָס. גוט, וואָס דו ביסט אַרײַנגעקומען, מאָרגן פאָר איך אויף אַ פּאָר וואָכן קיין כאַרקאָוו. אָפּגעמאַכט?

איך סטאַרע זיך כאַפּן זײַן בליק. איך האָב גלײַך זיך אָנגעשטויסן, אַז ער האָט זיי געקויפט ניט פאַר זיך, נאָר טאַקע פאַר הארצמאַנען. סיאָמע דערפילט גלײַך, אַז ניט אַזוי האָט ער אָנגעהויבן. נעמט ער מיך אָן בײַ די אַקסל און טוט מיך אַ טרייסל:

— פאַרשטייסט, פאַר אַ קאַוואַלער, וואָס שפּאַצירט מיט באַרישניעס, פּאַסט ניט אַרומשליאָפּען באָרוועס. — סיאָמע צעלאַכט זיך און וואַלגערט זיך ווידער אַרײַן אין בעטל.

שפּעטער, ווען זשוקאָווסקי האָט פאַרלאָזט בערדיטשעוו, האָט ער אין אונדז ניט פאַרגעסן, ער האָט געשריבן בריוו, געפאָדערט, אַז מיר זאָלן שיקן לידער פאַרן „שטערן“, פאַר דער „רויטער וועלט“, פאַרן „פּאַרמעסט“. אויף זײַנע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די גראָבע זשורנאַלן און אין די צענטראַלע צײַטונגען, פלעגן מיר זיך אַרופוואַרפן, ווי אויף אַ יעדיע, אויף וועלכער מע האָט זיך קוים דערוואַרט.

ווען איך קום אַמאָל אין דער לענין־ביבליאָטעק, לייג איך זיך אַרום מיט קאָמפּלעקטן פון פאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, און וועלכע איך זוך אויף באַקאַנטע נעמען און פּענעמער.

ניטאָ, ניטאָ... אַ סך זײַנען שוין ניטאָ. ניטאָ סיאָמע זשוקאָווסקי, ער איז געשטאָרבן זייער יונג פון טובערקוליאָז. ניטאָ שײַע ליטענעצקי — וועגן אים קאָן מען זאָגן, ווי אונדזערע מאַמעס האָבן אַמאָל געזאָגט: „פאַר דער־וועלט איז ער געווען צו גוט“. האָט ער זי פאַרלאָזט צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר.

ניטאָ מאָטל הארצמאַן, וואָס האָט געשריבן וועגן זיך:

פונוואַנען כ׳קום אַהער, דו פרעגסט, —
פון שוואַרצערד, פון מײַן קאַנט אוקרײַנע,
מײַן קינדהײַט איז אָט דאָרט אַוועק,
איר שטאַמט פון דאָרט, געזאַנגען מײַנע.
דאָרט אין מײַן שטוב, בײַ קאַנעץ־ליכט,
בײַ בוימל־קנויט, בײַם פלאַם בײַם שוואַרצן,

געבוירן איז מײַן וואָרט מײַן שטילס,
דער צאַרטער דונער פונעם האַרצן.
הינטער מײַן שויב דורך טעג און נעכט
דער שמיד פֿלעגט זיך מיט פֿײַער שפּילן,
דעם קלאַנג פֿון העק האָב איך דערהערט
בײַ זיך אין ברוסט, אין האַרץ אין שטילן...

די שטוב, ווּ בײַם יונגן מאָטל האַרצמאַן איז געבוירן געוואָרן „דער צאַרטער דונער פֿונעם האַרצן", איז געשטאַנען אין דער.טיף פֿון מאַכנעווקער גאַס, אַף דער לעוואַדע, נעענטער צום טײַך, ווי צו דער גאַס. די פֿרישע לופֿט פֿון דער לעוואַדע און פֿון דעם גניל־אָפּיאַט האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטרײַבן די גיפֿטיקע רייכעס פֿון דאָווּיד דעם פֿאַרבערס שטיבל. דאָס געשטאַנק פֿונעם קעסל פֿאַרב, וואָס האָט דאָ זומער און ווינטער געזאָטן, האָט זיך אײַנגעגעסן אין די ווענט, אין יעדן ווינקעלע.

קאָן זײַן, אַז דערפֿאַר טאַקע איז דער דיכטער אַזוי פֿילבאַר געווען צו דער נאַטור, צו שיינקײַט, וואָס האָט פֿון געבוירן אָן אים געפֿעלט.

די לעצטע ליד „איך קוק אין הימל", וועלכע האַרצמאַן האָט אָנגעשריבן אַפֿן פֿראָנט, האָט אונדז געבראַכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַן פֿרוי.

איך וויל ווי אַ שוואַן אינעם הימל ניט שטאַרבן!
און ניט ווי אין פֿעלדזן דער אָדלער — דער גיבער,
אויך ניט ווי די זון שטאַרבט פֿאַרנאַכט אין די גאַרבן,
דער טויט פֿון גאַסטעלאָ איז טויזנט מאָל ליבער.
מיר וועלן דעם לויטערן עמעס דערלאַנגען,
אַפֿילע דער אָפּגרונט זאָל שווּיבלען מיט שלאַנגען.
אַף אונדזערע לײַבער מיר וועלן זיי טייטן,
מיר וועלן צערײַסן די שלאַנגען, ווי קייטן.

און ער איז געפֿאַלן אין שלאַכט פֿאַרן היימלאַנד, וואָס איז „צען מאָל געטרײַער פֿון לײַבלעכן טאַטן".

האַלט איך אין דער האַנט די אַלטע אויסגעבליאַקעוועטע צײַטונג מיט דער פּאָטאָ און כאַזער ווידער איבער: ניטאָ, ניטאָ...

ווּ און ווען מאָטל האַרצמאַן, דער כאַווער פֿון מײַן קינדהײַט, איז אומגעקומען, ווייסט קיינער ניט, איך ווייס אויך ניט, ווּ און ווען, נאָר וויִאַזוי ער איז אומגעקומען, דאָס ווייס איך זיכער. יאָ, יאָ, זיכער.

...דאָס איז געווען אין אַ זומערדיקן באַגינען אינעם בויערקער וואַלד הינטער קיִעוו צי עפּשער אין אַן אָסיענדיקן אָפּדערנאַכט אַף די ברעגן פֿון טעטערעוו... די ערד האָט געציטערט, געשפּריצט מיט האַרטע הרודעס, די קרוינען פֿון די בערעזעס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון זייערע מילכיק־ווײַסע פּיס און מיט די צעפּאַטלטע קעפּ פֿאַרדעקט די וווּנדן פֿון דער געשענדטער ערד. יאָ, יאָ, איך ווייס אַף זיכער, ס'איז געווען פֿאַרטאָג, דאָס געהויל פֿון די „הענקעלס" מיט די האַקנקרייצן אַף די פֿליגל האָט זיך דערטראָגן פֿון האָריזאָנט. אָט־אָט וועלן זיי מיט אַ רעוועריײַ זיך דורכטראָגן איבער די קעפּ פֿון די שלאַכטלײַט, וואָס זײַנען צוגעפֿאַלן צו דער וואַרעמער ערד. ניין, דאָס איז ניט געווען בײַם טעטערעוו, נאָר טאַקע אין בויערקער וואַלד. אין געציילטע מינוטן וועלן די רויבפֿייגלען זײַן אין קיִעוו, און אַף דער לעניןגאַס, נומער 68, אינעם הויז פֿון די שרײַבער, האָט נינע, די פֿרוי זײַנע, שוין צוגעדריקט צו זיך ביידע קינדער, לענעטשקען און שעלין — די ראַדיִאָ האָט נאָרוואָס געמאָלדן אַ לופֿט־אַליאַרעם. ניין, ער וועט זיי ניט דערלאָזן, די רויבפֿויגלען, צו זײַן בײַ ליבטן קיִעוו, צו זײַן הויז, צו זײַנע קינדער, צו טויזנטער היימען מיט קינדער... ער שפּרינגט אויף פֿון דער ערד, פֿאַרהייבט די ביקס און שיסט, שיסט... „אַף אונדזערע לײַבער מיר וועלן זיי טייטן..."

און דאָס זײַנען זײַנע לעצטע ווערטער. מיט אָפֿענע גרויסע אויגן, שוואַרצע, ווי קויל, איז ער געבליבן ליגן אַף דער ערד. דורך די קרוינען פֿון די בערעזעס האָבן געקוקט אַף אים שטיקער בלויער הימל, וואָס האָבן שוין דערשפּירט די ערשטע שטראַלן פֿון דער אופֿגייענדיקער זון.

טאַקע דערפֿאַר, ווײַל קיינער ווייסט ניט, וויִאַזוי דער כאַווער מײַנער דער דיכטער מאָטל האַרצמאַן איז אומגעקומען, מוז איך דאָס ווייסן... יאָ, אַזוי איז עס געווען.

מאָטל איז געווען אַ געזונטער באָכער, אַ מיטלוווּקסיקער, אַ געזעצטער, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, מיט שטאַרקע הענט און פּיס. ער איז, ווי מע זאָגט עס, גרינג געווען אַף דער פֿור. פֿון בערדיטשעוו איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. דאָרט האָבן אינגיכן זיך אָנגעהויבן דרוקן זײַנע לידער אין „עמעס" און אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פֿון דער דאָזיקער צײַטונג.

אָפֿט פֿלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן אַהיים מיט עטלעכע קערבלעך אין קעשענע. דעמאָלט פֿלעגן מיר דינגען אַ שיפֿל בײַ כאַיִם סמאַרקאָטע און זיך אַוועקלאָזן אַף גאַנצע טעג צום גרינעם באַרג. דאָס שיפֿל פֿלעגן מיר אַרײַנפֿירן אין געדיכטן אָטשערעט, אַליין זיך פֿאַרקלײַבן אַפֿן הויכן ברעג, זיך וואַלגערן אין גראָז, זינגען לידער. מאָטל האָט דערציילט וועגן מוישע ליטוואַקאָוון. ער איז אַ שטרענגער, נאָר ער האָט ליב יונגע שרײַבער.

— אָט וועט אינגיכן דערשײַנען מײַנע אַ זאַמלונג, זי וועט הייסן „מײַן צווייטע יוגנט".

שפּעטער איז הארצמאַן איבערגעפאָרן קיין מינסק און זיך באַפרײַנדעט מיט איזי כאַריקן, מיט זעליק אַקסעלראָדן און עליע קאַהאַן. אין 1933 יאָר טרעט הארצמאַן ארײַן אין אַספּיראַנטור באַם קיִעווער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. פון קיִעוו, פונעם שרײַבער-הויז, וואָס געפינט זיך אף דער לענין-גאַס, נומער 68, איז מאָטל אַוועק אפן פראָנט און אינגיכן געפאַלן אין שלאַכט.

אַלץ האָט דער דאָזיקער מענטש געטאָן גיך און אַנטשיידן. ער איז גיך רײַף געוואָרן אַלס דיכטער, א סאַך געשריבן, גיך זיך פאַרליבט און געוואָרן א טאַטע פון צוויי טעכטער, גיך און יונג אומגעקומען. ער איז דעמלט אַלט געווען 32 יאָר.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין רעדאַקציע „די וואָך“, איז באַנאַנד מיט סיאָמע זשוקאָווסקין געזעסן אפן דיוואַן בוזי גאָלדענבערג.

די געדיכטע האָר מיט דריבנע קרײַזעלעך אף זײַן קאָפּ האָבן אויסגעזען צו זײַן שטעכיק, ווי דינינקע פּרוזשינקעלעך. דעם קאָפּ האָט ער געטראָגן א פאַרהויבענעם; עטוואָס אויסגעדרייט צו דער לינקער זײַט, ווי ער וואָלט טאָמיד גרייט געווען פּאָזירן פאַר א פאָטאָ-אַפּאַראַט. דאָס לענגלעכע פּנים האָט אָפּגעגלאַנצט מיט א לײַכטער בלויקײַט — א סימען פון א געדיכטער באָרד, וואָס גיט זיך שווער דעם גאָלמעסער.

פונעם ערשטן בליק האָט זיך געדוכט, אַז אָט דער אויסגעפּרעסטער שלאַנקער מענטש מיט די שטרענגע קאַלטע אויגן מוז זײַן א בייזער. אָבער ווי נאָר זײַנע ליפּן האָבן זיך פאַנאַנדערגעצויגן אין א שמייכל, זײַט איר שוין געווען זײַנער. ווײַזט אויס, אַז בוזי האָט עס געוווּסט, און אויב איר זײַט אים געווען צום האַרצן, האָט ער ניט געזשאַלעוועט צו באַווײַזן זײַנע בלאַנקענדיקע געדיכטע ציין. קוים האָט בוזי א שמייכל געטאָן, האָט איר שוין געקאָנט פּויעלן באַ אים אַלץ, וואָס איר האָט באַדאַרפט.

„אוורעמעלע, — האָט ער מיר אַמאָל געשריבן פון כאַרקאָוו, וווּ ער איז געווען דער שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „דער שטערן“, — דײַן פּאָעמע „סטעפּאַן כאַלטורין“ איז שילעריש-ביינעוודיק...“ איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, נאָר דאָך האָב איך נאָיִוו זיך געטרייסט: „און עפּשער מיינט ער טאַקע שילעריש?..“

באַזונדערס זײַנען מיר אַלע פאַרליבט געווען אין בוזיס רעדעס. גערעדט האָט ער פּליסיק, ווי ער וואָלט געלייענט פון פּאַפּיר.

די וווינט אינעם ייִדישן אַרבעטער-קלוב אף מאַכנעוועקער גאַס פלעגן פון ענגשאַפט אָפּגעגאָסן ווערן מיט שווייס, ווען ב. גאָלדענבערג פלעגט אַרויסטרעטן מיט א רעדע.

— אַז דו זעצסט זיך צום שרײַבטיש, זאָלסטו אָנטאָן דעם שענסטן אָנצוג, דעם בעסטן שניפּס, — האָט ער אַמאָל געזאָגט אף א לימעד פון דער ליטעראַרישער גרופּע.

— און אַז קיין שרײַבטיש איז ניטאָ? — האָט עמעצער באַמערקט.

— און קיין אָנצוג אויך ניט? — האָט א צווייטער אונטערגעכאַפּט.

בוזי האָט אויסגעצויגן די הענט — ס'הייסט, שטילער, וואַרט צו! און געלאַסן געענטפערט:

— אין אַזאַ פאַל וואָלט איך אַוועק צום גניילאָפּיאַט, זיך גוט אויסגעבאָדן און א נאַקעטער געזעצט זיך שרײַבן אף א פּניאָק אין וואַלד. יאָ. יאָ, דערפון וועלן די לידער ווערן געלײַטערטער. א שרײַבער דאַרף זײַן פיזיש און מאָראַליש ריין.

ער האָט ניט פאַרטראָגן קיין שלעכטן קסאַוו, קיין שמוציקן מאַנוסקריפּט.

אַליין האָט ער געשריבן מיט פּערלדיקע דריבנע אויסיעלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון די זײַטלעך, ווי א דין געוועב פון זײַדענע פעדעם.

בוזין האָב איך ליב געהאַט און א ביסעלע געציטערט פאַר אים, אַזוי ווי מע ציטערט פאַר א שטרענגן טאַטן. מיניאַסטאַם טאַקע דערפאַר בין איך מיט מײַנע דײַגעס געגאַנגען צו אים.

אין א שיינעם טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאָמיוג-קעמערל. און בערמאַן, דער סעקרעטאַר, האָט מיר געמאָלדן פּאָשעט און פּראָסט:

— איך וואָרן דיך, אַז אף דער ערשטער פאַרזאַמלונג וועלן מיר דיך אויסשליסן פון קאָמיוג!

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט, כאָטש איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אין וואָס עס גייט.

— דו קײַקלסט זיך, — האָט ער געזאָגט, — אין אָפּגרונט פון קליינבירגערלעכקײַט. וואָס איז דאָס פאַרא שניפּסן?! הײַנט א שניפּס, מאָרגן דזשימי-שיכעלעך. דײַן טאַטע האָט אויך צו פּופּצן יאָר געטראָגן שניפּסן? מיט פּאַלטעלעך צו דער טאַליע?

— מײַן טאַטע האָט צו פּופּצן יאָר געטרונקען בראַנפן, און דו, בערמאַן, האָסט אויך ליב דעם ביטערן טראָפּן. — איך האָב ניט געוואַרט אף קיין ענטפער און בין אַוועק.

אין א וואָך אַרום איז אפן טאָג-סיידער פון דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג פון די בויער געשטאַנען די פראַגע וועגן אויסשליסן מיך פון קאָמיוג.

— וואָס זשע שטייסטו בא דער שוועל, יאַטעלע? — האָט זשוקאָווסקי זיך א רוק געטאָן און געמאַכט מיר אַן אָרט אַף דער קאַנאַפּע. — זעץ זיך צו אַהער. אַף דער דאָזיקער טאַראַטײַקע זײַנען געזעסן א סאַך שרײַבער, יונגע און אַלטע, מיט לאַנגע און מיט קורצע האָר. — ער האָט זיך פּלוצעם צעלאַכט — פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געלאַכט.

איך האָב געשוויגן. ער האָט, ווײַזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז איך בין דערשראָקן. איז ער אופגעשפּרונגען פון אָרט, מיך ארומגענומען מיטביידע הענט און באַזעצט לעבן זיך.

— דו, יאַטעלע, שרעק זיך ניט. יונגע פּאָעטן האָבן ליב לאַנגע האָר, מע זאָל זיך אָנשטויסן, ווער זיי זײַנען. — ער האָט מיך באַטראַכט. — דיר וואָלט איך ניט געראָטן זיך פאַרלאָזן א פּאַטלע, אין דײַנע אויגן וועלן די מיידלעך אַזוי אויך דערקענען, וואָס עס שטעקט אין דיר.

פון אונטער די ברעמען האָב איך געכאַפּט א קוק אַף גאָלדענבערגן און באַמערקט, אַז זײַנע ליפּן שמייכלען, נאָר עפּעס זאָגן האָב איך נאָך אַלץ ניט געקאָנט.

— נו, איך זע, אַז א באַלדאַרשן ביסטו א קנאַפּער, — האָט גאָלדענבערג געזאָגט. דערבײַ האָט ער אויסגעצויגן די האַנט און ארויסגעשלעפּט פון מײַן הויזן־קעשענע דאָס העפטל, וואָס איז געווען צונויפגעקאַטשעט אין א דין טרײַבעלע, — נאַ, סיאָמע, לייען, — האָט ער איבערגעגעבן יענעם דאָס העפטל.

סיאָמע האָט געלייענט, געהאַלטן דעם העפט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט און געלייענט. איך בין געווען, ווי אין א נעפּל, די לידער האָבן מיר אָפּגעקלונגען פרעמד. עפּעס האָבן זיי מיר געזאָגט, ביידע — סיאָמע און בוזי, — אַפילע סאַפּיאַן האָט אויך גערעדט צו מיר, נאָר איך האָב ניט געהערט, ניט פאַרשטאַנען.

דעם נאָענטסטן שאַבעס איז ארויס „די וואָך“ מיט א ליטעראַריש זײַטל, ווו עס זײַנען אָפּגעדרוקט געווען אַלע לידער פון מײַן שילערישן העפטל.

דער טאַטע האָט געקוקט אַף מיר פון אונטער די ברעמען ארויס — איך האָב פאַרשטאַנען, אַז בערמאַן האָט אים דערציילט וועגן אונדזער בייזן געשפּרעך. די מאַמע האָט שטילערהייט געבראָכן די הענט און מיט ראַכמאָנעס געקוקט אַף מיר. איך האָב ארומגעבלאָנקעט הינטער דער שטאָט און אומגעקערט זיך אַהיים שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע זײַנען שוין געשלאָפן.

— וואָס טוט מען?

א טאָג פאַר דער פאַרזאַמלונג בין איך מיט אַן ארויפגעלאָזטן קאָפּ געקומען צו בוזיען. ער האָט מיך רויִק אויסגעהערט און געזאָגט עטלעכע געציילטע ווערטער:

— גוט, וואָס דו האָסט מיר דערציילט. איך וועל מאָרגן זײַן אַף דער פאַרזאַמלונג.

און ער איז געקומען. ער האָט גערעדט פאַר די קאָמיוגיסטן וועגן נײַעם שטייגער, וועגן צווישנבאַציִונגען פון מיידלעך מיט ייִנגלעך. און די „יאַטן און יאַטעכעס“ האָבן אַזוי געפּאַטשט בראַוואָ, אַז די דעלאָניעס האָבן אַזש געסאַרפּעט. פונעם טאָג־סיידער האָט מען די פראַגע וועגן מיר ארויפגענומען...

אונדז, די בערדיטשעווער שרײַבער־גרופּע, האָט בוזי שטענדיק געהאַלטן אין אויג. ווו ער האָט ניט געאַרבעט, צי אין כאַרקאָוו, צי אין קיִעוו, אין מאָסקווע, צי אין ביראָבידזשאַן, האָט ער געוווּסט, וואָס מיר טוען גוט און וואָס עס טויג ניט.

„א גרויסער שאָד, וואָס דו האָסט ניט אײַנגעשלאָסן אין בוך „צום לעצטן מאָל דערמאָנט“ דעם לידער־ציקל „פּיסקעס“. גראָד יענע לידער וואָלטן געשאַפן די אַטמאָספער, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר דײַן שאַפונג“, — שרײַבט ער צו מיר קיין קיִעוו.

איך קוק אַף דער אַלטער פאָטאָגראַפיע. אויך ער, בוזי גאָלדענבערג, איז ניטאָ. פון פראָנט האָט ער זיך אומגעקערט א לעבעדיקער, נאָר מיט א צעשעדיקט געזונט און לאַנג שוין ניט געלעבט. אין 1953 איז אונדזער האַרציקער, שטרענגער בוזי געשטאָרבן אין לאָסינאָ־אָסטראָווסק, ניט ווײַט פון מאָסקווע.

■

סקולפּטאָר
אראָן פּוטערמאַן



מאָנטאַזשניקעס

אראָן פּוטערמאַן (געבוירן אין 1910 אין דאָרף בעכי, זשיטאָמירער געגנט) האָט נאָך אין 1931, אַלס סטודענט פון קיִעווער קונסט־אינסטיטוט, באַקומען די ערשטע פּרעמיע פאַרן פּראָיעקט פון א דענקמאָל טאַראַס שעווטשענקאָ. ער איז דער אווטאָר פון מירמל־ביוסטן פון מאַקסים גאָרקי און אַנרי באַרביוס (1932). אין די יאָרן 1934—1941 האָט א. פּוטערמאַן געשאַפן א גרויסע צאָל סקולפּטורן, צווישן זיי א דענקמאָל וו. אי. לענינען (צוזאַמען מיטן סקולפּטאָר ג. פּיוואָוואַ־ראָוו), מאָנומענטן פון די העלדן פון בירגערקריג פּאַרכאָמענקאָ און שטשאָרס.

אראָן פּוטערמאַן איז געווען אן אָנטיילנעמער פון דער ערשטער און צווייטער דעקאַדעס פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור און קונסט אין מאָסקווע, ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין א ריי רעפּובליקאַנישע און געגנטלעכע קונסט־אויסשטעלונגען.

א וויעטנאמער קעמפערן

באבי יאר



דאָ איז געווען די שלאַכט...

קינסטלער נ. טערעשטשענקאָ

לעניִן אפֿן רויטן פּלאַץ (פֿראַגמענט)

קינסטלער וו. נ ע ט ש י ט ײַ ל אָ

אין קעשענעוו, מיט אונדזערע לייענער *

עטלעכע טעג האָט געדויערט די לעצטע באַגעגעניש פון דער רעדקאָלעגיע און פון די אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט די לייענער פון קעשענעוו. א ריי יִדישע, מאָלדאווישע, רוסישע שרײַבער — אָנטיילנעמער פון דער באַגעגעניש — האָבן אונדז צוגעשיקט נאָטיצן און קורצע פאַרצייכענונגען, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין אָט די טעג. מיר האָבן די דאָזיקע דאָקומענטאַלע מיניִאַטורן צונויפגענומען אין איין בינטל און פאַרעפנטלעכן זיי.

יויסעף ראבין

פון טשערנאָוויץ ביז קעשענעוו

„פון כיסלאוויטש קיין ליבאוויטש,
אוי וואָס הער איך
אײַך...

דער אווטאָבוס פון דער טשערנאָוויצער פילהאַרמאָניע האָט אונדז געבראַכט צום אַעראָפּאָרט. איך בין נאָך אינגאַנצן געווען אונטערן אײַנדרוק פון דער היסטאָרישער בוקאָווינער שטאָט, אין וועלכער מיר האָבן ערשט נעכטן פאַרנאַכט געהאַט א רירנדיקע באַגעגעניש מיט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". איצט אײַלן מיר קיין קעשענעוו, וווּ עס קומען שוין פאָר די לעצטע צוגרייטונגען צו אונדזער אָוונט.

פליִען מיר! אָבער דאָ, אין אַעראָפּאָרט, ווערט מיטאַמאָל קלאָר, אַז ניט אַלע וועלן פליִען. ווער עס וועט פליִען, און ווער עס וועט גיין צופוס. מיר זײַנען זיבן מאַן: ווערגעליס, גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, לוריע, לעוו, ראַבין, ראַבינאָוויטש. בילעטן אָבער האָט מען באַקומען פינף. ניטאָ מער קיין ערטער. ווער זשע וועט גיין צופוס? איך ווייס ניט, צי דאָס איז אײַנגעפאַלן דעם שעף פון אַעראָפּאָרט, צי עמעצן אַנדערש, נאָר באַשטימט איז געוואָרן, אַז צווישן אַלע זיבן זײַנען פאַראַן נאָר צוויי גוטע פוסגייער: נאָטע לוריע און יויסעף ראַבין.

אַלע וועלן פליִען, און מירן גיין צופוס.

עמעס, דער אָנפירער פון דער טשערנאָוויצער פילהאַרמאָניע כאַווער פאַליק האָט אונדז באַרויִקט: אַלע וועלן פליִען. און אַז פינכעס פאַליק זאָגט, מעגט איר אים גלייבן.

אַזוי איז טאַקע געווען. מיר ביידע, די פוסגייער, האַלטן זיך צוזאַמען. צו אונדז קומט צו דער שעף פונעם אַעראָפּאָרט מיטן קאָמאַנדיר פונעם אַעראָפּלאַן און פרעגן: ווער איז דאָ נאָטע לוריע און יויסעף ראַבין?

— מיר.

— זײַט אַזוי גוט און קומט מיט אונדז. מיר ווייסן, ווער איר זײַט און וווּהין איר פאָרט. איר וועט זײַן אונדזערע אָנגעלייגטע פּאַסאַזשירן...

מע שטעלט פאַר אונדז אַוועק דעם טראַפּ. מיר קומען ארײַן אין אַעראָפּלאַן. מע עפנט פאַר אונדז די קאַבינע פון די פליִער. מיר פליִען צוזאַמען מיט די פּילאָטן.

דערווײַל דערהערן מיר אונטן א געשריי. לאָזט זיך אויס, כאַיִם מעלאַמוד האָט זיך געכאַפּט, אַז ער דאַרף זיך געזעגענען מיט זיבן מאַן, און צוויי פעלן אים אויס. וווּ זײַנען לוריע מיט ראַבינען? — שרײַט ער.

— איר ווייסט דען ניט, אַז זיי גייען צופוס?

מיר זאַלבעצווייט זיצן שוין אויף נידעריקע בענקלעך. איך זיץ פון רעכטס, לעבן דער ראַדיִאָ־אַפּאַראַטור. נאָטע זיצט פון לינקס און וויל דערגיין דעם סאָד פון „זײַן" אַפּאַראַטור. אים פאַלט אײַן, אַז וויבאַלד מיר זײַנען אין דער פלי־קאַבינע, זײַנען מיר דאָך פּילאָטן.

— איך בין, — זאָגט ער, — דער ערשטער פּילאָט, און דו — דער צווייטער...

— מאַכסט א שלעכטן כעזשבן, — ענטפער איך, — איך זיץ בא דער ראַדיִאָ און הער, ווי מע גיט איבער: „רייס: טשערנאָוויץ — קעשענעוו. ערשטער פּילאָט ראַבין, צווייטער — לוריע..."

ביידן איז אונדז גוט און פרײלעך אויפן האַרצן. מיר לאַכן. איך האָב שוין לאַנג אַזוי ניט געלאַכט.

דער אַעראָפּלאַן רײַסט זיך אָפּ פון דער ערד. פאַר אונדז עפנט זיך א ברייטע וועלט.

דער האָריזאָנט גײט װײַט, װײַט. דערנאָך זײַנען מיר שױן העכער פֿון די װאָלקנס. צװישן די װאָלקנס זעען מיר די ערד.

נאָטע לוריע איז נאָך אַלץ מיט מיר ניט מאַסקים. ער פֿרעגט באַם מעכאַניק, טײַטנדיק אױף זיך און אױף מיר:

— װער איז פֿון אונדז דער ערשטער?

— בײדע! — ענטפֿערט יענער.

און אַזױ איז פֿאַרבליבן: צװײ ערשטע פּילאָטן.

קעשענעװ.

אונדזערע פֿינף כאַװײרים, װאָס זײַנען געפֿלױגן, האָבן געהאַט גרױס מיטלײַד צו די צװײ פֿוסגײער. װער װײסט, װי זײ פֿילן זיך, װי זײ זעען אױס?

זײ האָבן זיך באַרויִקט, װען מיר זײַנען אַרױס פֿון דער פֿלי־קאַבינע פֿרײלעכע, לאַכנדיק.

יעכיִעל טשיטשעלניצקי

א לעבעדיק בריקעלע

איך װױן אין טשערנאָװיץ, און כ'האָב, נאַטירלעך, געװוּסט, װען אין אונדזער שטאָט װעט פֿאַרקומען די באַגעגעניש מיט „סאָװעטיש הײמלאַנד". לײדער, האָב איך אָבער אױך געװוּסט, אַז דאָס מאָל װעט מיר אױף אָט דער (אין טשערנאָװיץ שױן טראַדיציאָנעל געװאָרענער) ליטעראַרישער סימכע ניט אױסקומען צו זײַן. דאָס האָט מיך שטאַרק געקימערט, נאָר װאָס האָב איך געקאָנט טאָן? זיך נעמען אַמפּערן מיט דער מעדיצין, אַז כ'װיל איצט ניט פֿאָרן צום יאַם, אַז כ'װעל אַזױ אױך געזונט װערן?..

פֿאָר איך קײן אָדעס אױף אָפּרו און טרײסט זיך: ס'איז נאָך ניט אַלץ פֿאַרלױרן. אַז דו װעסט גוט װעלן, װעסטו זיך אַראָפּכאַפּן פֿון אָדעס קײן קעשענעװ, װען עס װעלן אַהין אָנקומען די רעדאַקטאָרן און אױטאָרן פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד".

האָב איך טאַקע אַזױ געטאָן, און איר מעגט מיר גלײבן, אַז ס'האָט אַלץ װערט געהאַט: אי דאָס דורכלאָזן פּראָצעדורן, אי דער אױסרײד, װאָס כ'האָב שפּעטער באַקומען פֿון דער שטרענגן װאַכזאַמער מעדיצינישער שװעסטער.

עס שטײט מיר נאָך איצט פֿאַר די אױגן דער פֿולגעפּאַקטער ראַשיקער זאַל פֿונעם שרײַבער־הױז אױף דער „קיִעװער גאַס" אין קעשענעװ, דער יאָמטעװדיק - אױסגעפּוצטער עולם. מײַן אױפֿמערקזאַמקײַט האָט צוגעצױגן די גרױסע צאָל יונגע מענטשן, װאָס זײַנען אַהער געקומען. עס איז מיר שטאַרק געװען צום האַרצן די הײמלעכקײַט, דאָס לעבעדיקע בריקעלע, װאָס האָט פֿון דער ערשטער רעגע זיך לײַכט אַריבערגעװאָרפֿן פֿונעם פּרעזידיום־טיש צום זאַל און אָפּגעװישט יעטװידן שפּור פֿון געצױמטקײַט.

א שטאַרקן אײַנדרוק האָט געמאַכט די װאַרעמקײַט, די כאַװערישקײַט, דער פֿאַרשטאַנד און אָפּשײַ, װאָס עס האָבן אַזױ אומיטלבאַר און אָפֿריכטיק אַרױסגעװיזן צו דער ייִדישער ליטעראַטור די ליטעראַטן פֿון מאָלדאַװיע.

און א מערקװירדיקע זאַך. די פֿײַערלעכקײַט פֿונעם אָװנט האָט ניט געשטערט דעם זאַכלעכן און אָפֿנהאַרציקן געשפּרעך װעגן פֿיל איניאַנים, װאָס רעגן און אינטערעסירן הײַנט בײדע צדדים — די לײענער און דעם זשורנאַל. מיר, אַן אַלטן צײַטונגס־טוער, איז פֿרײדיק געװען צו זען, װי טרײַ „סאָװעטיש הײמלאַנד" היט אָפּ אײנע פֿון די שענסטע טראַדיציעס פֿון אונדזער סאָװעטישער פּרעסע: אױפֿמערקזאַם זיך צוהערן צום לײענער, שעצן זײַן צוטרױ און אַכטן זײַן מײנונג.

און לעסאָף, טאַקע צוליב טײַמים פֿון אָפּשײַ, װיל איך בעטן באַ די טשערנאָװיצער לײענער פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד": האָט אױף מיר קײן פֿאַריבל ניט, װאָס כ'האָב אױף דעם דאָזיקן אָװנט אָן אײַער װיסן גענומען א װאָרט און פֿון אײַער נאָמען האַרציק באַגריסט די לײענער פֿון דער מאָלדאַװישער הױפּטשטאָט.

אירינע אוליאַנאָװע

װוּנדערלעכע אײנמוטיקײַט

איך בין א יונגע רוסישע דיכטערן, און ס'איז מיר דאָס ערשטע מאָל אױסגעקומען בײַזײַן אױף אַן אָװנט פֿון ייִדישער ליטעראַטור. דוכט זיך, אַז די ייִדן רופֿן זיך אָן „דאָס פֿאָלק פֿונעם בוך", דאָס הײסט — א פֿאָלק פֿון לײענער (איך בעט מיר אַנטשולדיקן, אױב איך טײַטש אױס ניט װי געהעריק). איך װיל דאָ װעגן דעם דערמאָנען, קעדײ אַנשױלעך איבערגעבן דעם אײַנדרוק, װאָס עס האָט אױף מיר געמאַכט דער ייִדישער לײענער־עולם, בעשאַס איך און אַנדערע ניט־ייִדישע שרײַבער, מענטשן פֿון אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטן, שעפֿער פֿון דער רוסישער און מאָלדאַװישער ליטעראַטור, זײַנען אַרױסגעטראָטן אױפֿן אָװנט פֿונעם ייִדישן זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד".

ס'איז מאַמעש רירנדיק געװען די זעלטענע אױפֿמערקזאַמקײַט, מיט װעלכער דער גרױסער איבערפֿולטער זאַל (מענטשן זײַנען דאָך געשטאַנען אַפֿילע אין די דורכגענג, באַ די װענט, אין די טירן) האָט זיך צוגעהערט צו יעדן װאָרט פֿון די שרײַבער, רירנדיק איז געװען דער אײנמוטי־

קער העסקעם פונעם אוילעם מיט די ארויסזאָגונגען, אפילע מיט די ווערטלעך און וויצן, פון די שרײַבער. וועגן דעם זײַנען געווען אן איידעס די שמייכלענדיקע און שײַנענדיקע פּנעמער, די שארפזיניקע רעפּליקעס, די ווארעמע אפּלאָדיסמענטן, פולע מיט דאנקבארקײַט און אנערקענונג.

די ווּנדערלעכע איינמוטיקײַט פון די שרײַבער און זייערע לייענער איז באזונדערס וויכטיק, ווען מע נעמט אין אכט, אז דער צושויער־זאל איז באשטאנען פון פארשיידענע מענטשן, וועלכע האָבן א פארשיידענעם געדאנקענגאנג און פארשיידענעם קוק אפן לעבן. דאָ זײַנען געווען עלטערע מענטשן און שילער פון די מיטלשולן, פארדײַגעטע מאנצבלען און יונגע פרויען, באָכערים און מיידלעך, מענטשן פון קאָלערליי באשעפטיקונגען, כאראקטערן און נייגונגען. און בא אזא אוילעם — אזא איינמוטיקײַט, אזא אינטערעס און אָפענע ליבשאפט צו די פאָרשטייער פון דער פּילשפּראכיקער ליטעראטור. דאָס איז בעעמעס רירנדיק!

אזעלכע באגעגענישן ברענגען פרייד אלעמען — סײַ די לייענער, סײַ די שרײַבער. און אונדזער באַרוף איז דאָך ברענגען מענטשן פרייד, עסטעטישן פארגעניגן.

יאנקל יאקיר

דעם זיידנס אורייניקלעך

ס'איז שוין געוואָרן א וואָכעדיקער גאנג.

די „גיכע הילף" קומט צולויפן מיט איר גאנצן קלאָפּערגעצײַג, מיט דעם, וואָס ער, לייזער, רופט אָן אין זײַן באדכאָנישן נוסעך — האקלבאקל.

א גוטע שאָ צײַט זײַנען זיך די רויפים מעסאסעק מיט אים, און בענייביי, צווישן איין אינ־יעקציע און דער צווייטער, כאפּט ער דערווײַל, דער אלטער טרובאדור לייזער קישקאָוו, ארײַן א זעמערל.

און אז מע האָט אים איינמאָל א פרעג געטאָן, וואָס איז דאָס פאר א זינגען אין מיצקעדערינען, האָט ער זיך אזוי קעהײַלישנעדיק אָן ענטפער געטאָן:

— קאָלזמאן דאָוויד־האמעלעך האָט געהאלטן דאָס פידל אין דער האנט, האָט דער מאלעכהאמאָוועס אף אים קיין שליטע ניט געהאט...

שמייכלען די דאָקטוירים. און ער שמייכלט אויך, לייזער. דער שמייכל זײַנער איז ווי אויסן צו זאָגן:

— איז פארגעדענקט זשע, קינדערלעך. אצוועס — דאָס איז א פּרעמיע דעם טויזנט־אויגיקן.

...הײַנט איז אָבער דער דאָקטער געווען אויסער־זיך: הערט א מאנקאָליע פון א ייִדן. ער וויל, צאפּלט זיך, בעט ראכמים, אז די „גיכע הילף" זאָל אים אָפּפירן מיט זייער אווטאָ אף דעם גרויסן ייִדישן אָוונט.

א וואָרט אהין, א וואָרט אהער. זיי, די מעדיקער, מיט זייערע וואָגיקע, וויסיקע ארגומענטן, ער — מיט זײַן ליריש טאכנונימל. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז צוויי סאניטארן האָבן גענומען בא אים אונטערפּירעכץ און מיט א פײַערלעכער מינע אים ארײַנגעפירט אין זאל, גלײַך ווי זיי וואָלטן וועלן מעלדן:

— מאכט אווארע, דער אלטער זינגער גייט!

עס האָט אים הײַנט אָפּגעגליקט, לייזערן. ער איז מאמעש א זויכע־בעגוירל. ער זיצט אין דער דריטער ריי צווישן די יונגע סטודיִאנטן פון דעם קעשענעווער ייִדישן פאָלקסטעאטער. זיי וועלן, אפּאָנעם, אויך הײַנט באשיינען דעם אָוונט. אין דער רעכטער זײַט זיצט די יונגע בליִענדיקע רעציטאטאָרן דינע גלייזער, און אין דער לינקער זײַט — דער סאָלאָוויי פון דער סטודיע יאשע סאנדלער.

פארקוקט ער זיך, לייזער, אף סאנדלערן, און עס גיט אים אזש א נאָג באם הארצן. טאָטש אף טאָטש אזוי ווי אָט דאָס באָכערל האָט ער אויסגעזען אין יענעם ווערסנעדיקן אָוונט אין אָדעס, ווען כאיִם־נאכמען ביאליק, ביכווידוי־אוועאצמוי, האָט אים געפירט צוגאסט צום זיידן מענדעלע.

ס'איז פאָלג מיך א גאנג... ערשט נעכטן געווען... א יויוול מיט א שמיץ.

ער האָט דעמלט געארבעט בא ביאליקן אין דרוקערײַ. און דעם גרויסן דיכטער איז אזוי געפעלן געוואָרן זײַן זינגען, אז

אין צושויער־זאל

ער האָט באַשלאָסן אויך דעם זיידן מעהאַנע זײַן מיט לייזערס נעגינע.

אײַ האָט עס דער זיידע אָנ־געטײַעט אין יענעם אָפּדער־נאַכט. ער האָט אַלע מאָל אַ רוף געטאָן זײַן ווײַב. און אַפּי־לע זי, די כמורנעוואַטע פּעסל, האָט אונטערגעהאַלטן דעם גרײַזן פּאַטריִאַרך, ווען ער איז זיך פאַרגאַנגען פון נאַכעס.

ס'א לייזערל אַ מײַדים. ער האָט אַ פולן האַלדז מיט סאָ־לאָוויטשיקלעך.

...איז ער איצט טאַקע גאָלע היסלײַוועס, לייזער. עפּעס מישן זיך באַ אים מאָדנע איבער נעכטיקע דערמאָנענישן און הײַנטיקע קאָכיקע אײַנדרוקן.

זע נאָר, ווי זיי שפּאַנען עס אַזוי אַצילעסדיק אַרוף אַפן באַלעמער, די ייִדישע שרײַבער פון מאָסקווע און אָדעס. און הײַנט די קעשענעווער... פאַר זיי וואָלט ער קיין זאַק באַרשטש ניט אוועקגעגעבן.

און סײַ די, וואָס ריידן, און סײַ די, וואָס לייענען, — קומט אים אויס, אַז זיי מאַכן עס אַזוי פּאַשעט, אַזוי כאַוורוסע־דיק, אָן שום ליטעראַרישע קונצן און מאַניפּאַרגעס.

און אַז ער זעט זיי שוין אַלע אַרום האַלבער נאַכט זיצן מי־דע און צעלויכטענע אין פּאָ־ליש פון דער טריבונע און קלײַבן נאַכעס פון די יונגע סטודיִאַנטן, וועלכע פּראַווען איצט זייער קינסטלערישע אַווידע, גיט אים אַזש אַ קלעם באַם האַרצן: איר וועט זאָגן, אַז דאָס זײַנען די מעכאַברים פון פּילצאַליקע ביכער, און אים דערמאָנען זיי איצט אין זײַן פאַרהאָרעוועטער מאַמען, ווען נאָך אַ טאָג פון שווערער פּראַצע פלעגט זי זיך אַראָפּ־לאָזן אַ מידע אַף דער טרי־נעשקע און זיך אַ פּעסטע טאָן פּאַרן קליינוואַרג.

אַ רעגע דוכט זיך אים אויס, לייזערן, אַז איניינעם מיט די אַכט הונדערט באַגײַסטערטע צושויער געפינט צו דער בינע אויך דער זיידע מענדעלע און ער הערט זיך צו, וואָס עס ריידן זײַנע אוריניקלעך...

מאַטל סאַקציִער

פלאַקער, פלאַקער, פײַערל

מ'האָט ניט געדאַרפט קיין אַפּישן. ס'איז ניט נייטיק גע־ווען קיין שום רעקלאַמע. ווי דורך דראָטלאָזן טעלעפאָן האָט קעהערעף־אײַין זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט: אַ באַגעג־עניש מיט „סאָוועטיש היימ־לאַנד". די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען אַ העמשעך פון אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן בײַס די פּריִערדיקע טרעפונגען צווישן די ייִדישע וואָרט־שעפער מיט זייערע דאַנקבאַרע לייענער.

איך האָב געקוקט אין פּיל־פּענעמדיקן זאַל און געזען צווישן די היימישע אינטעלי־גענטן אויך מײַן באַקאַנטן סטאָליער, דעם בריגאַדיר פון דער היגער מעבל־פאַבריק, וואָס האָט אין מעשעך פון יאָרן מיט גרויס ליבשאַפט אָנגעג־קליבן אַ היפּשע צאָל ביכער אין אַ שראַנקל. „אָט דאָס, — האָט ער מיר געזאָגט, — איז מײַן אָרנקוידעשל". און איך האָב געטראַכט וועגן די ייִדישע קולטור־טראַדיציעס, וואָס זײַ־נען וואָרצלדיק־טיפע, אַפּצולאָ־כעס אַלע מאַרעשכוירעדיקע פּראָגנאָז־שטעלער.

איך האָב אויך אַרומגענומען מיטן בליק דאָס יונגוואַרג, וואָס קעדיי צו דערווײַזן, אַז זיי זײַנען ניט נאָר פּלאַטאָנישע אָנהענגער פון דער ייִדישער קינסטלערישער וואָרט־שאַפונג, האָבן זיי צום סאָף אַליין זיך אָפּגערופן צום וואָרט. זיי האָבן געבראַכט מוסטערן פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, געזונגען מיט אַ סאַך כיין און געשמאַק פאָלקסלידער.

דאָס זײַנען די יונגטלעכע פון עם קעשענעווער טעאַטער־קאָלעקטיוו, וואָס איז, ניט קוקנדיק אַף זײַן יונגקײַט, דער־הויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ פאָלקס־טעאַטער. די עסטאַ־פעטע־איבערנעמער פון אונד־זער קולטור־ירושע האָבן גע־קאָנט אַרויסשפּראָצן אַף אַ באָדן, וואָס איז אָפּגעאַקערט און צוגעגרייט געוואָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". ער, אונדזער זשורנאַל, האָט ניט נאָר געווירקט אַפן אויפקום פון אַ ליטעראַרישן נאַכוווקס, נאָר אויך אַפן אויפלעבן פון אַנדערע צווײַגן פון ייִדישער קולטור־טעטיקײַט.

ווען מיר האָבן נאָכן אָוונט שפּאַצירט מיט אונדזערע טײַ־ערע געסט אַף די גרינע קע־שענעווער גאַסן, שיקערע פון אַקאַציע־רייכעס, האָט זיך געשפּונען ווײַטער אָן אַ סאָף דער אין זאַל אָנגעהויבענער שמועס. עמעצער פון אונדז האָט געזאָגט: פלאַקער, פלאַ־קער, פײַערל...

יוגנטלעכע און קינדער באַגריסן די אָנטיילנעמער פון דער לייענער־קאָנפערענץ

אירינע סטאַוואָסקאַיאַ

שטענדיק צוזאַמען

איך זיץ אין זאַל, און עס דוכט זיך מיר אויס, אַז איך זע צווישן דעם אוילעם מײַנע כאַווערטעס פון די קינדער־יאָרן, — די ייִדישע מיידעלעך, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט אין ליאַלקעס, געשפּרונגען איבער אַן אויס־געצויגן שטריקל, געמאָלט אויפן טראָטואַר „קלאַסן", געוואָרפן אין וואַנט אַ פּילקע.

נאָר ניין, דאָס האָט זיך מיר אָפּגעדוכט. ניטאָ מער מײַנע פריילעכע כאַווערטעס, די לאַ־כערקעס, זיי ליגן אין די נאָ־מענלאָזע גריבער... איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז די בילד־שיינע יעפּאַסטויאַרס פייגעלע פּיכמאַן און ראַיעטשקע שמו־לעוויטש, מיט וועמען איך האָב געלערנט אין בעלצער גימנאַ־זיע, זײַנען געשטאָרבן פון הונגער אין געטאָ. עס קאָן אָבער ניט זײַן, זיי זאָלן זיך דאָ ניט געפינען — זיי האָבן דאָך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט קונסט, ליטעראַטור, אַלץ, וואָס עס איז שיין און דערהויבן...

אין אַ ווײַטן ווינקל פון זאַל זיצט מײַן איצטיקע שכיינע, די „באָבע לי", ווי עס רופט זי איר אייניקל, ד. ה. די באָבע ליזע. זי איז געוויס געקומען אהער ניט אַליין. באַנאַנד מיט איר זיצן, כאָטש קיינער זעט זיי ניט, איר שוועסטער און ברודער, וועלכע האָבן ניט באַ־וויזן צו עוואַקויִרן זיך און די היטלעריסטן האָבן זיי אופגע־האַנגען אין זייער אייגענעם הויף... אונטערן אַקאָמפּאַנע־מענט פון אָט די זעונגען ווערט באַ מיר אין געדאַנק געבוירן די ליד „אונטער אַקאַציעס". איך ווידמע זי די אומגעקומע־נע. איך בין דאַנקבאַר דעם ייִדישן דיכטער פון ווײַסרוס־לאַנד כאַיִם מאַלטינסקין, וועל־כער האָט אין זײַן איבערזעצונג, ווי עס גיבן מיר איבער מײַנע פרײַנט — ייִדישע לייענער, מיט גרויס געפיל איבערגע־געבן מײַן פּראָסט מאָלדאַוויש לאָשן.

* * *

באַ אונדז אפן הויף אונטער אַלטע אַקאַציעס
קונדייסימלעך שפּילן אַ טאָג זיך אַ גאַנצן.
עס פּיקן די טויבן באַ זיי פון די דלאָניעס די ברעקלעך.
פון צווישן געבלעטער אַף קינדערשע הענטלעך
די שטראַלן מיט צערטלעכקײַט גלאַנצן.

פיל יאָרן צוריק מיט געקלאַנג פון די אײַזערנע שפּאָרן
סע זײַנען פאַשיסטן אַרוף אפן הויף ניט געײַלט,
געיאָגט פון די דירעס די שכיינים, געקײַכט, זיך פאַרווײַלט,
און מענטשן געהאַנגען,
און אַלעמען קוקן געצוווּנגען מיט שוידער און צאָרן...
עס זײַנען צעשראָקן אַנטלאָפן די פייגל פון ביימער.
אינמיטן פון העלן און זוניקן טאָג
אונטער אַקאַציעס ווימלט
דער אומגליק און פּלאָג...

אין שטילקײַט, אין וואַנזיניק־גרויליקער שטומקײַט
דערגייט צו די מענטשן דער שאָרך פון די שטריק,
פאַרפלאָכטענע אַף די אַקאַציע־צווײַגן,
וואָס הוידען זיך הין־און־צוריק...

אַ גרײַז־גרויער אַלטער שוין הייבט ניט די אויגן צום הימל,
קיין טראָפּן ביטאָכן זײַן האַרץ ניט פאַרמאָגט.
ער נעמט אוף געהאָרכזאַם דעם פינצטערן עמעס,
בעלאַכעש זײַן אוראַלטע טפילע ער זאָגט.

צעשניטענע גופים — פאַרטיליקטע וועלטן
זיך האָבן באַוועגט נאָך, וואַרעמע, שווערע...
כ'האָב דעמלט געלעבט אונטער אַנדערע שטערן,
נאָר יענע פּראָצעסיע... — די געהירן זיך הויבן, —
כ'זע דײַטלעך אויך הײַנט אין מײַן שטוב דורך די שויבן...

עס שפּילן קונדייסימלעך, און איבער זיי
די געהאַנגענע, פּונקט ווי געשפּענסטער, זיך וויגן...
פון דעם ניט געבוירענעם, לאַנג שוין דערשטיקטן געשריי
זיך קרײַזט אונטער קרוינען
דער גרויליקער ניגן...

אפן כעזשבן פון מערדער אַזויפיל אומשולדיקע לעבנס —
צעשאָסן, געהאַנגען, צעטראָטן אין קויט.
ס'מוז יעדער פון זיי פאַר אומצאָליקע טויטן
באַקומען אַמווייניקסטן כאָטשבי
איין טויט!

דער דערפאָלג פון דער ייִדישער ליטעראַטור פרייט די מאָלדאַווישע שרייַבער. אייניקע ייִדישע וואָרט־מייַסטערס — יעכיִעל שרייַבמאַן, יאַנקל יאַקיר, מאָטל סאַקציִער — לעבן און אַרבעטן צוזאַמען מיט אונדז שוין צענדליקער יאָרן. איניינעם מיט אונדז קוויקן זיי זיך מיט די שיינע זון־פאַרגאַנגען פון מאָלדאַוויע, מיט דעם צוויט פון אירע סעדער, מיט די פּרעכטיקע ווייַטע ראַכוועסן.

די ייִדישע ליטעראַטור איז פּרעכטיק! זי איז יונג און אייַנצייַטיק זייער אַלט! איך ווינטש איר פון טיפן האַרצן יונגקייַט אָן עלטער.

שמועל גאַרדאַן

פיר שלאָפלאָזע נעכט

כ׳ווייס ניט, צי אין דעם גרויסן פינפשטאָקיקן האָטעל „קעשענעוו“, ווו מיר זייַנען אייַנגעשטאַנען, וואָלט זיך אָפּגעזוכט כאָטש איינער, וואָס זאָל נאָך ניט האָבן געזען די היגע אָזערע, וואָרעם זייַן אין קעשענעוו און ניט זען די אָזערע איז פּונקט ווי זייַן אין אָדעס און ניט זען דעם יאַם. אַזוי זאָגן די קעשענעווער. איז דאַרף מען, פרעגט זיך, נאָך אַ גרעסערן באַווייַז, ווי שטאַרק איבערגעלאָדן מיר זייַנען געווען, אויב מיר האָבן אין משך פון די פיר מעסלעס ניט געקאָנט אויסטיילן פאַר זיך קיין פרייַע שאָ אָף צוגיין אָנקוקן דעם היגן יאַם...

נאָך מער: אויסער דעם צענטראַלן לענין־פּראָספּעקט, ווו דער האָטעל שטייט, און די דערבייַיִקע גאַסן, ווו עס געפינען זיך די צושויער־זאַלן, אין וועלכע עס זייַנען פאָרגעקומען אונדזערע באַגעגענישן מיט די לייענער און מיטן פאָלקס־טעאַטער, האָבן מיר דאָך, אייגנטלעך, מער אין ערגעץ ניט באַוויזן זייַן, בעשאַס אין טשערנאָוויץ איז, דוכט מיר, ניטאָ די גאַס און עפּשער דאָס געסל, וואָס מיר זאָלן געווען איבערהיפּערן, כאָטש מיר זייַנען דאָרט געווען סאַכאַקל קנאַפּע צוויי מעסלעס און אויך ניט געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט.

עמעס, טשערנאָוויץ איז ניט קעשענעוו, טשערנאָוויץ איז פיל קלענער, אָבער ניט אין דעם גייט עס. די טשערנאָווי־צער זייַנען צו אונדז געווען מער „באַרעמהאַרציק“ — זיי האָבן אונדז כאָטש איבערגעלאָזט פרייַ די פאָר נעכט, און באַנאַכט איז אָט די גרינע, זויבערע, וווּנדערבאַרע שטאָט ניט ווייניקער שיין און אייגנאַרטיק. מיר דוכט אַפילע, אַז ווען די טעג, וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט, זאָלן בא אונדז ניט געווען זייַן אַזוי איבערגעלאָדן מיט אַרבעט, וואָלטן מיר סייַווי זיך געווען פאַרזאַמלט בא דער הויכער שטיינערנער געבייַדע פונעם שטאָט־סאָוועט אָפן צענטראַלן פּלאַץ אין די באַנאַכטיקע שאָען. דער גרויסער ווייַזער אָפן טורעם־זייגער האָט שוין באַלד געהאַט דורכגעמאַכט אַ גאַנצן קרייַז, און מיר האָבן זיך נאָך אַלץ ניט גערירט פון אָרט, געשטאַנען אַנטקעגן דעם הויכן גרויען מויער, ווי מיר וואָלטן זיך ריכטן דערזען באַלד אַרויסגיין פון דאָרט ייִצכאָק־לייבוש פּערעצן, שאָלעם אשן, אווראָם רייזענען, נאָמבערגן, זשיטלאָווסקין און אַלע איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער באַרימטער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיקער געבייַדע מיט זעכציק יאָר צוריק.

קעשענעוו איז, פאַרשטייט זיך, אויך געגנוג רייַך מיט היסטאָרישע פּלעצער, גאַסן, געבייַדעס. האָבן אָבער די קעשענעווער ניט איבערגעלאָזן אין אונדזער רעשוס אַפילע די נעכט. ביז איצט איז בא מיר פאַרבליבן דער אייַנדרוק, אַז סאָף מייַ זייַנען אין קעשענעוו ביכלאַל ניטאָ קיין נעכט, אָדער זיי זייַנען זייער קורצע.

די באַנאַכטיקע דעזשורנע פון האָטעל, וואָס פלעגט אונדז דרייַ, האַלב פיר פאַרטאָג מעכאַבעד זייַן מיט טיי פונעם ניקלנעם עלעקטרישן סאַמאָוואַר, איז אַ קעשענעווערן, און אַ קעשענעווער אין יענע סאָף־מייַיִקע טעג האָט מען, מיין איך, ניט געדאַרפט איבעריקס דערקלערן, פאַרוואָס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז דער שלאָף. נו, זאָגט, ווי קאָן מען עס אייַנשלאָפן נאָכדעם, ווי אָנהייבנדיק פון זיבן אָוונט ביז איינס באַנאַכט זעט מען פאַר זיך אַ גרויסן פולגעפּאַקטן זאַל, וועלכער נעמט אַרייַן, צוזאַמען מיטן קאָרידאָר, וואָס איז אויך געווען היפּשלעך פאַרפולט, מיסטאָמע אַ טויזנט מענטשן, און צווישן זיי זעסטו זיצן אַ פרוי מיט אַ קינד אָף די הענט. ס׳איז ניט געווען אָף וועמען איבערצולאָזן דאָס ברעקל קינד, צי די פרוי האָט עס בעקיוון מיטגענומען מיט זיך אַהער, זאָל דאָס קינד פאַרגעדענקען, וואָס פאַר אַ קאָוועד עס ווערט אָפּגעגעבן דער שפּראַך, אָף וועלכער זי רעדט.

דאַכט זיך, נאָך אַזאַ אָנגעשטרענגטן אַרבעטסטאָג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ ליטעראַרישן אָוונט, און דערצו נאָך בא אַזאַ מעסוקענער היץ, האָבן מיר ערלעך פאַרדינט אַ ביסעלע רו. זייַנען אָבער די קעשענעווער, ווי שוין געזאָגט, ווייַט פון „באַרעמהאַרציקייַט“, און דער ליטעראַרישער אָוונט ווערט פאָרגעזעצט אָף די שטילע באַנאַכטיקע גאַסן. דער וועג פונעם לאָקאַל, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דער אָוונט, ביזן האָטעל איז אַ גאַנץ היפּשער, דערבייַ שטייען מיר מער ווי מיר גייען. געדויערט טאַקע דער וועג פייַנע עטלעכע שאָ.

א שטיק הימל האָט שוין באַוויזן זיך אָפּרייניקן פון שטערן און גענומען זיך גרייטן באַגעגענען די מאָלדאַווער זון.

ווי אָנגעשטרענגט ס'איז ניט געווען דער אַנדערער טאָג, האָט ער זיך אויך פאַרענדיקט מיט א שלאָפלאָזער נאַכט, און וועגן דער דאָזיקער שלאָפלאָזער נאַכט איז צו דערציילן און דערציילן.

זיי וועלן מיר שוין איצט שטענדיק שטיין פאַר די אויגן, די לעבנסלוסטיקע אַרבעטנדיקע און שטודירנדיקע ייִנגלעך און מיידלעך פונעם קעשענעווער פאָלקס־טעאַטער. איך וועל ניט מיד ווערן דערציילן און דערציילן וועגן די פינף־זעקסיאָריקע שוישפּילער און שוישפּילערנס אינע שוואַרצמאַן, רייזעלע לעווין, זאַלמענקע אוווערבוך...

איז אונדזער טיפסטער דאַנק אײַך, טײַערע רוון לעווין און מאָטל סאַקציִער — גרינדער און אָנפירער פונעם וווּנדערלעכן קעשענעווער פאָלקס־טעאַטער, פאַר דער גרויסער פרייד, וואָס איך און מײַנע מאָסקווער און אָדעסער קאָלעגן שרײַבער האָבן דורכגעלעבט אין דער דאָזיקער שלאָפלאָזער נאַכט...

ווער האָט זיך געמיט, אַז אויך די דריטע און פערטע נאַכט זאָלן זײַן שלאָפלאָזע, וועל איך שוין ניט דערציילן, ווײַל דאָ איז פאַרמישט דער קעשענעווער ליטעראַרישער דרײַלינג — יאַנקל יאַקיר, מאָטל סאַקציִער און יעכיִעל שרײַבמאַן.

ס'איז בא אונדז געווען אַמאָל אָנגענומען ריידן וועגן דרײַ ליטעראַרישע צענטערס: מאָסקווע, קיִעוו, מינסק. אויב עמעצער וועט איצט פּרוּוון אײַנטיילן די ליטעראַטור אויף געאָגראַפישע צענטערס, וועט ער קעשענעוו זיכער פאַררעכענען פאַר איינעם פון זיי, ווײַל ניט בלויז די צאָל שרײַבער באַשטימט דאָך דאָס אָרט, וואָס דער אָדער יענער געאָגראַפישער פּונקט פאַרנעמט אין דער ליטעראַטור.

איז וואָס איז דער וווּנדער, אויב קעשענעוו — איינער פון די ליטעראַרישע און טעאַטראַלע צענטערס פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער קולטור — האָט ניט איבערגעלאָזט אין אונדזער רעשוס אפילע די נעכט?

יעכיִעל שרײַבמאַן

ליבשאַפט

ניטאָ, דאַכט זיך, קיין שטאַרקערע פרייד, ווי שטיין אָט אַזוי אויג־אויף־אויג מיטן אוילעם, זען, ווי ער הערט דיך א פאַרטײַעטער, כאַפּט אויף יעדעס וואָרט דײַנס, יעדן דינסטן מיין.

קיין אײַנהאָרע א גרויסער אוילעם אין זאַל, קאָפּ אויף קאָפּ. צעשטראַלטע ייִדן און ייִדענעס. יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטע יונגעלײַט מיט זייערע ווײַבלעך. דאָ און דאָרט זיצט א ייִנגל און א מיידל. און דאָ און דאָרט וואַרפט זיך אפילע דורך צווישן אוילעם א נײַגעריקפאַריסן פּענעמל פון א קליין קינד.

פילסט אַרום זיך אַזאַ טיפע שטילקײַט, אַזאַ געלײַטערטגעטרײַע קאַוואָנע, ווי דו וואָלסט געשטאַנען און געלייענט פאַר איין מענטשן. טויזנט פּאָר אויגן קוקן צו דיר מיט איין און דעם זעלבן דאָרשטיקן קוק, שיקן דיר קעסיידער אַרויף אַזוינס, וואָס איז פאַרן שרײַבער דער גרעסטער סכאַר, און דאַרף, מיין איך זײַן די איינציקע מאָס אים צו מעסטן — ליבשאַפט.

דאָס מאָל, אין די כאַדאָשים פון מײַן פערזענלעכער פאַראָוולטקײַט (ניט לאַנג צוריק איז געשטאָרבן י. שרײַבמאַנס פרוי. — רעד.), קאָן, פאַרשטייט זיך, די פרייד אין מײַן האַרצן ניט זײַן קיין גאַנצע. איך זע פאַר זיך א ליידיק בענקל. אָלגע זיצט מער ניט צווישן אוילעם, ווי זי פלעגט אַזוי זיצן קעגן מיר אין די אַלע דרײַ צענדליק יאָר, אויף יעדן ליטעראַרישן אָוונט אונדזערן. איך זע פאַר זיך ניט איר גוט, באַרויִקנדיק פּאָנעם; די גרויסע וואַרעמקײַט און ליכטיקײַט, וואָס קומט צו מיר פון דעם יאָמטעוודיקן זאַל, שלאָגט זיך אָן ערגעץ טיף אין מיר אין טרויער, אין עלעגיע. אָלגע — עלעגיע. אָלגע. עלעגיע. אָלגע. עלעגיע. אָלגע — עלעגיע.

מע דאַרף זיך מיט קיין טרויער ניט באַהאַלטן. טרויער איז א מענטשלעך געפיל.

א גרויס מענטשלעך געפיל איז ליבשאַפט — דאָס איינציקע געפיל, וואָס קאָן גוויווער זײַן טרויער, ווײַל עס איז שטאַרקער פון טרויער.

כ'לייען דעם אוילעם פּראָזע. פּראָזע, ווייסט מען, איז שווער צו הערן, שווער צו לייענען. א האַרציקן דאַנק, אוילעם מײַנער! א דאַנק פאַר די גוטע רעגעס, וואָס האָבן פון מיר געטריבן דעם טרויער. א דאַנק פאַר ליבשאַפט.

אין פּרעזידיום

ליטעראטור-קריטיק
ביבליאגראפיע
פראגן פון קונסט



צום יויוול פון א דערציילער

די יונגעלייט, וואָס זײַנען פון די בעסאראבער פאראָרעמטע שטעטלעך געלאָפן זוכן טאכלעס אין די גרויסע אינדוסטריִעלע צענטערס פון דער אמאָליקער „גרויס־רומעניע“, פלעגן באגײַסטערטע דערציילן וועגן א יונגן לעקטאָר יאנקל יאקיר, וועלכער האָט זיך באוויזן בא זיי אין די שטעטלעך — א הויכוווּקסיקער, מיט א בלאָנדער היטשקע הארט־סטארטשענדיקע האָר, מיט אויגן אצוועסדיק־מאטע, פארקוקטע ערגעץ אין ווײַטע, סוידעספולע וועלטן.

דאָס הויכווּקסיקע באָכערל מיטן העמדל, לויטן רוסישן שטייגער געשפיליעטן אף א זײַט און ארויסגעלאָזטן איבער די הויזן, פלעגט, פון קיינעם ניט באופטראָגט, זיך ארײַנכאפּן אין די שטעטלעך, זאמלען ארום זיך דאָס יונגוואַרג און זיי געווינען באלד מיט דער פּראָסטער גוטברודערישקײַט און דעריקער — מיט דער באהאוונטקײַט אין א סאך פאר זיי אומקלאָרע זאכן. זיי זײַנען פארכאפּט געוואָרן פון זײַנע טעמפּעראמענטפולע רעדעס וועגן ביכער, ליטעראטור, ליטערארישע שטרעמונגען. די רעדעס זײַנען שוין דעמלט געווען דורכגעפלאָכטן מיט פריילעכע מײַסעס, פאָלקס־ווערטלעך, קאלאמבורן.

דאָס איז געווען אף דער שוועל פון די דרײַסיקער יאָרן.

אפן גאנצן שעטעך פון דער בעסאראבער פּראָווינץ, אף וועלכער מ׳האָט אין דער וועלט געקוקט מיט א מין גוטווילוקן שמייכל ווי אף אן אָפּגעשטאנענער, האָט אומגעריכט זיך אָנגעהויבן אן איבערוף פון יונגע שרײַבערישע שטימען. די יוגנט האָט זיך געמאָלדן צום וואָרט. און געמאָלדן האָט זי זיך — אמאָל דרייסט און פאנאטיש־אײַנגעגלייבט אין גרויסן מענטשלעכן עמעס, וואָס האָט אלץ מער באהערשט די מויכעס און די נעשאָמעס, און אמאָל שעמעוודיק ניט־זיכער.

אין אָנבליק פון די הויערנדע שאָטנס, וואָס זײַנען מיט יעדן טאָג געוואָרן אלץ געדיכטער, בלײַיִק־שווערער און געוועקט דעם פאָרגעפיל פון דער פעלקער־טראגעדיע, ועמעס פארנעם ס׳איז נאָך שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, האָבן די יונגע געמוזט אויסקלאָרן און קאָנקרעט באשטימען זייער וועג און אויך זייער ראָליע אין לעבן און אין שאפן.

„אָנזאָג“ — אזוי האָט געהייסן דאָס איינמאָליקע העפטל, וועמעס ארויסגעבער איז געווען דאָס יונגע דרײַלינג: הערץ ריווקין, הערש־לייב קאזשבער און יאנקל יאקיר.

פערצן דיכטער און פּראָזאיִקער אָנפאנגער זײַנען מיט פריילעכן אימפּעט זיך צונויפגעפלויגן, ווי די בינען, מיט זייער גילדענעם גאָב אין דעם „אָנזאָג“־בינשטאָק. יויסעף טראכטנבערג מיט זײַן ברייט־שורעדיקן, עפּישן אָטעם; מאָרדכע שקאָלניק מיט די לירישע און סאָציִאלבונטארישע געזאנגען; הערץ ריווקין, וואָס אכוץ די אינטים־פּערזענלעכע מאָטיוון האָט ער געבראכט אויך א סאָציִאל־עטישן אקאָרד; הערש־לייב קאזשבער — דער אווטאָר פון קינסטלערישע פארצייכענונגען און פּאָרטרעטן; דער סטאָליער־יונג פון טעלענעשט אנשל קאבילקאָווסקי, פון וועמעס פּראָזע ס׳האָט מאמעש געשמעקט מיט פרישע סטרוזשקעס; שויעל ראבינאָוויטש, וועלכער האָט ווי א פּארטייִשער אקטיוויסט געהאט וואָס צו זאָגן אין דער פּובליציסטיק... פערצן יונגע שרײַבער, פארשיידענע לויט דער באגאבונג. אלע זיי — אויסער יאנקל יאקירן — האָבן פארענדיקט זייערע לעבנס טראגיש, אין די יאָרן פון קריג, און שפּעטער...

יאנקל יאקיר האָט גענומען אף זיך די ראָליע פונעם קריטיקער, דעם פאָרמולירער פון דער אידייִש־קינסטלערישער פּלאטפאָרמע, אף וועלכער דאָס יונגוואַרג, פארשיידנס לויט דער דערציִונג, דיפערענצירט לויטן וועלטבאנעם, האָט זיך געשטעלט. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ניט אין א קאָנקרעטער, טעאָרעטיש־אויסגעארבעטער פּראָגראם. ס׳האָט געדרונגען פון יאקירס קריטישע עסייען, פון זײַנע פּובליציסטישע ארויסטרעטונגען. די צײַט איז געווען א ביטערע. מע האָט געמוזט זײַן בייגזאם, האלטן וואך אין זיך דעם אייגענעם אינערלעכן צענזאָר, שרײַבן בעלאָשן־סאגענאָער. ס׳איז ניט געווען גרינג צו געבן די געדאנקען און אספּיראציעס א קלאָרע, אויסדריקלעכע עמאָציִאָנעלע באפארבונג.

אָבער קלאָר איז געווען איינס: אין דער היציקער

דיסקוסיע, וואָס האָט זיך דעמלט געפירט אין דער וועלט, האָט די גרופע שוין געהאַט איר בוילעט־אָנגעמערקטע פאָזיציע: ארײַנמישן זיך אקטיוו אין לעבן און ניט נאָר אָפשפיגלען דאָס לעבן, נאָר איבערמאכן עס אין גרונט. ס'איז געווען, הייסט עס, א רייד וועגן א נײַעם רעאליזם, וואָס זאָל ארויסשטראָמען פון דער קלאסיק, זיך אָנשפארן אף טראדיציע און זײַן ניט נאָר א שפיגל פון דער ווירקלעכקײַט, נאָר א קעמפער פאר א נײַ לעבן.

די מאָדעל איז געשטאנען פאר די אויגן: די סאָוועטישע ליטעראטור. און יאנקל יאקיר, איר הייסער אגיטאטאָר, האָט זיך אליין געלערנט און געייצעט זײַנע מיטגייער זיך לערנען בא איר קלאָרקײַט, פאשטעס, צילגעווענדטקײַט.

קאָן זײַן, אז טאקע דערפאר ווײַל יאקיר איז געווען דער וואָרטזאָגער פון אָט דער גרופע, האָט עס באשטימט זײַן אמפלוא אויך אף שפעטער, אף לאנג. אלס ליטעראטור־קריטיקער האָט ער פון אָנהייב אָן זיך ניט באגרענעצט בלויז מיט די ראמען פון דער אָרטיקער אופגייענדיקער יונגער ליטעראטור. ער האָט רעאגירט מיט אָפעראטיווער געשווינדקײַט אף יעדער ניט נאָר ליטעראַרישער, נאָר אויך סאָציאַלער דערשײַנונג. אזוי קומט ער דעמלט מיט זײַן פאמפלעט קעגן דער רומענישער באָיארישער אָליגארכיע „בעסאראביע אפן קרייץ“, וואָס האָט געמאכט א רוישעם אף די פראָגרעסיווע קרײַזן און צו וועלכן די מאכט האָט „אָנגעשפיצט די אויערן“. באלד נאָך דעם טרעט יאקיר ארײַן אין אן איראָניש־צעשמעטערנדיקן געפעכט מיט די מיסטישע גאָטזוכער אין דער יידישער דיכטונג. צענדליקער זײַנע עסייען זײַנען צעזייט אין די פארשיידנסטע זשורנאלן, און איניינעם מיט זיי דערציילונגען („בעסאראבער פרימאָרגן“ אין „ליטעראַרישע בלעטער“, „וועוועס קינדער־יאָרן“ אין „אופגאנג“, „באסטוּוקע“ אין „די וואָך“ אא.). מיט א לעבעדיקן זשורנאליסטישן כוש פאר דער אקטועלער, ברענענדיקער פראָבלעם פאָרט יאקיר ארום איבער בעסאראביע, און ער קען זי ווי קיינער ניט. ער באגעגנט זיך מיט פאָלקסמענטשן, שעפט זיך אָן מיט שטייגער, מיטן אויפן־האדיבער פון באלמעלאָכעס, פראָסטאקעס, באדכאָנים, יידענעס. ער גייט ארײַן אין זייערע הײַזער, און זיי עפענען פאר אים די הערצער, און גאנצע שיקזאלן לייגן זיך אָפ אין זײַן זיקאָרן.

יאקירן דעם פובליציסט און דעם קריטיקער איז קיינמאָל ניט געלונגען צו באהאלטן דעם בעלעטריסטישן אָדער זײַנעם, די טײַווע, וואָלט איך געזאָגט, פונעם דערציילער. ווײַל ניט נאָר אין עסיי אָדער ארטיקל — אין דער מינדסטער נאָטיץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט טאָמיד ארויסגעקוקט די נעטיע צו שיינשרײַבערײַ, האָט ער טאָמיד פארמאסערט די טעווע און די באדערפעניש צום דערציילערישן אויסהעפטן אין וואָרט די אָנגעזאמלטע דערפארונג.

אין גאס, בא דער ארבעט, בייס אינטימע און ברייטערע באגעגענישן האָט יאקיר ליב דערציילן מײַסעס, אויסקלעפן אפגיך געשטאלטן, סקיצירן פאָרטרעטן פון באקאנטע, אופסילען עפיזאָדן פון זײַן אייגענער ביאָגראפיע, פון דער אלטער היים, מײַסעס, וואָס קלינגען אָפטמאָל גוזמעדיק און אפילע אנעקדאָטיש, נאָר זיי זײַנען אין טאָך וואָרהאפטיק. און טאָמיד ווייס איך, אז אין די אימפראָוויזירטע מינדלעכע מײַסעס איז פאראן א היפשע דאָזע ליטעראַרישע האמצאָעס, אויסגעדיכטעטער אײַנפאל, פאנטאזיע, כאָטש די קאָליזיעס זיינען רעאלע.

דאכט זיך טאקע דערפאר, אז יעדע דערציילונג יאקירס איז שוין פון לאנג באקאנט, און אָט די לעצטנס געדרוקטע איז נאָר א נײַער, אָפגערעדאקטירטער וואריאַנט. מיר איז באקאנט דעם דערציילערס מאמע, דער טאטע, די פראָסטע פעטערס מיט פענעמער, אָפגעסמאליעטע פון דער הייסער דאָרעם־זון, די גראָבלעכע, נאָר ברייטהארציקע ערד־ארבעטער, וואָס האָבן געפירט אן ארכאַיש לעבן פון נאטור־מענטשן און זײַנען דאָך געווען דורכגענומען פון דערעכערעץ צו די איידעלע „פאָרשטייער פון גײַסט“, וועלכע זײַנען ווי בא זיך אין דער היים אין אלע זיבן כאָכמעס און האָבן דעם שליסל צו אלע סוידעס פון לעבן.

הערשל דאמבראוויצער, שײַקע ברינזאר, זײַן ווײַב ביילע, מוישע באלבירער, מוישע־ארן דער מיליציאָנער, און נאָך און נאָך, אן אָנצאָליקע פארשוינען־גאלערייע... זיי זײַנען אלע נאָענט דעם שרײַבער, אײַנגעבאקן אים אין הארצן מיט זייער יידישן געמיט, מיטן טעמפעראמענט, מיט זייער בארײדעוודיקײַט, מיטן געפיל פאר דער לאנדשאפט, מיט זייער לאָשן, וואָס איז בייגעוודיק, מעטאפאָריש, זאפטיק און שמעקט מיט בעסאראבער שווארצערדיקײַט, — ניט געקינצלטע, פולע מיט בילדערלעכער פלאסטיק...

זײַנען יאקירס פראָזע־ווערק אין גרעסטן טייל אוטאָביאָגראפישע, אָפט דערציילטע אין דער ערשטער פערזאָן. אין צענטער פון די געשיכטעס שטייען — דער טאטע, וואָס איז געווען א מילנער, און אויך געטריבן פאר די נעגידישע האָלצהענדלער ספלאוועס אפן פרוט ביזן דאָרעם־בעסאראבער שטעטל לעאווע, און דעריקער — די מאמע, די פאָשעטע יידישע פרוי, וואָס האָט זיך מיידלווײַז אָנגעלייענט מיט שאָמערס ראָמאנען, גערעדט דײַטשמעריש־געפליטערטע רייד ווי פון א בריוונשטעלער ארויס, א פאנטאזיאָרקע און אן אומויסשעפלעכער קוואל פון מײַסעס.

פון איר, אפאָנעם, האָט יאקיר געיארשנט די אייגנשאפטן פון א דערציילער — די בעהאדראָגעדיקע מאניר, די פאָלקסווערטלעך, דאָס קאָנען אָפהיטן דאָס לאָשן פון די אָוועס — פון יענע דאָרפישע יידן, וועמענס סטאָיציזם אין צײַטן פון גזיירעס און שווערע פאָלקס־ניסיוינעס און וועמענס מאָראלישע זויבערקײַט האָט אים פון דער קינדהײַט אָן אָנגעפילט מיט סימפאטיע צו זיי און מיט יִיראס־האקאָוועד.

נאָכן גרויסן וועלט־קאטאקליזם, אומקערנדיק זיך אהיים פון דער עוואקואציע, האָט יאקיר פארקערעוועט אין די שטעטלעך, אף די שפורן פון זײַן קינדהײַט. דאָרט האָט ער מער ניט געפונען זײַנע פראָסטע, ברייטהארציקע, שווערלײַביקע, ליבע פארשוינען, און עס האָט אים, דעם אײַנגעטונקענעם אין הײַנטצײַטיקײַט און אין הײַנטוועלטיקײַט, באהערשט אן אומגעהייערער ווילן צו געבן א קינסטלערישע פארקערפערונג פון יענעם פארשוווּנדענעם טיפאזש, אופלעבן יענעם שטייגער און מינהאָגים, געבן דעם מאָראלישן, סאָציאַל־היסטאָרישן, עטנאָגראפישן קאָלאָריט פון דער מיליע, פון וועלכער ס'איז קיין סאָריד־אופאָליט ניט געבליבן און וואָס האָט אף אים גופע געלאָזט א סאך סימאָנים.

יאקירס ציקלען דערציילונגען וועגן זײַן קינדהײַט זײַנען ניט קיין מעמוארן. דאָס איז רעטראָספעקציע, אפילע גאָר ווײַטע, געזעענע דורך די אויגן פון די על־

טערן, איבערגעבראָכענע דורך דער פּריזמע פונעם אווטאָרס זיקאָרן, אַסימילירטע, איבערגעקאָכטע און איבערגעגעבענע ווי אייגנס, פון אים אַליין איבערגעלעבטס. ער טוט דאָס אָן אידעאַליזאַציע, מיט אַן עלעגיש שמייכעלע, וואָס קומט פון לעבנס־דערפאַרונג. די דערציילונגען לייענען זיך מיט פאַרגעניגן, האַגאַם דער לעבנסשטאָף, פון וועלכן זיי זײַנען אויסגעקנאָטן, געהערט שוין צו דער ווײַטער געשיכטע. דער דערציילער געפינט זיך נאָך אַלץ אין ווירבל פון יענע ווײַטע געשעענישן, עס הוידעט אים נאָך יענע צעקאָכטע, שוימיקע כוואַליע, וואָס די רעוואָליוציע האָט אויפגעהויבן און זי האָט דערגרייכט אויך צו דעם שטילן בעסאַראַבער שטעטל, אויפטרייסלענדיק עס, אויפוועקנדיק נײַע האָפענונגען און עפענענדיק נײַע דערמוטיקנדיקע פּערספּעקטיוון. ער איז נאָך אַלץ אַרומגערינגלט מיט זײַנע היימישע מענטשן, מיט זייערע קוילעס, אַמפּערײַען, לייצאָנעסן, גלײַך זיי וואָלטן אָנגעשריבן געוואָרן ניט פונעם זיקאָרן, נאָר אַף די הייסע שפּורן פון די געשעענישן.

אַזוי קומט דער ציקל דערציילונגען „מײַן מאַמעס רעוואָליוציע“, וואָס ווײַזט אונדז די רעאַקציע פון דעם קליינשטעטלדיקן מאַסן־מענטש אַף דער דערשיטערנדיקער, לאַנג דערוואַרטער און לאַנג געגאַרטער בסורע וועגן ניקאָלקעס מאַפּאָלע. דאָס קליינע כיידער־ייִנגל דרינגט זיך דורך מיט דער מאַמעס באַציִונג צו דער אומגעהייער־גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, אַדאַנק וועלכער איר מאַן וועט זיך אַוודע אומקערן פון דער מילכאָמע, עס וועט נעמען אַ סאָף צום אומרעכט, צו דער אומגלײַכהײַט, צו די גזיירעס און צו דעם פּאַכעד, צו די אומענדלעכע ביטערע ייִדישע אויסקומענישן.

„איך קוק אַף מײַן מאַמען, זי איז ניט צו דערקענען. עפּעס איז זי אין איין מינוט ווי ייִנגער געוואָרן. מיטאַמאָל כאַפּט זי זיך, אַז זי שטייט אין הוילן אונטעראָק. זי עפנט אויף די שאַפע, נעמט אינדערגיך פון דאָרט עפּעס אַרויס, לויפט אַרײַן אין קיך, און עס יאַוועט זיך אַרײַן אַ נײַע מאַמע, אַ פריילעכע, אַ יאָמטעוודיקע, אָן אָנגעטאָנענע אין אַ רויט סאַמעטן קליידל מיט זילבערנע פּליטערלעך. פּלוצעם כאַפּט זי אַ פלעדערוויש און הייבט אָן אָפּצוקערן דעם שטויב פון די בענקלעך. פון ערגעץ אַ פאַרוקטן אַלמער שלעפּט זי אַרויס אַ טישטעך מיט בלויע פרענדזלעך, שפּרייט עס אויס אויפן טיש און שטעלט אַוועק אַ פלעשל ווישניק, וואָס זי האָט עס באַהאַלטן בעכאַדריי־כאַדאָרים אַף דעם טאָג, ווען דער טאַטע וועט זיך בעשאָלעם אומקערן פון דער מילכאָמע“.

מיט ביידע קינדער בײַ די הענט, אַלע יאָמטעוודיק אויסגעסטראָצלטע, גייט די מאַמע מעקאַבל־פּאָנעם זײַן די רעוואָליוציע. אַ פריידיקע כוואַליע האָט קינד־און־קייט אַרויסגעוואָרפן אַף דער גאַס אַנטיילצונעמען אין דעם נײַעם, ערשטמאָליקן יאָמטעוו. עס דעפּילירט דורך דער גאַנצער דיפערענצירטער מענטשן־יאַריד: די יאָ־זאָגער און די, וואָס זײַנען קעגן, די גאָרע סאָציִאַלע געשפּאַלטנקײַט באַווײַזט זיך. דאָס קומט אַרויס ניט געצוווּנגען, אומיטלבאַר, ניט אַזוי פונעם הייסן שטראָם, ווי פונעם פריילעכן דיִאַלאָג, פונעם לייצאָנעסדיקן קינדער־ווידער, וואָס האָט אַ הומאָריסטישע באַפאַרבונג, אַ ווייכע און אַ מילדע, און פון וועלכער עס רעדט אַרויס דער מיט סקעפּסיס איבערגעפלאָכטענער ביטאָכן פון די געמיטער.

שילדערנדיק דעם דאָזיקן פאַרשיידנאַרטיקן יאַריד, אידענטיפיצירט זיך ניט יאַקיר מיט דעם האַמוין באַרייִדעוודיקע ייִדן, וואָס סטאַמפּעווען — ריידנדיק מיט יאַקירס לאָשן — אַרום דעם דערציילער, יעדערער מיט זײַן באַמערקונג, מיט זײַן זאָג. אַלע ווילן זיי קומען צום פּאַסעק. יעדערער האָט עפּעס צו זאָגן וועגן זיך אַליין און וועגן דער וועלט. און זיי רײַסן זיך מאַמעש אַרײַן אין זײַנע דערציילונגען מיט זייערע בײַאָגראַפיעס און מיט זייערע שיקזאַלן ווי אַ מײַסע אין אַ מײַסע, פאַרפּלאָנטערנדיק אָפּטמאָל און צעשויבערנדיק דעם קאָמפּאָזיציִאָנעלן געוועב פון דער דערציילונג. יעדע פון די דאָזיקע אַרײַנגעהעפטע אין דער קאַנווע צוגאָב־מײַסע פאַרמאָגט איר אייגענע קאַנווע, קאָליזיע, אידיי און קאָן ווערן אַ זעלבשטענדיקע דערציילונג. נאָר יאַקירן זײַנען ליב אַלע פּערסאָנאַזשן, ער פרייט זיך מיט זיי, קוויקט זיך אַליין און סמאַקעוועט זייער מײַנעלאָשן, ער איז צו ווייכהאַרציק צו פאַרמאַכן פאַר זיי די טיר... און אַ שאָד. ווײַל דעמלט ווען ער טוט דאָס יאָ, ווי, לעמאָשל, אין די דערציילונגען „אַ שליטן מיט ייִשוווניקעס“, „דאָס קאַרשנביימל“, „מײַן עלטערזיידע יאַנטשע“, „אַן עמעסע געשיכטע“ — דאָרט, וווּ ער איז גויווער דעם שטאָף, דערגרייכט ער אין צימצעם צו דעם סאַמע איקערדיקסטן.

די אויבנדערמאָנטע דערציילונגען זײַנען פאַרגאַנצטע, אַרומגעשליפענע, גוט צונויפגעשמעלצטע, אין זיי איז ניטאָ, דאַכט זיך, קיין איין איבעריקע שורע, וואָס זאָל זײַן מיכוץ פונעם סיפער־האַמײַסע. אין זיי איז יאַקיר אַ שטרענגער, ערנסטער, באַדאַכטער, אַן אַרײַנגעטראַכטער אין זײַנע באַליבטע מאָטיוון. ער גייט אָן זיגזאַגן צום ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, צו זײַן קינסטלערישער אויפגאַבע. אים נאַרט ניט אָפּ דער כוש און דאָס געפיל פון מאָס. ער איז באַלעבאָס איבערן שטאָף, און ניט פאַרקערט. די עטנאָגראַפישע באַזונדערקײַט פונעם בעסאַראַבער קאַנט זײַנען געגעבן שאַרף, די פאָלקסטיפּן זײַנען געשריבן רעליעף, אַלע מיט זייערע אינדיווידועלע שטריכן, אַז מיר פאַרגעסן, צי דאָס זײַנען ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן, צי געשריבענע פון דער נאַטור לעבעדיקע מענער און פרויען.

די פאַרבן און די רײַכעס פון דעם בעסאַראַבער לאַנדשאַפט, די עטנאָגראַפישע אייגנטימלעכקײַטן האָבן מיר שוין געטראָפן באַם עלטערן דאָר ייִדישע פּראָזע־שרײַבער. יאַקירן איז זיכער ניט פרעמד געווען אויך זייער אויפטו און דערפאַרונג. ביז אים איז שוין געווען ראַבאָי, וועמען ער וועט אַנטדעקן פאַר זיך ערשט שפּעטער. ס׳איז שוין געווען מאָרדכע גאָלדנבערג מיט זײַן ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלן קליינבירגערלעכן וועלט־געפיל, און זאַלמען ראָזענטאַל, וואָס איז נאָענט יאַקירן מיט זײַן טיפּאַזש (באַלמעלאָכעס, באַלעגאָלעס, רענדאַרעס), נאָר פרעמד אידייִש, און אַכרוין־אַכרוין מוישע אַלטמאַן, וועלכער האָט, ווי קיינער ביז אים, זיך אַ גריבל געטאָן אין דער טיף פון די פאַרשיידנסטע סאָציִאַלע פּראָבלעמען פון די ייִדן אין בעסאַראַביע.

דער בעסאַראַבער פּראָסטאַצקער, שווערגעוויכטיקער ייִד מיט זײַנע באַסערוועדאָמסקע פּאָסטעמקעס און האַווײַעס האָט פאַרכאַפּט די ייִדישע שרײַבער. וועהאָרײַע: שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן“, וווּ ס׳איז שוין דאָ דער קאָליריקער בעסאַראַבער טיפּאַזש. אויך דאָוויד בערגעלסאָן האָט געהאַט אַן אינטערעס צום בעסאַראַבער ייִדן. עס געדענקט זיך אונדז זײַן הישטאַפּכעס־

האנעפעשדיקער עסיי „מײַנע הייס געליבטע ברידער“, ווי אויך זײַן דערציילונג „א שווערער כאראקטער“, און באזונדערס זײַן „סטאנציע קאָטלעט“, ווו ער האָט מײַסטעריש געשילדערט דעם בעסאראבער מענטשן.

און מערקווירדיק: מאָלט בערגעלסאָן בעסאראבער ייִדן, ווערט ער, דער באל־האצימצעם, עפעס גאָר מיטאמאָל בארײדעוודיק. ער, דער אפאָריסטיש־לאקאָנישער דערציילער, האָט ניט געקענט גוויוער זײַן די מײַסע בעסויף מײַסע פונעם בעסאראבער ייִדן. דערפאר עפשער וואָלט מען געקענט געפינען א זכוס אויך, זאָגן מיר, פאר אזא דערציילער, ווי יאקיר, וועלכער איז א בעסאראבער פאר עקסעלאנס, פון קאָפ ביז פיס...

פון יונגווײַז אָן איז ער געבליבן געטרײַ זײַנע פארשוינען, געטרײַ די פאָזיציעס, אף וועלכע ער האָט זיך געשטעלט, — אָפטימיסטישע, לעבנסליביקע. ארויסגעריסן פונעם ענגן ליקל פון נאציִאָנאלער באגרענעצטקײַט, האָט ער געמאָלט די פארשוינען מיט זײַן אייגענעם לאָשן, אָן אָנגעשפיגעוועטס מיט עלעמענטן און אינטאָנאציעס פון פאָלקס־דיבער און דערפאר, איבערהויפט אין דיִאלאָג, אזא נאָענטס צום שאָלעם־אלייכעמישן.

יאקירס שפראך איז עכט, נאטירלעך. ניט נאָכגעקרימטע סטיליזאציע אף פאָלקסטימלעכקײַט. דאָס איז די לעבעדיקע שפראך פון די ייִדישע פאָלקסמענטשן פון אומעטום, אָבער מיטן קאָלאָריט פונעם בעסאראבער קאנט. זײַן פראָזע איז אָנגעזאָפט מיט לאָקאליזמען און ארכאיִזמען, וואָס אלעמאָל, ווען זיי ווערן אויסגענוצט מיט קענטעניש און טאקט, מאכן זיי אימפעטדיקער ריזלען דאָס ווארעמע בלוט פון דער פאָלקסשפראך.

יאקיר איז איצט אלט געוואָרן זעכציק יאָר. ער איז אָבער נאָך פול מיט שעפערישן אימפעט, און האָבנדיק א סאך וואָס צו דערציילן, וועט ער נאָך, גלייבן מיר, באַרײַכערן אונדזער ליטעראטור מיט פיל ווערק, און ניט נאָר וועגן נעכטן, וואָס האָט אָן קארגשאפט געשפײַזט ביז איצט די וואָרצלען פון זײַן שרײַבערישן דימיען און זיקאָרן, נאָר וועגן די יאָרשים פון יענע פאָלקסמענטשן, וועלכע טראָגן אין דער נעשאָמע די גוטסקײַט און די ליבשאפט צו מי און שעפע.

מאָטל סאקציִער

אונדזערע מיטיילונגען

א דיסערטאציע וועגן אלכאריזיס מאנוסקריפטן

אין לענינגראדער מעלוכע־אוניווערסיטעט האָט דער וויסנשאפטטוער ג. גלוסקינא פארטיידיקט א דיסערטאציע אף דער טעמע „די אומבאוווסטע מאנוסקריפטן פון אלכאריזיס „תחכמוני“ („טאכקעמאָני“) אין דער לענינגראדער מעלוכע־ביבליִאָטעק אפן נאָמען פון סאלטיקאָוו־שטשעדרין“. עס גייט דאָ די רייד וועגן דער קאָלעקציע פון מיזרעך־מאנוסקריפטן, וואָס האָט געהערט צום בארימטן קאראיִמער וועלט־רײַזנדער א. ס. פירקאָוויטש. די קאָלעקציע אנטהאלט א גרויסע צאָל מיטלאלטערלעכע ייִדישע און ייִדיש־אראבישע ווערק. באזונדערס ווערטפול זײַנען די אוניקאלע ווערק פון א ריי מיטלאלטערלעכע פילאָלאָגן און דיכטער. וועגן א סאך פון זיי האָט מען ביז הײַנט ניט געוווסט.

צווישן די מאנוסקריפטן פון דער פירקאָוויטש־זאמלונג געפינען זיך פיל ווערק פונעם בארימטן דיכטער אלכאריזי — איינעם פון די באדײַטנדיקסטע פאָרשטייער פון דער מיטלאלטערלעכער ייִדישער ליטעראטור. אלכאריזי שטאמט פון שפאניע. ער האָט געלעבט אין די יאָרן 1170—1235, זײַן גרויסע זאמלונג „טאכקעמאָני“ האָט א גרויסע קינסטלערישע און היסטאָרישע ווערט. דאָס דאָזיקע ווערק איז בעשײַטע געווען שטארק פאָפולער, נאָר שפעטער איז עס פארגעסן געוואָרן. אכט מאָל זײַנען דערשינען באזונדערע טיילן פון „טאכקעמאָני“. די ערשטע (די קאָנסטאנטינאָפאָלער) אויסגאבע געהערט צום יאָר 1540, די לעצטע (די טעל־אוויווער) — צום יאָר 1952. אין אלע אויסגאבעס זײַנען איבערהויפט אויסגענוצט די מאנוסקריפטן, וועלכע געפינען זיך אין בריטאנישן מוזיי. ג. גלוסקינא האָט אין איר דיסערטאציע זיך געשטעלט א ציל צו אויספאָרשן אלכאריזיס מאנוסקריפטן, וואָס ווערן אָפגעהיט אין דער לענינגראדער מעלוכע־ביבליִאָטעק.

ג. גלוסקינא האָט פעסטגעשטעלט, אז דער גרעסטער צווישן די אכצן מאנוסקריפטן פון „טאכקעמאָני“ (איינציקע — ניט פובליקירט) אנטהאלט פיר פינפטלעך פונעם גאנצן ווערק. ער געהערט צום XIII יה. און שטעלט מיט זיך פאָר א רעדאקציע פון „טאכקעמאָני“, וואָס איז נאָך ביז הײַנט ניט געווען באוווסט אין דער וויסנשאפט.

אין דער דיסערטאציע זײַנען גענוי אנאליזירט די טעקסטן פון אלע מאנוסקריפטן. דער אנאליז באווײַזט, אז די רעדאקציע פון באזונדערע טעקסטן איז פארשיידן און אז די לענינגראדער מאנוסקריפטן שטאמען פונעם אוטאָר גופע.

אינטערעסאנט איז דער אנאליז פון פארשיידענע וואריִאנטן פונעם ווערק. די דאָזיקע אויספאָרשונג גיט א מעגלעכקײַט צו מאכן פארשטענדלעכער דעם טעקסט, ארײַנטראָגן די נייטיקע ענדערונגען און פארפולן די דורכגעלאָזטע ערטער אין די געדרוקטע אויסגאבן.

צום שלוס פון דער דיסערטאציע ווערט געבראכט די געשיכטע פון אלכאריזיס „טאכקעמאָני“.

קעדיי צו באקומען א פאָרשטעלונג וועגן דער קאָלאָסאלער אויספאָרשונגס־ארבעט, וועלכע גלוסקינא האָט דורכגעמאכט, איז גענוג דערמאָנען, אז די פולע קאָלעקציע מאנוסקריפטן פון „טאכקעמאָני“ באטרעפט העכער טויזנט דרוקבויגן. זיי זײַנען אלע פארשריבן מיט אלכאריזיס האנט אף אלטן מיזרעך־פאפיר. די קעפלעך פון באזונדערע טיילן זײַנען אָפט געגעבן אין אראביש מיט ייִדישע אויסיִעס.

ז. קאהאן

הילעל אלעקסאנדראָוו

יאָרן פון שווײַגן — יאָרן פון זעלבסטבאַשטימונג

„שווײַגן איז אַמאָל מער ווי גערעדט"

(פון מענדעלעס בריוו צום שרײַבער רוווּן־אָשער ברוידעס[1]. אָדעס, 1882)

אָנהייב פונעם איבעררײַס אין מענדעלעס שאַפונג

אין דער ביִאָגראַפישער ליטעראַטור וועגן מענדעלען איז אומעטום — סײַ אין די גרעסערע מאָנאָגראַפיעס, סײַ אין די פּאָפּולערע ביכער און איינצלנע אַרטיקלען — אָנגעוויזן, אַז אין סאָף פון די זיבעציקער און אין דער ערשטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן איז אין זײַן שאַפונג געווען אַ לאַנגער איבעררײַס. מענדעלעס ערשטער ביִאָגראַף און נאָענטער פרײַנט ל. בינשטאָק שרײַבט[2]: „פון יאָר 1877 אַנטשטייען אין לעבן פון ש.־י. אַבראַמאָוויטש, צו וועמען דער גורל איז קיינמאָל ניט געווען איבעריקס גנעדיק, אַזוינע אומשטענדן, וואָס נעמען בײַ אים אָפּ יעדן כיישעק צו ליטעראַרישער אַרבעט... ניט זעלטן פלעגט אַבראַמאָוויטש זיך דעמאָלט קלאָגן אויף זײַן מאָראַליש געדריקטן מאַצעוו: „אויפהערן טראַכטן — דאָס באַטײַט אויפהערן לעבן, און טראַכטן איז פאַר מיר, דאַכט זיך, שוין אוממעגלעך. מײַן מויעך איז ווי באַגאָסן מיט בלײַ און דאָס האַרץ איז מיר פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין"[3]. פון בינשטאָקס אַרטיקל שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אַז דער פּעריִאָד פון שווײַגן האָט זיך אָנגעהויבן בײַ מענדעלען פון יאָר 1877 און האָט זיך פאַרצויגן ביזן יאָר 1884. ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז גראָד אין די יאָרן 1877 און 1878 איז מענדעלע געווען זייער טעטיק אויפן ליטעראַרישן געביט. אין יאָר 1878 איז אַרויס פון דרוק „קיצור מסעות בנימין השלישי" (אַ קורצע רײַזע־באַשרײַבונג פון בנימין דעם דריטן), געשריבן אין יאָר 1877. אין 1878 איז מענדעלעס ליטעראַרישע אַקטיווקײַט געווען זייער גרויס.

נאָך אַן איבעררײַס פון העכער פינף יאָר (1873 — 1878) האָט אַלעקסאַנדער צעדערבוים באַנײַט די אויסגאַבע פון „המליץ". אין ערשטן נומער פונעם באַנײַטן „וואָכנבלאַט" (פון 5 יולי 1878) ווערט אָנגעוויזן צווישן די מיטאַרבעטער שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש, דערבײַ איז צוגעגעבן, אַז „צו אים קאָנען שיקן אַרטיקלען וועגן קאַהאָלשע און אינדיווידועלע איניאָנים שרײַבער פון דאָרעם־מײַרעוו־קאַנט, וועלכע זײַנען נאָך ניט באַוווּסט דעם אַרויסגעבער (דה. צעדערבוימען. — ה. א.), און פון אים וועלן זיי אָנקומען אין רעדאַקציע". ווי באַוווּסט, האָט מענדעלע דעמאָלט געלעבט אין זשיטאָמיר און איז געווען פאַררעכנט אַלס רעדאַקטאָר פון די מאַטעריאַלן פון דאָרעם־מײַרעוו־קאַנט פאַרן „המליץ".

מענדעלע האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט רעדאַקטור. שוין אין די ערשטע דרײַ נומערן (1878, נומ. 1 — 3) איז געווען געדרוקט זײַן אַרטיקל „מה נעשה?" („מאַ נאַאַסעה?" — וואָס זאָלן מיר טאָן?), אין וועלכן ער באַרירט די אַלטע פראַגע, וואָס האָט אים יאָרנלאַנג געמאַטערט, — „ניטאָ קיין ליטעראַטור פאַר אונדזער פאָלק" (מענדעלעס אונטערשטרײַכונג. — ה. א.). ער ווײַזט אָן, אַז בײַ איצטיקן טאָג איז בײַ פיל מענטשן אַ ספק, צי דאַרף מען שרײַבן אַרטיקלען אין העברעיִש, אין אַ שפּראַך, וועלכע די פרויען, דה. אַ העלפט פון פאָלק, פאַרשטייט גאָר ניט, און צווישן די מאַנצבילן פאַרשטייט זי נאָר אַ טייל, „וועלכע איז קליין אין צאָל און גרויס אין קוואַליטעט". קעדיי די ליטעראַטור זאָל דערגרייכן צו אַלע שיכטן פון פאָלק, דאַרף מען שרײַבן אין ביידע שפּראַכן — אי אין העברעיִש, אי אין ייִדיש.

אין צוויי וואָכן אַרום איז אין זעקס נומערן (6—7, 10—12, 15) אָפּגעדרוקט געוואָרן מענדעלעס אַ גרויס אַרטיקל „אהבה לאומית ותולדותיה" („אַהאַוואָ לעוימיס וועטאָלדאָסעהאָ" — ליבע צו דער נאַציע און פונוואַנען זי קומט אַרויס). די נאַציִאָנאַלע פּראָבלעם האָט אין יענע יאָרן — אין די יאָרן פון דעם רוסיש־טערקישן קריג — פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער רוסישער פּובליציסטיק, און דאָס לאָזט זיך פילן אין מענדעלעס אַרטיקל. ווי מיר וועלן ווײַטער זען, האָבן די געדאַנקען, וועלכע מענדעלע האָט אַרויסגעזאָגט אין ביידע אַרטיקלען, געשפּילט ניט די לעצטע ראָליע צווישן די סיבעס, וועלכע האָבן געבראַכט צו דעם לאַנגן איבעררײַס אין זײַן שאַפונג.

אויסער די צוויי גרויסע אַרטיקלען האָט מענדעלע פאַרן צווייטן האַלב־יאָר 1878 אָפּגעדרוקט אין „המליץ" נאָך צוויי אַרטיקלען: אין נומער 17 — וועגן אַ דענקמאָל אויפן קייווער פון עליִאָהו אָרשאַנסקי[4]; אין דרײַ נומערן (18, 22 — 23) — „אַ באַריכט וועגן צו־

שטאַנד פון די רעגירונגס־שולן פאַר ייִדישע קינדער אין רוסלאַנד" (די אַזויגערופענע „קאַזיאָנייע יעווריייסקיִע אוטשילישטשאַ").

ווי מיר זעען, איז מענדעלע געווען טעטיק אין די יאָרן 1877 — 1878 אי אַלס קינסטלער, אי אַלס זשורנאַליסט, אי אַלס פּובליציסט. מיט וואָס זשע קאָן מען דערקלערן, וואָס ל. בינשטאָק, מענדעלעס נאָענטסטער פרייַנט אין יענער צייַט, האָט אָנגעגעבן דאָס יאָר 1877 פאַר אַן אָנהייב פון זייַן שווייַגן? דאָס קאָן מען דערקלערן, לויט אונדזער מיינונג, נאָר מיט דעם, וואָס ל. בינשטאָק, זייַענדיק אין קורס פון מענדעלעס לעבן, סייַ געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישן, סייַ פּערזענלעכן, האָט אין יאָר 1884, ווען ער האָט געשריבן מענדעלעס ביִאָגראַפיע, געהאַט אין זינען נאָר די פּערזענלעכע סיבעס פון דעם איבערייַס. און דאָ האָט ל. בינשטאָק געקאָנט האָבן אַ טאָעס אין דער כראָנאָלאָגיע. מיר באַ איצטיקן טאָג האָבן דעם פולסטן יעסאָד אָנצונעמען פאַר אַן אָנהייב פון מענדעלעס ליטעראַרישן שווייַגן ניט דאָס יאָר 1877, נאָר דאָס יאָר 1879.

יאַרן פון שווייַגן

מיט וואָס זשע דערקלערט זיך דער איבערייַס אין מענדעלעס שאַפונג?

אין דער ביִאָגראַפישער ליטעראַטור איז געווען פאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז די הויפּט־סיבעס פון זייַן לאַנגן שווייַגן זייַנען: די שווערע מאַטעריעלע לאַגע ביזן אַריבערפאָרן קיין אָדעס אין יאָר 1881; דער טויט פון זייַן יונגער טאָכטער ראַשעל; דער אַרעסט און פאַרשיקונג, צוליב פּאָליטישע סיבעס, ווי אויך דאָס שמאַדן זיך פון זייַן זון מייער (אין יאָר 1917 האָט מייער צוריק אָנגענומען דאָס ייִדישע גלויבן) און אַנדערע געשעענישן אין מענדעלעס פּערזענלעך לעבן. ש. גינזבורג שרייַבט: „די אַלע צאָרעס, וואָס האָבן זיך נאָכאַנאַנד ווי פון דער טויכעכע געשאָטן אויף אַבראַמאָוויטשן, האָבן אויף לאַנג פולשטענדיק פּאַראַליזירט זייַן שאַפונגס־פייִקייַט". דערבייַ גיט ער צו: „נאָך ניט געקומען די צייַט צו ריידן אויספירלעך וועגן די אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן געדריקט אַבראַמאָוויטשן און שיר ניט געמאַכט פון אים אַ טעל"[5]. מיט ש. גינזבורגס מיינונג איז איינשטימיק ש. ניגער: „דער פּאָרהאַנג הענגט נאָך אַדהייַעם איבער יענעם שווערן פּעריִאָד פון מענדעלעס לעבן"[6].

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז די אַלע אָנגעוויזענע אָנגעלעגנהייַטן האָבן נישט געקאָנט ניט ווירקן אויף מענדעלען. אין אַ בריוו צו די בינשטאָקס (פון 22 דעקאַבער 1881) שרייַבט ער: „מייַן ווייַב, נעבעך, איז שטאַרק באַטריבט. לעפּאָנעם האַלט זי זיך שטאַרק, ווי אַ העלד, נאָר אין האַרץ טראָגט זי אַ ווונד, אַ יאַם מיט יעסורים. מיר, צווישן זיך, ריידן זייער ווייניק איבער דעם שלאַק, וואָס האָט אונדז געטראָפן, מיר האָבן מוירע איינער דעם אַנדערן ניט מעצאַער צו זייַן..."

ווען אָבער מיר לייענען זיך אַרייַן אין מענדעלעס בריוו פון יענע יאָרן, זעען מיר, אַז איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס פון זייַן שווייַגן איז געווען די שווערע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אין די אַכציקער יאָרן, די כוואַליע פון פּאָליטישער רעאַקציע אין לאַנד, די ייִדישע פּאָגראָמען און די אָנצאָליקע באַגרענעצונגען פאַר ייִדן. פאַר דער ייִדישער מאַסקילישער אינטעליגענץ, פאַר זייער גלויבן אין דעם „אויפגעקלערטן אַבסאָליוטיזם" און אין די ליבעראַלע רעפאָרמעס פון די זעכציקער יאָרן זייַנען די דאָזיקע פאַקטן געווען ווי אַ דונער אין אַ שיינעם וועטער. ס'הייבן זיך אָן צווישן זיי באַווייַזן באַלטשוועס, וועלכע רופן „גיין אין שול אַרייַן", מ'הייבט אָן זוכן „רעפועס צו די מאַקעס" אין כיבאַס־ציִען, אין עמיגראַציע קיין אַמעריקע אַאַוו.

מענדעלע שרייַבט צו די בינשטאָקס: „איך שטיי איצט אין דער שלעכטער, ביטערער צייַט, אין דעם קאַלטן, ווינטיקן, שמוציקן אָסיען פון מייַנע יאָרן און קוק שמאַכטנדיק אויף יענער גוטער געוועזענער צייַט, איך שטיי און קוק אויף איר פונדערווייַטנס, אַזוי ווי אָדאָם־האָרישן אויף דעם גאַניידן נאָכדעם, אַז ער איז פון דאָרט אַרויסגעטריבן געוואָרן, איך שטיי און קוק און באַוואַש מיך מיט טרערן"[7].

„איך קלייַב זיך אַלץ עפּעס אָנשרייַבן, און איך קאָן ביז איצט זיך ניט נעמען פאַר דער אַרבעט; אין דער נעשאָמע איז פינצטער, שוואַרצע טרויער־וואָלקנס פון די לעצטע פּאָגראָמען בלאָנדזשען אין קאָפּ, און באַ דעם מינדסטן פּרוּוו אַ ריר צו טאָן מיט די געהירן דרייען זיי מיט אַ שרעקלעכן מאַבל פון גאַל. ניין, ניט מיט טינט, נאָר מיט גאַל און בלוט קומט איצט אויס צו שרייַבן... איר וועט מיך פאַרשטיין, מייַן פרייַנט, און איר וועט זיך ניט וווּנדערן, פאַרוואָס מייַן פּעדער ליגט שוין באַ מיר אַזוי לאַנג ניט גענוצטערהייט"[8].

איינצייַטיק האָט מענדעלע שטאַרק געפילט זייַן איינזאַמקייַט אין דער ליטעראַרישער סוויווע פון יענע יאָרן. די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען, וועלכע באַציִען זיך צום יאָר 1878, אין וועלכע מענדעלע איז אָפן אַרויסגעטראָטן אַלס פּרינציפּיעלער קעגנער פון דער אַטאָוועכאַרטאָנאָטעאָריע און באַוויזן די נייטיקייַט צו שאַפן אַ ליטעראַטור פאַר ייִדן אין ביידע שפּראַכן — העברעיִש און ייִדיש, — האָבן באַוויזן, אַז מענדעלע האָט זייַן אייגענעם וועג, וועלכער פאַלט ניט צונויף מיטן נאַציִאָנאַליסטישן וועג פון דעם גרעסטן טייל ייִדישער שרייַבערישער האַסקאָלע־אינטעליגענץ. די דאָזיקע גייַסטיקע איינזאַמקייַט האָט אויך שטאַרק געווירקט אויף מענדעלען. „איך האָב אוועקגעלייגט אָן אַ זייַט מייַן פּעדער, — לייענען מיר אין זייַנעם אַ בריוו פון יענער צייַט, — און שרייַב איצט גאָרניט. ריידן נישט דאָס, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיק, קאָן איך נישט; אַרויסזאָגן דעם גאַנצן עמעס, אָבער, וועט מיינען — אויפהייבן קעגן זיך די גאַנצע ווילדע כעווראַ שרייַבער, וואָס זייַנען גרייט צו באַוואַרפן אייַך מיט אַלערליי באַשולדיקונגען, זיי וועלן אייַך אַרויסשטעלן פאַר אַ בויגעד, פאַר אַ סוינע־ייִסראָעל אאַוו. אָט דאָס שטילשווייַגן קאָסט מיר פּייַן, עס נאָגט און עסט מייַן אויסגעווייטעקט האַרץ, פּונקט ווי אַ וואָרעם. אָט די געהעניעמשע פּייַן ווירקט צעשטערנדיק אויף מייַן אויסזען און אויף מייַן גאַנצן אָרגאַניזם. איך בין די לעצטע צייַט שרעקלעך מאָגער און אַלט געוואָרן, איר וואָלט מיך ניט דערקענט"[9].

„וועגן ליטעראַטור האָב איך ביז איצט אַפילע ניט געטראַכט איבער זייער וואָגיקע סיבעס, וואָס אויף זיי צו דערקלערן וואָלט איך באַדאַרפט אָנשרייַבן אַ גאַנצן בוך. וועט איר מיר גלייבן, אַז די ייִדן־פראַגע איז די לעצטע צייַט פאַר מיר געוואָרן אומקלאָר, און מייַן קוק אויף פיל זאַכן האָט זיך אַנטשיידן געענדערט (אונדזער

אונטערשטרײַכונג. — ה. א.); שרײַבן ווידער וועגן וועלכן־ניט־איז געגנשטאַנד קאָן איך ניט, ביז ער איז נישט אינגאַנצן אויסגעקלאָרט אין מײַן באַוווסטזײַן און אַדורכגעפּילט פון מײַן גאַנצן האַרצן. אָט די צײַט פון צאָרעס פאַר ייִדן, וואָס האָט אַרויסגערופן בײַ אונדז אַזויפיל שרײַבערלעך און פּאַטריאָטלעך, האָט געהאַט אַף מיר אַ פאַרקערטע ווירקונג און אָוועקגעלייגט אַף מײַנע לעפּצן דעם שטעמפּל פון שווײַגן. ווי שרעקלעך עס זאָלן אײַך ניט אויסזען מײַנע ווערטער, אָבער, צום באַדויערן, אַזוי איז עס“[10]. און אָט וואָס עס שרײַבט מענדעלע דעם שרײַבער רוווּן־אָשער בראָדעס:

„איך שווײַג, ווײַל עס איז, באַאַווינוּסייִנוּ האָראַבים, הײַנט אַ צײַט פון געפּילדער און גערויש. קימאַט אונדזער גאַנצער עולם, פון קליין ביז גרויס, יונג און אַלט, האָבן זיך שטאַרק צערעדט, אַלע שרײַען אין איין קאָל, פּילדערן, אַמפּערן זיך מיט אימפּעט און קיינער הערט ניט, וואָס דער אַנדערער וויל. גיי רייד אין אַזאַ ווילדער מעהומע... איטלעכן שיטן זיך נײַן מאָס רייד פונעם מויל, און בויך־סוואָרעס פאַלן ווי מיסט.

...שוין אַ פינף יאָר קימאַט, אַז איך שווײַג און די האַנט לייגט זיך מיר ניט צו נעמען אַ פּען אָנצושרײַבן עפּעס“[11].

מע דאַרף אָבער זאָגן, אַז אין די יאָרן פון שווײַגן האָט מענדעלע אָנגעשריבן אין אַ בריוו־פאָרם אַ סאַטירע, וועלכע איז געבליבן ניט פאַרענדיקט און איז פּובליקירט געוואָרן נאָך זײַן טויט. מיר האָבן אין זינען די דרײַ מענדעלע־בריוו וועגן „די באַרימטע מילכאָמעס פון האַבאַסע קאָמאַנדע און בעשאַס האַמאַיאָווע קאַדאָכעס“, דה, די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1881 — 1882 און די באַוווּסטע „צײַטווײַליקע קלאָלים“ פון 3 מײַ 1882, אַפּן סמאַך פון וועלכע עס זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פיל ייִדן פון די דערפער[12].

אין ערשטן בריוו דערציילט מענדעלע וועגן פּאָגראָם, וועלכער איז פאָרגעקומען אין זײַן הויז. „דער גאַנצער הויף איז באַדעקט מיט פעדערן, אויסגעמישט מיט צעריסענע אײַנשיטלעך פון בעבעכעס, מיט שערבלעך פון קיילים, שמאַטעס, ברעטלעך, פּיסלעך פון צעבראָכענע בענקלעך. און אַ צעשאָטן פעסל מיט זויערע אוגערקעס אויך אין דער מיט. מײַן שטיבל איז וויסט, מיט אויסגעשלאָגענע פענצטער. מײַנע אויגן זעען פאַר זיך אַ כורבן, און מײַנע אויערן הערן ווײַט פון דער גאַס אַ ליאַרעם, אַ מעהומע“.

„צוויי גאַנאָווים זײַנען אַוועק, אויסגעטריקנט געוואָרן מיט דער ציג און מיט דעם פערד, די איבעריקע האָט מען לעסאָף געכאַפּט און אײַנגעזעצט. מע בעט מיך, לעמאַנהאַשעם, רויִק צו ליגן, זיך ניט ערגערן, די גנייווע וועט שוין אימירצעשעם זײַן, אַבי די גאַנאָווים זײַנען דאָ, וועט מען זיך מיסטאַמע מיט זיי גוט אָפּרעכענען, — וואָס לאָזט זיך אָבער אויס? אַ טאָעס! דאָס הייסט, מיר אַלע האָבן אַ גראָבן טאָעס געהאַט אין דעם דין. און קעפּי איינער פון די אַדוואָקאַטן, אַ ווילדער בעריע, האָט אונדז שפּעטער געגעבן צו פאַרשטיין, איז נאָך אונדזער מאַזל, וואָס שאַ־שטיל, מע מאַכט אונדז נאָך נישט קיין מישפּעט... פּאָשעט איז פּאָשעט: געוויינלעך, בײַ אַן אַנדער צײַט, פאַרשטייט איר, קומט טאַקע אַלפּי־דין די גנייווע אָפּצונעמען און דעם גאַנעוו מיִעס מעקײַעם־פּסאַק צו זײַן; נאָר אַזויווי יענע באָרוועסע פאַרשוינען אָבער האָבן בעשאַס דעם צונויפּלויפעניש זיך געכאַפּט אויסשלאָגן בײַ מיר און נאָך בײַ ייִדן די פענצטער, האָבן געמאַכט אַ מעהומע, געזידלט, געקלאַפּט, געהאַקט, געשלאָגן, בעקיצער הייסט עס שוין, האָט מען נישט גלאַט געגאַנוועט, נאָר געפּאַנגען, פאַרשטייט איר? פאַנגען אין אַ מילכאָמע איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. פּונקט די יעפּאַס־טויאַר, וואָס בעשאַס מילכאָמע מעג מען האָבן צו איר יעיִצערהאָרע און זי פאַנגען... און אַזויווי אין אונדזערע הײַזער און אויך אַף אונדזער לײַב גופע איז געווען מיִעסע צייכנס, פון וועלכע ס'איז גאַנץ באַשײַמפּערלעך געדרונגען, אַז מיר זײַנען שטאַרק פאַרמישט געווען אין דער מילכאָמע, איז קאָן דאָך גאָר מעגלעך זײַן, אַז אינגאַנצן שולדיק זײַנען גאָר מיר“.

אַזוי האָט מענדעלע בילדעריש אָפּגעשאַצט די טאַקטיק פון דער צאַרישער רעגירונג און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי גייט אין איין האַנט מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. בײַ אַזאַ צוגאַנג איז קלאָר, אַז מענדעלע האָט איראָנירט איבער די פאָרשטייער פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע זײַנען געווען אין יענע יאָרן פאָרגעשטעלט אין דער אַזויגערופענער „העכסטער קאָמיסיע“ אַף איבערקוקן די געזעצגעבונג וועגן ייִדן. זייערע פאַמיליעס גיט ער איבער אין אַ פאַרדרייטער פאָרם, אַזוי אַז מע קאָן זיך גרינג אָנשטויסן, וועמען ער מיינט (פרידלאַנד — לאַנדפרידלער, גינזבורג — זינגבאַרג, פּאָליאַקאָוו — פּאַפּיאָלקאָוו).

אין צווייטן בריוו לאַכט מענדעלע אָפּ פון אַלעקסאַנדער צעדערבוימען (רעב סענדער באַלטונאָווער), וועלכער האָט ליב געהאַט אַפּישירן זײַנע שטאַדלאָנישע גענג („קיין זאַך וועט מיך נישט אָפּהאַלטן פון מײַן פאָלק, אים צו טאָן טויווס“).

אין דריטן בריוו שילדערט מענדעלע די לאַגע פון די אַרויסגעטריבענע דאָרפישע ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען צו לויפן אין טונעיאַדעווקע. „דער מאַלעכהאַמאָוועס אַליין האָט טונעיאַדעווקע פאַרגעסן. אין טונעיאַדעווקע שטאַרבט מען נישט, נאָר מע פּײגערט פאַר הונגער. נישט דאָס בין איך אויסן. צווישן די נײַע אײַנוווינער זײַנען דאָ מײַסטערס, געוועזענע אַרענדאַרס און אַלערליי ייִדן פון די דערפער, הײַנט אַז איינער קומט קיין טונעיאַדעווקע, עפּנט מען שוין נישט די פענצטער, ווי אַמאָל, אָנצוקוקן דעם פרישן פאַרשוין פאַרוווּנדערט, ווער איז ער אַזוינס און פונוואַנען האָט ער זיך גענרמען? מע פאַרשטייט שוין, אַז דאָס איז אַ ייִד, וועלכן מע האָט אַרויסגעטריבן פון דאָרף“.

פּובליקירנדיק די „דרײַ מענדעלע־בריוו“ אין דעם „מענדעלע־בוך“, ווײַזט אָן נאַכמען מײַזיל (ז. 126), אַז מענדעלע „האָט די שילדערונגען, צוליב אומבאַקאַנטע מאָטיוון, ניט פאַרענדיקט“. מיר רעכענען, אַז די מאָטיוון זײַנען גאַנץ קלאָרע. מענדעלע האָט ניט פאַרענדיקט די סאַטירע, ווײַל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט אין דער ייִדישער פּרעסע פון יענע יאָרן ניט קאָנען געדרוקט ווערן.

„עס עפנט זיך אַ פרישער קוואַל הייסע געפילן“

ביסלעכווײַז האָט מענדעלע אָנגעהויבן באַפרײַען זיך פונעם לאַנגדויערנדיקן שווערן צושטאַנד.

זײַנע נאָענטע פרײַנט, וועלכע זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער ייִדיש־רוסישער ליטעראַטור און האָבן

זיך באַצויגן קריטיש סײַ צו די באַלטשוועס, סײַ צו די פּאַלעסטינאָפילן, סײַ צו די אָנהענגער פון עמיגראַציע קיין אַמעריקע, האָבן אָפּגעמערקט דעם 25־יאָריקן יובילײ פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. די העברעיִשע צײַטונגען, פאַר וועמען אַבראַמאָוויטש איז אין יענער צײַט געווען ניט מער ווי אַ „זשאַרגאָנישער" שרײַבער, האָבן די דאָזיקע דאַטע ניט אָפּגעצייכנט; אין דעם „ייִדישן פאָלקס־בלאַט", וועלכער האָט גערופן „אין שול אַרײַן", איז וועגן דעם יובילײ אַפילע ניט דערמאָנט געוואָרן. דערפאַר אָבער האָט דאָס געהעריקע אָרט אויסגעטיילט פאַר דער אָפּשאַצונג פון מענדעלעס שאַפונג די רוסיש־ייִדישע פּרעסע. אין „וואָסכאָד" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זײַן ביִאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט דורך ל. בינשטאָק; אין „רוסקי יעווריי" האָבן אָנגעשריבן אַרטיקלען וועגן מענדעלען און זײַן שאַפונג דער אָנגעזעענער פּובליציסט מענאַשע מאַרגאָליס און דער שפּעטער באַוווּסטער אין דער רוסישער ליטעראַטור קריטיקער אַקים וואָלינסקי (פלעקסער)[13].

די דאָזיקע פאַקטן ווערן געבראַכט אי אין די גרויסע מאָנאָגראַפיעס און אַרטיקלען וועגן מענדעלען, אי אין די פּאָפּולערע ביִאָגראַפיעס. זיי ווערן אָבער ניט דערקלערט. די, וואָס האָבן געזען די סיבעס פון מענדעלעס לאַנגיאָריקן שטילשווײַגן נאָר אין די שווערע אומשטענדן פון זײַן לעבן און ניט געלייגט קיין אַכט אויף דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער אין לאַנד און ספּעציעל אין דער ייִדישער סוויווע אין יענע יאָרן, האָבן אויך דער דאָזיקער דערשײַנונג ניט געקאָנט געבן קיין ריכטיקע דערקלערונג. גראָד אין אָדעס, וווּ מענדעלע האָט זיך באַזעצט אין יאָר 1881 און איז פאַרבליבן דאָרט ביזן טויט, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַ גרופּע אינטעליגענטן, צווישן וועלכע דאָס הויפּט־אָרט האָט פאַרנומען מענאַשע מאַרגאָליס, און זי האָט געעפנט פאַר מענדעלען די טויערן פון דער ייִדיש־רוסישער פּרעסע, אין וועלכער ער האָט קיינמאָל קיין פּאַקטישן אָנטייל ניט גענומען. אַ כאַראַקטעריסטישע דעטאַל: די ייִדיש־רוסישע פּרעסע האָט אַזוי אַרײַנגענומען מענדעלעס יובילײ אין אירע הענט, אַז דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם האָט געשיקט זײַן באַגריסונג מענדעלען אין רוסיש[14].

דאָ איז דאָס אָרט אָנצווײַזן אויף נאָך אַ דעטאַל, וועלכע איז פאַרזען געוואָרן אין דער מענדעלע־פאָרשונג. אויב מע זאָל נעמען אין אַכט, אַז מענדעלעס ערשט אַרטיקל „מכתב על דבר החנוך" („מיכטאָוו אַל דוואַר האַכינוך" — אַ בריוו וועגן דערציִונג) איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1857 („האַמאַגיד", נומ. 31), האָט, אייגנטלעך, זײַן 25־יאָריקער יובילײ געדאַרפט אָפּגעצייכנט ווערן אין יאָר 1882, ד.ה. מיט צוויי יאָר פריִער. מענדעלעס אָדעסער פרײַנט, וועלנדיק אויפהייבן זײַן שטימונג, האָבן צוגעטראָגן אים זײַן נאָרוואָס אָפּגעדרוקטע דראַמע „דער פּריזיוו" און אײַנצײַטיק אָפּגעצייכנט, כאָטש מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אויף צוויי יאָר, זײַן יובילײ. אין דער „פאָרעדע" צו דער דראַמע ווײַזט אָן מענדעלע, אַז ער האָט „זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ לאַנגן שטילשווײַגן". אַזוי אַז פאַרן לעצטן יאָר פון מענדעלעס איבערײַס קאָנען מיר אָננעמען דאָס יאָר 1884.

אין 1884 האָט דער „האַמײליץ" אַרויסגעלאָזט דעם טויזנטסטן נומער, און דער רעדאַקטאָר אַלעקסאַנדער צעדערבוים האָט אײַנגעלאַדן מענדעלען נעמען אין אים אָן אָנטייל. מענדעלע האָט צוגעשיקט אַן אַרטיקל „אליך שר האלף" („אייליאָכאָ סאַר האָעלעף" — צו דיר, דעם האַר פון די טויזנט). אין אָנהייב שרײַבט ער, אַז כאָטש צעדערבוים האָט אים אײַנגעלאַדן אין זײַן קאָמפּאַניע, דאָך פילט ער, אַז „ער איז פרעמד פאַר זיי און זיי זײַנען פרעמד פאַר אים", ווײַל „מײַנע געדאַנקען זײַנען ניט זייערע, מײַנע וועגן זײַנען ניט זייערע", „איך בין איינזאַם אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע", „און ווען זיי ריידן וווּנדער וועגן אומקערן זיך קיין ציִען, שטיי איך איינזאַם און קאָן ניט צושטיין צו זיי", „און ווען זיי טרומייטערן און דער אוילעם פּראַוועט יאָמטעוו, ווילט זיך מיר וויינען".

און ווײַטער, ווענדנדיק זיך צו די געסט, שרײַבט ער: „טראַכט זיך אַרײַן אין מײַנע רייד, וועט איר זען, אַז איך האָב ליב מײַן פאָלק ניט ווינציקער פון אײַך און וויל פאַר אים גוטס, אַזוי ווי איר. מיר שיידן זיך נאָר אונטער מיט אונדזערע וועגן. מײַן ליבע צו מײַן פאָלק איז ניט די ליבע פון אַ נאַרישער מוטער, וועלכע אָנשטאָט צו שטראָפן דעם זון מיט אַ רוט אָדער מיט מוסער, האַלט זי נאָר אין איין לויבן אים. — — —

איך ווינטש, אַז מײַן פאָלק זאָל געפינען זײַן גליק אין אַקטיווע מײַסים, עס זאָל אָנשטרענגען זײַנע קרעפטן צוליב גײַסטיקער אויפלעבונג".

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער סאָף פון אַרטיקל, וועלכן מענדעלע בויט אין פאָרם פון אַ דיִאַלאָג צווישן אים און די „כאָשעווע געסט". די לעצטע זאָגן צו אים: „נעם צו דײַן פידל מיטן פּען און גיי אַרויס! דו געהערסט ניט צו אונדז, נאָר צו אונדזערע פײַנט!

— אָט שוין גיי איך אַוועק! באַרויִקט זיך, ברידער, און לעבט אײַך אין פאַרגעניגן. „זון מײַנער, — רופט מיך די העברעיִשע שפּראַך, אונדזער אַלטע מאַמע, וועלכע ליגט אַ קראַנקע ערגעץ אין אַ שאַלקע און איר שיינקײַט איז פאַרדאָרבן געוואָרן. — פאָלג מיך, מײַן זון, אַנטלויף צו מײַן שוועסטער ייִדיש, אין זשאַרגאָן, און פאַרברענג מיט איר אייניקע טעג, ביז דײַנע ברידער וועלן אָפּגיין פון קאַס".

מענדעלע פילט זייער שטאַרק די סינע צו אים פון די, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק „געלעקט די פינגער" פון זײַנע „מײַמאָרים" און קאָנען אים ניט מויכל זײַן, וואָס ער האָט פאַרלאָזן די העברעיִשע „האַרנטע" און פאַרבונדן זיך מיט דער „זשאַרגאָנישער" „דינסט". ער פאַרענדיקט דאָס אַרטיקל מיט דער אָנווײַזונג, אַז פאַר אים זײַנען ביידע שפּראַכן — גלײַכבאַרעכטיקטע שוועסטער.

מע דאַרף זאָגן, אַז אין „אייליאָכאָ סאַר האָעלעף", וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרן פאַר אַ יאָמטעוודיקן נומער, האָט מענדעלע ניט געוואָלט, צוליב „דיפּלאָמאַטישע" טײַמים, גאָר שטאַרק פאַרשאַרפן די באַציִונגען מיט די „כאָשעווע געסט" און ניט אויסגענוצט זײַן שטאַרק געווער — די סאַטירע. אין דעם זעלבן 1884 יאָר האָט ער אין עטלעכע שורעס געגעבן אַ קורצע און אַ שאַרפע כאַראַקטעריסטיק פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט אין די אַכציקער יאָרן — אין דער האַקדאָמע צו דער בראָשור „אַ סגולע צו די ייִדישע צאָרעס".

ס'איז שוין באַוווּסט אין דער פאָרשונג, אַז די דאָזיקע בראָשור, וועלכע מענדעלע האָט אין דער ערשטער אויפלאַגע אָפּגעצייכנט אַלס אַן איבערזעצונג פון דר. ל. פּינסקערס „אַווטאָעמאַנציפּאַציִאָן", איז פאַקטיש ניט קיין איבערזעצונג. שוין אין דער צווייטער און דריטער אויפלאַגע ווערט אָנגעגעבן אויפן שאַרבלאַט „בעאַרבײַטעט

(אונדזער אונטערשטרײַכונג. — ה. א.) פון מענדעלע
מויכער־ספאָרים״. אַף וויפל מענדעלע האָט זיך געפילט
פרײַ אין זײַן ארבעט איבער דר. ל. פינסקערס בראָשור,
זעט מען שוין פון דעם פאקט, וואָס ער האָט פארביטן
דעם נאָמען פון דער בראָשור — אָנשטאָט דעם הויכ־
קלינגענדיקן פרעמדוואָרט „אווטאָעמאנציפּאציִאָן״ האָט
ער געגעבן א פאָלקסטימלעכן ייִדישלעכן נאָמען „א
סגולע צי די ייִדישע צאָרעס״. אויב מע זאָל אויס־
נוצן דעם אָנגענומענעם פּעדאגאָגישן טערמין, וועלכער
איז מענדעלען דעם פעדאגאָג געווען גוט באקאנט —
„איבערדערציילונג מיט אייגענע ווערטער״, קאָן מען
זאָגן, אז „א סגולע צו די ייִדישע צאָרעס״ — איז
מענדעלעס „איבערדערציילונג מיט אייגענע ווערטער״
פון דער בראָשור „אווטאָעמאנציפּאציִאָן״.

אין דער אויבנדערמאָנטער האקדאָמע שרײַבט מענ־
דעלע: „נישקאָשע, כלעבן, מיט צאָרעס, מיט באַלע־
ראכמים, באַלעטויוועס און אייצעגעבער האָבן מיר, ייִדן,
באַרעך־האשעם, ניט צו זאָרגן״. „א סאך אזעלכע האָבן
אין דער לעצטער צײַט זיך אָנגעוואָרפן צו זײַן אונדזערע
רויפים און אָנגעדולט א קאָפּ מיט זייערע בויך־סוואָרעס.
דערונטער זײַנען געווען שפּרעכערס, וואָסריידן בוי־
בעריק, טאָטעריש, און געוואָלט היילן דורך דער סיטרע־
אכרע. ווידער אנדערע זײַנען פארקראָכן דאפקע גאָר
ווײַט אין דער קדושע און געזוכט א רעפוע גאָר אין
א הייליקן יעהי־ראָצן, אין אשער־יאָצער זאָגן הונדערט
מאָל אין טאָג, סאָנים אַף צעזעצעניש. ווײַטער נאָך
אזעלכע, וואָס האָבן אָנגעשריבן אלערליי קאמייעס, אזוי־
נע מינים סטאטייקעס, אין וועלכע ס׳איז אויסגעמישט
בוידעם־פּאָליצע, סאר־בור אומאפלי לאאסעס, וואָס אר־
מעגלעך צו פארשטיין דאָרט א וואָרט. אויך אזעלכע,
וואָס האָבן געהייסן אַף גאָטס באראָט גיין מיט פאר־
מאכטע אויגן, מיט א ניכטערן מאָגן און ליידיקע
קעשענעס מעסטן פעלד דאָרט אַף דער מעאָראס־הא־
מאכפּיילע״. „באהיט זאָל מען ווערן, ריבוינעשעלוילעם,
פאר א סרייפע, אָבער נאָך מער פון נארישע מעוול־
בעלע גוטעפרײַנט, וואָס כאַפּן ראטעווען גלאט כאפּ־
לאַפּ און טוען דערבײַ גרויסן שאָדן אָן״.

ס׳האָט זיך באקומען אן אייגנארטיק בילד. ווי בא־
ווּסט, איז די בראָשור „אווטאָעמאנציפּאציִאָן״ ארויסגע־
גאנגען אין דײַטש אין יאָר 1882 און דר. ל. פינסקער
האָט אין איר זיך דערקלערט אלס טעריטאָריִאליסט;
צו דעם יאָר 1884 איז שוין ל. פינסקער געווען איינער
פון די פירער פון דער פּאלעסטינאָפילישער באוועגונג
און איז געווען דער פאָרזיצער פון איר ערשטן צוזא־
מענפאָר אין קאטאָוויץ. גראָד אין דעם זעלבן יאָר גייט
ארויס „אווטאָעמאנציפּאציִאָן״ אין מענדעלעס „איבער־
דערציילונג״, און דער „איבערדערציילער״ דערלויבט
זיך צו געבן אן אייגענע האקדאָמע, אין וועלכער ער
איראָניזירט איבער דעם אווטאָרס אידעאל[15].

אין יאָר 1899 האָט גערשן באדער איבערגעדרוקט די
„סגולע צו די ייִדישע צאָרעס״ אין זײַן „ייִדישן פאָלקס־
קאלענדאר״ („מיט געוויסע ענדערונגען״, קעדיי „צוצו־
פאסן דאָס ווערק צו מײַנע פּראָפּאגאנדיסטישע אידייען״).
שפּעטער אָבער האָט מענדעלע אים געשריבן, אז „כאָטש
ער האָט לעכאטכילע געגעבן זײַן האסקאָמע אַף די אלע
ענדערונגען, וואָס ער, באדער, האָט געמאכט אין זײַן
„א סגולע צו די ייִדישע צאָרעס״, האָט ער אינגאנצן
כאראָטע, וואָס ער האָט געלאָזט די ארבעט איבערדרוקן.
ווי עס גיט איבער י. קלויזנער, איז מענדעלעס „א סגו־
לע צו די ייִדישע צאָרעס״ איבערגעדרוקט געוואָרן אין
באדערס „פאָלקס־קאלענדאר״ מיט דורכגעלאָזענע דרײַ
זײַטן, באשטימט, דורך מענדעלען אליין. „גערשן באדער
דערציילט, אז מענדעלע האָט אים געשריבן א לאנגן
בריוו, „פון וועלכן מע האָט געקאָנט ארויסזען, אז ער
גלייבט ניט אין דעם גאנצן געדאנק״, און דערנאָך האָט
ער אים געבעטן, ער זאָל אים אָפּשיקן דעם בריוו אָדער
פארברענען אים, ווײַל ער וויל ניט, אז וואָס־ניט־איז
פון דעם בריוו זאָל ווען־עס־איז פּובליקירט ווערן״. מע
דארף זאָגן, אז די דאָזיקע געשיכטע אין ג. באדערס
„אינטערפּרעטאציע״ מאכט א מאָדנעם אײַנדרוק. צוליב
וואָס האָט מענדעלע געדארפט פאָרלייגן ג. באדערן אָדער
אומקערן אים דעם בריוו אָדער פארברענען? אויב בא
מענדעלען זײַנען געווען ספּייקעס, צי ג. באדער וועט
אים אומקערן דעם בריוו, וועלכן מענדעלע האָט געהאט
פולע רעכט צו פאָדערן, האָבן דאָך בא אים געדארפט
זײַן נאָך גרעסערע ספּייקעס, צי ג. באדער וועט דעם
בריוו פארברענען, דה. פארלאָזן זיך אינגאנצן נאָר אַף
זײַן וואָרט... י. קלויזנער באדויערט, וואָס אזא וויכטי־
קער בריוו איז פארלאָרן געוואָרן, און האָפט, אז עפּשער
האָט אים ג. באדער ניט פארברענט און ער וועט זיך
נאָך אויסגעפינען[16]. מיר לאָזן איבער אָן א זײַט די
דאָזיקע „נעפּלהאפטע געשיכטע״, וועלכע פאָדערט א
ווײַטערדיקע אויספאָרשונג. באזירנדיק זיך אַף מענדע־
לען אליין און אַף זײַן האקדאָמע, קאָנען מיר קומען
צום אויספיר, אז מענדעלע איז געווען א קעגנער פון
דער כיבאסציִען־באוועגונג.

צום יאָר 1884 — אָנהייב 1885 באציִען זיך מענדעלעס
צוויי בריוו צום פּראָפעסאָר פון פּעטערבורגער אוניווער־
סיטעט פּיאָטער אלעקסייעוויטש בעזסאָנאָוו, וועלכע עס
האָבן צום ערשטן מאָל פּובליקירט מענדעלעס טעכטער
נאדיעזשדא אבראמאָוויטש און אלעקסאנדרא דאָברין־
אבראמאָוויטש אין זייער בוך „דער זיידע צווישן אייגענע
און פרעמדע״ (ווארשע, פארלאג „קולטור־ליגע״, 1928,
זז. 18 — 21, 22 — 31). די בריוו זײַנען געשריבן אין
רוסיש און איבערגעזעצט (פון א קאָפּיע) אַף ייִדיש
דורכן פארלאג אונטערן אופזיכט פון מ. ווײַנרײַך. נאכ־
מען מײַזיל האָט איבערגעדרוקט די בריוו אין „דאָס
מענדעלע־בוך״ (זז. 130 — 134).

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די ערשטע ארויסגעבער,
מענדעלעס טעכטער, האָבן כאראקטעריזירט — און מיט
פולע רעכט — די דאָזיקע בריוו, איבערהויפּט דעם
צווייטן, אלס „א בלעטל ייִדישע געשיכטע״ (ז. 22),
זײַנען זיי אין דער ברייטער מענדעלע־פאָרשונג ווי
געהעריק ניט באלויכטן געוואָרן; אין דער סאָוועטישער
מענדעלע־פאָרשונג, אַף וויפל אונדז איז באקאנט, זײַנען
זיי קימאט ניט באַרירט[17]. גרויסע אויסצוגן פון די
בריוו האָט געבראכט ש. ניגער אין זײַן מאָנאָגראפיע
„מענדעלע מויכער־ספאָרים״[18], נאָר מיט זײַן באלויכ־
טונג, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, קאָן מען ניט אין
אלץ מאסקים זײַן.

אין די בריוו איז פאראן א וויכטיקער מאטעריאל,
וועלכער כאראקטעריזירט אונדזער קלאסיקער פון פאר־
שיידענע זײַטן — זײַן קוק אַף ליטעראטור און אירע
אופגאבן, זײַן פארינטערעסירטקײַט אין א צײַטונג אין
ייִדיש, זײַן אומאָפּהענגיקײַט. מיר נוצן אויס פון די
בריוו נאָר די מאָמענטן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט
אונדזער טעמע — מיטן פארענדיקן דעם פּעריִאָד פון
מענדעלעס שווײַגן.

אין ערשטן בריוו דאנקט מענדעלע אָפּ פ. א. בעזסאָנאָוון פאַר דער באגריסונג צו זײַן 25־יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ. איינצײַטיק ווארפט ער אים אוף אין א דיפּלאָמאטישער פאָרם, פארוואָס ער וויל ניט, אז זײַן בריוו זאָל זיך באווײַזן אין דער פרעסע. דער ליבעראַלער פּראָפעסאָר האָט מוירע געהאט, אז די סוּוואָרינס און פּיכנאָס[19] זאָלן אף אים ניט אָנפאלן.

דער צווייטער בריוו שטעלט מיט זיך פאָר מענדעלעס אָן ענטפער פ. א. בעזסאָנאָוון אף זײַן בריוו, אין וועלכן דער לעצטער האָט באריכט די פּראָבלעם פון באַציִונגען צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ און דער רוסישער. די בריוו פון פ. א. בעזסאָנאָוו האָבן זיך, צום באדויערן, ניט פארהיט; ווי ס׳איז אָבער קלאָר פון מענדעלעס ענטפער, איז פ. א. בעזסאָנאָוו געווען אינפאָרמירט וועגן די שטימונגען אין דער ייִדישער סוויווע פון יענער צײַט. מענדעלע שרײַבט: „זאָל זײַן, אז אײַך האָבן זיך טאקע, ווי איר זאָגט, געטראָפן צווישן ייִדן מענטשן, וואָס היטן קלוימערשט בא זיך אין הארצן עפּעס א ספּעציפישן „ייִדישן איניען“, — איך און די, וואָס מיט מיר, ווייסן ניט פון אזא מין „איניען“. פאר אונדז איז דאָס לאנד, וואָס האָט געבוירן און באהאלטן א גאנצע לאנגע שורע אונדזערע עלטער־עלטערן, דאָס לאנד, אין וועלכן מיר אליין זײַנען געבוירן, ארבעטן און וועלן שטארבן, — אונדזער פאָטערלאנד, און קיינער איז ניט בעקויעך צו צערײַסן דעם בלוטיקן בונד, וואָס פארקניפּט אונדז און אונדזערע קינדער מיטן באָדן פון רוסלאנד. מיר האָבן די טיפע איבערצײַגונג, אז די אינסטינקטן פון דער מיליאָניקער מאסע ייִדנטום איז פאר אונדז; אָבער קעדיי צו ווערן עמעסע אויסדריקער פון די מאסן, מוזן מיר זיך מיט זיי פארשטענדיקן אף דער שפּראך, וואָס איז פאר זיי צוגענגלעך“.

און ווײַטער: „וואָס איז שײַעך דער טײַנע, אז דער זשארגאָן קאָן קלוימערשט נאָך געדיכטער מאכן דעם כוישעך, וואָס נעמט ארום איינִיקע מאָמענטן פון אונדזער לעבן, איז דען ניט שפּראך א פּאָשעט געווער, וואָס קאָן פּונקט אזוי דינען פאר דאָס גוטע, ווי פאר דאָס שלעכטע, פאר אופקלערונג, ווי פאר פארפינצטערונג, אָפּהענגיק פון דעם, ווער און וויִאזוי סע באנוצט זי? און פון דער צווייטער זײַט, צי קאָנען דען בייזע מאכשאָוועס פארדעקט ווערן אין א וויל־אײַנגעאָרדנטער מעלוכע — אלציינס, אף וואָס פאר א שפּראך זיי זאָלן ניט אויסגעדריקט ווערן?“

און מענדעלע פארענדיקט דעם בריוו מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „וואָס איז ווידער שײַעך דער ייִדישער מאסע, האָב איך צופיל גרונט צו מיינען, אז מער ווי ווען־ס׳איז ווארט זי איצט אף מײַן וואָרט, וואָרעם איך באקום פון אלע זײַטן מינדלעכע און שריפטלעכע מעלדונגען און מע דריקט מיר אויס פארוווּנדערונג, פארוואָס איך טו אינגאנצן שטילשווײַגן די לעצטע יאָרן — א צײַט, וואָס איז פול מיט ערעוו־געשעענישן. איך האָב געשוויגן דערפאר, ווײַל א ניכטער וואָרט גייט לעיִבעד אין טעג פון צעהיצטע לײַדנשאפטן, אָבער איצט וואָלט איך ווידער געוואָלט ריידן און וואָלט געוואָלט, אז מײַן וואָרט זאָל געפינען פאר זיך מער באקוועמע וועגן, ווי פריִער, צו דער ייִדישער מאסע“.

ברענגענדיק גרויסע אויסצוגן פון דעם צווייטן בריוו צו פ. א. בעזסאָנאָוון, האָט ש. ניגער אָנגעוויזן, אז מענדעלע, רעכענענדיק זיך מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון זײַן קאָרעספּאָנדענט, האָט אין דעם בריוו געשטעלט דעם טראָפּ אף אזעלכע מאָטיוון, וועלכע ער וואָלט בא אנדערע אומשטענדן ניט אזוי שטארק אקצענטירט“ (ז. 194). אלס א בײַשפּיל ברענגט ער, אז מענדעלע רעדט אין זײַן בריוו וועגן ייִדיש „נאָר ווי אף א מיטל צו אופקלערונג“ (ז. 198). מיר רעכענען, אז ש. ניגער האָט ניט געטראָפן בא מענדעלען דעם געהעריקן טראָפּ. די געבראכטע ציטאטעס באווײַזן, אז מענדעלע האָט אָפן ארויסגעזאָגט סײַ זײַן אייגענעם שטאנדפּונקט, סײַ דעם שטאנדפּונקט פון זײַן גרופּע (איינִיקע פון זיי רופט ער אָן אין בריוו). מיט דעם האָט ער זיך אָפּגעטיילט פון די הערשנדיקע מיינונגען אין דער דעמאָלטיקער העברעיִשער און ייִדישער פרעסע און געזוכט פאר זיך אן אייגענע טריבונע — א צײַטונג אין ייִדיש.

די פאקטן, וועלכע מיר האָבן געבראכט, גיבן א מעגלעכקײַט פאנאנדערצוקלײַבן זיך אין דער פראגע וועגן די סיבעס פון מענדעלעס לאנגן שטילשווײַגן אין די יאָרן 1879—1884, אראָפּנעמען דעם „פאָרהאנג“, וועלכער פארדעקט זיי, און זען, מיט וואָס פאר א באגאזש האָט מענדעלע זיך אומגעקערט אין דער ליטעראטור נאָך דעם איבערײַס. אין דער זעלביקער צײַט באווײַזן אָט די פאקטן, אז אין דער צײַט, ווען די פּאָלקיסטישע „סאָציִאליסטן“ (ליליִענבלום, קאמינער, יעהאלעל אא.) — און ניט נאָר אין דער ייִדישער סוויווע — האָבן זיך אין די אכציקער יאָרן א קער געטאָן אף צוריק („האשיווינו נאזאד“), האָט מענדעלע גערופן צו געזעלשאפטלעכער אקטיווקײַט דאָ אפן אָרט, אין דעם לאנד, „אין וועלכן מיר אליין זײַנען געבוירן, ארבעטן און וועלן שטארבן“. עמעס, מע קאָן ניט זאָגן, אז מענדעלע האָט געהאט אין יענע יאָרן א קלאָרע געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע פּראָגראם, ער איז אָבער געווען א קעגנער פון די אלע רעאקציִאָנערע ריכטונגען, וועלכע האָבן גערופן צו געזעלשאפטלעכער פּאסיווקײַט.

אנמערקונגען

1 ברוידעס רוון־אָשער (1902—1854) — העברעיִש־ייִדישער שרײַבער; געווען באוווּסט מיט זײַנע צוויי העברעיִשע ראָמאנען — „הדת והחיים“ („האדאס וועהאכאיִם“ — רעליגיע און לעבן) און „שתי הקצוות“ („שטיי האקצאָוועס“ — צוויי עקסטרעמען). געשריבן אין ייִדיש דערציילונגען און פּובליציסטישע ארטיקלען, ארויסגעגעבן אין רומעניע און גאליציע זשורנאלן אין ייִדיש („יעהודיס“, „דער וועקער“ אא.), וועלכע האָבן עקזיסטירט ניט לאנג.

2 זשורנאל „וואָסכאָד“, 1884, נומ. 12.

בינשטאָק לעוו (לייב) מאָיסייעוויטש (1894—1836) — פּובליציסט און געזעלשאפטלעכער טוער, פארנומען א לענגערע צײַט די שטעלע פון „געלערנטן ייִדן“ (אוטשאָני יעוורײ) באם וואָלינער גובערנאטאָר. איינער פון מענדעלעס נאָענטסטע פרײַנט. איבערגעזעצט אין רוסיש מענדעלעס ראָמאן „האבות והבנים“ (האאָווויס וועהאבאָנים“ — פאָטערס און קינדער), געהאָלפן אים בא דער איבערזעצונג פון זשול ווערנס ראָמאן „דער לופט־באלאָן“ (1869), צוזאמען מיט אים ארויסגעגעבן אין ייִדיש דעם „אוסטאוו“ וועגן מיליטער־

פליכט (1874). פאַרעפנטלעכט אונטערן פּסעוודאָנים אולייניקאָוו אין רוסיש אַן אויספאָרשונג „די ייִדישע קאָלאָניעס פון יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע" (1890).

[3] זע ז. ר ײ ז ע ן. לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע". ערשטער באַנד, ז. 21.

[4] אָ ר ש אַ נ ס ק י א י ל י א ג ר י ג אָ ר י ע װ י ט ש (1875—1846) — אָנגעזעענער פּובליציסט און היסטאָריקער. זײַנע וויכטיקסטע ארבעטן (אין רוסיש) — „ייִדן אין רוסלאַנד" (1872) און „רוסישע געזעצגעבער וועגן ייִדן" (1877).

[5] פּובליקאַציע פון מענדעלעס בריוו צו די בינשטאָקס — „צוקונפט", 1923.

[6] ש. נ י ג ע ר. מענדעלע מויכער־ספאָרים. טשיקאַגאָ, 1936, ז. 189.

[7] „דאָס מענדעלע־בוך". צונויפגעשטעלט און געשריבן פון נאַכמען מײַזיל. פאַרלאַג „איקוף", 1959, ז. 110.

[8] דאָס זעלבע, ז. 473 (אויסצוג פון מענדעלעס בריוו צו ל. בינשטאָק. יאַנוואַר 1882).

[9] דאָס זעלבע, ז. 113 (אויסצוג פון א בריוו צו ל. בינשטאָק פון 16 מײַ 1882).

[10] דאָס זעלבע, ז. 114 (אויסצוג פון א בריוו צו ריווקע בינשטאָק פון 21 אָקטיאַבער 1882).

[11] דאָס זעלבע, זז. 115—119.

[12] זאַמלבוך „מענדעלע און זײַן עפּאָכע". „דער עמעס", מאָסקווע, 1941, ז. 27.

[13] „רוסקי יעווריי" 1884, נום. 45—46; זע ביבליאָגראַפישע אָנווײַזונגען וועגן דעם יובילײ בא ז. ר ײ ז ע ן. לעקסיקאָן, ב. 1, ז. 37.

[14] ק ל ו י ז נ ע ר. געשיכטע פון דער נײַער העברעישער ליטעראַטור. ב. 6, ז. 426 (אין איווריט).

[15] זע וועגן דעם אין „מענדעלע־בוך", זז. 473—480.

[16] ז ע ק ל ו י ז נ ע ר. געשיכטע, ב. 6, ז. 422; „ייִוואָ־בלעטער", 20־טער באַנד, ניו־יאָרק, 1942, זז. 318—319.

[17] אין זײַן אַרטיקל „א נײַער ווענדפּונקט אין דער מענדעלע־פאָרשונג" („וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער", 1929, ז. 224), ריידנדיק וועגן נײַע מאַטעריאַלן צו דער מענדעלע־פאָרשונג, ווײַזט אָן א. גורשטיין: „אינטערעסאַנט זײַנען דאָ צווײ בריוו מענדעלעס צום פּראָפ. בעזסאָנאָוו. די דאָזיקע בריוו האָבן א וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע באַדײַטונג". אין זײַנע ווײַטערדיקע ארבעטן באַרירט ער זיי ניט, זיי זײַנען אויך ניט באַרירט בא מ. ווינערן אין זײַן אויבנדערמאָנטן בוך. זיי זײַנען דערמאָנט, אָן קיין שום אַנאַליז, בא קלויזנערן אין זײַן „געשיכטע", ב. 6, ז. 426—427.

[18] זז. 194—197.

[19] א. ס. ס ו וו אָ ר י ן, ד. אי. פּ י כ נ אָ — רעדאַקטאָרן פון די רעאַקציאָנערע צײַטונגען „נאָוואָיע ווערעמיא" און „קיִעוולייאַנין", אין וועלכע עס פלעגן זיך אָפט דרוקן אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען.

כראָניק

די באַנײַטע „פאָלקס־שטימע"

אָנהייבנדיק פונעם 21 סעפּטעמבער ד. י. דערשײַנט די וואַרשעווער ייִדישע צײַטונג „פאָלקס־שטימע" אויף 12 זײַטן, אַלס וואָכנשריפט.

די ערשטע נומערן פון דער באַנײַטער „פאָלקס־שטימע" זאָגן איידעס, אַז זי איז געוואָרן רײַכער אין אינהאַלט, ערנסטער אין אונטערטראָגן דעם מאַטעריאַל.

באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען דאָ די פּובליציסטישע אַרטיקלען, קאָמענטאַרן אויף צווישנפעלקערלעכע טעמעס, דער אָפּטייל „בא אונדז אין לאַנד" (וועגן לעבן אין פאָלקס־פּוילן) אא. ברייט איז פאָרגעשטעלט די ייִדישע ליטעראַטור — מיט לידער, דערציילונגען, ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרטיקלען, רעצענזיעס, הומאָרעסקעס.

די צײַטונג דרוקט זיך אויף גוט פּאַפּיר און איז רײַך אילוסטרירט.

מיר ווינטשן דער באַנײַטער „פאָלקס־שטימע" א גליקלעכן וועג.

לייב קוויטקאָס „יונגע יאָרן" אין רוסיש

אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז נאָרוואָס דערשינען לייב קוויטקאָס ראָמאַן אין פערזן „יונגע יאָרן" אין דער רוסישער איבערזעצונג פון מ. גורעוויטש, מ. ספּענדיאַראָוואַ און ד. בראָדסקי. קינסטלעריש אויסגעפאָרמירט דעם בוך האָט דער באַוווסטער גראַפיקער שלוימע טעלינגאַטער. אין לעוו קאַסילס אַרײַנפיר־אַרטיקל ווערט, צווישן אַנדערס, געזאָגט: „קימאַט דרײַצן יאָר האָט לייב קוויטקאָ געאַרבעט איבער אָט דעם ראָמאַן אין פערזן. ער האָט אים אָנגעהויבן אין 1928, און ערשט אין יוני 1941, בוכשטעבלעך מיט עטלעכע טעג פאַר דער מילכאָמע, איז דער ראָמאַן אַרויס אין ייִדיש אין קאָוונע... ער איז אָבער דאַן ניט דערגאַנגען צום לייענער: דער גאַנצער טיראַזש איז אומגעקומען אין פײַער".

מוישע מײַדאַנסקי

צו ווײַטערדיקער פאַרפאָלקומונג

(וועגן די רוסישע און אוקראַיִנישע

איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק)

שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט גענוג אַגמעסנעפּעש פון איבערזעצער, און ניט איין מאָל האָט ער זיי דער־מאָנט צום שלעכטן. אין מײַ 1909 שיקט ער דעם רוסישן שרײַבער ד. אײַזמאַן עטלעכע זײַנע זאַכן, וועלכע זײַנען, ווי ער דריקט זיך אויס, „שוין לאַנג און שלעכט איבערגעזעצט אף רוסיש"[1]. דעם בריוו ענדיקט ער מיט אַ שפּאַס: „דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז אַלע רעדאַקטאָרס און קריטיקער זאָלן זיך אויסלערנען ייִדיש. דאַן וועלן זיי פאַרשטיין שאָלעם־אַלייכעמען".

נאָר די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט, ווען איבערזעצן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק האָט זיך גענומען י. פּינוס, לויטן פאַך גאָר אַ דאָקטער. אין די יאָרן 1910—1912 זײַנען פּינוסעס איבערזעצונגען דערשינען אין 7 בענדער. אַהער איז אַרײַן דאָס בעסטע, וואָס דער ייִדישער פאָלקס־שרײַבער האָט געשאַפן, אָנגעהויבן פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" (ערשטער באַנד — «Дети черты»). אייניקע בענדער זײַנען דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס. דער ערשטער — אין דרײַ. דאָס זײַנען געווען די אײנציקע איבערזעצונגען, וועלכע שאָלעם־אַלייכעם האָט דערלויבט און באַגיטיקט, — אַזוי איז בעפּיירעש געווען אָנגעוויזן אף די שאַרבלעטער פון די ביכער.

ס'איז קעדײַ צו דערמאָנען, וויִאַזוי שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרשטאַנען דעם איניען קינסטלערישע איבער־זעצונג. וועגן דעם האָט ער נאָך אין 1903 געשריבן צו לעוו טאָלסטאָיען: „איך פאַרשטיי גאָר אַנדערש דאָס וואָרט איבערזעצונג. פאַרהיטנדיק דעם זינען, דעם גײַסט און בוכשטעבלעכן אינהאַלט פון אײַערע מײַסעלעך, האָב איך זיך באַמיט זיי צוגעבן די שיינקײַט, וואָס עס פאַרמאָגט אונדזער ביז גאָר אײנפאַכע און גלײַכצײַטיק בילדערישע פאָלקס־שפּראַך..."[2]

שאָלעם־אַלייכעם שליסט דעם בריוו אַזוי: „אין אַלגעמיין דאַרף איך זאָגן, אַז אין דער איבערזעצונג האָבן די מײַסעלעך באַקומען זיך אַזוי, גלײַך ווי איר וואָלט זיי געווען געשריבן אין ייִדיש. קיין סימאָנים פון איבער־זעצונג איז אין זיי ניט צו מערקן".

שאָלעם־אַלייכעמס אַרויסזאָגונגען זײַנען מאָסגעבנדיק פאַר קינסטלערישע איבערזעצונגען ביכלאַל. זיי רופן זיך איבער מיט די איצטיקע פּרינציפּן פון דער איבערזעצונג־קונסט.

נאָך שאָלעם־אַלייכעמען האָט פּינוסעס שעפערישער מי געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג מאַקסים גאָרקי. אינעם באַוווּסטן בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען וועגן בוך «Дети черты» האָט ער געשריבן וועגן דער איבערזע־צונג, אַז זי איז געמאַכט מיט קענטעניש (умело) און מיט ליבע צום אויטאָר. פאַרדינען אַזאַ אָפּשאַצונג באַם ריזיקן וואָרט־מײַסטער איז געווען, פאַרשטייט זיך, ניט גרינג.

ס'קומט אויף אַזאַ פראַגע. אינעם סאָוועטישן פּעריִאָד זײַנען די פריִער שוין אין רוסיש דערשינענע ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען איבערגעזעצט געוואָרן אַפּסנײַ, און ניט איין מאָל. צי איז דאָס געווען אומבאַדינגט נייטיק, וויבאַלד פּינוסעס איבערזעצונגען זײַנען געווען אַזוינע גוטע?

די פאָדערונגען צו קינסטלערישע איבערזעצונגען זײַנען אין די סאָוועטישע באַדינגונגען געוואָרן פילזײַטי־קער, שטרענגער. ווען מיר פאַרגלײַכן די פריִערדיקע איבערזעצונגען מיט די איצטיקע, זעען מיר, אַז אין די לעצטע איז צוגעזוכט דאָס מער פאָלקסטימלעכע וואָרט. ס'ווערן געגעבן פּאַסיקערע סינאָנימען, די איבערזעצונג איז סטיליסטיש רײַכער, פײַנער.

די ערשטע ווערטער, וועלכע פירן אונדז אַרײַן אין מאָטלס קינדערשער וועלט: „איך גיי מיט אײַך אין געוועט...", האָט פּינוס איבערגעזעצט: «Держу пари». אין ב. מאַרשאַקס איבערזעצונג (1926) קומט אַ מער אייגנטלעכער רוסישער אויסדרוק: «Я готов биться об заклад». בא שאַמבאַדאַלן, אין דער איצטי־קער זעקסבענדיקער רוסישער אויסגאַבע, לייענען מיר: «Я готов поспорить с вами» — אַזוי איז, זעט אויס, אַמערסטן פאָלקסטימלעך.

---

[1] זאַמלונג „קריטישע אַרטיקלען", אוקרנאַצמינדפאַרלאַג, 1939, ז. 76.

[2] אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", נומ. 12, 1941, ז. 238.

אָט איז א מער ספּעציפישער ייִדישער אויסדרוק: „דער טאטע זאָל אופשטיין און זען" — מוסערט דער ברודער עליע מאָטלען. בא פינוסן באקומט זיך צו פּאטעטיש: «О, если бы отец восстал...». בא מאר־שאקן איז געזאָגט איינפאכער: «Что бы было, если б отец поднялся...». און שאמבאדאל זעצט איבער אויסדריקלעכער: «Что бы было, если б отец воскрес». אזוינע אונטערשיידן זיינען פאראן פיל און פיל. און די צאָל גייט איבער אין קוואליטעט.

צי נעמען די שפּעטערדיקע איבערזעצער איבער דאָס גוטע בא פינוסן? אזוינס מערקט זיך אינעם געביט פון איבערזעצן פראזעאָלאָגיזמען. דעם אויסדרוק „געשיקט דורך דער קאץ שאלעכמאָנעס" האָט פינוס איבערגעזעצט «послали кота по сметану», און אזוי איז עס געגעבן בא שאמבאדאלן. ס'איז אויך אלציינס איבערגעזעצט בא פינוסן און שאמבאדאלן דער אויסדרוק „ווי די מאמע האָט אים געהאט" — «вышел в чем мать родила».

ס'טרעפן זיך אָבער בא פינוסן אומגעלונגענע אויסדרוקן, וואָס זיינען אין די איצטיקע איבערזעצונגען אויך ניט פיל בעסער. אָט לייענען מיר פינוסעס איבערזעצונג, און ס'טוט א שניט דעם אויער א פארגלייך как свинцовая птица. ס'איז בוכשטעבלעך „איבערגעפירט" פון ייִדיש: „(א ריר) פון א בלייענעם פויגל". בא שאמבאדאלן איז דאָ געגעבן: оловянная птичка. בעסער, ניט קאָפּירנדיק דעם אָריגינאל, האָט איבערגעזעצט ב. מארשאק: бревно неповоротливое.

שאָלעם־אליכעם האָט געפאָדערט פון די איבערזעצער, זיי זאָלן ניט אונטערטראָגן דעם לייענער קיין העברעיִשע פסוקים, קיין איבעריקע רעליגיעזע טערמינעס אין העברעיִשן שפּראך־לעוויש. ער האָט געבעטן אויסמיידן אזוינע ווערטער, ווי טפילן, שישי, מינכע, יוירע־דייע אאוו. און מיר דערמאָנען זיך, ווי ער האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס אין זיינע אייגענע איבערזעצונגען דערקענט מען ניט, אז דאָס זיינען איבערזעצונגען, זיי מאכן דעם איינדרוק פון לעכאטכילע געשריבענע אף דער איבערזעצונג־שפּראך.

פינוס האָט זיך באמיט ווי געהעריק נאָכפאָלגן שאָלעם־אליכעמס איינשטעלונג. ניט אזוי טוט שאמבאדאל. מיר נעמען, אשטייגער, די שטעל, ווו עליע ענטפערט אָפּ מוישע דעם איינבינדער. מאָטל דערציילט: „ער האָט אים געזאָגט, אז ער זאָל... ניט פארבייטן די יאָצרעס. ניט בינדן א האגאָדע מיט א סליכע איניינעם..." פינוס זעצט דאָס איבער אזוי: «Брат советует переплетчику... не помещать великопостной исповеди среди пасхальных молитв».

פינוס באגייט זיך אָן די פּינקטלעכע העברעיִשע באצייכענונגען. ער ניצט רוסישע ווערטער, וואָס גיבן איבער דעם אינהאלט פונעם אָריגינאל. און שאמבאדאל, פארקערט, שליסט איין די העברעיִזמען אין דער איבערזעצונג: «Но мой брат Эли... посоветовал переплетчику лучше не делать каши из книг, не переплетать вместе «агоде» и «слихес».

שטערנדלעך בא די העברעיִזמען לאָדן, פארשטייט זיך, איין די לייענער דערוויסן זיך אין די קאָמענטארן, וואָס עס באטייטן די אומפארשטענדלעכע ווערטער. נאָר צו וואָס איז דאָס נייטיק? צו וואָס דארף מען מוטשען זיך מיט די ווערטער, וואָס גלידערן זיך אזוי שווער איין אין דער פּראזע? זיי גיבן דען צו א פּאָזיטיוון פּסיכאָלאָגיש־קינסטלערישן עפעקט?

פינוסעס איבערזעצונג נייטיקט זיך אין דעם דאָזיקן פאל אין קאָרעקטיוו: „אָנשטאָט великопостной исповеди וואָלט בעסער אונטערגעגאנגען покаянных молитв, און אָנשטאָט пасхальных молитв וואָלט געווען פּאסיקער пасхальных сказаний. נאָר פּרינציפּיעל איז בארעכטיקט בלויז זיין צוגאנג — פּינקטלעכער געזאָגט, דער צוגאנג, וועלכן ס'האָט געפאָדערט שאָלעם־אליכעם.

שאמבאדאל באגייט זיך ריכטיק מיטן אויסדרוק „פארבייטן די יאָצרעס". דאָ זאָגט ער זיך אָפּ פון בוכשטעבלעכקייט און גיט בלויז איבער מער־ווייניקער אדעקוואט די אידיי. פריִער — פאר שאמבאדאלן — האָט אזוי געטאָן ב. מארשאק, נאָר ער איז שוין צו ווייט פארגאנגען אינעם אויסמיידן קולט־טערמינעס אדג. בא אים איז דער טעקסט אזא: «Пусть перестал бы делать кашу из книг, соединяя в один переплет отрывки из разных сочинений». גיין מיט אזא וועג הייסט מאכן פארבלאָז די שילדערונג, אינגאנצן אָפּנעמען בא דער איבערזעצונג דעם נאציאָנאלן קאָלאָריט פונעם אָריגינאל.

אינעם יאָר 1914 האָט מאקסים גאָרקי געשריבן שאָלעם אשן וועגן די שלעכטע איבערזעצונגען פון זיינע, אשס, ווערק, וועלכע ער, גאָרקי, אלס רעדאקטאָר, האָט ניט געהאלטן פאר מעגלעך צו פארעפנטלעכן. אינעם דאָזיקן בריוו הייבט גאָרקי אוף פראגן פון א גרויסן אלגעמיינעם באדייט פאר דער איבערזעצונג־קונסט — דעריבער וועלן מיר אים ברייטער ציטירן.

אלעקסיי מאקסימאָוויטש האָט געשריבן: „איער איבערזעצער באציט זיך צו זיינע פליכטן אין בעסטן פאל באלמעלאָכיש (ремесленно), ביכלאל גערעדט נאכלעסיק (небрежно).

איך האָב געלייענט א סאך זיינע מאנוסקריפּטן, און זע לאכלוטן ניט קיין כילעק צווישן איך און, לאָמיר זאָגן, פּערעצן — ער קען, זעט אויס, ניט אינדיווידואליזירן דעם שרייבער, און איך, דער לייענער, זע אין שאָלעם אשן און פּערעצן בלויז ברומבערגן (דעם איבערזעצער. — מ. מ.)".

ווייטער שרייבט גאָרקי: „די שפּראך פון דער איבערזעצונג איז פּראָזאיִש און וווּלגאר... דאָס אלץ האלט איך פאר אומבאדינגט נייטיק איך זאָגן — באווייזן איך אין אזוינע איבערזעצונגען וואָלט געווען א קנאפּע טויווע (плохой услугой) פאר איער שרייבערישן קאָוועד"[1].

[1] נ. פיקסאנאָוו — «М. Горький в общении с национальными культурами», זשורנאל „דרוזשבא נאראָדאָוו", נומ. 11 פארן 1945 יאָר.

מ. גאָרקיס ווענדונג צו אשן איז באַלערעוודיק אין פיל הינזיכטן. זי האָט א שײַכעס אויך צו די איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, ווען דער אָדער יענער איבערזעצער פארטונקלט די קינסטלערישע אייגנאַרטיקײַט פונעם אָריגינאַל, פארקריפּלט זי דורך ווילקירלעכע אויסטראַכטענישן.

א גאַנצן קאָמפּלעקס ענלעכע פאקטן געפינען מיר, ווי ס'זאָל ניט זײַן פּאראדאָקסאַל, ניט בא קיין צופעליקן איבערזעצער, נאָר בא א פּראָפעסיאָנעלן רוסישן שרײַבער — בא סעמיאָן העכטן. אין 1926 זײַנען דערשינען צוויי בענדער זײַנע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, אין וועלכע ס'ווערט פאלסיפיצירט דאָס טעוויע־געשטאַלט. דער איבערזעצער טראָגט ארײַן אין טעוויעס רייד גדיכטע מערקאַנטיליסטישע שטריכן.

טעוויע זאָגט וועגן פעפערלען: „א פּיסק — ניט גדאכט זאָל ער ווערן!“ פארגינט זיך העכט דאָס איבערזעצן: «Язычок — дай бог каждому маклеру!». עפראַיִם דער שאדכן רעדט א שידעך טעוויעס טאָכטער און זאָגט: „ריישיס, איז דאָס אָרט זייער א שיין אָרט“, און טעוויע ענטפערט אים מיט זעלבסטווערדע: „איך בין אליין אויך ניט אבי־ווער“. מאכט דערפון העכט אזוינס (דעם שאדכנס ווענדונג): «Во-первых, красивая фирма» און דערנאָך טעוויעס רעפּליק — אויך מארק־לאָשן: «и я сам ведь не из дешевых».

האָדל מעלדעט דעם פאָטער, אז הײַנט געזעגנט זי זיך מיט אים אף שטענדיק. טעוויע געפינט אין זיך גענוג אינערלעכע קראפט אף ניט אין קאס ווערן. „קאס, — זאָגט ער צו זיך אליין, — איז אווידעזאָרע“. און בא העכטן לייגט טעוויע אוועק אזוינע דיבורים: «Сердиться — это занятие, не приносящее больших барышей». און ס'באקומט זיך, אז פון טעוויען רעדט ארויס ניט קיין אידל מענטשלעך הארץ, נאָר א גראָבע קרעמערשע נעשאָמע.

טעוויע קאָן ניט גענוי פארשטיין, וואָס פאר א מין מענטשן זײַנען דאָס פעפערל און זײַנע כאווײרים, און האָדל פארזיכערט אים: „...זיך האָבן זיי ניט אין זינען אפילע אין דער לינקער פּיאַטע“. דאָס מיינט זי זייער אידייִשקײַט, זייער זעלבסטאָפּפער. און בא העכטן קלינגען אירע רייד וווּלגאר און פּראָזאיִש: «Ничего на этом не зарабатывают».

איבערזעצן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אף אוקראַיִניש האָט מען אין טאָך אָנגעהויבן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. פאר די פופציק יאָר ראַטנמאכט זײַנען 42 מאָל דערשינען די ווערק פונעם יִידישן קלאַסיקער אין דער אוקראַיִנישער איבערזעצונג, זייער אַלגעמיינער טיראַזש דערגרייכט 708 500 עקזעמפּליארן. די פיר־בענדיקע אויסגאבע, וואָס דערשײַנט איצט[1], וועט זײַן די פולסטע אין פארגלײַך מיט די פריִערדיקע. אין די שוין ארויסגעלאָזטע צוויי בענדער פון אָט דער אויסגאבע גייען ארײַן א ריי ווערק („טעוויע דער מילכיקער“, „אײַזנבאַן־געשיכטעס“, „מאָנאָלאָגן“, „בלאָנדזנדע שטערן“) אין עפראַיִם רײַצינס איבערזעצונג און „מענאכעם־מענדל“, איבערגעזעצט דורך מוישע דובינסקי.

ע. רײַצין, וואָס האָט היפשע פארדינסטן אין איבערזעצן די יִידישע ליטעראַטור אף אוקראַיִניש, האָט מײַסטעריש געלייזט א ריי אופגאבעס. ער געפינט אלס קלאָל דאָס זאַפטיקע אוקראַיִנישע וואָרט, דעם פּארביקן אידיאָם און דערטראָגט צום לייענער שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר.

קולטורעל, שעפעריש האָט איבערגעזעצט „מענאכעם־מענדלען“ מ. דובינסקי. ביז איצט איז דאָס דאָזיקע ווערק באוווּסט געווען דעם אוקראַיִנישן לייענער אין א פראַגמענטאַרער און שלעכטער איבערזעצונג[2].

ווי געוויינלעך, זײַנען די נײַ־פארעפנטלעכטע איבערזעצונגען ניט פרײַ פון כעסרוינעס, און מע דארף זיי באהאנדלען. בא שאָלעם־אַלייכעמען איז דער לעקסיקאָן פון אזוינע העלדן, ווי טעוויע, מענאכעם־מענדל אאַ., א פולשטענדיק פאָלקסטימלעכער. ווערטער אויסלענדישע, אנטליִענע פון אנדערע שפּראכן, זײַנען זיי פרעמד. אונדזערע איבערזעצער צווינגען אָבער טעוויען און מענאכעם־מענדלען ניצן פרעמדווערטער, דערבײַ אין אזוינע פאלן, ווען פונעם אָריגינאַל דרינגט דאָס אבסאָליוט ניט ארויס.

טעוויע דריקט זיך אויס אין אוקראַיִניש: «Моїй Бейлці можна адресувати слова». אף וואָס פאר א סמאך? בא שאָלעם־אַלייכעמען קומט דאָס פּאָשעטע יִידישע וואָרט „זאָגן“ און ניט „אדרעסירן“. טעוויע רעדט וועגן דער כיינעוודיקער מאָרדע פונעם פערד. אין דער איבערזעצונג ניצט ער דאָס וואָרט симпатичну. ניטאָ דען קיין פּאסיקער אוקראַיִניש וואָרט (милу, гарну)? מענאכעם־מענדל ניצט אין דער איבערזעצונג אזוינע אינטעליגענטישע פרעמדווערטער, ווי оформляю, зорієнтувався.

מאמעש אומגעלומפּערט איז אזא אײַנפאַל. נאָך מענאכעם־מענדלס דורכפאַל אף דער אָדעסער בירזשע פאסקנט איינער פון זײַנע אויסלאכער — גאמבעטע: „אז מע קען ניט האנדלען מיט ‚לאָנדאָן‘, דארף מען האנדלען מיט עסרויגים“. וואָס זשע טוט דער איבערזעצער מיטן וואָרט „עסרויגים“? ער זוכט אויס אין ווערטערבוך אן אויסלענדישן נאָמען цендрати, וואָס קלינגט קימאט ווי א נאָמען פון דער האפּטייקע, און האקט אים ארײַן אין דער איבערזעצונג.

פארשטייט זיך, ווידעראַמאָל א שטערנדל באם וואָרט, און דער לייענער קען זיך דערוויסן דעם טײַטש. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז דער לייענער פוילט זיך ניט א קוק צו טאָן אין די קאָמענטארן און ער ווייסט שוין דעם פּיירעש פונעם וואָרט. צי פארשטייט ער אָבער די אידיי פון דער פראַזע, דעם סייכל פון גאמבעטעס שטאָך? געוויס ניט.

---

[1] Шолом-Алейхем. Твори в чотирьох томах, вид. художньої літератури «Дніпро», I—II томи, Київ, 1967.

[2] די איבערזעצונג אונטערן נאָמען «Лихі пригоди Менахем-Менделя» איז דערשינען אין אָדעס אין 1932 יאָר אונטער דער רעדאקציע פונעם פּראָפ. אי. פאלקעוויטש (די פאמיליע פונעם איבערזעצער איז ניט אָנגעוויזן).

דאָס האָט אויסגעצייכנט באנומען פינוס. האָט ער זיך פון די יאָמטעוודיקע עסרויגים אָפּגעזאָגט און פאַרביטן זיי אף... וואָכעדיקע הערינג. און שאמבאדאל, זעט אויס ניט אָן פינוסעס ווירקונג, איז אוועק נאָך ווײַטער. בא אים לייגט גאמבעטע פאַר מענאכעם־מענדלען האנדלען גאָר מיט... זויערע אוגערקעס! אָט דאָס איז א מוסטער פון שעפערישער איבערזעצונג. און די צענדראטן — דאָס איז אין טאָך זינלאָזע קאָפּירונג.

מיר האָבן אויבן גערעדט וועגן אומנייטיקע העברעיִזמען (רעליגיִעזע טערמינעס, עטנאָגראפיזמען) אין די רוסישע איבערזעצונגען. די זעלבע זאך זעען מיר אין די אוקראַיִנישע. צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט געבן אינעם אוקראַיִנישן טעקסט פון דער דערציילונג „פונעם פריזיוו“ די העברעיִזמען талес і тфілн? פאַרוואָס ניט молитовні убори, ווי אינעם אוקראַיִנישן טעקסט פון „מענאכעם־מענדל“?

און פאַרוואָס האָט דער איבערזעצער פון „מענאכעם־מענדל“ ניט געקענט באגיין זיך אָן דעם העברעיִזם „מיניען“ און אָן דעם העברעיִשן ווערטל „אָני כאָשעוו קעמעס“ (עני חשוב כמת)? און דער איבערזעצער פון דער דערציילונג „דער לײַדיקגייער“ אָן דעם וואָרט „בארמיצווע“?

דער העלד פון דער דערציילונג „דער ניסרעף“ ווערט באשולדיקט אין דעם, אז ער האָט אליין אונטערגעצונדן זײַן פארמעגן, קעדיי צו באקומען סטראכאָווקע. ניצט ער אין דער איבערזעצונג צוערשט די פאָרמולע: „(מאכן) — бойрей мейгойрей гоэйш“ אין העברעיִש, און אין צוויי זײַטן ארום דעם אוקראַיִנישן אויסדרוק пустив червоного півня. בא פינוסן ווערט דער אנאלאָגישער רוסישער אויסדרוק געניצט ברייט און אייגנארטיק, און ער באגייט זיך אָן דעם העברעיִשן אויסדרוק (כאָטש דאָס ווערטל „אָני כאָשעוו קעמעס“ ברענגט ער אויך אין העברעיִש מיט לאטײַנישע אויסיִעס. קעגן דעם איז שאָלעם־אליינעם שארף ארויסגעטראָטן).

אין אייניקע פאלן דערלאָזן די איבערזעצער לעקסישע פעלערן פון אן אנדער כאראקטער. אין דער איבערזעצונג פון „מענאכעם־מענדל“ קומט דאָס וואָרט невіста אינעם באַטײַט „קאלע“. ניטאָ דערוף קיין סמאָך. דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס פארעכנט דעם כאזן, בא וועלכן ער האָט געדינט, צו דער קאטעגאָריע церквники. דאָס איז לעכערלעך. אין «Менахем-Мендл» לייענען מיר: «ми не забов'язані». פאַרוואָס ניט «ми не мусимо»? דאָס איז נאטירלעכער און פאסט זיך בעסער אײַן אינעם ריטם פון דער פראזע. אין דער איבערזעצונג פון „בלאָנדזנדע שטערן“ ווערט דער אנגליציזם „טאָסטן־מײַסטער“ איבערגעגעבן דורכן וואָרט тамада, וואָס קומט פון גרוזיניש און איז אין שאָלעם־אליינעמס צײַטן געוויס אין אוקראַיִניש ניט געניצט געוואָרן. פארשטענדלעכער וואָלט געווען розпорядник вечора.

אנאליזירנדיק אין זײַנעם אן ארטיקל די רוסישע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אליינעמס פראזעאָלאָגיזמען, שרײַבט מ. דובינסקי, אז דאָ געפינט מען אפילע בא איינעם און דעם זעלבן איבערזעצער א געמיש פון גוטע האמצאָעס מיט עלעמענטארסטע דורכפאלן[1]. אין די אוקראַיִנישע איבערזעצונגען זײַנען די פראזעאָלאָגישע אויצרעס פון שאָלעם־אליינעמס ווערק אין גרונט פארקערפערט קינסטלעריש פולווערטיק. ערגער אָבער האלט עס, ווי מיר האָבן געזען, מיט די לעקסישע קאטעגאָריעס. דאָ פעלט אן אויסגעהאלטענע, דורכגעטראכטע ליניע.

אין די איבערזעצונגען ווארפן זיך דורך גראמאטישע טאָעסן. צומאָל ווערן פאלש באנוצט בייגפאָרמעס פון סובסטאנטיוון און אדיעקטיוון, אספעקט־אויסבילדונגען פון ווערבן — ס'הייסט, די גראמאטיק הינקט אונטער סאמע דאָרט, ווו די ייִדישע גראמאטישע סיסטעם גייט זיך פאנאנדער מיט דער אוקראַיִנישער. דאָס איז אָבער ניט מער ווי איינצלפאלן.

ריידנדיק וועגן איניען פון שפראך־קולטור אין די אוקראַיִנישע איבערזעצונגען, טאָר מען ניט פארבײַגיין פאקטן, וואָס זײַנען שײַעך ניט צו די איבערזעצונגען גופע, נאָר צו די קאָמענטארן, וואָס באגלייטן די איבערזעצונגען (אווטאָר — כ. לויצקער). דאָ טרעפן זיך, צום באדויערן, אלערליי שפראכלעכע מיספארשטייעניש, אפילע קוריאָזן אין גײַסט פון שאָלעם־אליינעמס הומאָריסטישע מאָטיוון. עמעס, פון א קאטשקע קיין אינדיק איז דאָ ניט געוואָרן, ווי אין שאָלעם־אליינעמס ווערטל, נאָר פון א זשורנאל גאָר עפעס אנדערש — דאָס בעפּייִרעש יאָ. אין די קאָמענטארן ווערט אכט מאָל געמאָלדן וועגן שאָלעם־אליינעמס ווערק, וועלכע זײַנען געדרוקט געוואָרן אין אזא און אזא недільник. געמיינט איז געווען צו זאָגן, אין וואָס פאר א וואָכנשריפט (פרג. — אין רוסיש еженедельник, אין אוקראַיִניש אָבער тижневик, פונעם וואָרט тиждень — א וואָך). דער אווטאָר האָט פארגעסן, אז דאָס וואָרט недільник איז לויטן באַטײַט ווײַט אָפּגעשיידט פון „וואָכנשריפט“ און еженедельник (פרג. — זונטיקניק, недільник, воскресник). האָט זיך באקומען אן אבסורד. צוליב פולער אָביעקטיווקײַט דאַרף מען צוגעבן, אז דאָרט, וו דער אווטאָר האָט צום ערשטן מאָל געהאט צו טאָן מיטן באגריף „וואָכנשריפט“, האָט עמעצער זיך ארומגעקוקט אפן טאָעס און פאריכט אף тижневик. נאָר דורכמאכן די אויסבעסערונג אין אלע פאלן — דערויף האָט שוין קיין פלײַס ניט געקלעקט. און דער קוריאָז כאזערט זיך איבער, ווי געזאָגט, אכט מאָל! ענלעכע געשיכטעס קומען פאָר מיט אנדערע ווערטער אויך. און נאָך רופן ארויס פארדראָס גראמאטישע און ניט ווייניק גראמאטיש־סטיליסטישע פעלערן.

מיר האלטן פאר נייטיק זיך אָפּשטעלן אויך אפן אינהאלט פון די קאָמענטארן. אין אלגעמיין אנטשפרעכט ער די אופגאבן, וועלכע שטייען פארן דאָזיקן זשאנער. נאָר אין א ריי פאלן זײַנען די דערקלערונגען ניט גענוג דײַטלעך און רופן ארויס דערווידערונגען. מיר וועלן אינעם דאָזיקן אספעקט באטראכטן די סעריע אָנמערקונגען, וועלכע איז געווידמעט טעוויע דעם מילכיקנס בארימטע פסוקים און זײַנע טײַטשן.

דער אווטאָר הייבט אָן זײַנע קאָמענטארן אזוי: „דאָס ווערק „טעוויע דער מילכיקער“ אנטהאלט זייער א סאך ציטאטן פון דער „הייליקער שריפט“, פון טאלמוד אדג., נאָר די דאָזיקע ציטאטן, צומאָל פארקריפלטע, דארפן באווײַזן טעוויעס שטרעבונג צו „לאמדאָנעס“ (זע ב. 1, ז. 495). דעם לייענער פארכידעשט דאָ דאָס בינד־

[1] זע „סאָוועטיש היימלאנד“, 1968, נומ. 1, ז. 143.

וואָרט „נאַר“. וואָס מיינט דערמיט דער אווטאָר? ניט אנדערש, ער וויל זאָגן: „ציטאטן פון דער „הייליקער שריפט“ זײַנען ניט קיין גרויסע מײַלע, נאָר דער שרײַבער האָט זיך אָן זיי ניט געקאָנט באַגיין“. דער דאָזיקער מיין און דערהויפּט די אויבנגעבראַכטע פאָרמולירונג זײַנען איינזײַטיקע און כאַראַקטעריזירן בלויז אויסערלעך דעם שרײַבערס צוועק און טעוויעס שטרעבונג.

טעוויעס טײַטשן — זײַנע „איבערזעצונגען“ פון העברעיִש אין יידיש — ווערן אין די קאָמענטאַרן אײַנגעטיילט אין צוויי לאָגיש ניט אינגאַנצן קאָנסעקווענט באַצייכנטע גרופּעס. דער אווטאָר שרײַבט: „טעוויעס איבערזעצונג פון די ציטאַטן... איז ניט זעלטן א פּאַראָדישע, צומאָל ניט קיין ריכטיקע“. איינס פון די ביידע, אויב צוגיין פאָרמעל, זײַנען די פּאַראָדישע איבערזעצונגען אויך ניט קיין בוכשטעבלעך פּינקטלעכע. און אויב נעמען אין אכט דעם טאָך, זײַנען די אַזויגערופענע ניט ריכטיקע איבערזעצונגען ווײַט ניט קיין זינלאָז פאַלשע, ווי ס'וויל האָבן דער אווטאָר פון די קאָמענטאַרן.

לאָמיר זיך באַקענען מיטן אווטאָרס אלגעמיינער באַגרינדונג פון טעוויעס טײַטשן. איצט רעדט ער שוין וועגן זיי אומדיפערענצירט און שרײַבט אַזוי: „דאָס (געמיינט טעוויעס ארט טײַטשן. — מ. מ.) דינט דעם שרײַבער אלס מיטל צו באַווײַזן די אומצוטריטלעכקײַט פון דעם ווירקלעכן זין פון די העברעיִשע, אין גרונט רעליגיִעזע, סענטענצן פאַר מענטשן פונעם פאָלק (און דאָס הייסט: פאַר טעוויען אויך. — מ. מ.); איינזײַטיק (אלס מיטל) ארײַנצולייגן אין דעם מויל פון זײַן העלד קריטיק פון דער יענזײַטיקער ווירקלעכקײַט און ביטערע איראָניע איבערן שווערן גורל פונעם אָרעמאַן“.

ס'רופט ארויס ספּייקעס דעם אווטאָרס ערשטע האַנאָכע, און די צווייטע ווידערשפּרעכט צו דער ערשטער. אויב טעוויע פאַרשטייט ניט די העברעיִשע אויסדרוקן, איז ווי קאָן ער אַזוי טרעפלעך זיי קריטיקירן? אין די קאָמענטאַרן צו די רוסישע איבערזעצונגען ווערט געזאָגט פּונקט דער הייפּעך (זע ב. 1, ז. 632). דאָ ווערט אונטערגעשטראָכן, אז טעוויע זעצט איבער די פּסוקים אייגנאַרטיק, אָפּטרעטנדיק פונעם בוכשטעבלעכן אינהאַלט ניט דערפאַר, וואָס ער פאַרשטייט אים ניט...

ווי באַוווּסט, האָבן טעוויעס טײַטשן געהאַט טיפע וואָרצלען אין פאָלקלאָר, אין דער אָפּאָזיציאָנעלער באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פאָלקסמאַסן קעגן די קאָהאַלשע רעדלפירער. באַטראַכטן די דאָזיקע מערקווירדיקע דערשײַנונג אלס רעזולטאַט פון ניט פאַרשטיין דעם העברעיִשן אויסדרוק הייסט צוגיין צו איר אויבערפלעכלעך.

דער אווטאָר פון די אוקראַיִנישע קאָמענטאַרן שרײַבט: „צווישן די העברעיִשע אויסדרוקן, וועלכע טעוויע ווענדט אָן, און זייער „איבערזעצונג“ אף יידיש איז מערסטנטייל פאַראַן זייער ווייניק געמיינזאַמס, דעריבער האָט קיין זינען ניט דערקלערן זיי אין די דאָזיקע אָנמערקונגען“. אין די רוסישע קאָמענטאַרן ווערן טעוויעס טײַטשן אויך ניט דעשיפרירט. וויאַזוי איז דאָס אָבער דאָ באַגרינדעט? גאָר אנדערש. דער אווטאָר רעכנט, אז דער גרונט פון טעוויעס טײַטשן ווערט פאַרן לייענער קלאָר פונעם קאָנטעקסט. לויט די אוקראַיִנישע קאָמענטאַרן קומט אויס, אז דאָ איז אפילו ניטאָ קיין סמאַך צו זוכן עפּעס א זין.

די דאָזיקע שטעלונג איז נאָך שאַרפער אויסגעדריקט אין א צווייטער אָנמערקונג, וועלכע באַציט זיך צו א העברעיִשן אַפאָריזם, וואָס טעוויע האָט אָנגעווענדט. דאָ טיילט מיט דער אווטאָר: „כוץ דעם, וואָס דער דאָזיקער אַפאָריזם, ווי א סאַך אנדערע, האָט ניט קיין שום שײַכעס צום אינהאַלט פון טעוויעס רייד, געהערט ער ביכלאַל ניט צו אווראָהאָם אָווינו (אין דער איבערזעצונג патріархові Аврааму), נאָר איז גענומען פון טילים“ (1, 496).

אַזויאַרום איז טעוויע שולדיק אין צוויי „כאַטאָיִם“: ערשטנס, ניצט ער, קלוימערשט, די העברעיִשע אַפאָריזמען אָן שום פאַרבינדונג מיט זײַנע אייגענע ארויסזאָגונגען, און, צווייטנס, ווײַזט ער ניט אָן ריכטיק דעם קוואַל, פונוואַנען ס'איז גענומען די ציטאַט. מיט דער ערשטער באַשולדיקונג קאָן מען בעשום־אויפן ניט מאַסקים זײַן. טעוויעס טײַטשן, זײַנע רייד־פאַרבינדונגען ביכלאַל שפּאַרן זיך שטענדיק אָן אף קאָנקרעטע אינהאַלטלעכע באַרירפּונקטן, ניט מער זיי טראָגן אָפט א ספּעציפישן כאַראַקטער, ווי דאָס איז אייגנטימלעך דעם הומאָריסטישן סטיל. ליידער, ווערט דער דאָזיקער באַשטימענדיקער קריטערי אין די קאָמענטאַרן ניט גענומען אין אכט. און ס'קומט אויף די קאָנצעפּציע וועגן סטאַם ניט־ריכטיקע איבערזעצונגען אאוו. דאָס טעוויע־געשטאַלט ווערט אַזויאַרום פאַראָרעמט. דער לייענער קאָן דאָ קומען צו גאָר א פאַלשן אויספיר.

די צווייטע באַשולדיקונג — בענעגייע פלאָנטערן די אווטאָרס פון די ציטירטע טעקסטן — אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקײַט. נאָר דעם לייענער איז ניט נייטיק אלעמאָל באַקומען דעם קאָנקרעטן טיקן־טאָעס. אָנשטאָט דעם וואָלט בעסער געווען צו דערקלערן די סיבעס פונעם דאָזיקן פלאָנטער, וועלכע באַרעכטיקן אים קינסטלעריש.

אלזאָ, אין די אַנאַליזירטע אָנמערקונגען און אין א ריי אנדערע דאַרף ארײַנגעטראָגן ווערן דײַטלעכקײַט. דערבײַ דאַרף מען ניט אַזוי נאָכגיין נאָך די שאַבלאָנען פון אַקאַדעמישע קאָמענטאַרן, ווי האָבן אין זינען די דערציִערישע צילן פון די שאָלעם־אלייכעם־איבערזעצונגען. פון דעם שטאַנדפּונקט וואָלט נייטיק געווען אויך ברייטער דעשיפרירן טעוויעס טײַטשן.

דער ציל פון די דאָזיקע נאָטיצן איז — מאַכן אויפמערקזאַם אף דער נויטווענדיקײַט צו פאַרפולקומען די שאָלעם־אלייכעם־אויסגאַבעס. דערמיט ווילן מיר, נאַטירלעך, ניט פאַרמינערן די באַדײַטונג פון דעם, וואָס איז שוין אָפּגעטאָן. די פּאָזיטיווע אויפטוען אין די שוין פאַרעפנטלעכטע איבערזעצונגען גיבן רעכט צו באַהויפּטן, אז זיי זײַנען א וויכטיקער בײַטראָג אין דער קולטור־פאַרברידערונג פון די סאָוועטישע פעלקער.

בלעטערנדיק זשורנאלן און צייטונגען

דער ייִדישער טעאטער אין ראטנפארבאנד

(רײַזע־אײַנדרוקן און באגעגענישן)

אין ראטנפארבאנד עקזיסטירט ניט קיין סטאבילער ייִדישער טעאטער. אָבער נאָכן באזוכן מאָסקווע, קיִעוו און ווילניוס וואָלט ניט געווען קיין גוזמע צו באהויפּטן, אז אינעם ראטנפארבאנד איז דאָ מער ייִדיש טעאטער און מע טוט מער פארן ייִדישן טעאטער, ווי אין די לענדער, וווּ מע פארגיסט קראָקאָדילן־טרערן איבערן שיקזאַל פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור.

אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע האָב איך געזען די אופירונג פון „קאָלדוניע" („די קישעפמאכערן") אין דעם באוועגלעכן ייִדישן דראמאטישן טעאטער פון מאָסקווע, מיט וועלכן עס פירט אָן דער בינע־מײַסטער בינ־יאָמין שווארצער. שווארצער האָט פּרעכטיק געשפּילט די ראָל פון דער קישעפמאכערן. דער אנסאמבל, וועלכער באשטייט פון צוואנציק פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער, האָט זיך אין קיִעוו געפונען אף גאסטראָלן. שוין 15 טעג, ווי ער האָט געשפּילט בא איבערפולטע זאלן. ער האָט געדארפט פאָרזעצן די גאסטראָלן אמווייניקסטנס נאָך צען טעג לויט דער באקאָשע פון „גאָסקאָנצערט", דער מעלוכע־קערפּערשאפט, וואָס אָרגאניזירט די ארויסטרעטונגען פון פּראָפעסיאָנעלע ניט סטאבילע אנסאמבלען און סאָליסטן.

דער רעפּערטואר פון דעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן טעאטער באשטייט, כוץ דער שוין דערמאָנטער גאָלדפאדען־פּיעסע, וואָס איז זײַן סאמע לעצטע אופירונג (רעזשי — שווארצער, מוזיק פון דעם פאָלקס־ארטיסט ל. פּולווער), פון שאָלעם־אליישכעמס „טעוויע דער מילכיקער" און „צוויי הונדערט טויזנט" און פון לערמאָנטאָווס „די שפּאניער" (טעקסט אין פערזן איבערגעזעצט פון ארן קושניראָוו). די נעסיִעס פון דעם אנסאמבל נעמען ארום א סאך שטעט פון ראטנפארבאנד, און ווי מע גיט איבער, איז דער דערפאָלג אן ענלעכער צו דעם, וואָס איך האָב געקענט זען אין קיִעוו.

אין ווילניוס, הויפּטשטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע, בין איך בײַגעווען אף אן אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענק פון דעם דיכטער יויסעף קאָטליאר. נאָכן רעדנער־טייל, אין וועלכן עס האָבן וועגן קאָטליארס פּערזענלעכקײַט און וועגן זײַנע ווערק גערעדט די ייִדישע שרײַבער הירש אָשעראָוויטש, אווראָם גאָנטאר און מייער יעלין, דער ליטווישער דיכטער, לענין־לאורעאט און פאָרזיצער פון דעם פארבאנד פון סאָוועטישע ליטווישע שרײַבער עדוארדאס מעזשעליײַטיס און דער שעף־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" ארן ווערגעליס, איז אופגעפירט געוואָרן א קינסטלערישע פּראָגראם. איך וועל דאָ ניט ריידן וועגן דעם טיפן באדײַט פון דעם, וואָס כוץ מעזשעליײַטיסן האָבן אינעם אָוונט אָנטיילגענומען ניט־ייִדישע זינגער און אקטיאָרן, וועלכע האָבן אינטערפּרעטירט קאָטליארס לידער און פּאָעמען, איבערגעזעצט אף רוסיש אָדער ליטוויש. וואָס איך וויל איצט דאָ באטאָנען, איז דער אופטריט פון עטלעכע אקטיאָרן פון דעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער. אורטיילנדיק לויט די דאָזיקע מוסטערן פון קליינקונסט, וועלכע האָבן זיך שטענדיק געפונען אף א הויכן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ, קאָן מען זאָגן, אז דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער פארנעמט זיך אָן סאָפעק מיט גרויסקונסט. ניט אומזיסט האָט זײַן אופירונג אין די לעצטע יאָרן פון אזעלכע פּיעסן, ווי „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" און „פרייילעכס", דערוואָרבן פאר אים די פּריווילעגיע פון א פאָלקס־טעאטער, וואָס עס מיינט געניסן פון א רעגירונגס־סובסידיע, טראָץ דעם, וואָס דאָס איז אן אמאטאָרן־אנסאמבל.

אן ענלעכע קאטעגאָריע האָבן דערגרייכט דער ייִדישער טעאטער פון בירא־בידזשאן און די קעשענעווער יוגנט־סטודיע. האָבן מיר שוין אין סאָוועטנפארבאנד דרײַ פאָלקס־טעאטערן. עס זײַנען אָבער דאָ מער. אין קאָוונע (ליטע), לעמאָשל, איז פאראן א ליבהאָבער־טעאטער מיט 100 שוישפּילער. אין טאלין (עסטלאנד) פונקציאָנירט אויך א ייִדישער דראמאטישער קאָלעקטיוו.

עס איז דערבײַ וויכטיק אָנצוווײַזן, אז דער אינטערעס פון דעם יונגן דאָר צום ייִדישן טעאטער — ווי ביכלאל צו אנדערע ייִדישע קולטור־אויסדרוקן — איז א זעלטענע דערשײַנונג בא אונדז, אף מײַרעוו. פון די 120 מיטגלידער פון דעם ווילניוסער ייִדישן פאָלקס־טעאטער מאכן די יוגנטלעכע אויס העכער 60 פּראָצענט. צווישן זיי זײַנען דאָ ניט נאָר סטודענטן, ארבעטער, אָנגעשטעלטע, נאָר אויך טאלאנטירטע מוזיקער און ארטיסטן, וואָס זײַנען דיפּלאָמירט געוואָרן אין די באטרעפנדיקע אינסטיטוציעס.

בינ־יאָמין שווארצער האָט מיר דערציילט, אז אין סווערדלאָווסק, נאָוואָסיבירסק און אנדערע שטעט זײַנען 30—40 פּראָצענט פון דעם פּובליקום אף די ספּעקטאקלען — יונגע מענטשן.

די ווערק. פון דער ייִדישער ליטעראטור פילן אויס א סאך גרויסע ארטיסטן. דינע פּאָטאפּאָווסקאיא, לעמאָשל, א פירנדיקע סאָליסטקע פונעם מאָסקווער אָפּערן־טעאטער אפן נאָמען פון סטאניסלאווסקי און נעמיראָוויטש־דאנטשענקאָ, טרעט אין די לעצטע יאָרן אוף מיט לידער־פּראָגראמען אין ייִדיש. זי פארמאָגט א וווּנדערבארע שטים. זי ווייסט, וויִאזוי צו באצויבערן דאָס פּובליקום. איך וואג פאָרויסצוזאָגן, אז אירער א טור איבער דאָרעם־אמעריקע וואָלט געוואָרן א זעלטענע געשעעניש פאר די ייִדישע ייִשווּוים פון אונדזער קאָנטינענט.

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צום טעאטער. איך האָב געפרעגט, צי עס עקזיסטירן פּראָיעקטן אף צו אָרגאניזירן א סטאבילן ייִדישן טעאטער. דער ענטפער איז געווען א פּאָזיטיווער.

— אָבער אויסבויען א סטאבילן טעאטער איז ניט קיין אופגאבע פון איין טאָג, — האָט געזאָגט בינ־יאָמין שווארצער. אונדזער אנסאמבל האָט זיך אויסגעבילדעט אינעם

יאָר 1962. די רעגירונג האָט אונדז געגעבן אַלע מעג־לעכקייטן אַף צו אָרגאַניזירן א גרויסן יידישן טעאַטער. און פון דעמלט אָן ארבעטן מיר אין דער דאָזיקער ריכ־טונג. די יידישע שרײַבער, קריטיקער און דאָס יידישע פובליקום נעמען אונדזער ארבעט אוף מיט סימפּאַטיע. מיר וואקסן פון איין אופירונג צו דער אנדערער. עט־לעכע באַרימטע רעזשיסערן — יידישע און רוסישע — האָבן זיך אָנגעבאָטן צו שטעלן מיט אונדז ספּעקטאַקלען. מיר ווילן באַווײַזן די יידישע רעאַקציאָנערן, וועלכע טײַנען, אַז בא אונדז איז טויט די יידישע קולטור, ליטע־ראַטור און טעאַטער, אַז דאַפּקע בא אונדז לעבן זיי און האָבן פּערספּעקטיוון צו אַנטוויקלען זיך.

מייער טשיזש „אונדזער פּרײַנט", מאָנטעווידעאָ

דער יידישער טעאַטער אין אַמעריקע

(לויט נאָטיצן אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג „פאָרווערטס")

פאַר די, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, איז זיכער זייער, זייער פּײַנלעך צו לייענען און צו הערן שטענדיק וועגן דעם טרויעריקן מאַצעוו פון יידישן טעאַטער.

וויפל יידישע טעאַטערס עקזיסטירן איצט אין דער גרויסער יידישער שטאָט ניו־יאָרק?

וויפל וואָכן ווערט געשפּילט שטענדיק יידיש טעאַטער אין ניו־יאָרק, ניט בלויז שאבעס און זונטיקס?

וויפל יידישע אַקטיאָרן (ניט אַמאַטאָרן) זײַנען באַ־שעפטיקט איצט אין יידישן טעאַטער?

וויפל יידישע טעאַטערס עקזיסטירן אין די אַנדערע גרויסע יידישע שטעט פון אַמעריקע און קאַנאַדע?

ווען א פּיעסע ברענגט ניט קיין אוילעם, געפינט מען שטענדיק א טערעץ, א טרייסט־וואָרט, פאַרוואָס דאָס שטיק איז דורכגעפאַלן.

איצט קומט איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען: וויאַזוי און מיט וואָס קאָן מען פאַרינטערעסירן אָן אוילעם צו קומען אין טעאַטער, און איבערהויפּט אין יידישן טעאַטער?

אַף דעם איז אין טעאַטער־לאַשן דאָ איין־איינציק וואָרט, און דאָס וואָרט איז: מאַגנעטיזם...

אָבער דער מאַגנעטיזם פעלט איצט ניט בלויז אין יידישן טעאַטער, נאָר אויך אין אַמעריקאַנער טעאַטער. אָט, לעמאָשל, ווען עס איז געווען אין ניו־יאָרק 12 יידישע טעאַטערס, זײַנען דעמלט געווען אַרום 60 אַמע־ריקאַנישע טעאַטערס, 4 איטאַליענישע, 2 פּוילישע, 6 רוסישע און אוקראַיִנישע, 5 דײַטשישע און 3 אונגאַ־רישע. איצט זײַנען אַלע טעאַטערס פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין לאַנד קימאַט ווי פאַרשוווּנדן. פון די 60 אַמעריקאַנער טעאַטערס עקזיסטירן קוים אַרום 20, און אין די אַנדערע גרויסע אַמעריקאַנער שטעט, ווי פילאַדעלפיא, באָסטאָן, טשיקאַגאָ, וווּ עס זײַנען געווען צו 10 — 12 טעאַטערס, זײַנען איצט דאָ קוים 3 אָדער 4 טעאַטערס.

דאָס יידישע טעאַטער באַקלאָגט זיך, אַז צוליב דער שפּראַך יידיש קומט ניט דער אוילעם. דאָס איז בלויז א שטיקל עמעס. די, וואָס גלייבן אין א פאַרזעצונג פון יידישן טעאַטער, האָפן אויך, אַז מיט דער צײַט וועלן זיך ווידער באַווײַזן פּראָפעסאָרס, שוישפּילערס, וואָס וועלן נאָך אָנהאַלטן דעם העמשעך פון יידישן טעאַטער...

מאָלי פּיקאָן, יאַנקעוו קאַליק

די נאָטיצן ווערן געגעבן געקירצט

*

וויאַזוי קאָן מען זאָגן, אַז עס איז דאָ יידיש טעאַטער אין אַמעריקע, ווען איין יידיש טעאַטער האָט געשפּילט נאָר א גאָר קורצן סעזאָן, און די „פּאַלקסבינע", וואָס איז ניט מער ווי א גוט, אַפילע זייער גוט, אַמאַטאָריש טעאַטער, שפּילט דאָ נאָר שאבעס און זונטיק, א פּאָר כאַדאָשים יעדן ווינטער. איז מיט דעם וויל מען קאָר־מענען יידישן טעאַטער־געהער?.. און דאָס מוז הייסן „עס לעבט"?.. אָ ניין, ברידערלעך, איר נאַרט זיך, ניט אַנדערע. ניט אין קאַנאַדע, ניט אין מעקסיקע, ניט אין אַרגענטינע, ניט אין ענגלאַנד, ניט אין בעלגיע, און ניט דאָ, אין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, אין פילאַדעלפיע, אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין קליוולענד און אין מײַאַמי, איז ניטאָ קיין איין יידישער, לײַטישער אָדער ניט לײַטישער, שטענדיקער טעאַטער, און קיינער זאָרגט ניט בעעמעס און ערלעך, אַז כאָטש איין יידישער טעאַטער פאַר פינף מיליאָן יידן אין אַמעריקע זאָל שטענדיק עקזיסטירן, לעבן, שפּילן א גאַנץ קײַלעכדיק יאָר...

איז וואָס דאַרף מען טאָן?

יאָ, וואָס דאַרף מען טאָן און וואָס קאָן מען טאָן?

הערט א געשיכטע: דאָ, ווו איך וווין, נאָר איין גאַס פון מיר, זײַנען די נײַע הײַזער, וואָס מע רופט „ליג־קאָלן טאַוערס". צוריק מיט דרײַ יאָר איז אין די הײַזער אַראָפּגעקומען א ראַבײַ, א פּײַן יונגערמאַנטשיקל מיט א געשליפן פּיסקעלע, מיט א גוט און קלוג קעפּל (אײַנגאַנצן 28 יאָר איז ער אַלט), האָט ער אין די הײַזער געגרינדעט א סינאַגאָגעלע, וואָס קוים 200 מענטשן גייען אין דעם אַרײַן. אָבער פאַר די דרײַ יאָר זײַנען צוגעקומען נאָך 200 מענטשן. איז שוין פאַר 400 מעמ־בערס דאָס סינאַגאָגעלע צו קליין. גייט מען איצט בויען א נײַע, א גרעסערע סינאַגאָגע (כאָטש עס פעלן ניט אין מײַן געגנט קיין סינאַגאָגעס), וואָס וועט קאָסטן אָנדערהאַלבן מיליאָן דאָלאַר.

נו, פרעגט זיך: פאַרוואָס קענען קיין פינף מיליאָן יידן ניט שאַפן כאָטש איין מיליאָן דאָלאַר, אַז אין ניו־יאָרק זאָל געשאַפן ווערן א שטענדיקער יידישער רע־פּערטואַר־טעאַטער פאַר גאַנץ אַמעריקע?

לאָמיר אָננעמען, אַז פיר מיליאָן יידן זײַנען ניט פאַ־רינטערעסירט אין יידיש טעאַטער. איז כאָטש איין מיליאָן אָדער אַפילע א האַלבער מיליאָן יידן מוזן דאָך זײַן פאַרינטערעסירט צו שאַפן איין מיליאָן דאָלאַר פאַר א שטענדיקן יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק. איך וויל ניט גלייבן, אַז אַפילע א האַלבער מיליאָן יידן זײַנען ניט פאַראַן אין גאַנץ אַמעריקע, וואָס זאָלן וועלן געבן 5 דאָלאַר, 3 דאָלאַר אָדער כאָטש 1 דאָלאַר פאַרן יידישן טעאַטער. (און אויב עס איז אין אַמעריקע ניט פאַראַן קיין האַלבער מיליאָן יידן, וואָס וועלן געבן עטלעכע געציילטע דאָלאַר פאַר אַזא הייליקן צוועק, ווי דאָס אופהאַלטן יידיש טעאַטער, דאַן דאַרף מען טאַקע אַף דער עמעס זיך געזעגענען מיט דער „איליוזיע" יידיש לאַשן, יידישע ליטעראַטור און יידישער טעאַטער).

איז דאַרף מען טאָן אָט וואָס: מע דאַרף ניט וואַרטן, אַז די פילאַנטראָפּישע יידישע אַנשטאַלטן זאָלן עפּעס טאָן פאַר דער עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע (זיי קענען ניט, אָדער זיי ווילן ניט). מע דאַרף נעמען דעם ביק פאַר די הערנער. מע דאַרף אַליין אָר־גאַניזירן א „טעאַטער פאָנד קאַמפּעין".

ה. ווײַנרײַך

נאָטיצן
פון אַ יידישן בוקיניסט

„אגרת בעלי חיים“

מיט צוויי הונדערט פופציק יאָר צוריק איז אין פראנקפורט דערשינען אין א ייִדישער איבערזעצונג די סאטירע „אבן בוחן“ און דער עפּאָס „אגרת בעלי חיים“ פון קלוינימוס בען קלוינימוס, וואָס האָט געלעבט און געשאפן אין סאָף XIII — אָנהייב XIV יה.

דעם „אבן בוחן“ (פּרוּווּשטיין), וועלכער איז שוין „זייט פיל הונדערט יאָרן גימאכט און זײַן אויצר החכמה, וואָס דרינגען צו פינדן, איז אין טײַטשן נאָך ניט אויף דער וועלט גיוועזן“, האָט איבערזעצט מוישע אײַזענשטאט. זײַן איבערזעצונג האָט מ. אײַזענשטאט אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען „דרך הישר — דאז איז טײַטש דעם רעכט פערטיקן וועג פירן טוט... דען די שיינע משלים די דרינגען בחכמה גישטעלט זײַן, דעם מענטשן זײַן הארץ צום גוטן עפענען טוען“.

דעם „אגרת בעלי חיים“, — „וועלכיש אין זיך באגרײַפּט איינע פארנינפטיגע אונטער ריידונג צווישן די בהמות, חיות, עופות מיט דעם מענטשן“, — האָט איבערזעצט כאנויך האלייווי סעגאל. פאר יעדן קאפּיטל האָט כ. סעגאל אָנגעוויזן דעם אינהאלט: „הירין ווירט ערציילט די מורמולונג פון אלע בהמות, ווי איטליכע איר צרה באקלאָגט האָט“...

וויִאזוי די לייענער האָבן דעם „אבן בוחן“ אופגענומען, זײַנען צו אונדז קיין ידיִעס ניט דערגאנגען. מיר ווייסן אָבער, אז דער „אגרת בעלי חיים“ איז געווען זייער באליבט און פארשפּרייט, אז ער איז אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט געוואָרן א פאָלקסבוך. די ביבליִאָגראפן האָבן פארצייכנט אכט פארשיידענע איבערזעצונגען. אויך אין דער צווייטער העלפט פונעם XIX יה., ווען עס זײַנען שוין דערשינען די ערשטע קלאסישע ווערק פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראטור, איז דער „אגרת בעלי חיים“ נאָך געווען זייער פּאָפּולער. אין א פארהעלטניסמעסיק קורצער צײַט זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן דרײַ נײַע איבערזעצונגען: אין 1865 אין לוואָוו; אין 1877 אין ווארשע; אין דער זעלבער צײַט איז דער „אגרת בעלי חיים“ ארויס אויך אין ווילנע.

אפן שארבלאט פון דער ווילנער אויסגאבע איז קיין דאטע ניט פאראן. עס איז נאָר אָנגעוויזן, אז די איבערזעצונג האָט געמאכט אמ״ד — דאָס זײַנען די איניציִאלן פון אײַזיק־מייער דיק — און אז ער האָט זי פארקויפט אף אייביק (נמכרה לצמיתות) דעם פארלעגער ל. מאץ.

ביידע ווערק זײַנען וויכטיקע קינסטלערישע דענקמעלער וועגן דעם אָנהייב פון דער רענעסאנס־עפּאָכע. אין דעם „אבן בוחן“ פירט אונדז קלוינימוס ארײַן אין דעם, אזוי צו זאָגן, אינטעריער פונעם ייִדישן לעבן אין יענער צײַט. דער סוזשעט און די טעמע פון „אגרת בעלי חיים“ זײַנען אוניווערסאלע און אלמענטשלעכע. די כײַעס האָבן באקלאָגט זיך פאר דעם מיילעך פון די גײַסטער — בוראסאף, — אז דער מענטש האָט זיי מיט גוואלד פארשקלאפט און באגייט זיך מיט זיי ניט מענטשלעך. בוראסאף באשטימט א מישפּעט, אף וועלכן עס באדארפן זײַן פאָרשטייער פון אלע פעלקער און פון אלע באשעפענישן אין דער וועלט. מיט אן אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקײַט און הומאָר ווערט באשריבן דאָס לעבן פון אלערליי באשעפענישן, די „ארטן און זיטן פון די מענטשן“. פון דעם אליין שוין איז צו זען דער ברייטער דיִאפּאזאָן פון דעם ווערק, די שטארקע באאָבאכטונגס־פייִקײַטן פונעם אווטאָר.

דער דיִאלאָג צווישן דעם מענטשן און די קאָלערליי באשעפענישן קומט פאָר זייער דינאמיש און דראמאטיש. אף דער באשולדיקונגס־באנק געפינט זיך דער מענטש מיט זײַן קולטור און ציוויליזאציע, עטיק און פילאָסאָפיע. שארפזיניק און קלוג לייגן די כײַעס אויס זייערע טײַנעס. אין בײַסיקע סאטירישע מײַסעלעך און מעשאָלים שפּעטן זיי אָפּ דעם מענטשנס גענג און אופירונג. און ניט שטענדיק איז דער מענטש אימשטאנד גרינטלעך צו באגרינדן און בארעכטיקן זײַנע אידייען און האנדלונגען.

דער גרויסער היסטאָרישער באטײַט פון דעם עפּאָס „אגרת בעלי חיים“ באשטייט אין דעם, וואָס שוין אין יענער ווײַטער צײַט האָט דער אווטאָר געהאט מוט צו שטעלן און באהאנדלען די פּראָבלעם וועגן דער זינלאָזיקײַט פון דעם אנטאגאָניזם בא די מענטשן, פון דעם האס צווישן פעלקער.

„...גרויס און אומענדלעך איז די צאָל פון די באשעפענישן, וואָס ווידמען זיך אף דער יאבאָשע און אין די געוויסער, ניט פארגלײַכן קאָן זיך מיט זיי דאָס מענטשן־געשלעכט. עמעס, די מענטשן זײַנען פון איין מין, די פאָרם פון זייערע קערפּערס איז איינע און די זעלבע; ווי פארשיידן זײַנען אָבער זייערע נעשאָמעס, זייערע געדאנקען. זיי זײַנען צעטיילט אין א סאך רעליגיעס, סעקטעס, גרופּן; און יעדע האָט פײַנט די אנדערע, איינער רוידעפט דעם צווייטן“...

זײַן „אגרת בעלי חיים“ האָט קלוינימוס געשאפן אונטער דעם אײַנפלוס פון דער אראבישער פילאָסאָפישער גרופּע „אכואן אלצאפא“ (די ריינע ברידער). אלס ליטערארישער מוסטער האָט אים געדינט דער בארימטער אינדישער עפּאָס „פּאנטשאטאנטרא“, וואָס איז דורך יאָהאן קאפּואס לאטײַנישער איבערזעצונג פון העברעיִש ארײַן אין דעם פאָלקלאָר און אין דער ליטעראטור פון אלע אייראָפּעיִשע פעלקער (פאראן אויך אן אלטסלאווישע איבערזעצונג).

אין דעם מויל פון דעם שאקאל קאלילא, וואָס קלוינימוס האָט פון דעם אינדישן עפּאָס אנטליִען, האָט ער ארײַנגעלייגט די שארפסטע שטראָף־רייד קעגן דעם מענטשן: „איר, מענטשן, רעדט וועגן ראכמאָנעס? איר וואגט עס אונדז פאָרצווארפן אכזאָריִעסקײַט און בלוטפארגיסונג? איר, וואָס ניט נאָר כײַעס, אפילע אייגענע ברידער טוט איר שעכטן, האקט זיי אָפּ הענט און פיס, טוט זיי אָן די גרעסטע ליידן, פּײַניקט, ראבעוועט, הארגעט אָן ראכמאָנעס... די לײַטישסטע פון אײַך, די עמעסע לײַטזעליקע און וויכהארציקע, אז זיי קאָנען שוין ניט צוזען אײַערע רעציכעס, אנטלויפן זיי אין די מידבאָריעס צו די ווילדע כײַעס און לעבן מיט זיי,

ווי מיט ברידער, וואָרעם די ווילדסטע כייעס זײַנען בעסער פון איך"...

דאָס שאפן פון קלונימוס בען קלונימוס איז א כאראקטעריסטישע דערשײַנונג פון דער יידישער קולטור, וואָס איז אין XIII יה. אופגעקומען צווישן די אלפן און פירענייען. אין די יידישע אקאדעמיעס פון מאָנפעליע, לונעל, מארסעל אא. האָט זיך דערצויגן א שעפערישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אויך ניט ווייניק בײַגעשטײַערט צו דעם אופקום און אנטוויקלונג פון דער פראָוואנסאלער ליטעראטור, וועלכע איז דערנאָך געוואָרן דאָס וויגעלע פון דער גאנצער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער קולטור. איינער פון אירע באַדײַטנדיקע פאָרשטייער איז קלונימוס, וועלכער איז אויך באקאנט אין דער וועלט־ליטעראטור מיטן נאָמען מאעסטראָ קאלאָ. זײַן פרײַנט און מיטצײַטלער אימאָנועל הארומי האָט אים געהאלטן פארן גרעסטן סטיליסט פון זײַן צײַט און אים געקרוינט אלס „קיניג פון די איבערזעצער". זײַנע פילאָזאָפיקע לאטײַנישע איבערזעצונגען (דער פאָרשער אדאָלף נייבויער ווײַזט אָן דרײַסיק פילאָסאָפישע ווערק) האָבן א סאך געווירקט אף דער אויסברייטערונג און אידיייִשער פארטיפונג פון דער נײַ־אופקומענדיקער אייראָפּעיִשער קולטור. און עס איז זייער כאראקטעריסטיש, וואָס דער ערנסטער און טיפער מאעסטראָ קאלאָ, וועלכער איז אינגאנצן געווען פארטיפט אין אוועראָעסעס פילאָסאָפיע און מיט די איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק האָט ער, לויט ערנסט רענאן, געהאָלפן שאפן דעם ראציאָנאליסטישן סטיל אין דער אייראָפּעיִשער פילאָסאָפיע פונעם מיטלאלטער, — איז איינער פון די גרעסטע סאטיריקער אין דער העברעיִשער ליטעראטור.

כוץ דעם „אבן בוחן" און „אגרת בעלי חיים" איז צו אונדז דערגאנגען זײַן שארפע פאראָדיע „מסכת פורים" (פורים־טראקטאט), וועלכער איז אויך באקאנט אונטערן נאָמען „הגדה לליל שכורים" (אגאָדע פאר שיקורים). אויך די פאראָדיע איז מאמעש אָנגעזאפט מיט דער פרייד און מיט דעם געלעכטער, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר די פריילעכע פראָוואנסאלער טרובאדורן.

ל. פאָדריאטשיק

כראָניק

ביראָבידזשאן אף דעם בלויען עקראן

די צענטראלע טעלעוויזיע פון לאנד האָט דאָ ניט לאנג טראנסלירט א רײַכע פראָגראם, וואָס עס האָט צוגעגרייט די כאבאראווסקער טעלעסטודיע.

אין דעם פארשיידנארטיקן און אינטערעסאנטן טעלערעפּאָרטאזש וועגן דעם וווּנדערלעכן קאנט אפן ווײַטן מיזרעך האָט פיל פלאץ פארנומען די יידישע אווטאָנאָמע געגנט. אָט באווײַזט זיך אפן בלויען עקראן די שטאָט ביראָבידזשאן. גרויסארטיק און שיין זײַנען אירע גאסן און פלעצער, איבעראשנדיק זײַנען די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען אויסגעוואקסן אף דעם אָרט פון דער אמאָל פארוואָרפענער אײַזנבאן־סטאנציע טיכאָנקאיא. ביראָבידזשאן איז הײַנט א באַדײַטנדיקער אינדוסטריעלער און קולטורעלער צענטער אף אונדזער ווײַטן מיזרעך. די צושויער האָבן געזען די זאוואָדן פון לאנדווירטשאפטלעכער מאשינבויונג, פון קראפט־טראנספאָרמאטארס, וואָס זייער פראָדוקציע האָט א שעם ווײַט אויסער די גרענעצן פון אונדזער לאנד, און די אונטערנעמונגען פון דער לײַכטער אינדוסטריע.

די טעלע־צושויער האָבן זיך אויך באקאנט מיט די מענטשן פון ביראָבידזשאן בא זייער טאָגטעגלעכער מי.

אָוונטן פון פּאָעזיע

אָן אינטערעסאנטער אָוונט פון פּאָעזיע איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן פאר די שילער פון די עלטערע קלאסן פון דער ביראָבידזשאנער שול נומער 8.

וועגן דער טעטיקײַט פון דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאַריייניקונג האָט אפן אָוונט דערצײַלט דער ביוראָ־מיטגליד פון דער פאריייניקונג מיכאל שעוועל.

די דיכטער איציק בראָנפמאן און איגאָר יעריאָמין האָבן געלייענט זייערע לידער. דער שרײַבער וויקטאָר יאָפּיק האָט איבערגעלייענט זײַנע קינדערדערציילונגען און די לידער פון דער ביראָבידזשאנער דיכטערן ליובע וואסערמאן.

דער מוזיק־טוער פון דער ביראָבידזשאנער קינדערשער ספּאָרט־שול מאקס עפשטיין האָט געזונגען לידער וועגן ביראָבידזשאן, וואָס ער אליין האָט פארפאסט.

א ליטעראַרישער אָוונט איז אויך פאָרגעקומען אין ביראָבידזשאנער קלוב פון פּאָעזיע בא דער קאנטישער קולטור־אופקלער־שול. דער פאָרזיצער פון דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאריייניקונג וואלעריע פאָגמאן האָט דערציילט די פארזאמלטע וועגן דער שעפערישער טעטיקײַט פון די ביראָבידזשאנער שרײַבער.

נײַער סעזאָן פון ווילנער פאָלקס־טעאטער

אינעם היגן קלוב פון די פּראָפפאריינען איז ניט לאנג צוריק פאָרגעקומען די פײַערלעכע עפענונג פונעם דריטן סעזאָן פון ווילנער יידישן פאָלקס־טעאטער. אפן אָוונט זײַנען 18 יידישע יוגנטלעכע אָנגענומען געוואָרן אלס נײַע מיטגלידער פונעם קאָלעקטיוו.

אונטער דער אָנפירונג פונעם רעזשיסער ל. לוריע באקאנען זיך איצט די יונגע שוישפילער פונעם פאָלקס־טעאטער מיט די גרונט־יעסוידעס פון דער טעאטער־קונסט, פארפולקומען זייערע קענטענישן אין דער יידישער שפראך, דיקציע אאוו.

פאַשיידנס

פאַלשע גאָרקיס

מאַקסים גאָרקיס פּאָפּולערקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין אָנהייב יאָר־הונדערט האָבן זיך געפונען א סאַך אַפעריסטן, וואָס האָבן זיך ארויסגעגעבן פאַרן בארימטן שרייבער. אין 1913, לעמאָשל, האָט גאָרקי בייסן דורכפאָרן פון נעאַפּאָל קיין צאַפּן־איטאַליע אַליין געזען אן אַפישע: „היינט ווערט גע־שטעלט „אפן דעק" אין דער רעזשי פון־נעם אווטאָר אַליין". גאָרקי איז אוועק אפן ספּעקטאַקל. נאָכן ערשטן אקט האָט, לויט דער פאָדערונג פון פּובליקום, זיך פאָרגעשטעלט פאַרן פאָרהאַנג א מענטש אין א רוסישער בלוזע און געדאַנקט פאַר די אָוואַציעס. גאָרקי איז אוועק הינטער די קוליסן, און יענער האָט זיך מודיע געווען, אַז זיין „ספּעציאַליטעט" איז ארויסגעבן זיך פאַר פאַרשיידענע שרייבער און אופטרעטן אין טעאַטערס.

(„פאָלקס־שטימע", ווארשע)

קוים געפויעלט...

„מיט זיין אומווירדיק לעבן און אמאָראַלישער פּאָעזיע האָט בייראָן אומעטום באַקומען א שעם פון אן אויסגעלאַסענעם מענטשן... ער, וואָס האָט צעטראָטן גאָטס געזעצן, האָט ניט פאַרדינט קיין מעמאָריאַל־טאָוול אינעם וועסטמינסטערישן אבאַטנ־טום".

אזא איז געווען דער ענטפער פונעם עפּיסקאָפּ הערבערט ריילי אפן דריטן פּרווו פון דער ענגלישער „געזעלשאַפט פאַר פּאָעזיע" אויפצושטעלן א באַשיידענעם מעמאָריאַל־טאָוול ביירא־נען אפן וועסטמינסטערישן בעסוילעם אין 1924 יאָר. דעם עפּיס־קאָפּס שאַרפער אָפּזאָג האָט דערצאָרנט די ענגלישע שרייבער. אין דער צייטונג „טיימס" האָט זיך אין יענער צייט באַוויזן א בריוו, אין וועלכן די שרייבער פאַרטיידיקן בייראָנען. די קירך האָט אָבער אָפּגעוואָרפן אָט דעם פּרווו צו רעאַבילירן דעם „אַמאָראַלישן" פּאָעט.

און אָט איצט האָבן די פריינט פון דער ענגלישער פּאָעזיע נאָכאַמאָל זיך געווענדט אין וועסטמינסטערישן אבאַטנטום מיט א ביטע דערלויבן ענדלעך אוועקשטעלן דאָרט א מעמאָריאַל־טאָוול דעם דיכטער. אין דער פּעטיציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן דעם עפּיסקאָפּ, ווערט געזאָגט, אַז בייראָן האָט פאַרדינט אָט דעם קאָוועד „מיט זיין מי און שטענדיקן קאַמף פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט אין ענגלאַנד און אויסער זיינע גרענעצן". ניט לאַנג צוריק האָט די ענגלישע פּרעסע מיטגעטיילט, אַז איצטיקס מאָל האָט די קירך געגעבן איר האַסקאָמע, און אין לאַנד זאַמלט מען מיטלען אף שטעלן א דענקמאָל.

(„מאָסקאָווסקי קאָמסאָמאָליעץ")

פערסישע מאַנוסקריפּטן

די איראַנער זיינען פון שטענדיק אָן ליידנשאַפטלעכע קאָלעקציאָנערן פון אוראַלטע מאַנוסקריפּטן. אינעם בלי־פּעריאָד פון איסלאַם איז אין איראַן פאַר פיר יאָרהונדערטן אָנגעשריבן אָדער איבערגעזעצט געוואָרן העכער צוויי מיליאָן וויסנשאַפטלעכע ארבעטן און קינסטלערישע ווערק.

צו אונדז איז דערגאַנגען בלויז א טייל פון אָט דער קאָלאָסאַלער אשירעס. א סאַך איז פאַרניכטעט געוואָרן בייס די אָנפאַלן פון די וואַנדערער.

היינט־צו־טאָג איז אין דער וועלט פאַראַן בא א מיליאָן אַלטע פערסישע מאַנוסקריפּטן. זייער גרעסטער טייל געפינט זיך אויסער די גרענעצן פון איראַן — אין אינדיע, גרויסבריטאַניע, טערקיי און אין אַנדערע לענדער. אין איראַן גופע איז פאַראַן בא 300 טויזנט אַזעלכע מאַנוסקריפּטן. העכער העלפט פון זיי געהערט צו פּריוואַטע פּערזאָנען. אַזוי, צום ביישפּיל, פאַרמאָגט דער טעגעראַנער איינוווינער כאַסיין מאַלעק אין זיין קאָלעקציע 15 טויזנט מאַנוסקריפּטן. דעם זאָקן איז שוין מער פון 90 יאָר, נאָר ער וואַרפט אקשאָנעסדיק אָפּ אַלע ביטעס וועגן איבערגעבן זיין קאָלעקציע די עפנטלעכע אָדער אוניווערסיטעטישע ביבליאָטעקן.

קעדיי פאַריכטן אָט די ניט נאַרמאַלע לאַגע, האָבן אייניקע ביבליאָטעקן אין דער לעצטער צייט אָנ־געהויבן זאַמלען זייערע אייגענע קאָלעקציעס. די מעדזשליס־ביבליאָטעק האָט פאַר א קורצער צייט זיך איינגעשאַפן בא 5 טויזנט, און די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק — 7 טויזנט מאַנוסקריפּטן.

אַלס סאַמע ווערטפולע דעראַבערונג פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק פונעם טעגעראַנער אוניווערסיטעט קאָן מען האַלטן דעם מאַנוסקריפּט „שאַכנאַמע" פון 900־יאָריקן עלטער. מע האָט אים געקויפט בא א פּריוואַטן קאָלעקציאָנער פאַר 250 טויזנט ריאַלן. אינטערעסאַנט איז די וויסנשאַפטלעכע ארבעט פון אן אראַבישן געאָגראַף וועגן פערסישן איינגוס, וואָס איז אָנגעשריבן העכער 800 יאָר צוריק. צום בוך זיינען ביי־געלייגט עטלעכע מאַפּעס און באַשרייבונגען פון די אינדזלען און האַפנס פונעם איינגוס. דער סאַמע אוראַלטער מאַנוסקריפּט אין דער ביבליאָטעק איז דער פילאָסאָפישער טראַקטאַט פון כאַניין איבן עסכאַק — „נאַוואַדער אל־פאַלאַסעף". דער מאַנוסקריפּט איז אַלט העכער 1300 יאָר. דער סאַמע מיניאַטורער בוך איז דער קאָראַן־טעקסט, וואָס איז אָנגעשריבן מיט קופישן שריפט: 5×6 סאַנטימעטער.

די מאַנוסקריפּטן זיינען געשריבן אף סאַמאַרקאַנדער, כאַטאַנער, אינדישן, איספּאַהאַנער פּאַפּיר, אַזוי אַז די ביבליאָטעק שטעלט מיט זיך איינציייק פאַר א מוזיי פון פאַרשיידענע מינים פּאַפּיר, אף וועלכן מע האָט געשריבן אין משעך פון צוועלף יאָרהונדערטן.

(„קייכאַן אינטערנעשנל", טעגעראַן)

„ארויסגעפּעקלט“ דאנטען

דעם גרויסן דאנטעס בארימטע סטאטוע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין פלאָרענץ אין 1865 יאָר, ווערט איצט „אראָפּגענומען“ פונעם פּלאץ סאנטא קראָטשע און ווערט „איבערגעפּעקלט“ אפן מוניציפּאליטעט־סקלאד. „ווייסנדיק, וואָס פאר א העפקיירעס עס ווערן געטאָן אין אונדזער זאָרגלאָז לאנד, — שרײַבט דער וואָכן־זשורנאל „טעמפּאָ“, — קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אז די סטאטוע וועט זיך אָפּוואלגערן אפן סקלאד ניט איין יאָר“.

די פלאָרענצער אײַנוווינער זײַנען באומרויִקט פון דעם באַשלוס פון די מאכט־אָרגאנען. וואָס איז געשען? — פרעגן זיי. — צוליב וואָס דארף מען אראָפּנעמען די סטאטוע פון דעם גרויסן דאנטע? ווײַזט זיך ארויס, אז אלץ איז זייער פּאָשעט: גראָד אף דעם פּלאץ וועלן פון הײַנטיקס יאָר אָן און ווײַטער דורכגעפירט ווערן די טראדיציִאָנעלע ספּאָרט־שפּילן, וואָס ציִען צו זייער א סאך טוריסטן. דער גרויסארטיקער פּלאץ סאנטא קראָטשע וועט אויך דינען אלס אָפּשטעל־אָרט פאר אווטאָמאשינעס. ווער קאָן שוין איצט טראכטן פון דאנטען!

אפן בילד: די סטאטוע בייסן „ארויספּעקלען“ זי.

(„ליטעראטורנאיא גאזעטא“)

א דענקמאָל אַנע פראנק

צום צוואנציקסטן יאָרטאָג זינט דער פּראָקלאמירונג פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק וועט אין טעסין, לעבן ראָסטאָק, געשטעלט ווערן א דענקמאָל אנע פראנק אין הויף פון דער שול, וואָס טראָגט איר נאָמען. דער דענקמאָל שטעלט מיט זיך פאָר א קאָלאָנע, וואָס איז ארומגערינגלט מיט רעליעפנע פיגורן. דער אווטאָר פונעם דענקמאָל איז דער יונגער בערלינער סקולפּטאָר הערכארד ראָמעל.

אינטערעסאנט אָפּצומערקן, אז די פיגור פון אנען האָט דער סקולפּטאָר געקלעפּט פון א לענינגראדער מיידעלע, דער טאָכטער פונעם סקולפּטאָר באָריס וואָראָביאָוו.

אפן בילד: הערכארד ראָמעל בא דער ארבעט.

(„ליטעראטורנאיא גאזעטא“)



ווו איז געבוירן געוואָרן לאָמאָנאָסאָוו?

אף אָט דער פראגע האָט אף א נײַעם אויפן געענטפערט אן אלטע מאפּע פרנעם ראיאָן ארום דער שטאָט כאָלמאָגאָרי. די מאפּע האָט דאָקומענטאל באַשטעטיקט די האשאָרע פונעם לענינגראדער פּראָפעסאָר מ. אי. בעלאָוו, אז מ. וו. לאָמאָנאָסאָוו איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף מישאנינסקאיא און ניט אין דעניסאָווקע, ווי מע האָט פריִער געהאלטן.

סטעפּאן קאָטשניעוו, דער אווטאָר פון דער מאפּע „פּלאן פון דער שטאָט כאָלמאָגאָרי און פון די בײַליגנדיקע וואָלאָסטן און אינדזלען“, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין 1780, האָט געשטרעבט אײַנהיטן אין זיקאָרן פון די קומענדיקע דורות די געבורט־ערטער פון זײַנע בארימטע לאנדסלײַט — פון מ. וו. לאָמאָנאָסאָוו, פונעם סקולפּטאָר פ. אי. שובין און פון לאָמאָנאָסאָווס שוועסטערקינד — דעם מאטעמאטיקער מ. יע. גאָלאָווין.

די אוניקאלע, געשריבענע פון דער האנט, מאפּע געפינט זיך אין מעלוכישן מוזיי.

(„איזוועסטיא“)

אונדזער
פּאַטאָ-
אינפאָרמאַציע

פון רעכטס אַף לינקס: די דיכטער הירש אָשעראָוויטש, עדואַר־דאַס מעזשעלײַטיס, דער אַמעריקאַנער ייִדישער קולטור־טוער אַווראָם לעבאָוויצקי און דער זשורנאַליסט שלומע ראַבינאָוויטש (זע ש. ראַבינאָוויטשעס פאַרצייכענונג, ז. 10).

א סצענע פונעם ספּעקטאַקל „די קישעפמאַכערן" אין דער שטעלונג פונעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער־אַנסאַמבל

דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון גרויסבריטאַניע כ׳ בערט ראַמעלסאָן (לינקס) בייס א שמועס אין „סאָוועטיש היימלאַנד" מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון זשורנאַל אַרן ווערגעליס

דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר ביניאַמין שוואַרצער מיט א גרופּע יונגע אַרטיסטן

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 125 יאָר צוריק (דעם 3 נאָיאַבער 1843) איז אין קײדאַן (קאָוונער גוב.) געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער האַסקאָלע־טוער אין רוסלאַנד, דער שרײַבער מוישע־לײב **לילִיענבלום.**



מ.־ל. לילִיענבלומס פאָטער איז געווען א באָנדער. קינדווײַז נאָך האָט מוישע־לײב אָנגעהויבן שרײַבן שירים. אין 1870 איז דערשינען זײַן סאָציִאַלע סאַטירישע פּאָעמע „קהל רפאָים" (קעהאַל רעפאָים — דער טאָל פון מייסים) — וועגן דער פאַרדאָרבנקײַט פון די קאָהאָל־לײַט. די פּאָעמע איז געווען פּאָפּולער אין די האַסקאָלע־קרײַזן.

זײַן פּובליציסטישע טעטיקײַט אין יִידיש האָט מ.־ל. לילִיענבלום אָנגעהויבן אין 1871, ווען ער איז געוואָרן מיטרעדאַקטאָר פון צעדערבוימס צײַטונג „קול מבשר" (קאָלמעוואַסער). אין יענעם פּעריאָד האָט לילִיענבלום אָפּגעדרוקט זײַן באַרימטע סעריע אַרטיקלען „יִידישע לעבנס־פּראַגן", וועלכע האָבן אים פאַרשאַפט א נאָמען פון אײנעם פון די בעסטע יִידישע פּובליציסטן.

אין 1876 האָט מ.־ל. לילִיענבלום אַרויסגעגעבן זײַן אויטאָבִיאָגראַפיש בוך „חטאת נעורים" (כאַטאָס נעורים — יוגנט־זינד) — א ווידוי פון א שרײַבער, וואָס דערצײלט אָפן וועגן זײַנע אינטימסטע איבערלעבונגען און ספייקעס. אין „כאַטאָס נעורים" האָט לילִיענבלום שאַרף פאַרורטײַלט דאָס אַלט־פּאַטריאַרכאַלע יִידישע לעבן. אין דער זעלבער צײַט איז אין סאָציִאַליסטישן זשורנאַל אסיפות חכמים" (אסיפאָס־כאַכאָמים) דערשינען נאָך א וויכטיק ווערק פון מ.־ל. לילִיענבלום — די סאַטירע „משנת אלישע בן אבויה" (מישנאַס עלישע בען אַווויע), ווו ער האָט אין סטיל פון א פּאַראָדיע, אפן לאָשן פון דער מישנע, געבראַכט צום אויסדרוק זײַנע סאָציִאַליסטישע אידייען.

די יִידן־פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די 80־ער יאָרן האָבן אַרײַנגעטראָגן אן ענדערונג אין מ.־ל. לילִיענבלומס וועלט־אָנשויונג. ער איז געוואָרן א הײסער אָנהענגער פון דער איבערוואַנדערונג פון די רוסישע יִידן קײן פּאַלעסטינע. פון דעמלט אָן זײַנען אלע זײַנע ווערק — פּיעסן און אַרטיקלען — געווען געווידמעט בלויז אָט דער טעמע.

מוישע־לײב לילִיענבלום איז געשטאָרבן דעם 12 פעוורואַל 1910.

דעם 26 סעפּטיאַבער 1848 איז אין אָדעס געבוירן געוואָרן דער פאָלקס־דיכטער מאַרק וואַרשאַווסקי.

לויט זײַן פאַך איז וואַרשאַווסקי געווען אן אַדוואָקאַט. זײַן פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט אַווראָם גאָלדפאַדענען האָט געבראַכט דערצו, אז ער איז געוואָרן דער פאַרפאַסער פון יִידישע לידער און ניגונים צו זיי. ער זעלבסט האָט אזוי ווייניק געהאַלטן פון דעם ליטעראַרישן ווערט פון אָט די זינג־לידער, אז ער האָט אפילע ניט געפונען פאַר נייטיק זיי צו פאַרשרײַבן.

אין סאָף פון די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט וועגן מאַרק וואַרשאַווסקין זיך דערוווּסט שאָלעם־אַליכעם. ער האָט זיך באַגעגנט מיטן פּאָלקס־דיכטער, און אונטער זײַן ווירקונג האָט מ. וואַרשאַווסקי פאַרשריבן די לידער. אין 1901 איז אין וואַרשע דערשינען די ערשטע אויסגאַבע פון מ. וואַרשאַווסקיס „יִידישע פּאָלקסלידער מיט נאָטן" מיט א פּאָרוואָרט פון שאָלעם־אַליכעם. אין דרײַצן יאָר ארום, שוין נאָכן טויט פונעם אווטאָר, איז אין אָדעס ארויס די צווייטע, דערגאַנצטע אופלאַגע פונעם בוך. אין 1918 איז אין ניו־יאָרק דערשינען א

דריטע אופלאגע. אין איר זײַנען אַרײַן אויך נאָך ביז דעמלט ניט געדרוקטע לידער. די פערטע אופלאגע איז ארויס אין 1958 אין בוענאָס־אײַרעס. אין איר גייען אַרײַן זיכרוינעס וועגן מ. וואַרשאַווסקין פון שאָלעם־אַליכעם, יאַנקעוו פּיכמאַן, איציק מאַנגער אא.

מ. וואַרשאַווסקיס לידער זײַנען פונעם זעלבן מעהוס, ווי די יִידישע פאָלקס־פּאָעזיע. מע זינגט זיי אומעטום, ווו עס הערט זיך דאָס יִידישע וואָרט.

מאַרק וואַרשאַווסקי איז געשטאָרבן אין 1907 אין קיִעוו.

דעם 5 נאָיאַבער ווערט 110 יאָר, זינט עס איז אין דאָרף סטאָלבאָווטשינע, מינסקער גובערניע, געבוירן געוואָרן דער יִידישער שרײַבער יאַקנעהאָז (יעשײַע־ניסן האַקויהען גאָלדבערג).

ביז צען יאָר האָט יאַקנעהאָז געלערנט אין כיידער, געשריבן שירים אין העברעיִש. אין 1878 האָט ער זיך באַקאַנט מיטן באַוווּסטן שרײַבער און ליטעראַטור־היסטאָריקער ש.־ל. ציטראָן, לויט וועמעס רעקאָמענדאַציע ער האָט אָנגעהויבן דרוקן פעליעטאָנען אין ראָדקינס „האַקויל" און „קויל לעאָם".



יאקנעהאַז האָט אָפּגעדרוקט פאַר זײַן לעבן ארום 500 דערציילונגען און סקיצן, דערפון א העלפט אין ייִדיש. זאַלמען רייזען שרײַבט וועגן אים: „א קענער פון דעם לעבן און שטייגער פון דעם ייִדישן קרעמער, מעשאַרעס, מענטש פון דער מאסע, איז יאקנעהאַז בעשײַטע געווען זייער פּאָפּולער בא די ברייטע קרײַזן פון דעם העברעיִשן און ייִדישן לעזער.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט יאקנעהאַז זיך געדרוקט אין מינסקער „אָקטיאבער", מאָסקווער „עמעס" און ניו־יאָרקער „פרײַ־הײַט".

יאקנעהאַז איז געשטאָרבן דעם 30 מארט 1927 אין מינסק.

מיט 85 יאָר צוריק (דעם 15 נאָיאַבער 1883) איז אין שטעטל האָראָדאָק (ווײַסרוסלאַנד) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער, ליטעראַטור־קריטיקער און פּובליציסט בער אָרשאנסקי (באַקאַנט אויך אונטער די פּסעוודאָנימען ה. בער, ז. ב. עלענזאָן, כאַים מיכלסאָן אאַ.).

זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט ב. אָרשאנסקי אָנגעהויבן אין 1909 אין ווילנע, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט אן איינאַקטער וועגן דער רעוואָליוציע פון 1905. אין די יאָרן פון בירגערקריג, ווען ווײַסרוסלאַנד האָט זיך געפונען אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע, האָט אָרשאנסקי געפירט א געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקײַט אין דער באָלשעוויסטישער אונטערערד. נאָך דער באַפרײַונג פון ווײַסרוסלאַנד איז ער א געוויסע צײַט געווען אָנפירער פון דער ייִדישער סעקציע באם אינסטיטוט פון דער ווײַסרוסישער קולטור, איינער פון די רעדאקטאָרן פון דער מינסקער טעגלעכער ייִדישער צײַטונג „אָקטיאבער", אויך פונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן כוידעש־זשורנאַל „שטערן".

אָט איז א קורצע רעשימע פון ב. אָרשאנסקיס ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין א בוך־פאָרם: „בא די ערשטע זון־שטראַלן", דראַמע אין 3 אקטן (ווילנע, 1911), „אנע", דראַמע אין 3 אקטן (ווילנע, 1911), „די לעגענדע וועגן באָלשעוויזם" (מאָסקווע, 1918), „אף כוואַליעס", דערציילונגען (מאָסקווע, 1924), „אין דעם בלויען קעסטעלע" (מינסק, 1927), „בלוט", טראַגעדיע אין 4 אקטן (מינסק, 1929, אופגעפירט אין ייִדישן מעלוכע־טעאטער פון ווײַסרוסלאַנד), „אין באהעלטעניש", דערציילונגען פאַר קינדער (מאָסקווע, 1930), „טעאַטער־שלאַכטן", ליטעראַרישע ארטיקלען (מאָסקווע, 1931), „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע" (מינסק, 1931), „ארטיאָם" (מאָסקווע, 1932), „אין קאָלים" (מאָסקווע, 1937) און פיל אנד.

בער אָרשאנסקי איז געשטאָרבן דעם 15 נאָיאַבער 1945 אין מאָסקווע.

דעם 18 נאָיאַבער ווערט 75 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן אין ווארשע דער דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער נאָכעם־באָרעך מינקאָוו.

אין 1914, באם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, האָט מינקאָוו אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקע, ווו ער האָט שטודירט אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט און אין סיטי־קאָלעדזש און דערנאָך געארבעט אלס לערער אין ייִדישע פאָלקס־שולן. אין 1920 האָט ער צוזאמען מיט די דיכטער יאנקעוו גלאטשטיין און א. גלאַנץ־לעיעלעס ארויסגעגעבן דאָס זאמלבוך „אין זיך". אין 1924 איז אין ניו־יאָרק דערשינען זײַן ערשטע לידער־זאמלונג („לידער"), אין 1927 — די צווייטע („אונדזער פּיראַ").

מיט ליטעראַטור־פאָרשונג האָט נ.־ב. מינקאָוו אָנגעהויבן פאַרנעמען זיך אין די דרײַסיקער יאָרן. אין 1934—1937 האָט ער רעדאגירט און ארויסגעגעבן דעם פּערטליאַר־זשורנאַל „באָדן", ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט א גרויסן טייל פון זײַנע פאָרשונגען וועגן ש. פרוג, י.־ל. פּערעץ, א. לעסין, יעהויאַש, מ. ראָזענפעלד, א. רייזען. ער איז אויך דער אווטאָר פון די מאָנאָגראַפיעס „עלײַאָהו באָבער און זײַן באָווע־בוך" און „גליקל האמעלן".

אין 1946 איז אין ניו־יאָרק ארויס נ.־ב. מינקאָווס לידער־בוך „באם ראַנד", געווידמעט די היטלעריסטישע רעציכעס איבער ייִדן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דאָס וויכטיקסטע ווערק זײַנס אפן געביט פון ליטעראַטור־פאָרשונג איז דאָס דרײַבענדיקע בוך „פּיאָנערן פון דער ייִדישער פּאָעזיע אין אמעריקע".

נאָכעם־באָרעך מינקאָוו איז געשטאָרבן דעם 14 מארט 1958.

א טיקן טאָעס:

צוליב טעכנישע סיבעס איז אין נומ. 10 „סאָוועטיש היימלאַנד" ארײַנגעפאַלן א פאַרדריסלעכער טאָעס: די פּובליקאַציע פון מייער ווינערס דערציילונג „לאָס כודיאָס" איז געמאכט געוואָרן אין צוזאמענהאַנג מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג, וואָס פאַלט אויס האיאָר דעם 31 דעקאַבער.

אכטונג!

גייענדיק אנטקעגן דעם פארלאנג פון די לייענער, פירט די רעדאקציע איַין, אָנהייבנדיק פונעם יאנוואר־נומער פארן 1969, אן אָפטייל, אין וועלכן ס׳וועלן פון נומער צו נומער געדרוקט ווערן פּאָפּולערע הילפסמאטעריאלן צום דערלערנען די יִידישע שפּראך.

דעם אָפטייל וועט פירן דער שפּראך־קענער, קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן מוישע שאפּיראָ.

■

אין קומענדיקן יאָר, צום 110־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעמען, וועט אין „סאָוועטיש היימלאנד“ פּובליקירט ווערן די לעצטע סעריע מענאכעם־מענדלס און שיינע־שיינדלס בריוו, וועלכע זיַינען ניט דערשינען אין קיין בוך־פאָרם.

אבאָנירן זיך אף אונדזער זשורנאל אפן 1969 יאָר קאָן מען אין אלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאט“, אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בא די געזעלשאפטלעכע פּרעסע־פארשפרייטער אף די אונטערנעמונגען און אין די אנשטאלטן.

„סאָוועטיש היימלאנד“
דערשיַינט

12 נומערן א יאָר.

אבאָנעמענט־פּריַיז:

אף א יאָר — 6 רובל.

אף 6 כאדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פארשפרייט
„סאָוועטיש היימלאנד“!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания восьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 18/X 1968 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2, вклейки. Цена 50 коп. Зак. 701.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 11

1968

В НОМЕРЕ:

По следам событий. Очерки и воспоминания.

Стихи А. Вергелиса, М. Штурмана, Г. Михельсон, Х. Вайнермана, Н. Бараташвили.

Д. Бергельсон. Я буду жить! (драма в трех действиях).

И. С. Тургенев (к 150-летию со дня рождения). Бирюк (рассказ). Перевод Б. Слуцкого.

Рассказы А. Бейгельмана, Я. Якира.

Б. Жгенти. Его поэзия принадлежит народу (к 150-летию со дня рождения Н. Бараташвили).

А. Гонтарь. Земляки (очерк).

Репортаж о встрече с читателями Кишинева.

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА

М. Сакциер. Сила реализма (о творчестве Я. Якира).

Г. Александров. Из литературного архива Менделе Мойхер-сфорима.

М. Майданский. Переводы произведений Шолом-Алейхема на украинский язык.

Листая журналы и газеты. Заметки букиниста. Фотоинформация. Хроника. Заметки на календаре.